STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01632

HOLEM UN SHPIL

Fishl Sheneurson

Permanent preservation of this book was made possible
by Philip & Leah Krueger
in memory of
Sadie Reich

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פראָפ. ד״ר ש. שניאורסאָן

חלום און שפּיל

אין פיר טיילן:

I טייל:
דאָס וועזן פון שלאָף און חלומות.

II טייל:
סאָציאַל-לעבן און שפּיל פון נאָרמאַלע און אומנאָרמאַלע קינדער

III טייל:
נייע וועגן צו דער פאַנטאַזיע-וועלט פון קינדער

IV טייל:
שפּיל און נערוועזיטעט

אָפּשלוס:
די אוניווערסאַלע שפּיל-טראַגעדיע און שפּיל-דערלייזונג
(די קאָסמישע אינטימע ליבע)

פאַרלאַג „אונזער פּרעסע״, וואַרשע 1933

1934

אַלע רעכט געהערן דעם אויטאָר.

Prof. Dr. F. Schneersohn

Chołem un Szpil

Wydawnictwo „Nasza Prasa“

Warszawa

Printed in Poland

Druk. „WIR“ Warszawa
Nowolipie 7

אינהאַלט:

זייט:

צום סתם-מענטשן (אַנשטאָט אַ פאָרוואָרט) XIII

I טייל:

דאָס וועזן פון שלאָף און חלומות
(וויסנשאַפטלעכע „שליסלען" צו חלומות)

קאַפּיטל 1: וואַך-רו און שלאָף-רו (שפּיל און חלום — ערשטער חלום-„שליסל") 3

קאַפּיטל 2: דאָס טרוימערישע שלאָף - באַוווסטזיין (פיזיאָלאָגיע און פּסיכאָלאָגיע פון שלאָף— צווייטער חלום-„שליסל") 19

קאַפּיטל 3: טרוימערישע פאַנטאַזיע (די טעאָריע פון געפיל-רעאַליזירונג—דריטער חלום-„שליסל") 44

קאַפּיטל 4: חלום-פאַנטאַזיע און שפּיל (די ביאָלאָגישע פונקציע פון חלומות) 65

קאַפּיטל 5: וווהין פירן די פאַרשיידענע אויפפאַסונגען פון חלומות (כאַראַקטעריסטישע חלומות) 71

קאַפּיטל 6: די עדיפּ-טראַגעדיע און די נייע פּסיכאָלאָגיע פון אינטים לעבן (די לעצטע אויספירונגען וועגן די טיפּישע אַנגסט-חלומות) 83

קאַפּיטל 7: די לערע פון דער חלום-דיכטונג (שאַפונגס-„שליסל") 102

אָנהאַנג: אַ סכעמאַ פאַר חלום-פאָרשונג.

II טייל:

סאָציאַל לעבן און שפּיל פון נאָרמאַלע און אומנאָרמאַלע קינדער (סאָציאַלע קינדער-פּסיכאָלאָגיע)

קאַפּיטל 1: די באַדייטונג פון סאָציאַלישקייט און די דריי פאָרמען פון קינדער - געזעלשאַפט (פאָרשונגס-וועגן) 129

זייט:

קאַפּיטל 2: דער אויפבוי פון דער קינדער־געזעלשאַפט און די באַדייטונג פון קינדער־שפּילן (סאָציאַלישקייט און שפּיל ווי א נאַטיר־לעכער אינטעליגענץ-טעסט פון קינדער-קאָלעקטיוון) 137

קאַפּיטל 3: די דערציונג פון סאָציאַלישקייט און שפּי־לעוודיקייט (דער פּרינציפּ פון שפּורן) 149

קאַפּיטל 4: סאָציאַלישקייט און שפּיל ביי נערוועזע קינדער 154

קאַפּיטל 5: די קלינישע שפּיל־טעאָריע 159

קאַפּיטל 6: נייע פּרינציפּן פון שפּיל־פאָרשונגען (שפּיל ווי א טעסט פון עמאָציע און פאַנטאַזיע ביי קינדער-קאָלעקטיוון) 169

אַנהאַנג: א סכעמא פאַר פאָרשונג פון שפּילן און גרופּן-לעבן 180

III טייל:

נייע וועגן צו דער פאַנטאַזיע־וועלט פון קינדער

קאַפּיטל 1: די פּסיכאָלאָגיע פון געפיל און פאַנטאַזיע 185

קאַפּיטל 2: נייע וועגן צו דער קינדער - פאַנטאַזיע (אונטערזוכונגס-מעטאָדן) 195

קאַפּיטל 3: קינדער־פאַנטאַזיע אַלס עמאָציאָנעלע שאַפונג (כאַראַקטעריסטישע קינדער־מעשהלעך) 212

קאַפּיטל 4: אויפקלערונגס־פּרינציפּן פון דער קינדער-פאַנטאַזיע 228

אַנהאַנג: א סכעמע פאַר פאַנטאַזיע - פאָרשונג פון קינדער.

IV טייל:

שפּיל און נערוועזיטעט (די לערע פון צוואַנג־שפּיל)

קאַפּיטל 1: שפּיל און רו 247

קאַפּיטל 2: לאַנגווייל און נערוועזיטעט 254

זייט:

קאפיטל 3	שפיל־ארבעט־באלאנס	265
קאפיטל 4:	אויסנאם־מענטשן און אויסנאם־צושטאנדן	272
קאפיטל 5:	פריי־שפיל און צוואנג־שפיל (דער טראגי־שער געגנום און די דריי פארמען פון באוווסטזיין)	278
קאפיטל 6:	די פארשונגס־מעטאדן פון שפיל און נער־ווזישקייט	290
	אנהאנג: א סכעמא פאר שפיל־פארשונג.	
קאפיטל 7:	ארגיע און עקסטאז	300
קאפיטל 8:	באהאנדלונג פון שפיל און נערוועזישקייט (שפיל־היילונג און שפיל־היגיענע)	307
קאפיטל 9:	דער אינטימער שפיל־אידעאל אין דערציונג און סאציאלן לעבן	317

אפשלוס:

די אוניווערסאלע שפיל־טראגעדיע און שפיל־דערלייזונג (די קאסמישע אינטימע ליבע)	325

חלום און שפּיל

געווידמעט

דעם אנדענק פון מיין ליבן פריינט

דעם גרויסן יידישן פילאזאף

ד ו ד ק ו י ג ע ן זכרונו לברכה.

צום סתם-מענטשן

(אַנשטאָט אַ פאָרוואָרט)

דאָס פאָרליגנדיקע בוך שטעלט פאָר אַ נייעם פרווו פון דעם
מענטש־וויסנשאַפט צו באַלויכטן די אינטערעסאַנטע און טונקעלע
געביטן פון חלום און שפיל, וואָס פאַרנעמען ביי יעדן מענטשן
שיער נישט אַ העלפט פון זיין לעבן און וואָס באַאיינפלוסן גוואַל־
דיק אויך דאָס לעבן אויף דער וואַך. אַ רויקער אָדער אומרויקער
שלאָף לאָזט זיך פילן אויף מאָרגן אין משך פון דעם גאַנצן
קומענדיקן טאָג. גוט אָדער שלעכט פאַרבראַכטע אָוונטן, לאַנג־
וויליק־טרויעריקע אָדער דערמוטיקנדיקע פרייליכע רו־טעג און
יום־טובים שפיגלען זיך אָפּ אויף דער שטימונג פון דער אַרבעט־
צייט. אָט ווי, למשל, ביים בוים, וואָס מיר זעען באַשיינפערלעך
זיינע מעכטיקע צווייגן, זיינע בלומען, בלעטער און פרוכטן, אָבער
בלויז זיינע באַהאַלטענע וואָרצלען, וואָס דרינגען אַריין טיף אין
דעם מוטער־באָדן, ברענגען חיונה פאַר דעם גאַנצן בוים. אַזוי
אויך אינם לעבן אויף דער וואַך מערקן מיר באַשיינפערלעך אונ־
זערע געדאַנקען, שטימונגען און האַנדלונגען, אָבער בלויז די
ווייניק באַקאַנטע דערשיינונגען פון חלום און שפיל פאַרוואָרצלען
זיך באַהאַלטן אינם מוטער־באָדן פון אונזער נשמה־לעבן און
ברענגען פון דאָרט אינערלעכע חיונה פאַר דער פערזענלעכקייט.
אָט פון יענע באַהאַלטענע וואָרצלען הענגט דאָס אָפּ אַזוי פיל דער
גורל פונם גאַנצן שטאַם

דאָס בוך „חלום און שפיל" איז געשריבן וועגן יעדן איינעם
פאַר יעדן איינעם. דער מחבר האָט שוין זיין אַנדער בוך „דער
וועג צום מענטש" געווידמעט דעם סתם־מענטשן; צו אים ווענדט
זיך איצט דער מחבר אויך מיט אָט דעם נייעם בוך. דער סתם־
מענטש איז דאָך איינער פון פאָלק אָדער פון מאַסע, ד. ה. פון

יענע העכסטע קאלעקטיוון, וואס זענען דער קוואל און דאס ציל פון יעדער קולטור. ווען דער סתם־מענטש וואלט נאר האבן צייט און געדולד פאר א יידיש וויסנשאפטלעך בוך, ווען יידישע לערער וואלטן (לויט דעם אלטן שיינעם מנהג) עס אין די פרייע פארנאכטן געלערנט פארן ברייטן עולם, ווען דאס וויסנשאפטלעכע בוך וואלט ווי עס איז דערגרייכט דעם סתם־מענטשן, — וואלט דער מחבר געווען טאפלט באלוינט פאר זיין ארבעט. די נאטירלעך־איינפאכע קריטיק פונם סתם־מענטשן וואלט אים פון וויטנס דערגרייכט, באלערנט און באפרוכפערט. אין דער הינזיכט קומט אנערקענונג דעם „מאמענט", דער באקאנטער יידישער צייטונג, וואס גיט ארויס אונזער בוך פאר דער ברייטער מאסע פון די פיל־צייטונג־לעזער.

מיר האבן שוין אנגעדייט, אז דאס בוך איז נישט בלויז צום לייענען, נאר צום לערנען. ווי טשעקאווע סיזאל נישט זיין די פארשונג פון חלום און שפיל, מוז מען דערביי דאך צולעגן קאפ. באנוצן מיר אזא בילדלעכן פארגלייך. ווען מירופט, למשל, א שלאסער, ער זאל מאכן א שליסל צו אן אייזערנער פייער־קאסע, קומט ער נישט מיט ליידיקע הענט, נאר מיט פארשיידענע ווערקצייג. אפילו קליינע קינדער שרעקן זיך דערפאר נישט אפ, נאר, פארקערט, זיי קוקן מיט נייגיר אויף די טשעקאווע וועקצייג פונם שלאסער און זיינע פלינקע פינגער, וואס פארען זיך אזוי עקשנותדיק ארום שלאס. וויל מען באקומען א שליסל צו די פארמאכטע אוצרות פון חלום און שפיל, קאן מען שוין געפינען ביי זיך געדולד און נייגיר פאר די כלומרשט האמעטנע גייסטיקע וועקצייג פונם פארשער, וואס זוכט און נישטערט פאר די אויגן פונם לעזער.

זאל אבער אונזער ווענדונג צום סתם־לעזער נישט אויסזען אזוי אויסטערליש. ס'איז כדאי צו דערמאנען אייניקע אלט־באקאנטע פאקטן. ווער ווייסט דען נישט, למשל, אז דער גריכישער פילאזאף סאקראט, דער פאטער פון דער וועלט־פילאזאפיע, האט אנטוויקלט און פארשפרייט זיינע לערעס אויף דער גאס צווישן פארבייגייענדיקע סתם־מענטשן. אבער נאך פיל פריער פאר סאקראט האבן די יידישע נביאים גערעדט שטענדיק צום פאלק —

ניט צו אויסדערוויילטע, נאָר צום גאַנצן פאָלק, און טאַקע מיט די סתם־מענטשן. נאָר גראָד די פאַרשפּיצטע געלערנטע פירער האָבן פאַרגיפטעט סאָקראַטן, האָבן געמשפּט גאַלילייִ, האָבן אין יעדן דור פאַרפאָלגט אַ ליכט־ברענגענדיקן בעל־שם־טוב, וועלכער קומט שטענדיק פון פאָלק צום פאָלק. יעדע גייסטיקע באַוועגונג אַנטשטייט און וואַקסט בלויז אויף דעם אורטימלעכן באָדן פון פאַלקסטימלעכקייט. אַנדערש איז אָבער דער גורל פון דער וויסנשאַפט.

אין משך פון די לעצטע יאָר־הונדערטן האָט די וויסנשאַפט זיך אַלץ מער ספּעציאַליזירט. דער וויסנשאַפטלער האָט געמוזט ווערן אַ ספּעציאַליסט פאַר זיין פאַך און איז דורכדעם געוואָרן אַלץ מער אומצוגענגלעך נישט נאָר פאַר די ברייטע פאָלקס־מאַסן, נאָר אויך פאַר די אַלע אַנדערע געלערנטע, וואָס געהערן נישט צו זיין פאַך. און כאָטש די ספּעציאַליזאַציע האָט געבראַכט אַ גוואַלטיקע פאַרטיפונג פון דער וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג, האָט זי אָבער צעדרויבלט די וויסנשאַפט און קינסטלעך איזאָלירט אין ענגע פאַך־קרייזן. וואָס מער די וויסנשאַפט פאַרלירט דעם נאַטירלעכן קאָנטאַקט מיט דעם לעבעדיקן לעבן פון פאָלק און מאַסע, אַלץ מער ווערט זי טרוקן און לעבנס־פרעמד. ס'אַנטשטייט אַ תהום צווישן דעם מאַסן־מענטשן און דער וויסנשאַפט, וואָס ווערן איינער פאַר דעם אַנדערן אומצוגענגלעך. ווי פאַלמען און קינסטלעך־געהייצטע אָראַנזשערייעס קוקן דורך די שויבן פאַרשמאַכט אויף די גרעזער און בוימער, וואָס אָטעמען פריי אויף די אומענדלעך רחבותדיקע וועלדער און לאָנקעס, — אַזוי וואַקסט אין אונזער צייט אַ בענקשאַפט צו דער פאַרמענטשלעכונג פון דער וויסנשאַפט, וואָס זאָל ווידער געפינען דעם האַלב־פאַרלוירענעם וועג צום מאַסן־מענטשן. ס'איז אַ שווערע אָבער לעבנס־וויכטיקע אויפגאַבע. דער וויסנשאַפטס־אַרבעטער און דער פאָלקס־מענטש מוזן דאָ איינער דעם אַנדערן אַרויסהעלפן. קיין אָנשטרענגונג איז אָבער נישט צו גרויס, כדי מקרבֿ־זיין דעם פאָרשונגס־גייסט צו די אייביקע אור־קוואַלן פון פאָלקס־ און מאַסן־לעבן.

נאָך אייניקע זאַכלעכע באַמערקונגען.

דאָס בוך „טרוים און שפּיל" באַשטייט פון פיר אומאָפּהענגיקע טיילן, אָבער די דאָזיקע זענען צווישן זיך פאַרבונדן דורך דעם גאַנג פון דער נייער פאָרשונג, וואָס מיקאָן קורץ אַזוי אָנדייטן.

אינם בוך „דער וועג צום מענטש" איז די מענטש־וויסנשאַפט אויפגעטרעטן מיט דער לערע וועגן „פּסיכישע וויטאַמינען", ד. ה. אַזוינע פאַקטאָרן און איבערלעבענישן, וואָס ברענגען נישט קיין דירעקטן „נוצן", נאָר זיי וועקן דעם לעבנס־אימפּעט, דעם חשק און מוט צום עקסיסטענץ־קאַמף („צינד־פונקען"). אָן אַזוינע וויטאַמינען אַנטשטייט די נערוועזישקייט, ווי אַ „דעפיציט" פון לעבנס־אימפּעט. אינם פאָרליגנדיקן בוך ווערט באַוויזן, אַז די פּסיכישע וויטאַמינען זענען די שפּיל־עלעמענטן, וואָס דרינגען דורך אין פאַרשיידענע פאָרמען אונזער לעבן. ס'ווערט נעמלעך באַוויזן, אַז דער חלום איז דער שפּיל פון מענטשן אין צייט פון שלאָף (טרוים־שפּיל); אַז ביי קינדער און דערוואַקסענע באַגלייטן מיר פאַנטאַזיע־שפּיל און האַנדלונגס־שפּיל; אַז אָט די אַלע קאַטעגאָריעס פון שפּיל באַפרידיקן אויף פאַרשיידענע אופנים אונזערע געפילן און וועקן דעם לעבנס־אימפּעט („דיאָניסיע־קאָמפּלעקס"). ס'ווערט ווייטער באַוויזן, אַז יעדע אַרבעט האָט אירע שפּיל־עלעמענטן; אַז אַרבעט און שפּיל, נאַכט־חלומות און טאָג־פאַנטאַזיעס בילדן צוזאַמען דעם אַרבעט־שפּיל־באַלאַנס ביים מענטשן. יעדער „דעפיציט" אין אָט דעם באַלאַנס דריקט זיך אויס ווי נערוועזישקייט און מאָראַלישע דעגענעראַציע, וואָס קומען ווי אַ פּרימיטיווער בייזער נשמה־שפּיל דורך דעם אויספעלן פון פּראָדוקטיווע שפּילן. ענדלעך ווערט אינם לעצטן טייל אויפגעשטעלט די נייע לערע וועגן פריי־שפּיל און צוואַנג־שפּיל, וואָס פּרוּווט דערקלערן די גוואַלטיקע זיגזאַגן אינם נשמה־שפּיל, פונם אַזאַרט־אָפּגרונט ביז צו די שעפערישע הויכן פון קינסטלערישקייט און רעליגיעזישקייט.

דער מחבר

װאַרשעװער טײל

1

וואך-רו און שלאף-רו

(שפיל און חלום — ערשטער חלום-„שליסל”)

ווי רעטזלהאפט חלומות זאלן נישט זיין, קען מען דווקא דורך דער פארשונג פון חלומות פארשטיין בעסער דאס גאנצע פסיכישע לעבן. נאכמער, יעדע איינזייטיקע אויפפאסונג פון נשמה-לעבן ווייזט זיך ארויס הינטערשטעליק גראדע בנוגע חלומות, וועלכע זענען געווארן א מין פרוביר-שטיין פון יעדער פסיכאלאגישער טעאריע. ווייל דאס פראבלעם פון חלומות איז זייער פארוויקלט און פארפירט לייכט צו ספעקולאציעס, מוז מען זיך מיט דער גרעסטער אנשטרענגונג האלטן ביי געגעבענע פאקטן. דאס איז אייגנטלעך דער זין פון דעם אזויגערופענעם עקספעדיצע-מעטאד, וואס וויל נעמלעך אריינדרינגען אין דער פאקטישער סיטואציע פון חלומות.

שוין ביים ערשטן צוגאנג צו חלומות שטויסן מיר זיך אן אויף צוויי וויכטיקע פאקטן (די ערשטע צוויי גרונט-פאקטן פון שלאף-חלומות-פראבלעם). ערשטנס, חלומות קומען פאר אין שלאף, זיי זענען ארגאניש פארבונדן מיט דעם וועזן פון שלאף. אייגנטלעך זענען חלומות דער איינציקער אפענער אויסדרוק פון פסיכישן לעבן אין צייט פון שלאף. צווייטנס, לויט זייער נאטור געהערן חלומות צו יענעם קלאס פון פסיכישע דערשיינונגען, וואס מ'באצייכנט מיט דעם נאמען „פאנטאזיע”. אין חלום לעבן מיר איבער נעמלעך אזוינע זאכן, וואס קומען נישט פאר (בשעת דעם חלום-

איבערלעבעניש) אין דער ווירקלעכקייט, נאָר שטעלן זיך פאָר אין דער חלום־פאַנטאַזיע. ס'זענען פאַראַן פאַרשיידענע מינים פון פאַנטאַזיע, דער חלום איז אַ באַשטימטער מין פאַנטאַזיע, אַ פּראָדוקט פון איינבילדונג.

מיר וועלן שפּעטער נאָך ווייטער אַריינדרינגען אין די דאָזיקע פאַקטן. פונם געזאָגטן איז שוין אָבער קלאָר, אַז חלומות זענען פאַרבונדן מיט דעם וועזן פון שלאָף און פאַנטאַזיע. די אויפפאַסונג פון חלומות איז דערפאַר אויף אַ באַשטימטן אופן אָפּהענגיק פון דעם, ווי אַזוי מ'פאַרשטייט דאָס וועזן פון שלאָף און פאַנטאַזיע.

די מייסטע וויסנשאַפטלער באַטראַכטן דעם שלאָף, ווי אַ פּאַסיוון רו־צושטאַנד, אַן אונטערברעכונג פון באַוווסטזיין, אַ פאַרמינדערונג פון אַקטיוון וואַך־לעבן. דער שלאָף איז, הייסט עס, מינדערווערטיקער ווי דאָס וואַך־לעבן. בנוגע צו פאַנטאַזיע הערשט אין דער עקספּערימענטאַלער פּסיכאָלאָגיע די מיינונג, אַז פאַנטאַזיע איז הויפּטזעכלעך בלויז אַ רעפּראָדוקטיווע און נאָכמאַכנדיקע טעטיקייט *). די פאַנטאַזיע־בילדער, וואָס זײַנען מער אָדער ווייניקער פאַרשוווּמען און ווילקירלעך, זענען לויט דער דאָזיקער מיינונג מינדערווערטיקער ווי דאָס קלאָרע שטרענגע דענקען אין באַגריפן.

די דאָזיקע אָנשויונגען קאָן מען באַצייכענען מיט דעם נאָמען „חיסר״־טעאָריע, ווייל דאָ באַטראַכט מען שלאָף און פאַנטאַזיע ווי אַ „ווייניקער זיין״ פון דער פּערזענלעכקייט: דער שלאָף איז אַ פערמינדערונג פון וואַך־לעבן, און פאַנטאַזיע איז ווייניקער פּראָדוקטיוו ווי דאָס לאָגישע דענקען. פאַרשטייט זיך, אַז די חיסר־טעאָריע מוז שוין באַטראַכטן חלומות ווי עפּעס גאָר אַ מינדערווערטיקס. אויב דער שלאָף און פאַנטאַזיע, יעדער פאַר זיך, זענען מינדערווערטיק — זענען דאָך די חלומות, ד. ה. פאַנטאַזיע־טעטיקייט פון שלאָף, נאָך מער מינדערווערטיק. אין דער וויסנשאַפט איז עס טאַקע ביז צו דער לעצטער צייט די

---

*) זע ספּעציעלע ליטעראַטור וועגן דער פראַגע אין מיין בוך: „די פּסיכאָלאָגיע פון אינטימען קינדער־לעבן״, קאַפּ. 3.

הערשנדיקע טעאָריע, אַז אין חלומות קומען צו דעם אויסדרוק בלויז שטיקלעך אָדער טיילן פון דעם אין־שלאָף־פּאַראַליזירטן נשמה־לעבן *) (וועגן דעם פּסיכאָ־אַנאַליז וועלן מיר רייד: שפּעטער). דאָס איז די חיסר־טעאָריע, וואָס באַהערשט אויף אַ פאַטאַלן אופן די מאָדערנע פאָרשונג פון דער פּערזענלעכקייט**).

בנוגע צו פאַנטאַזיע איז שוין ביים ערשטן בליק לייכט צו זען, אַז די חיסר־טעאָריע שטימט נישט מיט דער ווירקלעכקייט. נישט נאָר די מאָנומענטאַלע קינסטלערישע ווערק, נאָר אויך די טיפע, שעפערישע איבערלעבענישן, וואָס זיי רופן אַרויס (מער אָדער ווייניקער) ביי יעדן פון אונז, זענען דאָך אַ פּראָדוקט פון דער פרייער פאַנטאַזיע. דאָ ווייזט זיך אַרויס צו־בולט, אַז די פאַנטאַזיע איז נישט בלויז אַ רעפּראָדוקטיוו־נאָכמאַכנדיקע, נאָר אַ העכסט שעפערישע טעטיקייט***). די פאַנטאַזיע איז דאָ נישט קיין „ווייניקער־זיין", נאָר אַ „מער זיין" פון דער פּערזענלעכקייט. אונזערע עקספּערימענטאַלע פאָרשונגען פון דער פאַנטאַזיע האָבן ע: אַרויסגעבראַכט, ווי מיר וועלן ווייטער זען, (קאַפּ. 3), אויף אַ כאַ־ראַקטעריסטישן אופן. מיר וועלן זיך אָבער איצט אָפּשטעלן אויף דעם וועזן פון שלאָף. ווענדן מיר זיך ווייטער צו געגעבענע פאַקט:

*) „ביי מעדיצינישע שריפטשטעלער און אין דער וויסנשאַפטלעכער וועלט זאָגט פרויד, איז מייסטנס באַליבט די טעאָריע, אַז אין חלום קומט צום אויסדרוק בלויז „אַ ברוכ־טייל פון דער אין שלאָף פּאַראַליזירטער נשמה טעטיקייט" (זע פרויד. „די טרוים ־ דייטונג" איינפירונג).

**) זע מיין ווערק „נייע וועגן אין סאָציאַל־פּסיכאָלאָגיע". קאַפּ. 4 האַללע, 1928, זע אויך (אין דעם צווייטן נומער פון זשורנאַל „מענטש ־ וויסנשאַפט") דעם אַרטיקל „נייגיריקייט און צוואַנג־נייגיריקייט (באַמערק. 13

***) איז דער הינזיכט איז כאַראַקטעריסטיש פאָלגנדער פאַקט אין [illegible] גע שיכטע פון פילאָזאָפיע. נאָר [illegible] דענקער, וועלכע האָבן אַזוי אַז ע[illegible] אַנדערש געפאָרשט די קינסטלערישע שעפערישקייט (ווי. למשל, פּלאַט[illegible] פּילאָ[illegible]ראַטוס. פּלאָטי[illegible]. קאַנט), זענען געקומען צום באַגריף פון שעפע[illegible]ישער פאַנטאַזיע, אַלס אַ באַזונדערע העכערע נשמה־טעטיקייט. וואָס אונטערשיידט זיך פון זבר[illegible] (זע „אינטעליגענץ און ווילע" פון מיימאָן).

(דריטער גרונט־פאקט פון שלאף־חלומות־פראבלעם).

דער שלאף ברענגט רו. וואס אנשטרענגענדיקער די ארבעט פון טאג, אלץ מער נויטיקן מיר זיך אין דער אפרו פון שלאף אין דער נאכט. אבער מענטשן (אויך העכערע חיות) רוען נישט בלויז אין שלאף, נאר רוען אויך טיילווייז אין וואכן צושטאנד. ווען מיר האבן בייטאג קליינע הפסקות אין דער ארבעט, רוען מיר מייסטנס די פרייע צייט נישט דורך שלאף, נאר דורך א צעשטרייונג אין וואכן צושטאנד. אויך נישט די גאנצע נאכט רוען מיר בלויז אין שלאף. די פארנאכטן און אוונטן רוען מיר דורך צעשטרייונג, בלויז אין די שפעטערע נאכט־שטונדן — דורך שלאף. אויך אנדערע רו־טעג און יום־טובים פארברייננען מיר טיילווייז דורך צעשטרייונג, טיילווייז דורך מער־שלאף. ס'זענען, הייסט דאס, פאראן צוויי פארמען פון רו: רו אין שלאף און רו דורך צעשטרייונג אין וואכן צושטאנד. מיר וועלן זיי קורץ באצייכענען: שלאף־רו און וואך־רו. די ביידע פארמען פון רו זענען ביי פארשידענע מענטשן (לויט טעמפעראמענט און דערציונג) פארשידן פארטיילט. געוויינטלעך צעשטרייען זיך מענטשן בייטאג (אדער פארנאכט) און שלאפן ביינאכט. פאראן אבער מענטשן, וואס שלאפן בייטאג ווי ס'זענען פאראן מענטשן, וואס צעשטרייען זיך (דורך שפיל און געזעלשאפט) ווייט אין דער נאכט אריין. זויג־קינדער רוען מייסטע צייט אין שלאף. וואס עלטער דאס קינד ווערט, אלץ מער צעשטרייט עס זיך דורך שפילן אין וואך־צושטאנד. דאס שול־קינד ווערט אומגעדולדיק אויף א הפסקה פון דער שול־ארבעט, כדי אפצורוען אין זייגע שפילן.

די שלאף־רו און די וואך־רו פירן אויס, יעדע אין איר צייט און יעדע אויף איר שטייגער, די געמיינזאמע פונקציע פון רו, זיי האבן ביידע, אויגנשיינלעך, געמיינזאמע שטריכן און זענען לויט זייער וועזן צווישן זיך פארוואנדט. אויף וויפיל אבער דער שלאף איז פארבארגן פאר דעם פארשער, אויף אזויפיל איז די וואך־רו צוטעגלעך פאר דער באאבאכטונג, און מיר קאנען פון דאנען אטאקירן דאס שלאף־פראבלעם. מיט אנדערע ווערטער, די פארשונג פון רו עפנט א ברייטע טיר צום פראבלעם פון שלאף. ווענדן מיר

זיך ווייטער צו געגעבענע פאקטן (פערטער גרונט־פאקט).

ווען מיר זענען מיד (אָבער נישט איבערמידט), זוכן מיר אין די הפסקות פון דער אַרבעט אָפּצורוען. אין דער געוויינטלעכער שפּראַך געברויכט מען דעם אומקלאָרן אויסדרוק, אַז „אין רו־צייטן וויל מען זיך אויסשפּאַנען". פון וואָס זיך אויסשפּאַנען? בלויז דער טויט איז אַ פולשטענדיקע אויסשפּאַנונג פון יעטוועדער לעבנס־לאַסט. אין דער רו־צייט אָבער ווילן מיר זיך אויסשפּאַנען „בלויז" פון דער לאַסטיקער טאָג־אַרבעט. מיר ווילן דורכוים אָפּפרישן און באַנייען אונזער מיד־געוואָרענע אָדער אונטערדריקטע כוחות. דער קאָפּ־אַרבעטער, למשל, קאָן פאַרנאַכט אָפּרוען אין אַ שפּילעוודיק־לייכטער האַנט־אַרבעט אָדער גימנאַסטיק, דער האַנט־אַרבעטער — ביי אַן אינטערעסאַנטן בוך אָדער אָנרעגנדיקער דיסקוסיע. אין ביידע פאַלן ווערן אין דער רו־צייט באַפרידיקט באַדערפענישן, וואָס ווערן בשעת דער טאָג־אַרבעט איגנאָרירט. הויפּטזעכלעך אָבער אין ביידע פאַלן איז, אַז אין דער רו־צייט טוט מען נישט קיין אָנשטרענגענדיקע „מוז"־אַרבעט, נאָר שפּילעוודיקע „לוסט"־אַרבעט, וואָס ווילט זיך, וואָס ברענגט צעשטרייונג. אַט די שפּילעוודיקע אַרבעט איז לויט וועזן דאָסזעלבע, וואָס דער לוסטיק־געוויסיקער צייט־פאַרטרייב מיט פריינט אין טיי־געזעלשאַפט, ווי ס'זענען אַלע אַנדערע אַקטיווע שפּילן, מיט וועלכע פיל מענטשן צעשטרייען זיך אין דער רו־צייט. דאָס אַלץ באַצייכענען מיר מיט דעם נאָמען „האַנדלונג־שפּיל", ד. ה. שפּיל אָדער שפּילעוודיקייט געשאַפן דורך האַנדלונגען. דער מענטש קאָן אָבער צוליב צעשטרייונג לאָזן אָנרעגן זיין פאַנטאַזיע, למשל, דורך טעאַטער, געדרוקט אָדער געמאָלט בילד. דאָס איז „פאַנטאַזיע־שפּיל", ד. ה. שפּיל אָדער שפּילעוודיקייט, געשאַפן דורך פאַנטאַזיע־טעטיקייט. נאָך מער אויסגעשפּראָכן איז די פאַנטאַזיע־שפּיל, למשל, ביים מענטשן, וואָס ליגט זיך פאַרנאַכט אויף אַ סאָפע אָדער זעצט זיך בריט אין אַ שטול און לאָזט וויל־גיין זיין פרייע פאַנטאַזיע — טרוימט מיט אָפענע אויגן. די פאַנטאַזיע־שפּיל ווערט אָנגערעגט נישט

פון דרויסן, נאָר פון זיך אַליין, דורך זעלבסט־אָנרעגונג.

ווען דער מענטש האָט נישט קיין געלעגנהייט נישט פאַר „זאַנ־לונג־שפּיל, נישט פאַר פאַנטאַזיע־שפּיל, ווען חער מענטש ווייסט נישט וואָס צו „טון" מיט זיין פרייער רו־צייט — פילט ער אַ פיינלעכן לאַנגוויל. ביי געוויסע באַדינגונגען קאָן דער מענטש דורך דויערנדיקן לאַנגוויל ווערן „מיד" אָדער אפילו „נערוועז". די מענטש־וויסנשאַפט*) האָט פעסטגעשטעלט די אַזוי גערופענע „נערוועזיטעט פון רו־צייטן און יום־טובים", וועלכע מ'האָט נישט מיט וואָס אויסצופילן און וועלכע רופן דערפאַר אַרויס אַ נערוועז־מאַכנדיקע שטערונג פון פסיכישן גלייכגעוויכט. דאָס איז די פאַראַדאָקסאַלע רו־דערשייונג" ווען דורך „ליידיקער" רו ווערט מען „מיד" אָדער „נערוועז". דיזעלביקע נערוועז־מאַכנדיקע ווירקונג ווערט, פאַרשטייט זיך, האָבן אויך יענע רו, וואָס איז אויסגעפילט מיט שטאַרק־אויפרעגנדיקער צעשטרייונג (אַלקאָהאָל, אַזאַרט־שפּיל א. ד. גל.). דאָס איז „נעגאַטיווע" צעשטרייונג, וואָס ברענגט נישט קיין אָפּרוישונג, נאָר דערשעפּונג.

די אָרגאַנישע פאַרבינדונג צווישן רו און שפּיל ווייזט זיך אַרויס באַזונדערס שאַרף ביי קינדער. מיט אינסטינקטיוון אימפּעט פילט אויס יעדעס נאָרמאַל קינד זיין פרייע צייט דורך שפּילן מיט זיך אַליין אָדער מיט אַנדערע קינדער (האַנדלונג־שפּילן). קינדער־שפּיל איז דער ביאָלאָגישער הויפּט־פאַקט פון קינדער־לעבן, ווי דער שפּיל־אינסטינקט איז דער מעכטיקסטער אינם קינדס נשמה־לעבן. אָבער אַ קינד קאָן זיך (ביי פאַסנדיקער געלעגנהייט) אויך צעשטרייען דורך אַן אייגענער אָדער דערציילטער מעשהלע (פאַנ־

*) אַ מײַן בוך „דער וועג צום מענטשן", קאַפּ. 7, ווילנע, 1927.

טאַזיע־שפּיל). אונזערע פאָרשונגען האָבן פעסטגעשטעלט *), אַז ווען אַ פיזיש געזונט קינד שפּילט זיך נישט, איז עס אַן ערנסטער סימפּטאָם פון פּסיכאָפּאַטיע. אָדער דאָס קינד שפּילט נישט, ווייל ס'איז נערוועז און קאָן זיך דורכדעם נישט אַריינפּאַסן אין דער נאָרמאַלער שפּיל־געזעלשאַפט פון אַנדערע קינדער, אָדער דאָס קינד איז נערוועז, ווייל עס האָט נישט די געלעגנהייט צו שפּילן. **קינדער־מעשהלע און קינדער־שפּיל זענען אינהאַלט און וועזן פון דעם קינדס וואַך־דרו.**

די אַלע באַשריבענע פאַקטן כאַראַקטעריזירן די וועזנטלעכע אייגנשאַפטן פון רו, וואָס מיר קאָנען איצט אַזוי פאָרמולירן: א) די וואַך־רו איז אָרגאַניש פאַרבונדן מיט צעשטרייונג־שפּיל (האַנדלונג־שפּיל אָדער פאַנטאַזיע־שפּיל), און נאָר אַזאַ רו קאָן אויספירן די ביאָלאָגישע פונקציע פון אָפּפרישונג. אַ „ליידיקע" רו, וואָס ברענגט נישט דעם מינימום צעשטרייונג, רופט אַרויס לאַנגווייל, און ביי לענגערער איינווירקונג קאָן אַזאַ רו מאַכן „מיד" אָדער „נערוועז" (פּאַראַדאָקסאַלע רו־דערשייַנונג). דאָס־זעלביקע קומט פאָר ווען די רו ברענגט נישט קיין אָנרעגנדיקע, נאָר אויפרעגנדיקע צעשטרייונג. ב) די רו איז, הייסט עס, נישט קיין אונטערברעכונג, נאָר אַן ענדערונג פון טעטיקייט, נעמלעך די רו איז אַן איבערגאַנג פון אַרבעט צו שפּיל. די רו איז נישט קיין „ווייניקער זיין", נאָר אַן „אַנדערש זיין" פון דער פּערזענלעכקייט. ג) אין דער אַרבעט טוט דער מענטש ס'רוב, וואָס ער „מוז" לויטן צוואַנג רעאַלן לעבנס־קאַמף, אין רו־צייט טוט ער, וואָס ער „וויל" לויט זיינע אינערלעכע באַגערן און ליידנשאַפטן. ד. ה. ער טוט מער וואָס ס'„פילט" זיך. דאָרט אַנטפּלעקט זיך די פּערזענלעכקייט בלויז טיילווייז אין די באַגרעניצטע ראַמען פון לעבנס־קאַמף, דאָ אין דער רו קאָן זיך די פּערזענלעכקייט מער אויסלעבן אין איר אומבאַגרעניצטער גאַנצקייט. די רו איז, הייסט עס, לגבי דער אַרבעט אַ „מער זיין", אַ „גאַנצער זיין" פון דער פּערזענלעכקייט.

---

*) זע 2־טן טייל (קאַפּ. 4) און 3־טן טייל „שפּיל און נערוועזישקייט".

פארשטייט מען ריכטיק דאס וועזן פון רו, קאן מען אנגרייפן דאס פראבלעם פון שלאף. איז דאך שלאף א ספעציפישע פארם פון רו. געוויס האט שלאף זיינע ספעציפישע אייגנטימלעכקייטן, וואס [illegible] און וועלן ספעציעל באהאנדלט ווערן (זע פאלגנדיקן קאפיטל). אבער לויט זיין וועזן איז דאך דער שלאף א פארם פון רו, האט דערכוים די פונקציע און וועזנס־שטריכן פון רו. וואס שפיל איז פאר דער וואך־רו, דאס זענען חלומות פאר דער שלאף־רו.

מיר האבן אויבן געזען, אז אין דער וואך־רו צעשטרייט מען זיך דורך האנדלונג־שפיל אדער פאנטאזיע־שפיל. און ווייל אין שלאף איז די פיזישע מעגלעכקייט פון האנדלונג (האנדלונג־שפיל) פיז גאר באגרעניצט, צעשטרייט מען זיך אין דער שלאף־רו דורך טרוימעריש־פאנטאזיע־שפיל, נעמלעך דורך חלומות. לייכטע, אמוזירנדיקע, איינוויגנדיקע חלומות מאכן דעם שלאף זאפטיק, — מיר וואכן אויף אפגעפרישטע מיט לייכטע גלידער און לוסטיקן געמיט. אמאל געדענקען מיר דעם אינהאלט פון די חלומות, אמאל געדענקען מיר נישט דעם אינהאלט, מיר ווייסן אבער, אז מיר האבן געחלומט. אמאל געדענקען מיר אויך נישט אפילו דעם פאקט, אז מיר האבן געחלומט. אבער אלע מאל קומט פאר א שטילע, קוים־צו־געדענקענדיקע, טרוימערישע פאנטאזיע־שפיל, וואס גלעט און צעשטרייט מח און נשמה.

די פארוויקלטע פראגע וועגן פארגעסן און געדענקען פון חלומות — ווערט אונז פיל קלארער דורך דער דערמאנטער ביאלאגישער פארוואנדשאפט צווישן חלום און שפיל, צווישן שלאף־רו און וואך־רו. נאך א שווערן ארבעטס־טאג, למשל, קאנען מיר פארברענגען דעם פרייען אוונט אין א טיי־געזעלשאפט פון נאנטע פריינט. מיר צעשטרייען זיך דא דורך א לייכטן אומגעצוואונגענעם שמועס לויט שטימונג און אינטערעס. דער צעשטרייענדיקער שמועס איז א שפיל פון קעגנזייטיקע אנרעגונגען, ווי א שפילעוודיק פרייער אויסטויש פון רייד און באציונגען. וואס גלאטער און פליסנדיקער דער שמועס, אלץ מער איז ער אמוזירנדיק. מייסטנס געדענקען מיר אויף מארגן ווייניק די איינצלנע רייד פון דעם פארגאנגענעם

שמועס־אָוונט, סיידן אויפפאַלנדיקע רייד און ווענדונגען, וואָס קריצן זיך איין אין זכרון, אָדער ווען אין פאַרלויף פון שמועס זענען פאָרגעקומען אויפרעגנדיקע קאָנפליקטן, וואָס האָבן שיער נישט איבערגעריסן חעם צעשטרייענדיקן שמועס און איבערגעלאָזט נאָך זיך אַ פיינלעכן איינדרוק ביי אַלע אָנוועזנדיקע. דיזעלביקע באַציונגען האָבען מיר ביים פאַנטאַזיע־שפּיל פון חלומות. וואָס גלאַטער און פליסנדיקער די טרוימערישע פאַנטאַזיע־שפּיל, אַלץ לייכטער און דערקוויקנדיקער איז דער שלאָף. אויף מאָרגן געדענקען מיר גאָר נישט די איינצלנע מאָמענטן פון דער פאַרגאַנגענער טרוים־נאַכט, סיידן אויפפאַלנדיקע חלומות־בילדער, וואָס לאָזן זיך נישט פאַרגעסן, אָדער ווען אין שלאָף זענען פאָרגעקומען אויפרעגנדיקע חלומות, וואָס רייסן איבער דעם שלאָף און לאָזן נאָך זיך אַ פיינלעכע ערינערונג *). דאָ קומען מיר ווייטער צו אַ וויכטיקן

*) ס'ליגט אין דעם ווען פון רו, וואָס ביי געוויסע אומשטענדן ברענגט זי אומאַנגענעמע, „נעגאַטיווע" צעשטרייונג פון דער טאָג־אַרבעט. אין דער רו־צייט, ווי מיר האָבן געזען, באַשעפטיקט זיך דער מענטש נישט מיט מוז־אַרבעט, נאָר טוט מער וואָס ס'ווילט זיך אָדער, ריכטיקער, וואָס „ס'פילט" זיך לויט אינערלעכע באַגערן און ליידנשאַפטן. אָבער נישט אַלע מאָל ווילט זיך און „פילט" זיך פרייד. ביי שווערע געמיט־אומשטענדן (אומגליק, אינטימע אַנטוישונג א. ד. גל.) קאָן דער מענטש טראָגן אין זיך טיפע ליידן, וועלכע ער קאָן אונטערדריקן ביי טאָג דורך אָנשטרענגענדיקער אַרבעט און וועלכע קומען אָבער אין דער רו־צייט „פריי" צום אויסדרוק. גראָדע אין דער רו־צייט גיבן זיך איבער פיל מענטשן דעם דראַנג פון אינערלעך נאָגנדיקער בענקשאַפט, וואָס געפינט איר „פרייען" אויסדרוק אין דעם טרויער־שפּיל פון דעפּרעסיווע געפילן און שוואַרצמאַלערישער פאַנטאַזיע. ביי אַזוינע אומשטאַנדן קאָן אויך די שלאָף־רו ווי די וואָך־רו, ברענגען אַן „אומרויקן" שלאָף, ווען די אינערלעך־נאָגנדיקע בענקשאַפט קומט „פרייער" צום אויסדרוק אין דעם טרויער־שפּיל פון שוואַרצמאַלערישער טרוים־פאַנטאַזיע. די נעגאַטיווע צעשטרייונג פון

פאקט (פינפטער גרונט־פאקט).

ביי נערוועזע מענטשן, אָדער אויך ביי נאָרמאַלע מענטשן אין צייטן פון איבערמידקייט, שטאַרקע אויפרעגונג א. ד. גל., פילט זיך אָפט דער שלאָף ווי א מעטאַל־שווערער, אָדער ווי א „לידיקער", מיט דערשטיקטע אָדער גאָר אויפרעגנדיקע חלומות. נאָך אזא שלאָף שטייט מען אויף מיט שווערע גלידער און דעפרעסיווער שטימונג. דער שלאָף מאַכט ביי אזוינע אומשטענדן „מיד" אָדער גאָר „נערוועז". נאָך אזא שלאָף מוז עס אָפט נעמען א גאַנצן טייל פון טאָג, כדי „אויסצורוען" זיך פון דעם שלאָף אָדער איבערקומען זיין נערוועז־מאַכנדיקע ווירקונג. דאָס דערקלערט אין א גרויסער מאָס, פאַרוואָס נערוועזע מענטשן פילן זיך שלעכט אין די מאָרגן־שעהן און ערשט נענטער צום אָוונט קומען זיי אַלץ מער צו זיך. אָט די פאַקטן, וואָס מען האָט ביז אַהער ווייניק באַאַכטעט און פאַרשטאַנען, ווערן אָבער אויפגעקלערט דורך דעם גאַנג פון אונזער פאָרשונג. דער „לידיקער". שלאָף, ווי די „לידיקע" ר., וואָס האָבן ווייניק שפּיל־צעשטרייונג, אָדער האָבן גאָר אויפרעגנדיקע „נעגאַטיווע" צעשטרייונג, רופן ארויס נערוועז־מאַכנדיקע שטערונג פון פסיכישן גלייכגעוויכט. דאָ האָבן מיר די זעלבע פּאַראַדאָקסאַלע רו־דערשיינונג: רו און שלאָף, אויסגעלידיקטע פון אָרגאַנישן שפּיל־אינהאַלט, מאַכן מיד, אָפּגעשוואַכט און נערוועז.

וואָס נאָרמאַלער אָבער דער שלאָף, אַלץ אָרגאַנישער זענען די פאַרבינדונג און קעגנזייטיגע צוציונג צווישן שלאָף און חלום, אין די פריסטע קינדער־יאָרן איז דער שלאָף אין יעדער הינזיכט אַמשטאַרקסטן און טאַקע אין די קינדער־יאָרן פלעגט מייסטנס די טרוימערישע קינדער־מעשה, ווי דאָס וויג־ליד, איינשלעפערן דאָס

וואַד ־ רו און שלאָף ־ רו, ווי די טראַגיק אין דער קונסט, דריקט אוים די אומגעצווונגענע שעפערישקייט פון דער לײדנדיקער פערזענלעכקייט

קינד, מייסטנס ווערט דאָס קינד אַנטשלאָפן אינמיטן פון דער מעשהלע (אָדער וויג־ליד), עפּעס ווי „פלוצים“, אומבאַמערקט, „פון זיך אַליין“, אויך ביי חערוואַקסענע קומען אין די מאָמענטן פון איינדרימלען שווער־צו־געדענקענדיקע, טרוימהאַפטע דרעמל־בילדער (היפּנאָגאָגישע), צווישן וועלכע מען ווערט פלוצים אַנטשלאָפן (אין סאַמע לעצטן מאָמענט פון איינשלאָפן האָט מען אָפט דאָס געפיל, ווי אַלע טרוים־בילדער זענען „פלוצים“ ערגעץ איינגעזונקען אָדער מ'איז „פלוצים“ אַוועק ערגעץ אין אַ וווּיכער, ווייטער טיפעניש). טרוימערישע פאַנטאַזיע־שפּיל פאַרשלעפערט אונז, ווי נאָר דער שלאָף קאָן אונז לאָזן ווערן עכט פאַרחלומט. נאָר אין שלאָף קאָן פאַנטאַזיע־שפּיל דערגרייכן די פּלאַסטישע האַלוצינאַטאָרישע קראַפט פון אַ חלום און נאָר טרוימערישער אויפשוווּנג קאָן אונז „באַפרייען“ פון דעם ניכטערן וואָך־לעבן.

ס'לוינט זיך נאָך אָפּצושטעלן אויף דעם מאָמענט פון „באַפרייונג“, וואָס קאָן פאַרטיפן די אויפפאַסונג פון רו־פּראָבלעם. ווענדן מיר זיך ווייטער צו געגעבענע פאַקטן (זעקסטער גרונט־פאַקט). די רו בכלל, סיי די שלאָף־רו, סיי די וואָך־רו, — קומט תמיד מיט דעם פאַקט און געפיל פון פרייהייט אָדער באַפרייונג פון לאַסטיקער אָנשטרענגונג. איז דאָך די רו, ווי באַוויזן, אַן אי־בערגאַנג פון אָנשטרענגענדער „מוז“־אַרבעט צו שפּילעוודיק־פרייער זעשטרייונג. די דאָזיקע רעלאַטיווע *) פרייהייט פון רו ווייזט זיך אַרויס וויכטיק נישט נאָר פאַר דאָס פּסיכישע, נאָר אויך פאַר דאָס פיזישע לעבן. לאָזט מען דעם אָרגאַניזם רוען פריי, ד. ה. לויט זיין אייגענער נאַטור, קאָנען גלידער און כחות זיך אַמנאַטיר־לעכסטן דיספּאָנירן, די אין דער אַרבעט אונטערדריקטע כחות קאָנען דאַמאָלס קומען פרייער צום אויסדרוק, און די אומאויפ־הערלעכע לעבנס־פּראָצעסן פון דעם אָרגאַניזם קאָנען אומגע־צוווּנגען קאָנצענטרירן זייער נאַטירלעכן דראַנג און שוווּנג. פאַר־שפארנ רען אבער אַ מענטשן אין גע־

---

*) אין סוף פון פאָלגנדיקן קאַפּיטל וועלן מיר זען, אַז די פרייהייט פון שלאָף־רו און וואָך־רו איז פאַרגלייכלעך זייער רעלאַטיוו.

פּענגעניש, קאָן נישט דער מענטש (אויך ביי די בעסטע באַדינגונגען) געניסן דאָרט קיין עכטן אָפּרו דורך דעם פאַקט און געפיל פון „געצוווּנגען־זיין”. געצוווּנגענע רו איז אַ קאַריקאַטור פון רו, אַ ווידערשפּרוך אין זיך זעלבסט, אויף וויפיל פרייהייט (זעלבסט־דיספּאָנירונג) איז אַ וועזנטלעכע אייגנשאַפט פון רו.

מאַקסימיש ווייזט זיך אַרויס די פרייהייט פון ר אין צוויי מאָמענטן: דער פרייע־ווילן צום רוען, וואָס דריקט זיך מייסטנס אויס אין לוסטיקע פאַרבערייטונגען צו דער רו־צייט. יעדער יום־טוב האָט זיין ערב־יום־טוב, און יעדער רו האָט איר „ערב”־רו, אַ לוסטיקע פאַרבערייטונג אָדער ווייניקסטנס אַ לוסטיקע פאָר־פילונג, אַ מין זיך־אינערלעך־געניטמאַכן. דאָס איז דער וועזנטלעכער אונטערשייד צווישן דער נאָרמאַלער רו און דעם אָפּרו־ענלעכן צושטאַנד אין געפענגעניש. ס'קומט אָבער דערצו נאָך דער צווייטער מאָמענט: ב) די פרייע אונטערברעכונגס־מעגלעכקייט, ד. ה. דער מענטש קאָן יעדן מאָמענט לויט באַגער איבעררייסן אָדער ענדערן זיין רו־צעשטרייונג. ווען דער מענטש אָבער צעשטרייט זיך אין דער רו־צייט דורך אַלקאָהאָל, למשל, וויל ער טאַקע מיט פרייען ווילן אַריין אין דער צעשטרייונג, אָבער מיט דעם מאָמענט, וואָס ער ווערט שכּור, האָט ער שוין נישט מער די פרייע מעגלעכקייט צו איבעררייסן די אַלקאָהאָלישע צעשטרייונג, אויף וויפיל ער איז שוין געפּענטעט פון אַלקאָהאָלישן גיפט. דאָס איז דער וועזנטלעכער אונטערשייד צווישן „פרייער” רו־צעשטרייונג און דעם צעשטרייונג־ענלעכן צושטאַנד ביי באַטויבונג פון אַלקאָהאָל, מאָרפיע א. ד. גל.

די זעלביקע באַציונגען געפינען זיך אויף גאָר אַ ראַראַקטע־ריסטישן אופן אויך אין שלאָף. ווי אין דער וואַך־רו, אַזוי אויך אין דער שלאָף־רו ווייזט זיך אַרויס די פרייהייט אין צוויי כאַראַקטעריסטישע מאָמענטן: א) דער פרייער ווילן צום שלאָף, וואָס דריקט זיך אויס דורך די באַקוועמע פאַרבעריי־

טונגען, ווי אויסבעטן דאס בעט, זיך אויסטון, אויך פארשיידענע אנדערע איינצלהייטן פון דער שלאף־ציין „צערעמאניע" *). יעזן דער מענטש פאלט אין חלשות (אנמאכט) איז שוין דא דער אויסשלוס פון פרייען ווילן א וועזנטלעכער אונטערשייד צווישן „פרייען" שלאף און דער שלאף־ענלעכער באוווסטלאזיקייט ביי חלשות, ב) די פרייע אונטערברעכונגס־מעגלעכקייט אדער די „וועקבארקייט" פון שלאף, ד. ה. דער מענטש קאן אין יעדן מאמענט פון שלאף דורך שטארקע אבער אומשעדלעכע סטימולן געוועקט ווערן און קומען צוריק צו וואכן באוווסטזיין, ווען דער מענטש לאזט זיך נארקאטיזירן (דורך כלאראפארם, עטער א.ד.גל.), איז ער טאקע מיט פרייען ווילן אריין אין נארקאטישן שלאף, אבער מיט דעם מאמענט, וואס איז נארקאטיש איינגעשלאפן, פארלירט ער די פרייע וועקבארקייט, ד. ה. ער קאן נישט אפילו דורך שטארקע סטימולן אויפגעוועקט ווערן פון דער נארקאזע צום וואכן באוווסטזיין, אזוי לאנג ווי דאס נארקאטישע גיפט צירקולירט אין בלוט. געלינגט עס אפילו דורך עקסטרעם שטארקע, שעדלעכע סטימולן וויפיל ס'איז אויפצוּוועקן פון דער נארקאזע, קאן דער מענטש יעדנפאלס נישט קומען צום קלארן באוווסטזיין דורך דער נארקאטישער באנומענקייט. אט דער אויסשלוס פון וועקבארקייט איז א וועזנטלעכער אונטערשייד צווישן דעם „פרייען שלאף און דעם שלאף־ענלעכן צושטאנד ביי נארקאזע, חלשות, געהירן־דערשיטערונג א. ד. גל.

די אויפגעקלערטע אויפפאסונג פון שלאף קאן איצט קורץ פארמולירט ווערן. די שלאף־רו, ווי רו בכלל, איז נישט קיין פאסיווער נאר אן אקטיווער צושטאנד. אין שלאף־רו זענען חלומות דאס זעלביקע, וואס

---

*) אויך ביי העכערע חיות קאן מען באאבאכטן פארבארייטונגען צום שלאף. צווישן זויג־טירן זענען דא אזוינע, וואס מאכן זיך בעטן (דער וואלף, דער ווילדער הונט איז סטעפ־גראזן). פון די אנטראפאידן־אפן איז עס דער אראנג, וואס מאכט זיין שלאף־נעסט אויף דעם שפיץ בוים.

שפּיל אין דער וואָך־רו. דער נאָרמאַלער שלאָף איז, אָרגאַניש און ביאָלאָגיש, אויפגעפילט מיט צעשטרייענדיקער (אָפּט שווער צו געדענקענדיקער) פאַנטאַזיע־שפּיל פון חלומות. פאַנטאַזיע־שפּיל, ווי שפּיל בכלל, איז (צום אונטערשייד פון מוז־אַרבעט) רעלאַטיוו פריי און אומגעצוווּנגען — די פערזענלעכקייט האָט דאָ מער מעגלעכקייט זיך צו אַנטפּלעקן פריי אין איר פילזייטיקער גאַנצקייט. שלאָף־רו און חלומות זענען, ווי וואָך־רו און שפּיל, נישט קיין „ווייניקער זיין", נאָר א „מער־זיין", א „גאַנצער־זיין" פון דער פערזענלעכקייט.

דאָס דערקלערט אונז די שטאַרקע נייגונג צו אינטימער „געזעלשאַפטלעכקייט" אין דער וואָך־רו, וואָס ברענגט דעם פרייען אויסדרוק פון אינדיווּיד אין זיין סאָציאַל־אינטימער „גאַנצקייט". דער שפּיל, וואָס איז אָרגאַניש פאַרבונדן מיט דער וואָך־רו, איז לויט זיין נאַטור א קאָלעקטיווו שעפערישער אַקט (זעלבסט־שפּיל איז ביי קינדער און דערוואַקסענע א זעלטענע, אומנאַטירלעכע דערשיינונג). אין דער רו־צייט קומט מייסטנס אויך די שפּילעוודיק פרייע באַגעגעניש מיט אינטים־נאָענטע מענטשן, דאָס צוזאַמענטרעפן זיך פון געליבטע. צו אַלע צייטן פלעגן אין רו־טעג און רו־אָוונטן (ספּעציעל יום־טובים) פאָרקומען קאָלעקטיווע גאַסטעס־דינסטן, געמיינזאַמע פאָלקס־שפּילן און עפנטלעכע טעאַטער־פאָרשטעלונגען. אין דער קונסט איז עס שוין לאַנג באַקאַנט, אז וואָס פרייער און אָריגינעלער דער קינסטלער, אַלץ אוניווערסאַלער איז זיין שאַפונג. אָט אַזוי מוז מען צוגעבן, אז וואָס פרייער און עכטער דער מענטש איז אין דער רו־צעשטרייונג — אַלץ מער איז ער סאָציאַל, אַלץ מער איז ער אויך קאָסמיש (אין דער רו־צייט וואַכט עס אויף מייסטנס די ליבע צו דער נאַטור, דער דראַנג אַרויס אויפן פרייען, צו וואַלד און פעלד).

ווי אין דער וואָך־רו, אַזוי קומט אויך אין דער שלאָף־רו די אינטימע נייגונג צו „געזעלשאַפטלעכקייט", אָבער אין א מער אינטימער פאָרם. פאַנטאַזיע־שפּיל פון חלומות, ווי שפּיל בכלל, קאָן זיין לויט נאַטור

אומבאגרעניצט איניווערסאל. אין דער שלאף־צייט וואכן אויף אמאינטימסטן עראָטישע לײדנשאפטן און פארבינדונגען צווישן געליבטע, צו אלע צייטן איז שלאָף געווען פארבונדן מיט אינטימסטן ליבע־לעבן. ווי צעשפּרייט עס זאָל נישט זיין די פאמיליע אין משך פון טאָג, שלאָפן אָבער אלע צוזאמען אונטער איין דאך. דער שלאָף ברענגט צוזאמען די גאנצע פאמיליע־נעסט נישט נאָר ביי מענטשן נאָר אויך ביי פיל חיות. די אינסטינקטיווע געזעלשאפטלעכקייט פון שלאָף דערקלערט אונז, וואָס ביי פיל קינדער און דערוואקסענע ווייזט זיך ארויס אַן אינסטינקטיווע אנגסט צו שלאָפען אליין אין א חדר אָדער א הויז. אויך ביי חיות געפינען מיר דעם געזעלשאפט־שלאָף*), ווי ביי די מלוכות־בילדנדיקע מילבן און ווילדע בינען. ביי פייגל, זויג־טירן הערשט דער געזעלשאפט־שלאָף. פלעדערמייז, למשל, בילדן ביים שלאָף רערן פון טויזנטער אינדיווידן, געקלאמערט איינער אָן דעם אנדערן. די דאָזיקע אינטימע געזעלשאפטלעכקייט פון רו, שפיל און חלומות, איז, ווי אין דער קונסט, דער אויסדרוק פון עכט־אינטימער „גאנצקייט", אין יערנפאלס נישט קיין פרימיטיווע („ארכאאישע") דערשיינונג, ווי איניקע חיסר־טעאָריע־פאָרשער באהויפטן (זע די ארבעט פון פעצל „דער שלאָף אלס ענערגישעס פּראָבלעם", אין דער זאמל־מאָנאָגראפיע „דער שלאָף", וואָס מיר וועלן אונטן גענויער באצייכנען).

אין דעם זין קאָנען מיר באגרייפן די נייגונג צו ריטמישע באוועגונגען (שפּיל־איבונגען, טאנץ) און טאָן־ריטמיק (געזאנג, מוזיק), וואָס מיר באאָבאכטן אין רו־צייט ביי מענטשן און חיות, די שלאָף־רו האָט איר איינענע ריטמיק — די ריטמישע אָפּוועקסלונג

*) דער חלום איז, הייסט דאס, ניט עגאיסטיש, ווי פרויד באהויפטעט, נאר אינטים - אוניווערסאל.

מיש פליסנדיקע כוואַליעס אין אַ טייך) ביי דוויערג, יסער איינוויר־קונג אונז פאַרוויגן און פאַרשלעפערן. (זע די אַ־בעט פון ד״ר קלאַגעס ,,פאָם וועזן דעם ריטמוס'' אין דער זאַמלונג ,,קינסטלע־רישע קערפּערשולונג'', ברעסלוי 1925). אויך די דאָזיקע ריטמיק פון וואַד־רו און שלאַף־רו, איז, ווי אי' דער קונסט, דער אויס־דרוק פון נאַטירלעך פרייער און אינטימער שעפערישקייט.

מיר זעען, אַז די אויפפאַסונג פון חלום אַלס שפּיל, דער חלום־שפּיל־פּרינציפּ, דערקלערט אונז פיל אייגנטימלעכקייטן פון חלו־מות און גיט אַ וועזנטלעכע באַלויכטונג פון דעם חלום־אינהאַלט באַנוצנדיק דעם פּאַסיקן טעכנישן אויסדרוק פון דער מוזיק, קאָנען מיר דעם דערמאָנטן פּרינציפּ באַצייכענען אַלס ערשטן חלום־,,שליסל'', וואָס פירט איבער דעם אָפט ,,ערנסט'' אויסזעענדיקן אינהאַלט פון חלום אויף דער שפּראַך פון שפּיל.

2

דאס טרוימערישע שלאף-באוווסטזיין

(פיזיאלאגיע און פסיכאלאגיע פון שלאף — צווייטער חלום-„שליסל“)

מיר האבן ביז אהער אטאקירט דעם שלאף, ווי א פארם פון רו, ד. ה. אויף וויפיל דער שלאף האט די ביאלאגישע פונקציע און וועזנטלעכע שטריכן פון רו. לאמיר איצט מאכן א שריט ווייטער און צוטרעטן צום שלאף אין זיין אייגענער באזונדערקייט. ווענדן מיר זיך ווייטער צו געגעבענע פאקטן (זיבעטער גרונט־פאקט). דער שלאף באציט זיך נישט נאר אויף דאס פסיכישע, נאר אויך אויף דאס פיזישע לעבן פון אינדיווידו. אויסערדעם, די דער־שיינונג פון שלאף קומט פאר נישט נאר ביי מענטשן און העכערע חיות, נאר אויך ביי נידעריקע חיות און פלאנצן. יעדע פארשונג פון שלאף מוז נעמען אין אכט אט די גאנצע קאמפליצירטע פיל־זייטיקייט פון דער שלאף־דערשיינונג. מיר ווען פריער באטראכטן די פיזיאלאגיע, נאכדעם די פסיכאלאגיע פון שלאף.

אין דער פיזיאלאגיע פון שלאף האט ביז דער לעצטער צייט גע־הערשט אונטער פארשידענע נעמען די אויבנדערמאנטע „היסטר־טעאריע“, לויט וועלכער דער שלאף איז בלויז א פאסיווער צו־שטאנד, א „וויניקער - זיין“ פון אינדיווידו. צוערשט איז עס די אזוי גערופענע „אונטערברעכונגס“ - טעאריע *), וואס באטראכט

---

*) אויספירלעכע אפהאנדלונגען קען מען געפינען ביי פראפעסאר עקאנא־מא (ווין) אין דער אויסגעצייכנטער זאמל־מאנאגראפיע: „Der Schlaf (von

דעם שלאף ווי אן אונטערברעכונג אין דער טעטיקייט פון צענטראלן נערוון־סיסטעם, ספעציעל פונם גרויסן געהירן. פיעל פארשטייער פון אט דער טעאריע דערקלערן די סיבה פון דער אונטערברעכונג דורך פארשידענע פראצעסן אין געהירן גופא, וואס אונטערברעכן די לייטונג צווישן די קעמערלעך אדער צווישן די טיילן אינם געהירן. זייער פאפולער איז געווען די אנדערע חיסר־טעאריע, נעמלעך די „סטימול־אפשלוס־טעאריע”, וואס דערקלערט די סיבה און וועזן פון שלאף דורך דעם אפשלוס פון צופיר און אפפיר פון סטימולן צום (און פון) גרויס געהירן*). די דאזיקע טעאריע, ווי די חיסר־טעאריע בכלל, שטימען נישט גאנץ מיט דער ווירקלעכקייט, ווי דאס האט אויספירלעך באוויזן דער ווינער פראפעסאר עקאנאמא**). די אונטערברעכונג פון דער לייטונג אין געהירן גופא אדער דער אפשלוס פון סטימולן — קאנען נישט דערקלערן דעם שלאף ביי נידעריקערע חיות און פלאנצן, וואס האבן נישט קיין נערוון־

Poetzl, Economo, Pick, Molitor, Strasser) „Jahreskurse für Aerztliche Fortbildung“ Juli Heft, 1929 München.

DR. TRAEMNER: „Das Problem des Schlafes“ Wiesbaden, 1912. אויך די מאנאגראפיע פון ד"ר טרעמנער:

*) אין צוזאמענהאנג מיט אט דער טעאריע Reizmangeltheorie דערמאנט מען אין פיל טעקסט־ביכער די באאבאכטונג פון דעם פארשער שטרימפל אויף א פאציענט, וואס האט פארלארן די געפילס־פעיקייט פון דער הויט (חוש המשוש). ווען מ'האט דעם פאציענט צוגעמאכט אויגן און אויערן, פלעגט ער גלייך איינשלאפן. דאס זאל מיינען, אז ווען צוזאמען מיט דער פעלנדיקער געפילס־פעיקייט פון דער הויט ווערן אויך אפגעשלאסן די חושים פון אויגן און אויערן — קומט עס דורך אט דעם סטימול־אפשלוס צום שלאף. טרעמנער און עקאנאמא באמערקן אבער ריכטיק, אז אין שטרימפעלס פאל האנדלט עס זיך וועגן א היסטערישן פאציענט, ביי וועמען דאס איינשלאפן קומט אויך דורך דעם איינפלוס פון סוגעסטיע (זע די אויבנדערמאנטע מאנאגראפיע „דער שלאף”).

**) דארט.

סיסטעם. עס בלייבט אויך דערביי אומהערקלערט די פעריאָדיק פון שלאָף, ד. ה. די ריטמישע אָפּוועקסלונג פון שלאָף און וואכזאַמקייט **). עס שטייט אויך אין ווידערשפּרוך מיט די פאַקטן, וואָס עקאָנאָמאָ האָט פעסטגעשטעלט ביי דער שלאָף־קראַנקהייט. ביי אָט דער קראַנקהייט קאָן מען נעמלעך נישט באַווייזן דעם דערמאָנטן סטימול־אָפּשלוס, וועלכער קאָן, אַזוי־אַרום נישט זיין די איינציקע סיבה פון דער אומנאָרמאַלער שלאָף־זוכט. ביי דער פאָרשונג פון שלאָף־קראַנקהייט האָט עקאָנאָמאָ באַוויזן, אַז דער שלאָף איז אַ קאָמפּליצירטער ביאָלאָגישער פּראָצעס, וואָס האָט זיין אייגענע אַקטיווע רעגולירונג. פאַרשיידענע טיילן, פונקציעס און אייגנשאַפטן פון שלאָף ווער, דורך דער אַקטיווער רעגולירונג פאַראייניקט אין אַ האַרמאָנישער גאַנצקייט. דער שלאָף האָט, ווי שוין דערמאָנט, זיין ריטמיק (די וואַך־שלאָף־פּעריאָדיק). אויסער דעם, דער שלאָף נעמט אַרום נישט נאָר דאָס פּסיכישע לעבן אָדער דאָס גרויס־געהירן, נאָר אויך דאָס וועגעטאַטיווע און אַנימאַלישע סיסטעמען (פונם אָרגאַ־

**) דאָס זעלבע איז אויך נוגע די וואַזאָמאָטאָרישע טעאָריען פון שלאָף, וואָס באַטראַכטן אַלס סיבה פון שלאָף די בלוט־אָרעמקייט (אַנעמיע) אָדער פאַרקערט די בלוט־פולקייט (פּלעטאָראַ) פון געהירן. אַ טריט פאָרויס מאַכן די כעמישע טעאָריען, לויט וועלכע דער שלאָף קומט דורך דעם, וואָס דורך דער טעטיקייט ווערן אין אָרגאַניזם אָנגעזאַמלט אָפּפאַל־פּראָדוקטן פון שטאָף־אויסטויש, די אַזוי גערופענע „דערמידונגס־שטאָפן” („היפּנאָ־טאָקסינען”. באַטויבונגס־גיפטן), וואָס באַרוישן דאָס געהירן און ברענגען עס אין שלאָף־צושטאַנד. די דאָזיקע טעאָריע (געשטיצט דורך עקספּערימענטן פון פּיעראָן) דערקלערט אונז די ריטמישע אָפּוועקסלונג פון שלאָף און וואַכן: ווען אין משך פון דער טאָג־טעטיקייט זאַמלען זיך אָן אין אָרגאַניזם דערמידונגס־שטאָפן ביז צו אַ ווירקנדיקער מאָס, קומט דער שלאָף, און ווען די דאָזיקע שטאָפן ווערן אין שלאָף פּאַמעלעך אויסגעשיידן פון אָרגאַניזם, קומט דאָס דערוואַכן. אָבער אָט די טעאָריע קאָן אונז ניט דערקלערן יענע פאַלן, ווו דער שלאָף קומט אָן דערמידונג, ווי למשל, דער שלאָף ביי זויג־קינדער, ביי דערוואַקסענע נאָך אַ מאָלצייט א. ד. גל. ס'בלייבן אויך ביי אָט דער טעאָריע אומדערקלערט די דערשיינונגען פון דער שלאָף־קראַנקהייט.

ניזם). עקאנאמא באצייכנט די פסיכישע שלאף־דערשיינונגען אלס „געהירן - שלאף", די וועגעטאטיווע און אנימאלישע — אלס „קערפער־שלאף". אין דעם נארמאלן שלאף זענען געהירן־שלאף און קערפער־שלאף הארמאניזירט דורך דער אקטיווער רעגולירונג. ביי דער שלאף־קראנקהייט איז די אקטיווע רעגולירונג צעשטערט און דערפאר קומען דא פאר שלאף־זוכט אדער שלאפלאזיקייט. אויך קומען דא פאר אנדערע שלאף־שטערונגען — נעמלעך די פארקערטע ארדנונג פון דער וואך־שלאף־פעריאדיק (שלאף־אינווערזיע), די דיסאציאציע (לויזערע פארבינדונג) צווישן געהירן־שלאף און קערפער־שלאף *). „די נייערע ווויסנשאפט" זאגט עקאנאמא, „לערנט אונז, אז דער שלאף באדייט פיל מער (ווי אן אויגנבליקלעכער צושטאנד פונם גרויס־געהירן), דער שלאף פארענדערט אויף א געווויסן אופן די מייסטע ארגאן־פונקציעס, נעמלעך נישט בלויז אין דער פארם פון שטילשטאנד, נאר פילפאך אויף א קוואליטאטיוון (איכותדיקן) אופן. דאס ווערט שוין אנגעדייט אין דער ענדערונג פון צוקער־און קאלך־שפיגל אין בלוט, אין דער פארענגערונג פון דעם שווארצאפל־לאך, אין דעם אויפטרעטן פון באבינסקים פענאמען א. א. וו... די ביידע קאמפליצירטע ביאלאגישע צושטאנדן פון שלאף און וואך זענען צווישן זיך פארשיידן נישט נאר קוואנטיטאטיוו (כמותדיק), נאר אויך קוואליטאטיוו (איכותדיק), ד. ה.

---

*) דער געהירן - שלאף גופא באשטייט פון פארשיידענע קאמפאנענטן, פון וועלכע אייניקע קענען קומען אין א לויזער פארבינדונג (דיסאציאציע), ד. ה. אייניקע קאמפאנענטן קענען אויפוואכן ביי דעם נאך באשטייענדיקן אלגעמיינעם געהירן־שלאף. דאס רעדן פון שלאף, דאס שלאף־וואנדלען (בײ „לונאטיקער") קומט דורך דאס „סעפאראטע" אויפוואכן פון אייניקע באוועגונגס־צענטערן אין דעם געהירן - שלאף. אן ענלעכע דיסאציאציע פונם געהירן - שלאף קומט פאר ביים פארלאנגזאמטן אויפוואכן. ווען דאס באוווסטזיין וואכט אויף, אבער מ'קאן נאך נים רירן מיט די גלידער, ווייל די באוועגונגס־צענטערן זענען נאך נישט אויפגעוואכט (זע די ארבעט פון ד"ר טרעמנער „איבער מאטארישע שלאף־שטערונגען", צייטשריפט פאר די גאנצע נעוראלאגיע און פסיכיאטריע, 1914).

דער שלאָף איז נישט נאָר בלויז א שטילשטאַנד פון קערפּע־
אָרגאַנען - סיסטעם, נאָר איז אַן „אַנדער" צושטאַנד
ווי דאָס ווערט באַוויזן דורך דער קענטעניש פון שלאָף־וואַנדל, דורך
דער פאַרענדערונג פון רעפלעקסן א. ד. גל. *). די אַלע פאַקטן,
וואָס עקאָנאָמאָ האָט פעסטגעשטעלט, קאָנען איבערווייזן די הער־
שנדיקע היסר־טעאָריע אין דער פיזיאָלאָגיע פון שלאָף
ס'ווערט פיל מער דורך דעם פיזיאָלאָגיש
באַשטעטיקט אונזער אויפפאַסונג פון
שלאָף, ווי אַן אַקטיווער „אַנדערש־זיין"
פון דער פערזענלעכקייט.

ווענדן מיר זיך צו דער מאָדערנער פּסיכאָלאָגיע פון שלאָף
דער פּסיכאָ־אַנאַליז האָט געבראַכט א נייע אויפפאַסונג פון שלאָף
וואָס איז אין תוך בלויז א גייסטרייכע וואַריאַציע פון דער היסר
טעאָריע. פרויד פאַרגלייכט נעמלעך דעם שלאָף מיט דעם פאַרגע
בורטלעכן צושטאַנד פון מענטשן אין דער מוטערס לייב.

„אונזער פאַרהעלטעניש צו דער וועלט, זאָגט פרויד **)
אויף וועלכער מיר זענען אַזוי אומגערן געקומען, ברענגט עם מיט
זיך, דאָס מיר קאָנען זי (די וועלט) נישט אויסהאַלטן אָן אונטער
ברעכונג. מיר ציען זיך דעריבער ציטווייליג צוריק, אין דער
פאַרוועלטלעכן צושטאַנד, אין דער מוטער־לייב - עקזיסטענץ. מיר
שאַפן אונז וויניקסטנס גאַנץ ענלעכע באַדינגונגען, ווי זיי זענען
באַשטאַנען דאַמאָלס (אין דער מוטער־לייב): וואַרעם, טונקל און
רייצלאָז. וויניקע פון אונז הויקערן זיך איין אין אַן ענגערן פּאַקעט
און נעמען צום שלאָף א גאַנץ ענלעכע שטעלונג ווי אין מוטער
לייב".

דער בילדלעכער פאַרגלייך איז אַזוי פאַרפירעריש, אַז מיר
מערקן גאָרנישט ווי וויניק עס שטימט מיט דער ווירקלעכקייט.
ווי זאָל דען דער דערוואַקסענער מענטש מיט שוין אויסגעוואַקסע־

*) עקאָנאָמאָ „דער שלאָף אַלס לאָקאַליזאַטאָריש פּראָבלעם" (אין דער
מאָנאָגראַפיע „דער שלאָף").

**) פרויד, פאָרלעזונגען.

ע און אנטוויקלטע כּוחות, קומען „צוריק" אין דעם פּרימיטיוון
און אומדיפערענצירטן צושטאַנד פונם נאָך נישט געבוירענעם
קינד. דאָרט אין מוטערס לייב האָבן די מענטשלעכע כּוחות ביים
קינד נאָך נישט אויפגעוואַכט, אָבער אינם שלאָף זאָלן שוין אויס־
געוואַקסענע מענטשלעכע כּוחות ווידער פאַרשווינדן. פרויד באַהויפּ־
טעט טאַקע, אַז אין שלאָף קומען אַלע אויפגעוואַכטע פּסיכישע
כּוחות צום שטילשטאַנד, „מיר מיינען, זאָגט פרויד *), אַז דער
טרוימלאָזער שלאָף איז דער בעסטער, דער ריכטיקער, —
ס׳זאָל קיינע פּסיכישע טעטיקייט אין
שלאָף נישט פאָרקומען **). חער שלאָף איז, הייסט
דאָס, אַ שטילשטאַנד פון פּסיכישן לעבן, אַ „וויניקער־זיין" דאָס
איז די אויסגעשפּראָכענע חיסר־טעאָריע, לויט וועלכער דער
מענטש גייט אין שלאָף „צוריק", צום פּרימיטיוון צושטאַנד. די
חיסר־טעאָריע וועגן שלאָף פירט שוין פּאַטאַל צו דער חיסר־
טעאָריע וועגן חלומות. אויב שלאָף איז אַ שטיל־צושטאַנד פון
פּסיכישן לעבן, איז דער טרוימלאָזער שלאָף דער ריכטיקער.
טרוימען קומען נאָר ביים נישט־ריכטיקן שלאָף, נעמלעך, ווען דער
שלאָף ווערט געשטערט דורך פאַרשיידענע סטימולן. דאַמאָלס
כאַפּן אויף חלומות די שטערנדיקע סטימולן און פאַרבייטן זיי
אַזוי, אַז דער שלאָף זאָל נישט איבערגעריסן ווערן. די חלומות
זענען (לויט פרויד) וועכטער פון דעם געשטערטן שלאָף. אַזוי מוז
אויך חער טרוים, וואָס וויל זיך אַריינגנאַרן אין שלאָף, זיין רעגרע־
סיוו און פּרימיטיוו. „עס איז, פאַרשטייט זיך, זאָגט פרויד ***),
די שטודיע פון חלומות, וואָס האָט אונז געלערנט דאָסזעלבע,
וואָס מיר ווייסן פון דער פּסיכישער כאַראַקטעריסטיק פון שלאָף".
נישט נאָר בנוגע חלומות, נאָר שוין ביים צוגאַנג צום שלאָף־
פּראָבלעם שטויסט זיך אָן די פּסיכאָ־אַנאַליטישע חיסר־טעאָריע
אויף גרויסע שוועריקייטן. פּסיכאָלאָגיש קאָן דער שלאָף נישט זיין

*) דאָרט.

**) פון מיר אונטערגעשטראָכן.

***) געזאַמלטע שריפטן, באַנד 8 קאַפּ. 6.

קיין אָפּשטעל פון פּסיכישער טעטיקייט, ווי ער (דער שלאָף) איז פיזיאָלאָגיש נישט קיין אונטערברעכונג פון אָרגאַן־פונקציעס. אין שלאָף ווערן אָרגאַן־פונקציעס (צווישן זיי די פונקציע פון גרויס־געהירן) נישט אָפּגעשטעלט, נאָר פאַרענדערט, ווי דאָס ווערט אין אַ גרויסער מאָס באַשטעטיקט דורך די דערמאָנטע פאָרשונגען פון עקאָנאָמאָ און אַנדערע. הויפּטזעכלעך אָבער האָבן מיר פריער אויספירלעך באַוויזן, אַז לויט וועזן און פונקציע איז שלאָף־דו ביאָלאָגיש פאַרבונדן מיט חלומות, ווי וואָך־דו איז פאַרבונדן מיט שפּיל. דער חלום איז נישט בלויז אַ וועכטער פון אַן אומריפּטיקן שלאָף, נאָר איז וועזן און אינהאַלט פון נאָרמאַלער שלאָף ־ רו. דער „לידיקער" שלאָף, ווי די „לידיקע" וואָך־דו קאָן מאַכן „מיד" און נערוועז (די אויבן באַשריבענע פּאַראַדאָקסאַלע רו־דערשיינונג). די פראַגע גייט אָבער פיל טיפער.

אין דער הינזיכט לוינט זיך אָפּצושטעלן אויף איינציקע אינטערעסאַנטע פאַקטן פון דער פּסיכישער טעטיקייט אין שלאָף. צו ערשט איז עס די אַזוי גערופענע דערשיינונג פון „קאָפּ־זייגער". דערמיט מיינט מען, אַז פיל מענטשן, ווען זיי האָבן זיך פאַרן שלאָף פאָרגענומען אויפצושטיין צו אַ באַשטימטער שעה — קאָנען זיי טאַקע פון זיך אַליין אויפכאַפּן זיך אין אָט דער שעה. וועגן דער דערשיינונג פון קאָפּ ־ זייגער זענען געמאַכט געוואָרן פיל פאָרשונגען, פון וועלכע ס'איז יעדנפאַלס זיכער פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז ביי געוויסע מענטשן פונקציאָנירט דער קאָפּ־זייגער אין באַשטימטע גרעניצן זייער ריכטיק, און קאָן איבעררייסן אויך דעם טיפן שלאָף. ווי מ'זאָל נישט אויסטייטשן די דערשיינונג פון קאָפּ־זייגער, באַווייזט עס אָבער יעדנפאַלס, אַז אין שלאָף ווירקן געוויסע צייט־געפילן און צייט־ריכטונגען.

דאָס זעלביקע קאָן געזאָגט ווערן אויך *) בנוגע דער דערשיינונג פון דער אַזוי גערופענער „ספּעציפישער וועקבאַרקייט", ד. ה. אַז פאַר יעדן מענטשן האָבן אינדיווידועלע באַשטימטע סטימולן

*) זע די ארבעט פון פעצל „דער שלאָף אַלס פּסיכיש פּראָבלעם" (אין דער דערמאָנטער מאָנאָגראַפיע „דער שלאָף").

א ספעציפיש וועקנדיקן כח. א סאָלדאַט, למשל, וואָס שטייט אויפן פראָנט אין טעלעפאָן־דינסט, קאָן שלאָפן ביים גרעסטן קאַנאָנען־דונער, וועט זיך אָבער אויפכאַפּן ביים לייכטסטן טעלעפאָן־גערויש. ווידער א מוטער, וואָס אין טיפן שלאָף רעאַגירט זי נישט אויף קולות און רודערייען, כאַפּט זיך אויף ביים ערשטן געוויין פון איר קינד. ביי גענויער פאָרשונג לאָזט זיך די דערשיינונג פון ספּעציפישער וועקבאַרקייט מיט זיכערקייט פעסטשטעלן בלויז ביי געוויסע מענטשן און באַשטימטע אומשטענדן. יעדנפאַלס באַווייזט אויך די דאָזיקע דערשיינונג, אז אין טיפן שלאָף ווירקן געוויסע גרייטקייטן און עמפינדלעכקייטן. שטיצנדיק זיך אויף די דערמאָנטע פאַקטן, קומט ד״ר שענק צום אויספיר, דאָס אין שלאָף־באַוווסטזיין האָט די אומגעפאָרמטע גאַנצקייט פון פסיכישע דערשיינונגען דאָס איבערגעוויכט (איבער די איינציקע טיילן) אין א שטאַרקערער מאָס און אויף אַן אנדער אופן, ווי אין וואַכן צושטאַנד. אין פאַרגלייך מיט דער חיסר־טעאָריע האָבן מיר דאָ א באַדייטנדיקן שריט פאָרויס. דאָ איז דער שלאָף נישט קיין פּאַסיווער צושטאַנד, נאָר א שטאַרקערער און אנדערער אויסדרוק פון פסיכישער גאַנצקייט. ס׳בלייבט אָבער דערביי נישט גאַנץ קלאָר דער רעאַל־פסיכאָלאָגישער אינהאַלט פון אָט דער פסיכישער גאַנצקייט.

פיל קלאָרער און צוגענגלעכער זענען אנדערע אינטערעסאַנטע פאַקטן. זעלטן, כמעט קיינמאָל, שטייט מען נישט אויף גענוי אין דער זעלביקער שטימונג, מיט וועלכער מ׳איז איינגעשלאָפן. דער שלאָף ברענגט אלעמאָל א געוויסע ענדערונג. זייער אָפט באַמערקט מען אין דער אייגענער דערפאַרונג, אז אין שלאָף ווערן מאַנכמאָל שווערע שטימונגען לייכטער און פאַרפּלאָנטערטע פראַגן ווערן קלאָרער. ס׳איז באַקאַנט דער אויסדרוק ביי פיל מענטשן, ווען זיי ווילן א שווערע פראַגע „דורכשלאָפן“ אָדער „אויסשלאָפן“. גאָר נישט זעלטן זענען ביי גרויסע פאָרשער גראָד אין שלאָף געלייזט געוואָרן שווערע פּראָבלעמען (די באַקאַנטע אין שלאָף אַנטדעקטע טעאָרעמאַ פונם מאַטעמאַטיקער פּואַנקאַרע). אויך ביי געוויינטלעכע מענטשן ווערן מאַנכמאָל שווערע אויפגאַבן געלייזט אין

מיטן שלאָף (דערבײַ כאַפּט מען זיך מײַסטנס אויף). הויפּטזעכלעך אָבער איז וויכטיק דער פאַקט, אַז נאָך אַ נאָרמאַלן „געשמאַקן" שלאָף פילט יעדער פון אונז אַ באַנײַונג פון זײַנע פיזישע און פּסיכישע כּוחות. מ׳פילט אוממיטלבאַר, אַז דער שלאָף האָט נישט נאָר אָפּגענומען די מידיקייט, נאָר האָט אונז באַנײַט, באַרײַכערט און איבערגעשאַפן. דאָס געפיל איז אַלזאָ אַזוי סוביעקטיוו־אינטים, אַז מ׳קאָן עס בלויז בילדלעך אויסדריקן. פיזיש און פּסיכיש, אין דער לײַכטקייט פון געמיט און גלידער פילט מען אוממיטלבאַר אַ באַשטימטן „צוגאָב" פון אינטימער זאַפטיקייט, וואָס שטאַמט פון די סאַמע שלאָף־טיפעניש. אין דער מאָדערנער פּסיכאָלאָגיע איז ד״ר קלאַגעס דער אײנציקער, וועלכער אונטערשטרײַכט מיט באַזונדערער שאַרפקייט די באַדײַטונג פון אָט דער איבערלעבעניש און באַגרינדעט דורך דעם דאָס פּסיכישע איבערגעוויכט (די „גרעסערע" פּסיכישע באַדײַטונג) פון שלאָף. ד״ר קלאַגעס באַנוצט זיך מיט אַ בילדלעכער, כּמעט לירישער שפּראַך, וואָס דאַרף אָבער דאָ נישט פאַרטונקלען דעם טיפן זאַכלעכן אינהאַלט. „אַפילו מענטשן פון אויסגערעכנטער ניכטערקייט, זאָגט ד״ר קלאַגעס *), וועלן זיך, ווײַניקסטנס פון זייער יוגנט, דערמאָנען אויף אַזאַ פאַל פון דערוואַכן, ווען מען פילט זיך בײַם אויפוואַכן ווי אַרויסגעריסן פון שיצנדיקע מוטער־אָרעמס צוריק אין דאָס גרעלע טאָג־ליכט, און אין דעם געפיל פון וואונדערלעכער אַהיים־בענקשאַפט באַזוכט מען אַן אָנונג וועגן די פאַרבאָרגענע אוצרות פון דעם נאַכטיקן לעבן. עס איז דער התגלות־אינהאַלט פון אַזוינע שטימונגען, וואָס ווערט אויסגעטײַטשט אין די וואונדער־מעשׂיות וועגן פאַרלאָרענע גן־עדן, וועגן יענע גאָלדענע און זילבערנע צײַטן, ווען מענטשן זענען, נאָך דעם אויסדרוק פון העזיאָד, געווען גלײַך צו איבעריקע קינדער אָדער צו וואַקסנדיקע אין באָדן פלאַנצן". „אָפּלײדיק טרוימלאָזער שלאָף, זאָגט ווײַטער קלאַגעס, קאָן נאָכדעם בײַ ווײַט אין דעם וואַכן טאָג אַרײַן פאַרענדערן די ריכטונג פון אונזער

*) Ludwig Klages „Mensch und Erde", Müller-Verlag München, S. 56.

איבערלעבעניש דורכדעם, וואָס דער שלאָף לאָזט אין אונז פאָרגע־פילן און אָנונגען, איינזיכטן און אַנטשלוסן, אָדער ער וואַרפט אויפן טאָג־וועג אַ לאַנגן שאָטן פון זאָרג און באַקלעמונג, יעדנפאַלס האָט אונז דער שלאָף „אומגעשטימט".

ביי דער אויפפאַסונג פון שלאָף בלייבט ד"ר קלאַגעס טריי זיין אַלגעמיינער קאָנצעפּציע, וואָס אונטערשיידט צווישן „באַוווסטזיין" און „לעבן". אַלץ, וואָס איז באַוווסטזיניק, לעבט; אָבער נישט אַלץ, וואָס לעבט, איז באַוווסטזיניק. אין שלאָף און אין נאַרקאָז הערט אויף דאָס באַוווסטזיין, אָבער ס'הערט נישט אויף דאָס לעבן. „לעבן" איז ברייטער און מקורדיקער ווי „באַוווסטזיין", וואָס איז אייגנטלעך בלויז דער כוואַליעס־גאַנג אויף דער מער אומפאַסנדיקער אונטער־שטראָמונג פון „לעבן". „באַוווסטזיין" איז די „אורטיילנדיקע" וואַכקייט, וואָס וועקט דאָס „שלאָפנדיקע" לעבן. דער שלאָף איז די שליסה און דער אויסדרוק פונם אַלץ אומפאַסנדיקן „לעבן", וואָס ווערט געוועקט דורך דעם אויפוואַכנדיקן באַוווסטזיין". דאָס דערמאָנט אונז אָן דער „אומגעפאָרמטער פסיכישער גאַנצקייט", וואָס קומט, לויט ד"ר שענק, צום אויסדרוק אין שלאָף. אָבער אין דעם ברייטן פאַרנעם פון דער אויפפאַסונג פון ד"ר קלאַגעס זענען מיר שוין שטרעקן־ווייט פון דער חיסר־טעאָריע — דאָ ווערט זייער איינדרוקספול באַוויזן, אויף וויפיל דער שלאָף איז אַ „מער־זיין" און אַ „גאַנצער־זיין" פון דער פּערזענלעכקייט. און דאָ קומען מיר צו דעם קרייץ־פּונקט פון דעם פּראָבלעם.

אַנדערע פאָרשונגען באַרירן זיך זייער נאָענט מיט דער אויפפאַסונג פון ד"ר קלאַגעס. ס'בלייבט אָבער ביי קלאַגעס אין אַ גרויסער מאָס אומבאַגרינדעט און אומפּראָדוקטיוו די אַזוי שאַרפע שיידונג צווישן לעבן און באַוווסטזיין. האַלטנדיק זיך האַרט ביי די פאַקטן, ווי דאָס פאַרלאַנגט די עקספּעדיציע־מעטאָדע, מוזן מיר פעסטשטעלן פאַרשיידענע פאָרמען פון באַוווסטזיין, גענויער אויסגעדריקט.

יעדער אופֿן פֿון פּסיכישן „לעבן“ האָט זײַן אייגענע פֿאָרם פֿון באַוווּסטזײַן, דאָס טרוימערישע שלאָף־באַוווּסטזײַן איז אויך זײַן שטייגער רעאַל, ווי דאָס ניכטערע וואַך־באַוווּסטזײַן. אויך אין דער הינזיכט איז דער שלאָף נישט קיין אונטערברעכונג, נאָר אַן ענדערונג פֿון באַוווּסטזײַן. דאָ שלאָגן מיר אַרויס די חיסר־טעאָריע פֿון איר לעצטער פּאָזיציע, וואָס זי פֿאַרנעמט נאָך בײַ קלאַגעס בנוגע צום באַוווּסטזײַן: דער שלאָף, באַהויפּטן מיר, איז נישט ווייניקער באַוווּסטזײַן, נאָר אַנדער באַוווּסטזײַן.

מיר מוזן איצט באַשטימען גענויער דעם כאַראַקטער פֿון שלאָף־באַוווּסטזײַן. ווענדן מיר זיך ווידער צו געגעבענע פֿאַקטן (אַכטער גרונט־פֿאַקט).

אינעם וואַכן נאָרמאַלן באַוווּסטזײַן דענקען מיר ראַציאָנעל און האַנדלען צוועקמעסיק לויט די פֿאָדערונגען פֿונעם רעאַלן עקזיסטענץ־קאַמף, צו וועלכן דאָס נאָרמאַל־באַוווּסטזײַן איז צוגעפּאַסט. דאָס נאָרמאַל־באַוווּסטזײַן איז די הערשנדיקע און שטענדיקע באַוווּסטזײַן־פֿאָרם, אויף וויפֿיל דער עקזיסטענץ־קאַמף דאָמינירט אין אונזער לעבן. אָבער אַחוץ דעם נאָרמאַל־באַוווּסטזײַן זענען פֿאַראַן אינטואיטיוו־עמאָציאָנעלע („ספּערישע“) באַוווּסטזײַן - פֿאָרמען, בײַ וועלכע מיר דענקען אינטואיטיוו און האַנדלען אימפּולסיוו לויט אונזערע לײַדנשאַפֿטן. אין דעם נאָרמאַל־באַוווּסטזײַן לעבן מיר, ווי מ'מוז לויט די פֿאָדערונגען פֿון לעבנס־קאַמף. אינעם ספּערישן באַוווּסטזײַן לעבן מיר ווי ס'ווילט זיך, לויט אונזערע לײַדנשאַפֿטן. דאָרט אַנטפּלעקט זיך פּערזענלעכקייט בלויז טיילווײַז אין די באַגרעניצטע ראַמען פֿון צופּאַסונג־נויט, דאָ (אין ספּערישן לעבן) אַנטפּלעקט זיך פּערזענלעכקייט מער אומגעצווונגען לויט אונזערע באַגערן און לײַדנשאַפֿטן. דאָס נאָרמאַל־באַוווּסטזײַן הערשט אין צײַט פֿון אַרבעט אָדער לעבנס־קאַמף, דאָס ספּערישע באַוווּסטזײַן קומט מער צום אויסדרוק אין רו־צײַט אין יום־טובים, ווען מיר זענען פֿרײַער פֿון מוז־אַרבעט און קאָנען מער לעבן, ווי

מיר ווילן, לויט אונזערע לײדנשאַפטן. און הערפאַר פאַרנעמט זיך דער מענטש אין רו־צײטן נישט מיט מוז־אַרבעט, נאָר מיט פרײער שפּיל־צעשטרײונג (האַנדלונג־שפּיל און פאַנטאַזיע ־שפּיל), וואָס פאַרווירקלעכן אין האַנדלונג אָדער פאַנטאַזיע זײנע ספּעריש לײדנשאַפטן.

דאָס ספּעריש־ לײדנשאַפטלעכע באַוווּסטזײן קאָן זײן צװײ־ערלײ: אַ פּרימיטיװעס, וואָס דעגראַדירט די פּערזענלעכקײט און פירט זי „צוריק" צו פּרימיטיװע אַנטװיקלונגס־פאָרמען, און אַן אינטים־שעפערישעס, וואָס ברענגט העם אויפשוונג פון דער פּער־זענלעכקײט צו העכערע אַנטװיקלונגס־פאָרמען. דאָס שכורע באַ־וווּסטזײן פון אַלקאָהאָליקער, דאָס באַנומענע באַוווּסטזײן פון לײדנשאַפט־פאַרברעכער און האַזאַרד־שפּילער, דאָס אַזוי גערופענע אויטיסטישע באַוווּסטזײן בײ דער שיזאָפרענער גײסט־קראַנק.זײט — זענען בײשפּילן פון („אַרכאַישע") ספּעריש־ פּרימיטיװע באַ־וווּסטזײן־פאָרמען. דאָס שעפערישע באַוווּסטזײן אין מאָמענט פון קינסטלערישער און רעליגיעזער אַספּיראַציע, דאָס פרײע שפּיל־באַ־וווּסטזײן, דאָס עקסטאַטישע באַוווּסטזײן אין מאָמענט פון אינ־טימען ליבעס־אויפשוונג א. ד. גל. — זענען בײשפּילן פון אינטים־ספּערישע באַוווּסטזײן־פאָרמען. אָפּהענגיק פון נאַטור, דערציונג און לעבנס־שטײגער, צעשטרײט זיך דער מענטש אין רו־צײטן מיט פּרימיטיװע אָדער אינטימע שפּילן, וואָס דריקן אויס בײ יעדן מענטש ריכטונג און כאַראַקטער פון זײן אינדיװידועל־ספּערישן לעבן.

וואָס דאָס פרײע שפּיל־באַוווּסטזײן איז פאַר דער וואַך־רו, דאָס איז דאָס טרוימערישע שלאָף־באַוווּסטזײן פאַר דער שלאָף־רו. אויך דאָ װײזן זיך אַרויס די װעזנטלעכע אײגנשאַפטן פון דעם רו־פּראָצעס: אָפּהענגיק פון נאַטור, דערציונג און לעבנס־שטײגער, צעשטרײט מען זיך אין שלאָף מיט דעגראַ־דירנדיק ־ פּרימיטיװע אָדער שעפעריש ־ אינטימע פאַנטאַזיע־שפּיל פון חלומות, וואָס דריקן אויס אין פאַרשײדנסטע אופנים ריכטונג און כאַראַקטער פון דעם אינדיװידועל־ספּערישן לעבן.

זוי שפילן, אזוי קאָנען אויך חלומות זיין שעפעריש־אינטימע אָדער פרימיטיוו ־ דעגענעראַטיווע

מיר מוזן איצט מאַכן דעם לעצטן שריט צו באַשטימען די אייגנטימלעכקייט פון שלאָף ־ באַוווסטזיין, ווענדן מיר זיך ווידער צו געגעבענע פאַקטן (ניינטער גרונט ־ פאַקט).

ווען נאָך א שווערן אַרבעט־טאָג, פאַרברענגען מיר פאַרנאַכט אין דער רו־צייט אין פרייער צעשטרייונג, בלייבט אונזער וואַך־רו אַלעמאָל מער־ווייניקער פאַרבונדן מיט דעם פאַרגאַנגענעם טאָג און דער אויסערער וועלט. נישט נאָר קאָנען די שווערע טאָג־זאָרגן אָדער געשעענישן פון דער אַרומיקער וועלט צעשטערן אונזער וואַך־רו, נאָר אויך די אומגעשטערטע רו געפינט זיך אונטער דעם צוואַנג פון דער ווירקלעכקייט. מיר קלייבן אויס אין רו־צייט פאַרגניגנס און צעשטרייונגען לויט מעגלעכקייט און סיטואַציע, וואָס צאַמען דעם אָפּט צו שטאַרקן חשק. אויך קלייבן מיר אויס אַזאַ צעשטרייונג און אַזאַ אַטמאָספערע, וואָס באַפרידיקן אָדער ווייניקסטנס באַליידיקן נישט אונזערע גייסטיקע נייגונגען. דער קינסטלעריש־דערצויגענער מענטש, למשל, וועט זיך לאַנגווייליקן ביי א שונד־פאָרשטעלונג, דער רעליגיעזערער מענטש וועט זיך ווייניק אַמוזירן אין א לייכטזיניקער קאָרטן־געזעלשאַפט. די שפּיל־צעשטרייונג אין דער וואַך־רו איז געבונדן פון דרויסן דורך מעגלעכקייט און סיטואַציע, פון אינעווייניק—דורך גייסטיקע נייגונגען. ס׳גייט אָבער נאָך ווייטער. ווען מיר לאָזן זיך שוין פאַרכאַפּן פון שפּיל, פילן מיר דאָך, אַז עס איז „בלויז” א שפּיל אָדער א צייטווייליקע צעשטרייונג. די שפּיל־פאַנטאַזיע, ווי פאַנטאַזיע בכלל, האָט תמיד דאָס געפיל פון איינבילדונג, אָבער נישט פון עכטער ווירקלעכקייט. ווי דערשיטערנדיק דער אַרטיסט זאָל נישט שפּילן אויף דער בינע, פילן מיר דאָך, אַז עס איז בלויז פאָרשטעלונג. דאָס שפּיל־באַוווסטזיין באַגרעניצט זיך זעלבסט דורך דעם זעלבסטגעפיל פון איינבילדונג. אין דער וואַך־רו ווערט, הייסט עס, אויסגענוצט בלויז

די שפּיל־מעגלעכקייט פון דער רעאַלער ווירקלעכקייט, וועלכע צאַמט און מאָדיפיצירט די שפּיל־פרייהייט. פּסיכאָלאָגיש אויסגעדריקט, דאָס ספּערישע שפּיל־באַוווסטזיין מוז זיך אין אַ גרויסער מאָס צופּאַסן צום ראַציאָנעלן נאָרמאַל־באַוווסטזיין, וואָס באַגרעניצט און פורעמט די ספּערישע שפּיל־ליידנשאַפט.

אין שלאָף אָבער באַפרייט זיך דער מענטש פון דער אויסערער וועלט, ווי דער רוענדיקער קערפּער באַפרייט זיך פון האַנדלונגען און ווילנס־באַוועגונגען. *דאָס טרוימערישע פאַנטאַזיע־שפּיל באַהערשט דאָס שלאָף־באַוווסטזיין, וואָס ווייסט נישט פון גרעניצן פון מעגלעכקייט און סיטואַציע.* דער טרוים קאָן זיין וואָס ער וויל, ווו ער וויל און ווי ער וויל. אין דער טיפער טרוים־שטילקייט קאָן דער מענטש זיך אַפילו פילן אויפגעלייזט אָדער באַהעפט מיט פּסיכישע אור־כוחות. ווי אַ מוזיקאַלישע פּויזע אונטערברעכט נישט, נאָר קאָן פּאַטעטיש פאַרטיפן די סימפאָניע, אַזוי קאָן די טרוימערישע פּויזע פאַרטיפן דאָס שלאָף־באַוווסטזיין ביז צו די פּסיכישע אור־יסודות. *דאָס שלאָף־באַוווסטזיין, צום אונטערשייד פון וואַכן שפּיל־באַוווסטזיין, האָט די פאַסצינירנדע שפּאַנונג פון עכטער ווירקלעכקייט: טרוים־בילדער ווערן איבערגעלעבט בשעתן חלום נישט ווי אַן איינבילדונג, נאָר ווי ווירקלעכע דערשיינונגען.* ווען אָפּקלאַנגען פון רעאַלער ווירקלעכקייט, די רעשטן פון טאָג־זאָרגן און סטימולן פון אויסערער וועלט, דרינגען אַריין אין שלאָף, ווערן זיי (אין באַשטימטע גרעניצן) פאַראַרבעט און פאַרוועבט פונם טרוימערישן שלאָף־באַוווסטזיין *).

---

*) דאָס איז אויך באַשטעטיקט געוואָרן דורך עקספּערימענטאַלע פאָרשונגען (מאורי. וועיגאַנד א. א.), ווו מען האָט געפּרווט אַריינברענגען סטימולן צו שלאָפנדיקע מענטשן, דערביי האָט מען געקאָנט פעסטשטעלן די טרוים־אַרויסרופנדיקע ווירקונג פון אַזעלכע סטימולן.

ווען א ווינטל, למשל, בלאָזט דורך דעם אָפענעם פענסטער אויפן אָפגעדעקטן לייב פון דעם שלאָפנדיקן, קאָן ער ארויסרופן א טרוים וועגן שניי־באַדעקטע פעלדער, אויף וועלכע מ'שפּאַצירט אין א פראָסטיקן פאַרנאַכט. דער שלאָף־באַוווסטזיין איז אין אַן אַנטשיידענער מאָס, אינערלעך און אויסערלעך אומבאַגרענעצט, נישט נאָר וואָס די ארומיקע רעאַלע ווירקלעכקייט שטערט נישט דאָס שלאָף־באַוווסטזיין, נאָר פאַרקערט, דאָס שלאָף־באַוווסטזיין מאָדיפיצירט און וועבט דורך יעטוועדן אָפקלאַנג פון דער רעאַלער ווירקלעכקייט. דאָס ספּעריִשע שלאָף־באַוווסטזיין דרינגט דורך אַלע ווירקונגען פונם נאָרמאַל־באַוווסטזיין. אויך אינערלעך האָט דאָס שלאָף־באַוווסטזיין דעם כאַראַקטער פון עכטער ווירקלעכקייט. ווי פאַנטאַסטיש חלומות זאָלן אַמאָל נישט זיין, זעען זיי אויס בשעת דעם שלאָף ווי דורכויס רעאַלע, לעבעדיק־ווירקלעכע. בלויז אינם שלאָף־באַוווסטזיין איז עס דעם מענטשן געגעבן צו פילן אוממיטלבאַר די ווירקלעכקייט פון טרוים און דעם טרוים פון ווירקלעכקייט.

אין דעם וואַכן צושטאַנד האָט די פרייע פאַנטאַזיע תמיד, אפילו אין איר קינסטלערישן אויפשוואונג, דעם כאַראַקטער פון איינבילדונג. מעג א סקולפּטור, למשל, זיין ווי פאַרכאַפּנדיק, ווייסט מען דאָך (בשעת דעם פאַרכאַפּט זיין), אַז עס איז בלויז סקולפּטור. בלויז אין צוויי פאַלן האָט די פרייע פאַנטאַזיע אין וואַכן צושטאַנד דעם כאַראַקטער פון עכטער ווירקלעכקייט. ערשטנס, אין דעם ספּעריש־פרימיטיוון צושטאַנד פון גייסט־קראַנקהייט, ווען מען האָט האַלוציִנאַציעס, ד. ה. פאַנטאַזיע־בילדער טרעטן אויף ווי רעאַל־לעבעדיקע געשטאַלטן. צווייטנס, אין דעם ספּעריש־אינטימן צושטאַנד פון רעליגיעז־נביאישער אינספּיראַציע, ווען דער נביא פאַרנעמט געטלעכע זעונגען אָדער געטלעכע קולות, וואָס האָבן פאַר דעם נביא דעם כאַראַקטער פון עכטער, דערשיטערנדיקער ווירקלעכקייט. אין ביידע פאַלן האָבן מיר צו טון מיט אויסנאַם־מענטש:

— מיט דעם ספּעריש־פרימיטיוון גייסט־קראַנקן אָדער מיט דעם

איטים־שעפערישן נביא*). בלויז אין שלאף־באוווסטזיין קומט ביי יעדן מענטשן, אלס נארמאלע דערשיינונג, די טרוימערישע פאנטאזיע מיט איר נביאיש־ענלעכער שאפונגס־קראפט, ביי וועלכער פאנטאזיע־געשטאלטן האבן די עכטקייט און שפאנונג פון פאסצינירנדיקער ווירקלעכקייט. אין אזוינע טרוימערישע געשטאלטן קאן דער שלאפנדיקער מענטש מיט באוווסטזיין און געפיל פון ממשותדיקייט רעאליזירן זיינע פרימיטיווע אדער אינטימע ספערישע ליידנשאפטן און זייער אומבאגרעניצטער עכטקייט און אינדיווידועלער פילגעשטאלטיקייט.

ס'איז תמיד געווען אויפפאלנדיק די דערמאנטע אייגנשאפט פון טרוים־געשטאלטן, וואס ווערן איבערגעלעבט אין חלום ווי עכטע ווירקלעכקייט (באצייכנען מיר עס קורץ אלס „מאגישע" אייגנשאפט). מ'האט אבער קיינמאל נישט גענוג אפגעשאצט די גאנצע אנטשיידנדיקע באדייטונג פון אט דעם פאקט און מ'האט נישט געמאכט די וויטגייענדיקע אויספירונגען. ווי די האלוצינאציע און נביאישע אינספיראציע ברענגט אויך די טרוימערישע פאנטא־

*) אויך אייניקע קינסטלער ווייזן ארויס, ווען אויך זייער זעלטן, האלוצינאטארישע פאנטאזיע־קראפט (זע די ארבעט פון ק. גאלדשטיין, „די האלוצינאציאן", וויסבאדען, 1912). די הערשנדיקע חיסר־טעאריע איז גענייגט צו באטראכטן די עקסטאטישע אינספיראציע בכלל, ווי א פאטאלאגישן צושטאנד (זע גאלדשטיינס ארבעט). ווי אומעטום, שטימט אויך דא די חיסר־טעאריע זייער וועניק מיט דער ווירקלעכקייט. נישט נאר די מאנומענטאלע נביאישע ווערק, נאר די שעפערישע אימפולסן, וואס זיי רופן ארויס ביי פיל מענטשן אין פארשיידענע עפאכן, ווייזן ארויס צו בולט דאס שעפערישע וועזן פון אט דער נביאיש־עקסטאטישער אינספיראציע.

זיע אויף איר שטייגער אנייעם, דורכויס נייעם, חוש פון ווירקלעכקייט. דאס אוממעגלעכע און אומגלויבלעכע אויף דער וואך ווערט אין חלום עכטע ווירקלעכקייט, און סאמע געוויינטלעכע איינדריקן באקומען א ספעציפיש טרוימעריש אויסזען.

באטראכטן מיר דעם איינפאכן, כמעט באנאלן, פאקט: מ׳קען ביינאכט זען אין חלום זאכן, וואס מ׳האט געזען בייטאג אויף דער וואך — אדער מ׳קאן נאך דעם שלאף דערמאנען זיך אויף דער וואך, וואס מ׳האט געזען ביינאכט אין חלום. אין ביידע פאלן ווערט דער זעלביקער אינהאלט איבערגעפורעמט פון איין פסיכישער פארמאציע אין דער אנדערער. וואס אין חלום איז געווען דערשיטערנדיקע ווירקלעכקייט, זעט אויס ביים איבערדערציילן אויף דער וואך „בלויז" ווי א טרוים־בילד, און די פאנטאזיע־בילדער פון וואך־לעבן ווערן אין חלום איבערגעלעבט ווי עכטע ווירקלעכקייט. באנוצנדיק דעם פאסנדיקן אויסדרוק פון דער מוזיקאלישער טעכניק, קאן מען באצייכענען אלס צווייטן „שליסל" פון חלום זיין מאגישע איינגעשאפט אומצוואנדלען פאנטאזיע־בילדער אין ווירקלעכקייט („בילד־ווירקלעכקייט־שליסל").

דער „בילד־ווירקלעכקייט־שליסל" דערקלערט אונז איינפאך די פארשיידענע קאטעגאריעס פון חלומות לויט זייער אויפפאלנדיקער באציונג צום וואך־לעבן. אמאל איז דער אונטערשייד צווישן בילד און ווירקלעכקייט אזוי קליין, אז מ׳דערקענט גלייך אין דעם חלום־אינהאלט די באקאנטע בילדער פון וואך־לעבן, וואס זענען דורך דער טרוימערישער רעאליזירונג גאר נישט געווארן איבערראשנדיק. דא האבן מיר „נייטראלע" חלומות, אויף וויפיל זיי ענדערן נישט די פיזיאנאמיע פון די געחלומטע דערשיינונגען. אמאל אבער איז דער אונטערשייד צווישן דעמזעלבן אינהאלט אין בילד און אין ווירקלעכקייט אזוי גרויס, אז ווען אן אלט באקאנט בילד ווערט אין חלום איבערגעלעבט ווי א ווירקלעכקייט, זעט עס אויס דערשרעקנדיק אומגעלומפערט. דאס זענען „מאדיפיצירנדע" חלומות, אויף וויפיל

זיי מאַריפּיצירן די פיזיאָנאָמיע פון דערשיינונגען. ווען אין חלום, למשל, פליען מיר אין דער הויך אָדער מיר זינקען טיף אין אַן אָפּגרונט, כאַפּן מיר זיך אויף אָפט מיט דעם אייגנאַרטיקן געפיל פון שווינדלען־זיסער און אימהדיק־קיצלדיקער אַנגסט. טאַקע פון אַנגסט פאַלט נישט איין דעם אויפגעוואַכטן טרוימער, אַז אין דעם דערמאָנטן חלום האָט זיך איבערגעלעבט ווי אַן עכטע ווירקלעכקייט בלויז דער געווינטלעכער „בילדלעכער" אויסדרוק, וואָס מ'באַנוצט אָזוי אָפט אין דעם וואָך־לעבן. ווי למשל, אַזוינע אויסדריקן: „ביי אַזוינע שלעכטע באַדינגונגען פאַרליר איך דעם באָדן אונטער די פיס", „כ'בליב הענגען אין דער לופט", „כ'שוועב אין דער לופט", „כ'זינק אַלץ טיפער אין דעם שרעקלעכן אָפּגרונט", „כ'שטייג הימליש - הויך" א. אַז. וו. מ'ווערט אָבער אַזוי איבערראַשט פון דעם רעאַל־געוואָרענעם בילד אין חלום, אַז אפילו ווען מ'כאַפּט זיך אויף, זעט מען נישט דעם „חלום־שליסל" און דערפאַר בלייבט דער חלום אומבאַגריפלעך.

איייניקע פאַלן פון אונזערע חלומות־מאַטעריאַלן וועלן דאָס געזאָגטע גענויער דערקלערן.

1. „אַ יונגער שריפטשטעלער כאַפּט זיך אויף מיט אַנגסטן און האַרץ־קלאַפּעניש פון אַ „שרעקלעך־אומגעלומפּערט" חלום, וואָס האַלט אים אויף מאָרגן (נאָכן חלום) אַ גאַנצן טאָג אין דעפּרעסיע, דער חלום איז אַזאַ: „צווערשט האָט זיך באַוויזן אַ קאָפּ, באַהאַלטן אין דער ערד ביז צו דער ברוסט, זעט אויס ווי דער קאָפּ וואָלט געשפּראָצט פון דער ערד. כ'האָב מיט אַ שווערד אים אַראָפּגעהאַקט. באַווייזט זיך נאָך אַ קאָפּ, האָב איך ווייטער אָפּגעהאַקט. אַזוי אַ דריטער, אַ פערטער און אַ פינפטער — כ'האָב זיי אַלע אָפּגעהאַקט. כ'בין געווען דערביי גלייכגילטיק. אַלע קעפּ זענען געווען אויף קורצע פיסלעך. דעם פינפטן קאָפּ האָב איך אַ יומערכאַפּט און געזאָגט: דו ביזט מיינער..."

מיט אַ טאָג פריער (דעם לעצטן טאָג פאַרן חלום) דערציילט מיר דערזעלביקער שריפטשטעלער וועגן זיין דראַמע, וואָס ער גרייט צו די לעצטע חדשים פאַרן טעאַטער. „די דראַמע איז צו לאַנג (זאָגט דער שריפטשטעלער צו מיר) און כ'מוז זי קירצן. ס'איז

אין דער דראמע צופיל פילאזאפיע, צופיל קאפ. מאנכע פיגורן זעען אוים דורכדעם, ווי גרויסע קעפ אויף קורצע פיסלעך, אבער זיי וואקסן ארויס ארגאניש פון דער דראמאטישער סיטואציע (פון אונז אונטערגעשטראכן). כ'מוז ארואפהאקן די מאנאלאגי פון פארשיידענע העלדן. איר ווייסט, כ'האב ודערביי דאס געפיל, ווי ב'וואלט געהאקט לעבעדיקע קעפ. איין מאנאלאג דארט פון דעם הויפט־העלד, טאקע זייער פילאזאפיש, וועל איך אבער בשום אופן נישט לאזן וועמען ס'איז קירצן".

כ'מאך דעם יונגן דראמאטורג אויפמערקזאם, אז איי חלום האט ער איינגנטלעך איבערגעלעבט ווי אווירקלעכקייט די בילדלעכע באשרייבונגען פון פריערן טאג (כ'דערמאן זיי אויספירלעך פאר אים). „אהא! ריכטיק!", זאגט דער שריפטשטעלער, אויפלויכטנדיק און אפאטעמענדיק. „אהא!". ער האט אויפגעכאפט דעם פארזעענעם חלום־שליסל. ער „פארשטייט" איצט דעם חלום און באַרויקט זיך.

2. א יונגערמאן פון 28 יאר, ליידט די לעצטע יאָרן פון שטארקער דעפרעסיע, קאן נישט לערנען, נישט ארבייטן. פילט זיך ווי „אויסגעשלאסן פון לעבן". איינמאל האט ער אזא חלום:

„ א מאן ליגט אויף דער ערד טויט. די פאמיליע, דריי יינגעלעך און צוויי מיידלעך, שטייען ארום אים פארקלאגט. זיי ווייסן נישט אויף זיכער, צי איז ער טויט צי ניין. דער יינגסטער יינגעלע פון א יאר 12 טרעט אים אן אויפן האלז מיטן פוס. דער טויטער עפנט אויף די אויגן, ווערט ווי אין כעס אויף דעם יינגל און זאגט מיט א פארטויבטער שטימע: „קוילעט מיך!" —

דער חלום, דערציילט דער טרוימער, האט מיך שטארק אויפגערודערט און כ'האב זיך מיט שרעק אויפגעכאפט פון שלאף. כדי צו פארטרייבן די שרעק, האב איך געזאגט צו זיך אליין: האב קיין מורא נישט, בערקע (דאס איז דעם דערציילערס נאמען), ס'איז דיין אייגענער חלום (אויף דער וואך). ווייל דו טראכטסט, אז דו ביזט טויט צו דער וועלט, דערפאר חלומט זיך דיר פון אזוינע זאכן...

אין זיין אויטאָ־ביאָגראַפיע שרייבט דער זעלביקער יונגערמאַן: איך בין געוואָרן אַזוי סענסיטיוו, אַז איך האָב זיך געמוזט פאַרשליסן אין מיינע אייגענע געדאַנקען און ווערן טויט צו דער אַרומיקער וועלט (פון אונז אונטערשטראָכן). שוין איינציקע יאָר ווי ער האָט אויפגעהערט אַרבייטן און זיצט אין דער פאַמיליע ווי אַן „איבעריקער", אַ „טויט גליד" (זיין אויסדרוק). אין פאַרצווייפלונג טוט ער אָפט „בעטן אויף זיך דעם טויט", ווייל איצט איז ער „נישט געלעבט, נישט געשטאָרבן".

דער חלום לאָזט דעם מעלאַנכאָלישן יונגנמאַן איבערלעבן זיינע „בילדלעכע" פאַרשטעלונגען פון וואָך־לעבן ווי אַווירקלעכע סיטואַציע. צום אונטערשייד פון ערשטן פאַל (מיט דעם דראַמאַטורג), האָט דאָ דער טרוימער ביים אויפכאַפּן זיך גלייך דערקענט דעם בילד־ווירקלעכקייט־שליסל פון חלום, האָט דורכדעם גלייך „פאַרשטאַנען" דעם חלום און זיך באַרויקט.

מיר וועלן איצט גלייך זען, אַז ס'איז פּראַקטיש וויכטיק צו אונטערשיידן צוויי קאַטעגאָריעס פון „מאָדיפיצירנדיקע" חלומות, אָפּהענגיק פון דעם, צי די געחלומטע (און דערפאַר אומדערקענבאַר געוואָרענע) דערשיינונגען זענען אויס איפּפּאָזאַנטער אָדער בלאַסער ווי אין דער וואָך־פאַנטאַזיע (פּאָזיטיווע אָדער נעגאַטיווע עמאָציאָנעלע אומוואַנדלונג).

אין פיל פאַלן זענען אויס דערשיינונגען בלאַסער אין דער פאַנטאַזיע ווי אין דער ווירקלעכקייט, ווען די דאָזיקע דערשיינונגען רופן נישט אַרויס אַזוינע געפילן, וואָס זאָלן סטימולירן די פּראָדוקטיווע פאַנטאַזיע. געוויינטלעך קאָנען מענטשן אָן שרעק זיך פאַרשטעלן די סאַמע געוואַגטע בילדער (וואָס אין דער ווירקלעכקייט וואָלטן זיי אַרויסגערופן טויט ־ שרעק). — ווי, למשל, אַ בלוטדורשטיקן טיגער, אַ גיהנום, אַ ווולקאַן. מיט דער גלייכגילטיקייט פון באַנאַל־געוואָרענע אויסדריקן, זאָגט מען געוויינטלעך: „ס'האָט מיר אויסגעזען, ווי די וועלט גייט אונטער", „ווי אַ גיהנום וואָלט זיך געעפנט אונטער מיינע פיס", „כ'זיץ ווי אויף אַ ווולקאַן", „ווי ווילדע חיות וואָלטן מיך באַפאַלן און צעריסן אויף שטיקער" א. א. וו. פּאַסירט אָבער אין דער ווירקלעכקייט אַ ווולקאַן אָדער

אַז אַנפאַל פון אַ טיגער, קומט מען אין קאָנוווּלסיעס פון שרעק. דאָס זעלבע לעבט מען איבער, ווען אין חלום ווערן „רעאַליזירט" די כלומרשט באַנאַלע „בילדלעכע" אויסדריקן. דערפילט מען, למשל, אין חלום דעם הייסן אָטעם פון אַ טיגער, וואָס צעעפנט דעם פּיסק מיט די רויבערישע ציין און וויל אָט־אָט איינשלינגען, קאָן מען פון מיטן שלאָף אויפשרייען מיט שרעק און פאַרצווייפלונג. מ'איז אַזוי פאַרכאַפּט פון דעם חלום־שרעק, אַז אַפילו נאָך דעם אויפכאַפּן זיך קאָן מען נאָך נישט אָביעקטיוו באַטראַכטן און „פאַרשטיין" דעם חלום. מ'באַרויקט זיך ערשט ווען אַן אַנדערער פון דער זייט געפינט דעם חלום־שליסל און דעקט דורך דעם אויף דעם מייסטנס אומשולדיקן, אָפט באַנאַלן, בילדלעכן שורש פון דעם חלום־שרעק, ווי ס'פּאַסירט אין דעם אויבן געבראַכטן ערשטן פאַל מיט דעם דראַמאַטורג. איייניקע מענטשן מאַכן אַליין די אָנשטרענגונג (אָפט אין די ערשטע מינוטן נאָך דעם אויפכאַפּן זיך) צו געפינען דעם בילד־ווירקלעכקייט־שליסל פון חלום, זיי „פאַרשטייען" דורך דעם דעם חלום און באַרויקן זיך — ווי דאָס איז פאָרגעקומען אין דעם דערמאָנטן צווייטן פאַל מיט דעם מעלאַנכאָלישן יונגנמאַן. דאָס איז דער זין פון פּותר־חלום־זיין (חלומות דערקלערן), וואָס מוז צום אָנהויב געפינען און באַנוצן דעם דערמאָנטן חלום־שליסל (וועגן אַנדער חלום־שליסל אין פאָלגנדיקע קאַפּיטלען). דאָ האָבן מיר, הייסט עס, חלומות מיט אַ פּאָזיטיווער עמאָציאָנעלער אומוואַנדלונג, אויף וויפיל בילדער ווערן אין חלום אויף אַ נאַטירלעכן אופן אָנגעלאָדן מיט שטאַרקערע עמאָציעס, ווי דיזעלביקע בילדער האָבן אין דער וואַך־פאַנטאַזיע. אין דער וויסנשאַפטלעכער ליטעראַטור קומען פאָר אָפט דיסקוסיעס וועגן „אומגעלומפּערטע" חלומות, ווייל מען באַאַכטעט נישט גענוג דעם בילד־ווירקלעכקייט־שליסל פון חלומות — ווי מיר וועלן עס נאָך שאַרפער זען ווייטער ביי דער באַטראַכטונג פון חלום־אינהאַלט.

פון דער אַנדער זייט אָבער קאָן פּאַסירן, פאַרקערט, אַז דערשיינונגען זעען אויס אין דער פאַנטאַזיע פיל געוואַלטיקער ווי־

אין דער ווירקלעכקייט, ווען די דאָזיקע דערשיינונגען רופן ארויס אנגסט אָדער בענקשאַפט און רייצן דורך דעם די פאַנטאַזיע. אין בענקשאַפט, למשל, זעט אונז אויס די געליבטע פערזאָן ראָמאַנטיש אומדערגרייכבאַר, אָבער שוין בײַ די ערשטע באַגעגענישן ווערן מיר פאַמעלעך צוגעוווינט. בײַ דער באַרירונג מיט דעם פאַקט ווירקט נישט נאָר די טעמפּ־מאַכנדיקע ווירקונג פון דער געוווינהייט, נאָר דער פאַקט גופא שטיקט די אנגסט אָדער די בענקשאַפט דורך דעם באַוווסטזיין, אַז עס איז „שוין" געשעען, ס'איז „לאחר המעשה". דער געדאַנק, למשל, וועגן דעם טויט פון א נאָענטן מענטשן קאָן אונז אויסזען שרעקלעך „אוממעגלעך", אָבער ווען דאָס „אוממעגלעכע" פּאַסירט, קאָנען מיר זיין ווי דערשיטערט, ווייסן מיר אינערלעך, אַז ס'איז „שוין" געשען. מיר האָבן אינערלעך „מיט געוואַלד" שוין געמאַכט אַן „הסכם". דעם הערפאָלגריכן יונגנמאַן זעט אויס אָפּט אוממעגלעך דער געדאַנק צו ווערן ווען ס'איז אַלט, אָרעם אָדער פאַריתומט. און ווען דאָס פּאַסירט דאָך, ווערט עס גיך פאַרפאַלענע, „גרויע" ווירקלעכקייט. ווען פאַנטאַזיע־בילדער ווערן אין חלום „רעאַליזירט", קאָנען דערשיינונגען, וואָס זעען אויס געוואַלטיק, ווערן „גרויע" ווירקלעכקייט.

א חוץ דעם ווירקט אויך יענער פאַקט פון עמאָציאָנעלן לעבן, וואָס מיר קאָנען באַצייכענען אַלס „פּאַראַדאָקסאַלן געפילס־שאָס". ווען עס ווערט פלוצלונג פאַרווירקלעכט א זאַך, וואָס מ'האָט א לאַנגע צייט געוואַרט מיט טיפער בענקשאַפט, האָפענונג אָדער אנגסט, קענען פלוצלונג ארויספלאַצן שטאַרקע עמאָציעס מיט אַזאַ שלאָג־קראַפט, אַז די געפילן ווערן באַטויבט און פאַראַליזירט. ס'איז א פּאַראַדאָקסאַלער געפילס־שאָק, ווו די געפילן פאַראַליזיר; זיך זעלבסט דורך זייער איינענעם צו־גרויסן און פלוצימדיקן דראַנג. עס אנטשטייט דערביי א מין „פראָסטיקע", טויטע גלייכגילטיקייט, וואָס קלעבט די אויפמערקזאַמקייט אויף קלייניקייטן. ווען מ'באַקומט, למשל, א פלוצימדיקע בשורה וועגן א גרויסן אומגליק, קאָן מען די ערשטע מינוטן ווערן אינערלעך

שטום און מיט פראקטיקער גלייכגילטיקייט איבערציילן די קנעפלעך אויף דעם אייגענעם זשילעט, אדער די טאפעטן - צאצקעס אויף דער וואנט*).

אט די צוויי דערשיינונגען, דער „הסכם" מיט דעם „שווין" געשעענעם און דער פאראדאקסאלער עמאציאנעלער שאק, ווירקן אויך אין חלום. ווען און וויל פאנטאזיע-בילדער ווערן אין חלום איבערגעלעבט ווי עכטע ווירקלעכקייט, קאנען די זעלביקע דערשיינונגען, וואס זעען אויס אזוי געוואלטיק אין דער פאנטאזיע אויף דער וואך, אויסזען אין חלום, ווי „שוין" געשעענע („גרויע") אדער געפילס-פאראליזירנדיקע ווירקלעכקייט. ס'איז די קאטעגאריע פון חלומות מיט א „נעגאטיוו"-עמאציאנעלער אומוואנדלונג, אויף וויפיל בילדער באקומען אין חלום א שוואכערע עמאציאנעלע קראפט, ווי זיי האבן אין דער פאנטאזיע אויף דער וואך. דא קאנען מיר דורך דעם בילד - ווירקלעכקייט - שליסל געפינען דעם „געוואלטיקן", מיט געפיל באלאדענעם, בילדלעכן שורש פון דעם קאלטן גרויען חלום.

דאס געזאגטע לאזט זיך קלאר און איינפאך פארמולירן: ס'זענען פאראן צוויי קאטעגאריעס פון „מאדיפיצירנדיקע" חלומות, ווען דורך דער טרוימעריש - פלאסטישער רעאליזירונג באקומען פאנטאזיע - בילדער א פאזיטיווע אדער נעגאטיווע עמאציאנעלע אומוואנדלונג.

---

*) דאס דערקלערט אונז די באקאנטע דערשיינונג פון דער ערשטער ליבע - נאכט, ווען דער שטארקער און פלוצימדיקער דראנג פון דעם באפרייטן ליבעס - געפיל רופט ניט זעלטן ארויס אויף א ווײַלע אן עראטישן שאק (צייטווייליקע אימפאטענץ). דאס זעלביקע איז אויך בײַ דער מוטער, וואס נאך דעם טויט פון איר היים געליבט קינד ווערן בײַ איר די געפילן ווי פאראליזירט דורך דעם דראנג פון דעם צו גרויסן טרויער, און זי קוקט פאר זיך, אי פארגליווערט מיט שטומער טויטער גלייכגילטיקייט.

דער בילד - ווירקלעכקייט - שליסל דערקלערט אונז גאַנץ איינ־פאַך אויך מאַנכע (אויבן דערמאָנטע) שעפערישע איינגעשאַפטן פון חלום. ווייל אין חלום ווערן בילדער און פאָרשטעלונגען פאַר - וואַנדלט אין פלאַסטישער ווירקלעכקייט, ווערן דורכדעם פריער אומקלאָרע און טונקעלע דערשיינונגען „פלוצים" באַלויכטן און אויפגעקלערט. אָפטמאָל איבעראַשט עס אזוי, ווי ווען א פאַר־פלאָנטערטע אבסטראַקציע ווערט „פלוצים" פלאַסטישע ממשות - דיקייט, וואָס דאָס אויג קאָן אַרומנעמען און באַנעמען. ביי ווי - סנשאַפטלער און דיכטער האָבן גאָר ניט זעלטן אַזוינע אויפלויכ־טונגען שעפעריש אַרויסגעבראַכט לאַנג - געזוכטע (אָבער אום - קלאָר געפילטע) אידייען און פאָרשטעלונגען. ס'איז געווג אָנצו־ווייזן אויף דער מאַטעמאַטישער טעאָרעמע, וואָס פּואַנקאַרע האָט געזען אין חלום. אזוי האָבן אויך פיל דיכטער געשאַפן לויט דעם פאָרבילד פון זייערע חלומות*). אָבער אויך ביי געוויינטלעכע מענטשן ווערן (ווי שוין אויבן דערמאָנט) מאַנכמאָל שווערע אויפגאַבן געלייזט אין חלום. דאָס געזאָגטע איז אויך גילטיק בנוגע צו האַלב - פאַרגעסענע ערינערונגען פון לאַנג פאַרגאַנגענער צייט אָדער בלאַסע ערינערונגס - בילדער פון קוים באַמערקטע דערשיי־נונגען, וואָס ווערן אין חלום אויפגעלעבט און אויפגעלויכטן דורך דער טרוימערישער אומוואַנדלונג און פלאַסטישער רעאַלישקייט. מ'קאָן עס קורץ פאָרמולירן: די שעפערישקייט פון חלום, ווי אויך זיין גרעסערע ערינערונגס־קראַפט, דערקלערן זיך אין פּי־

*) „אַזוי זענען, זאָגט ראַנק, אולאַנדס לידער „די האַרפע" און „די קלאָ־גע", געדיכטעט נאָך טרוימען. העבעלס „טראַום" („איין ווירקליכער") און מאַנכע לידער פון מעריקאָ, קעלער א. אַ. אויך דערציילער, ווי סטעווענסאָן, העבערס, לינקעאוס (פּאָפּער) האָבן צוגעגעבן, דאָס זיי האָבן אייניקע מאַטער־יאַלן און מאָטיוון גענומען פון חלומות ס'ווערן דעם חלום צוגעשריבן אפילו אַזוינע הויכע קינסטלערישע שאַפונגען, וואָס שטייגן איבער די שאַפונגען פון וואַר - לעבן". (ראַנק, „טרוים און דיכטונג", — אַנהאַנג פון פרוידס מאָנאָ־גראַפיע „טרוים - דייטונג").

לעפאלן איינפאך דורך דעם בילד־ווירק־לעכקייט־שליסל פון חלום.

מיר וועלן איצט ברענגען א חלום פון א יונגן געשעפטס־מאן, וואס ־רעדע ביי א געוויינטלעכן פראבלעם זעט מען דא די שעפערישע אויפלויכטונג פון חלום אין דעם באשריבענעם זין.

א יונגער געשעפטס־מאן, אן אנגעשטעלטער דערציילט: „אומעלטן האט מיין באלעבאס, פאר וועלכן איך האב נעאר־בעט צוויי יאר, מיר גענעבן דעם שליסל פון זיין געשעפט, כ׳זאל פארשליסן יום־כיפור אוונט. איך בין געווען זייער שטאלץ דער־מיט, וואס ער האט מיר געטרויט מער ווי זיין פארמעגן. שטעלט זיך פאר מיין איבערראשונג, ווען כ׳בין שפעט אין אוונט געקומען אהיים פון קינא און האב געוואלט אוועקלעגן דעם שליסל אין א געוויסן ארט — האב איך דעם שליסל מער נישט געפונען. איך האב געזוכט אין יעדן ווינקל, בין געגאנגען צוריק אין קינא זען, טאמער האב איך עס דארט פארלוירן. נאר מיין זוכן איז געווען אומזיסט, ווייל כ׳האב דעם שליסל אין ערגעץ ניט געפונען. כ׳בין געווען אויסער זיך, ווייל מיין באלעבאס איז א שטרענגער מאן, א בייזער. און איך האב באשלאסן ניט צוריקצוגיין אין געשעפט, ווייל כ׳האב געפילט, אז כ׳האב ניט פארדינט דעם צוטרוי, וואס מ׳האט מיר ארויסגעוויזן. ביינאכט האט זיך מיר געחלומט, אז דער שליסל איז ארויסגעפאלן פון מיין קעשענע אין די פאלדן פון דעם זאפע־צודעק. כ׳בין אויפגעשטאנען אינדערפרי׳, גלייך צו־געגאנגען צום פלאץ, וואס כ׳האב „געזען” אין מיין חלום און כ׳האב טאקע דארט געפונען מיין שליסל”.

דא זעען מיר קלאר, ווי דאס בלאסע ערינערונגס־בילד פון דער באוועגונג ביי דער זאפע, ווי אויך דער ווארשיינלעכער קוים באמערקטער ארויספאל־פלאץ פון שליסל ווערן אין חלום אויפ־געלויכטן און „דערזעען”.

3

טרוימערישע פאַנטאַזיע

(די טעאָריע פון געפיל - רעאַליזירונג — דריטער חלום - „שליסל").

דער חלום איז, ווי מיר האָבן ביז אַהער געזען, דער שפּיל פון מענטשן אין צייט פון שלאָף. ווי יעדער שפּיל, האָט אויך דער חלום זיין באַשטימטן אינהאַלט, וואָס דריקט אויס אָביעקטיוו דעם כאַראַקטער פון חלום. די פאָרשונג פון חלום - אינהאַלט איז דערפאַר אַן אנטשיידנדיקע אינסטאַנץ פאַר אונזער גאַנצער אויפ־פאַסונג וועגן חלומות. מיר וועלן טאַקע זען ווי דאָ ווערט גע־שטעלט פאַר אַ געפּערלעכן נסיון אונזער עקספּעדיציע - מעטאָדע, ד. ה. אונזער שטרעבונג אריינצודרינגען אין דער פּאַקטישער סי־טואַציע.

לאָמיר אָקאָרשט פּרוון באַטראַכטן די דריי ביזאיצטיקע הויפּט - טעאָריעס וועגן דעם אינהאַלט פון חלומות. די אויבנדער־מאָנטע חיסר - טעאָריע, וואָס האָט ביז צו דער לעצטער צייט גע־הערשט אין דער וויסנשאַפט, באַטראַכט די חלומות מיט זייער גאַנ־צן אינהאַלט אַלס עטוואָס מינדערוועַרטיקעס, אַלס ברעקלעך און שטיקלעך פון דעם אין שלאָף פּאַראַליזירטן נשמה - לעבן. די חיסר - טעאָריע שטימט אָבער נישט מיט דערווירקלעכקייט. ניט נאָר האָבן דיכטער און וויסנשאַפטלער אין פאַרשיידענע צייטן דאָ־קומענטירט און פאַרווענדט זייערע שעפערישע חלומות, נאָר אויך ביי געוויינטלעכע מענטשן, ווי מיר האָבן אויבן געזען, ווערן נאָר ניט זעלטן שווערע אויפגאַבן געלייזט אין חלום. יעדער מענטש ווייסט פון זיין דערפאַרונג „אינטערעסאַנטע" חלומות, באַלערנדי־

קע און אויפלויכטנדיקע. אין דעם אויבן באשריבענעם פאל מיט
דעם געשעפטסמאן האט דער טרוימער א לאנגע ווײלע פאר דעם
שלאף זיך געמאטערט צו געפינען דעם פארלוירענעם געשעפטס־
שליסל, אבער ערשט אין חלום האט ער זיך דערמאנט און דער־
ווּסט דעם ארט פון דעם פארלוירענעם שליסל.*). א ז ו י נ ע
א ו ן ע נ ל ע כ ע א נ ד ע ר ע פ א ל ן ב א ו ו י ז ן, א ז
מ א נ כ ע ח ל ו מ ו ת ז ע נ ע ן פ ר א ד ו ק ט י ו ו ע ר און
ה א ב ן א ג ר ע ס ע ר ע ע ר י נ ע ר ו נ ג ס ־ א ו ן א ר י ע נ ־
ט י ר ו נ ג ס ־ ק ר א פ ט, ו ו י ד א ס ו ו א כ ע ד ע ר ק ע ־
נ ע ן.

די באדייטונג פון חלומות גייט אבער פאקטיש פיל ווייטער.
מאנכע חלומות האבן אזא געוואלטיקע עמאציאנעלע קראפט, וואס
מען טרעפט זעלטן ביים מענטשן אין דעם וואך ־ לעבן. אזוי דער־
שיטערן אונז מאנכע חלומות דורך געוואלטיקע אפעקטן פון
אנגסט, שרעק און טרויער, — דערביי קען דער מענטש אין שלאף
וויינען, שרייען און ווארפן זיך ווי אין קאנוולסיעס. אדער פאר־
קערט, מאנכע חלומות דערקוויקן אונז מיט טיף פארכאפנדיקע
אפעקטן פון פרייד און גליק — דערביי קען דער מענטש אין
שלאף שמייכלען, לייכט אטעמען און עקסטאטיש וויברירן. די
ווירקונג פון אזוינע חלומות איט זיך אפט א לאנגע צייט אויף מאר־
גן נאך דעם שלאף, ווען מיר ציטערן אינערלעך מיט דעם גרויל
אדער גליק פון דעם ביינאכט איבערגעלעבטן חלום. ד י ג ר ע ־
ס ע ר ע פ ר א ד ו ק ט י ו ו ק ײ ט, ד י ג ר ע ס ע ר ע ע מ א ־
צ י א נ ע ל ע ב א ג א ב ו נ ג א ו ן ד י ג ע ו ו א ל ט י ־

*) א באקאנטער קינדער ־ דאקטאר דערציילט מיר אזא חלום: איינמאל
בייטאג האט ער אונטערזוכט די לונגען ביי א קינד און נישט געקאנט קומען
צו קיין קלארן דיאגנאז. ביינאכט אונטערזוכט ער (אין חלום) דאס זעלביקע
קינד און געפינט אוים קלאר אן אנטצינדונג (אינפילטראציע) אויף א בא־
שטימטן פלאץ פון דער לונג. אויף מארגן איז ער געווען דערשטוינט, ווען
ער האט נאכמיטאג ביי דער אונטערזוכונג פון קינד געפונען גענוי דיזעלביקע
דערשיינונגען אויף די לונגען, ווי ער האט זיי געזען אין חלום.

קערע ווירקונג פון פארשיידענע חלומות, און אפילו שוין די אָפט ביי יעדען מענטשן פאָרקומענדיקע „אינטערעסאַנטע" חלומות — אָט די אַלע פאַקטן באַווייזן די אייגנאַרטיקע באַדייטונג פון חלומות און נעמען אָפּ דעם באָדן ביי יעדער חיסר-טעאָריע.

די דערמאָנטע פאַקטן האָבן געפיהרט איינ׳קע וויסנשאַפטלער און דיכטער (בורדאך, נאָוואַליס א. אַ.) צו דער צווייטער קעגנזעצלעכער טעאָריע, אַז חלומות זענען אַ מין גייסטיקע אַנטפּלעקונג, אַן העכערע שאַפונגס-קראַפט. די דאָזיקע טעאָריע קאָן אָבער נישט גענוג דערקלערן די אויך ניט-זעלטן פאָרקומענדיקע פרימיטיוו-ווילדע חלומות. אחוץ דעם קאָן אָט די טעאָריע ניט אַרומנעמען די פּילזייטיקע פאַקטן און באַציונגען פון „געוויינטלעכע" חלומות, ווי מיר וועלן ווייטער זען.

און אָט קומט די דריטע טעאָריע פון פרוידס פּסיכאָ-אַנאַליז. ס׳איז די א. ג. טעאָריע פון ווונטש-דערפילונג, לויט וועלכער יעדער חלום דריקט אויס דעם מענטשנס ווונטש. דער איינפאַכסטער ביישפּיל איז דער באַקאַנטער פאַל, ווען דעם דורשטיקן חלומט זיך, אַז ער טרינקט וואַסער. ווי-זשע זאָל מען אָבער דערקלערן די אומצייליקע פיינלעכע אָדער טרויעריקע חלומות, די אַנגסט און שרעק-חלומות? *) דאָ מאַכט דער פּסיכאָ-אַנאַליז דעם ערשטן פאַטאַלן שריט — ער פאַרלאָזט דעם עמפּירישן באָדן, ער נעמט נישט מער די פאַקטן ווי זיי זענען, נאָר נעמט זיך זיי „אויס-טייטשן". „יעדער חלום**) — באַהויפּטעט פרויד — האָט אַן אָפּע-

*) איינ׳קע אויטאָרן (שאַלץ, פאָלקעט א. אַ.) באַהויפּטן, אַז פיינלעכע חלומות קומען פאָר אָפטער ווי לוסטיקע. די ענגלישע פאָרשערינס (Sara Weed, Florence Halow) האָבן סטאַטיסטיש פעסטגעשטעלט ביי זייערע איינענע חלומות, דאָס 58 פּראָצ. פון חלומות זענען פיינלעכע און נאָר 6 — 28 פּראָצ. זענען אַנגענעמע (ציטירט נאָך פרוידן).

**) מאָנאָגראַפיע „טרוים-דייטונג" קאַפּ. 4.

נעם און באהאלטענעם אינהאלט". אט דעם „באהאלטענעם" אינ־האלט דארף מען ארויסטייטשן. דער פיינלעבער שרעק ־ חלום, למשל, טראגט אין זיך א „באהאלטענעם" ווונטש, וואס פאר־שטעקט זיך בלויז אונטער דעם מאנטל פון שרעק. וועלכער זשע איז דער באהאלטענער ווונטש און פארוואס באהאלט ער זיך? דורך אלע קאמפליצירטערע און שארפזיניקערע אויסטייטשונגען און ספעקולאציעס ווערט אויסגעפירט, אז דער באהאלטענער ווונטש שטאמט פון דער פריסטער קינדהייט און איז הויפטזעכלעך אן אומ־באוווסטער פרימיטיוו ־ סעקסועלער ווונטש, וואס „באהאלט" זיך אונטער אנדערע געשטאלטן, כדי אויסצומיידן די „צענזור" פון באוווסטזיין און „דורכשמוגלען" זיך אין חלום. „דער ווונטש, זאגט פרויד*), וועלכער דריקט זיך אויס אין חלום, איז אן אינפאנטילער". ס'באקומט זיך אויף דעם אופן אן עקסטרעמע חיסר־טעאריע, לויט וועלכער דער חלום דריקט אויס דאס קינדעריש ־ פרימיטיווע, דאס אומבאוווסטע. „דאס טרוימען, זאגט פרויד, איז א שטיק פון דעם איבערוווּנדענעם קינדערשן נשמה ־ לעבן". דער חלום איז לויט דעם א ווייניקער ־ ווערן, א רעגרעסיע פון דער פער־זענלעכקייט. אט די עקסטרעמע פסיכא־אנאלי־טישע „חיסר־טעאריע", וואס באזירט אויף ספעקולאטיוו אומגעצוימטע אויסטייטשונ־גען, שטימט נישט מיט דער ווירקלעכקייט פון די אפט פארקומענדיקע שעפערישע חלומות, וואס דריקן אויס ארגאנישדי פראָ־גרעסיווע און פראדוקטיווע כחות פון דער פערזענלעכקייט.

ס'איז אומפרוכטבאר צו קריטיקירן די פארוויקלטע פסיכא־אנאליטישע אויסטייטשונגען, אויב מ'איז נאר גרייט מיטצומאכן דעם ערשטן פאטאלן שריט פון פסיכא־אנאליז־אפקערן־זיך פון דעם פאקטיש געגעבענעם „אפענעם" אינהאלט און ספעקולאטיוו ארויסטייטשן א „באהאלטענעם" ווונטש. אבער ניט נאר פאר דעם

*) מאנאגראפיע „טרוים־דייטונג" קאפ. 7.

שטרענג אביעקטיוון פארשער, פאר וועלכן אזוינע אויסטייטשונגען זענען פרינציפיעל א פארבלענדעניש, נאר אויך פאר דעם פסיכא - אנאליטיקער גופא וועט זיין זייער וויכטיק יעדער ערנסטער פרווו צו פארשן און אויפקלערן די פאקטן פון חלומות לויט זייער אפענעם קאנקרעטן אינהאלט. ווי יענע מיסטיקער, וואס כאטש זיי גלויבן צו געפינען דורך קאמפליצירטע אויסטייטשונגען דעם פארבארגענעם ,,געהיימען" אינהאלט פון דעם ביבלישן טעקסט, לייקענען זיי דאך ניט אפ די אייגענע באדייטונג פון דעם אפענעם אינהאלט. אפשר קאן מען טאקע (אויך אין אונזער פאל) פארט אויסקומען מיט דעם אפענעם אינהאלט פון חלומות? דא פאסט זיך באזונדער די באצייכענונג פון אונזער פארשונג אלס ,,עקספעדיציע - פארשונג", ווען אנשטאט השערות און צווייפל וועגן אן אומבאקאנט לאנד, לאזט זיך די עקספעדיציע אהין אריינדרינגען, כדי צו זען און באשרייבן דאס לאנד, ווי אזוי עס אנטפלעקט זיך פאקטיש פארן פארשער. וועגדן מיר זיך ווידער צו די ערשטע גרונטפאקטן פון חלומות.

לויט זייער נאטור געהערן חלומות צו יענעם קלאס פון פסיכישע דערשיינונגען, וואס מען באצייכנט מיט דעם נאמען ,,פאנטאזיע". אין חלום לעבן מיר איבער נעמלעך אזוינע זאכן, וואס קומען ניט פאר (בשעת דעם חלום - איבערלעבעניש) אין דערווירקלעכקייט, נאר שטעלן זיך פאר בלויז אין דער חלום - פאנטאזיע. מ'זענען פאראן פארשיידענע מינים פאנטאזיע, דער חלום איז א באשטימטער מין פאנטאזיע, וואס האט זיינע אייגענע באזונדערקייטן. ס'פארשטייט זיך אבער, אז ביים חלום, ווי ביי אלע אנדערע מינים פאנטאזיע זענען פאראן די אלגעמיינע אייגנשאפטן פון יעדער פאנטאזיע. מיט אנדערע ווערטער, דער חלום איז פאנטאסטיש און מ'קאן אין יעדן חלום באשיינפערלעך זען אלע פאנטאזיע - אייגנשאפטן.

מיר האבן שוין אויבן (קאפ. 1) דערמאנט, אז די חיסר - טעאריע, וועלכע האט ביז צו דער לעצטער צייט געהערשט אין דער עקספערימענטאלער פסיכאלאגיע, באטראכט די פאנטאזיע הויפט־

זעבלעך ווי אַ רעפּראָדוקטיווע און נאָכמאַכנדיקע טעטיקייט. *) די דאָזיקע טעאָריע שטימט ניט מיט דעם פאַקט, דאָס ניט נאָר די מאָמענטאַלע קינסטלערישע ווערק, נאָר אויך די טיפע שעפערישע איבערלעבענישן, וואָס זיי רופן אַרויס ביי אונז, זענען דאָך אַ פּראָדוקט פון פרייער פאַנטאַזיע.

אונזערע עקספּערימענטאַלע פאָרשונגען פון פאַנטאַזיע ביי נאָרמאַלע און אומנאָרמאַלע קינדער **), ווי אויך ביי דערוואַקסענע, האָבן באַוויזן, דאָס יעדע פאַנטאַזיע דריקט אויס אין בילדער די אינטימע געפילן. די דורך אונז געמאַכטע אונטערזוכונגען פון הונדערטער קינדער פון פאַרשיידענעם עלטער (ביי פאַרשיידענע אומשטענדן און מיט פאַרשיידענע מעטאָדן) האָבן אין יעדן פאַל (אָן אויסנאַם) באַוויזן, אַז דעם קינדס אויסגעטראַכטע מעשהלע, ווי אַלע אַנדערע פּראָדוקטן פון זיין פרייער פאַנטאַזיע, דריקן אויס אָרגאַניש דאָס אינטימע געפילס־לעבן פון קינד. אַזוי ווי קינסטלערישע ווערק, ד. ה. דעם קינסטלערס פאַנטאַזיע־פּראָדוקטן, שפּיגלען אָפּ די אינטימע געפילן און ליידנשאַפטן פון קינסטלער, אַזוי דריקן אויך אויס די פאַנטאַזיע־בילדער ביי יעדן מענטשן זיינע געפילן און ליידנשאַפטן. די דערמאָנטע אונטערזוכונגען באַשטימען בלויז גענוי און מעטאָדיש דעם ניט ווייניק באַקאַנטן פאַקט, אַז וואָס דער מענטש פילט, וועגן דעם פאַנטאַזירט ער. אין בענקשאַפט, אַנגסט, שרעק אָדער פרייד — אין יעדן פאַל מאָלט אונז די פאַנטאַזיע בילדער פון פאַרשיידענעם אינהאַלט, פאַרב און שפּאַנונג. די פאַנטאַזיע־בילדער פון חלומות ווייזן אַרויס די אַלגעמיינע פאַנטאַזיע־איינגנשאַפט, און אויף זייער פלאַסטישן שטייגער רעאַליזירן זיי אין בילדער די אינטימע געפילן פון

---

*) זע טייז גוד: „די פּסיכאָלאָגיע פון אינטימען קינדער־לעבן“, ערשטער טייל.

**) זע „די פּסיכאָלאָגיע פון אינטימען קינדער לעבן“, 2־טער און 4־טער טייל.

דעם טרוימער. אַנשטאָט פרוידס ווונטש־דערפילונגס־טעאָריע, שטעלן מיר אויף די געפיל־רעאַליזירונגס־טעאָריע, ד. ה. די אויפ־פאַסונג פון חלומות ווי אַ בילדלעכע רעאַליזירונג פון געפילן. וואָלט עס געלונגען דורכצופירן אונזער אויפפאַסונג ביי אַלע קאַטעגאָריעס פון חלומות, וואָלטן מיר זיך דורך דעם געקענט באַפרייען פון דעם אויסטייטשונגס־צוואַנג און בלייבן זיכער שטיין אויף דעם פעסטן באָדן פון איינפאַכע פאַקטן. אויב יעדער חלום דריקט אויס דעם מענטשנס ווונטש, מוז מען, למשל, די פיינלעכע שרעק־און אַנגסט־חלומות „אויסטייטשן" און אויסגעפינען אין זיי עפּעס אַ „באַהאַלטענעם" ווונטש. ווען אָבער חלומות דריקן אויס אין בילדער אונזערע געפילן, וועלן חלומות זיין נאַטירלעך, פאַרשיידן (לוסטיקע און פיינלעכע), לויט די פאַרשיידענע געפילן, וואָס באַהערשן אונז אין פאַרשיידענע ציטן. מ'קען דעמאָלט פאַרשטיין חלומות לויט זייער „אָפענעם אינהאַלט" אָן יעדן אויסטייטשונגס־צוואַנג. מיר וועלן טאַקע ווייטער זען, אַז וואָס מער מ'הערט אויף צו זוכן אַ „פאַרבאָרגענעם" אינהאַלט פון חלומות, קאָן מען פאַקטיש אַלץ מער געפינען אין דעם אָפענעם אינהאַלט גופא אומגעהויערע און דאָך קלאָר דורכזיכטיקע טיפענישן.

מאַכן מיר אַ שריט ווייטער און פאַרטיפן זיך עטוואָס מער אין דעם וווּנדערלעכן פאַקט פון שטימונגס־בילדער. ווען איינער, למשל, קומט פון אַ רייזע און דערציילט וועגן געזעענע חורבות פון אַלטע פאַרוויסטעטע פּאַלאַצן, — קאָן ער דערביי הויפּטזעכלעך אויסן זיין צו דערציילן דאָס פאַקטיש געזעענע אָן וועלכער ס'איז אינטערעסיווער שטימונג. ווען ער וואָלט עס ניט געוועז זען, וואָלט אים די גאַנצע זאַך גאָר אייפן מוח נישט געקומען. ווען אָבער אַ שטימונג פון פאַר־צווייפלונג רופט אַרויס פאַנטאַזיע־בילדער פון חורבן, זענען שוין דאָ די בילדער „געוואָרן" טרעגער און אויסדרוקן פון אינטימער פאַרצווייפלונג — „שטימונגס־בילדער". ווי דער מאָלער „שאַפט" פון נייטראַלע פאַרבן אַ בילדלעכן אויסדרוק פון אינטימע שטימונגען, אַזוי

שאַפט די פרייע פאַנטאַזיע פון פסיכישן איינדרוקס־מאַטעריאַל פילפאַרביקע שטימונגס־בילדער. מיר האָבן עס אין אַן אַנדער אָרט באַצייכנט אַלס עמאָציאָנעלע שעפערישקייט, ווייל די עמאָציע ברענגט דאָ די שאַפונג פון איר אויסדרוק־בילד. מ'קאָן עס אַזוי פאָרמולירן: די שטימונגס־בילדער פון דער פרייער פאַנטאַזיע (וואַך־פאַנטאַזיע און טרוים־פאַנטאַזיע) זענען אויטאָנאָמע שאַפונגען, וואָס האָבן אַלס אַזעלכע זייער אייגענע נאַטור. ווענדן מיר זיך אָבער ווידער צו באַקאַנטע פאַקטן.

ווי אין דער אומגאַנגס־שפּראַך האָט יעדעס וואָרט זיין אָביעקטיוון „אָפענעם" אינהאַלט, אַזוי האָט אויך יעדעס פאַנטאַזיע־בילד זיין אָביעקטיוון „אָפענעם" שטימונגס־אינהאַלט, וואָס ווערט פון יעדן אוממיטלבאַר פאַרשטאַנען (בילדער־שפּראַך). נישט נאָר אין דער דיכטערישער שפּראַך, נאָר אויך אין טאָג־טעגלעכן לעבן באַנוצט מען די בילדער־שפּראַך מיט נאַטירלעכער זעלבסט־פאַרשטענדלעכקייט. בלייבן מיר ביי דעם פריער (קאַפּ. 2) שוין דערמאָנטן ביישפּיל. ווען איינער, למשל, „פילט", אַז „די וועלט גייט אים אונטער", אַז „ער זינקט אין אָפּגרונט" אָדער פאַרקערט, אַז „ער שטייגט הימליש הויך", אַז „ער איז דער גליקלעכסטער מענטש אויף דער ערד" — ווייזן אַלע דעם אָפענעם שטימונגס־אינהאַלט פון אַזוינע באַקאַנטע בילדער. די געפילן באַקומען ערשט דורך די פאַנטאַזיע־בילדער אַן אָביעקטיוון גרייפּבאַרן (ממשותדיקן) אויסדרוק. ס'פּאַסירט גאָר ניט זעלטן, אַז דער מענטש „דערוויסט" זיך ערשט דורך זיינע פאַנטאַזיע־בילדער וועגן זיינע אייגענע, פריער אומקלאָרע געפילן. איינער, למשל, קאָן אַ געוויסע צייט זיין אומקלאָר וועגן דעם כאַראַקטער פון זיינע וואַרימע געפילן צו דער פאַרערטער פרוי, — צי איז עס בלויז טיפע אַכטונג, פריינטשאַפט אָדער אַן אומבאַשטימטע סימפּאַטיע. ווען אָבער דאָס בילד פון אָט דער „אינטערעסאַנטער" פרוי פאַרפאָלגט אים, ווען ער זעט אומעטום

איר ,,געשטאַלט'' — דאַמאָלס ,,ווייסט'' ער, אַז ער איז ,,שוין'' פאַרליבט. ווען מיר לייענען, למשל, שעקספּירס ,,ראָמעאָ'' אָדער ,,האַמלעט'', ווייסן מיר, אַז דאָס זענען בלויז אויסגעטראַכטע העלדן, אָבער די דאָזיקע שטאַרקע פאַנטאַזיע - בילדער דערשיטער; אונז דורך זייער ,,אָפּענעם'' שטימונגס - אינהאַלט. ניט נאָר די הויפּט-העלדן, נאָר אויך אַלע אַנדערע פיגורן און סיטואַציעס פאַרכאַפּן אונז דורך די אין זיי אויסגעדריקטע שטימונגען. די אייגנטלעך שוין פריער באַקאַנטע געפילן פון ליבע און טראַגישן צווייפל ווערן אָבער אויפגעלויכטן מיט אַלע זייערע געוואַלטיקע קאָמפּליקאַציעס דורך די קינסטלעריש - העלע פאַנטאַזיע - בילדער פון ,,ראָמעאָ'' און ,,האַמלעט''. מ'קען עס אַזוי פאָרמולירן: *אומקלאָרע, טונקעלע געפילן קאָנען קומען צום קלאָרן אויסדרוק ערשט דורך און אין דעם העל-אָפענעם אינהאַלט פון פאַנטאַזיע - בילדער.* וואָס שטאַרקער און העלער די פאַנטאַזיע - בילדער, אַלץ מער קאָנען זיי אונז ברענגען צום אויסדרוק די סאַמע טונקעלע געפילן. אָט אַזוי קאָנען מענטשן זיך קלאָרער דערזען אין די קינסטלערישע ווערק, וואָס שילדערן די מענטשן אין בילדער פון העכסט קאָנדענסירטער קראַפט און קאָנען דערפאַר אויפלויכטן די סאַמע טונקעלע טיפענישן און ניואַנסן פון נשמה - לעבן. *ווייל אין חלום ווערן בילדער אויפגעפירט מיט דער פאַסצינירנדיקער פּלאַסטישקייט פון עכטער ווירקלעכקייט, קאָנען זיי ברענגען צום דערשיטערנדיקן אויסדרוק אויך אונזערע טונקעלע און קוים באַמערקטע געפילן.*

ס'לוינט זיך צוליב אָריענטירונג אונטערצושיידן צווישן אַלגעמיינע און אינדיווידועלע פאַנטאַזיע - בילדער. אַזוינע בילדער, ווי די אויבנדערמאָנטע (,,זינקען אין אָפּגרונט'', ,,הויך שטייגן'' א. דגל.) ווערן אַלגעמיין באַנוצט און פאַרשטאַנען. דאָס בילד אָבער פון דער געליבטער פּערזאָן אָדער פון דער אייגענער געבורט - שטאָט האָט אַ באַשטימטן שטימונגס - אינהאַלט בלויז פאַר דער באַטרעפנדער פּערזאָן — אינדיווידועלע שטימונגס - בילדער. פאַרשטייט

זיך, אז אויך די אלגעמיינע בילדער האבן פאר יעדען מענטשן אינדיווידועלע ניואנסן.

מיר זעען אלזא קלאר און איינפאך, אז חלומות, וואס געהערן לויט זייער נאטור צו פרייער פאנטאזיע, האבן די אלגעמיינע פאנטאזיע - אייגנשאפט צו רעאליזירן געפיל, אין בילדער. אין פיל פאלן, באזונדער ביי קינדער, קאן מען דערפאר אנווענדן די דורך אונז באצייכנטע פאנטאזיע - מעטאדע, וועלכע באשטייט אין פאלגענדן: נאכדעם, ווי די באטרעפנדע פערזאן האט דערציילט (אדער געלייענט) דעם חלום, לייגט מען אים פאר, ער זאל דערציילן וועלכע ס'איז פון אים איצט אויסגעטראכטע מעשהלע אדער דערציילונג.*) (די מ'גיט אים צייט (לויט ווונטש) צו באטראכטן די דערציילונג מייסטע דערציילן גלייך, אנדערע נעמען זיך וויניקע מינוטן). דער אונטערזוכער פראטאקאלירט גענוי בשעת דעם דערציילן. ביים פארגלייך געפינט מען א מערקווירדיקע פארוואנדשאפט און אינערלעכן צוזאמענהאנג צווישן דעם חלום און דער דערציילונג, ד. ה. צווישן דער טרוים - פאנטאזיע און דער וואך - פאנטאזיע. ביידע דריקן זיי אוים (יעדע אויף איר ארט) די כאראקטעריסטישע געפילן פון דער באטרעפנדער פערזאן.

דער חלום איז אבער נאר א מין פון פרייער פאנטאזיע, וואס האט זיינע אייגענע באזונדערקייטן. אחוץ דער אלגעמיינער פאנטאזיע - אייגנשאפט פון געפיל - רעאליזירונג האט נאך דער חלום די איבנדערמאנטע (פאר דעם חלום כאראקטעריסטישע) „מאגישע" אייגנשאפט, דורך וועלכער בילדער ווערן איבערגעלעבט (בשעת דעם חלום) ווי עכטע ווירקלעכקייט. מיר האבן שוין אויבן באוויזן, אז מאנכע בילדער ווערן דורך דעם גרינטלעך „מאדיפיצירט", אויף וויפיל זיי באקומען א פאזיטיווע אדער נעגאטיווע עמאציאנעלע אומוואנדלונג. אין אזא פאל מוז מען צוערשט באנוצן דעם באשריבענעם בילד - ווירקלעכקייט - פרינציפ (צווייטער חלום - „שליסל")

*) מיר האבן אט דעם אופן צו באקומען א דערציילונג באצייכנט אלס די מעטאדע פון פרייע באשטעל - דערציילונג. (זע: די פסיכאלאגיע פון אינטימען קינדער - לעבן, ט. 2).

און איבערפירן די מאגישע טרוים ־בילדער אין נארמאלע פאנטאז־יע ־ בילדער. דערנאך קאנען מיר באנוצן דעם געפיל ־ רעאליזירונג־פרינציפ (דריטער חלום ־ „שליפל״). אויף אזא אופן קאן מען אביעקטיוו געפינען, אן יעדן אויסטייטשונגס־צוואנג, דעם דורכויס „אפע־נעם״ שטימונגס־אינהאלט פון די פאנטאז־יע־בילדער.

כדי צו פארשטיין די אינדיווידועלע שטימונגס ־ בילדער, באנוצט מען זיך מיט דער בילדער ־ ערינערונגס ־ מעטאדע*), ד. ה. מ׳פרעגט די באטרעפנדע פערזאן, וואס קאן זי זיך דערמאנען, אדער וואס קומט איר אויפן מוח, אין צוזאמענהאנג מיט דעם אדער יענעם בילד פון חלום.

ברענגען מיר אלזא א כאראקטעריסטישן חלום:

א מיידל פון ־ צען יאר איז דאס איינציקע קינד ביי די עלטערן, האט אין דער היים קיין שפיל ־ געזעלשאפט, ס׳איז איר אין דער היים אפט לאנגווייליק און איינזאם, שלאפט אליין אין חדר, שרעקט זיך אפט פאר איינענער איינזאמקייט, איז „נערוועז״ אייפערזיכטיג, איז שטארק אינטעלעקטועל, „שרייבט״ געדיכטן און מעשהלעך, קלעיט אפט מיט מורא וועגן טויט.

איר חלום:

„געווען אויפן בית ־ עולם, געווען דארט א סך בעטן, באדעקט מיט סאטינענע קאלדרעס. עמיצער האט מיר געוויזן מיין בעט און געזאגט, אז דאס איז מיין בעט, און איך וועל ליגן דארט, ווען כ׳וועל שטארבן. כ׳האב זיך זייער דערשראקן און בין אנטלאפן פון בית ־ עולם״.

דאס מיידעלע דערציילט: ניט לאנג האט מען איר געוויזן א בילד פון איר פארשטארבענער מומע. זי האט דאן אליין געקלערט, אז ווען זי וועט שטארבן, וועט זי אויך ווי די מומע (און אנדערע טויטע) „ליגן אויפן בית ־ עולם״. אין חלום ווערט עס פארגע ־

*) די דאזיקע מעטאדע ווערט באנוצט פון די פסיכא ־ אנאליטיקער אויף זייער ספעציעלן שטייגער.

שטעלט ווי אן עכטע ווירקלעכקייט (בילד ־ ווירקלעכקייט ־ פרינ־ציפ). דער חלום שפיגלט אפ זייער קלאר די אינטימע געפילן (אבער ניט „וווּנטשן״) פון קינד. זי ראנגלט זיך מיט דער טויט ־ אנגסט, ראנגלט זיך אקטיוו, ענערגיש, — זי איז „אנטלאפן פון בית ־ עו־לם״. דער ענד ־ מאטיוו איז א פאזיטיווער. דער חלום באווייזט אונז, אז כאטש דאס מיידעלע האט אנגסטן און דעפרעסיעס, האט זי אבער גענוג קראפט זיי צו באקעמפן און באזיגן.

ביי דער דערקלערונג פון די אינדיווידועלע בילדער האט זיך אט ־ וואס ארויסגעשטעלט (בילדער ־ ערינערונגס ־ מעטאד). די סאטינענע קאלדרעס, זאגט דאס מיידעלע, זענען ענלעך צו דער קאל־דרע, מיט וועלכער זי פלעגט זיך צודעקן אין די פריסטע קינדער יארן. אין יענע צייטן פלעגט עס אין די אוונטן אפט פאסירן, אז אין רעכטן מיטן שפיל אדער ווען אין שטוב איז טומלדיק און פריי־לעך, פלעגט מען איר הייסן גיין שלאפן. מיט ערגער און לאנגוויי־ל פלעגט זי זיך לייגן אונטער דער סאטינענער קאלדרע. אנומעלטן ווען זי איז געבליבן אליין אין שטוב, איז דארט „געווען שטיל, ווי אויף א בית ־ עולם״ זי איז דאמאלס ארויסגעלאפן פון שטוב אויפן הויף צו א חברה שפילנדיקע קינדער — „זי איז אנטלאפן פון בית עולם״. זי ראנגלט זיך מיט דער איינזאמער לאנגוויל, וואס ווערט ביי איר פארבונדן מיט א טויט ־ אנגסט. ווי ביי פיל קינדער בכלל קאן מען אויך ביי דעם מיידעלע באאבאכטן, אז לאנגוויל (אפטע שפיללאזיקייט ביי דער איינזאמקייט) איז אויף א נאטירלעכן אופן פארבונדן מיט טויט ־ אנגסט. ווי דער שפיל וועקט און דרקט אוים ביי קינדער נאטירלעכן לעבנס־אימפעט, אזוי איז פארקערט, די לאנג־וויל (ביי דער איינזאמקייט) אן אונטער־דריקונג פון לעבנס־אימפעט, א ניט־אויס־געלעבט־זיין, א־ניט־זיך־אויסלעבן־קענען, וואס קאן ביי עמפינדלעכע נאטורן דערגיין ביז צו טויט־אנגסט.

דאס מיידעלע איז אבער אקטיוו, לעבנס ־ דורשטיק, זי באקעמפט איר איינזאמקייט אין הויז — „זי אנטלויפט פון בית ־ עולם״

פון „טויט ־ שטילער" איינזאַמקייט. דער חלום ווייזט נאָך אַנדערע עמאָציאָנעלע איינגנשאַפטן פון דעם מיידעלע. איר „איך" איז שאַרף אויסגעדריקט און פאַרנעמט דעם צענטראַלן פלאַץ אין חלום — ענגאַצענטריזם. די קורצקייט און שאַרפקייט פון חלום, די קלאָרע בילדער און זייער פיינער צונויפבוי ווייזן אַרויס כאַראַקטעריסטיש אַ לעבהאַפטע עסטעטיש ־ באַגאַבטע נאַטור.

נאָכדעם, ווי דאָס מיידעלע האָט דערציילט איר חלום, האָבן מיר (אויף דעם אויבן באַשריבענעם אופן) איר פאָרגעלייגט צו דערציילן אַ מעשהלע.

מעשהלע:

(לויט דער מעטאָדע פון פרייער באַשטעל ־ דערציילונג)

„איך האָב אָנגעהויבן דערמיט, אַז איך בין אַן אַלט אַנטיק, אַ בראַנסלעט און ליג אין מוזעום פון קונסט. זי איז (די בראַנסלעט) געבוירן אין פאַריז און דאָרט אין אַ צירונג ־ קראָם געלעגן אַ לאַנגע צייט. איז איינמאָל אַריין אַ מאַן פון עגיפּטן און געוואָלט קויפן אַ מתנה פאַר דער קיניגין, און אַז ער האָט די בראַנסלעט דערזען, האָט ער געוואָלט זי קויפן און האָט זי טאַקע אַוועקגענומען אין עגיפּטן, און זי איז געוואָרן ביי דער קיניגין איר בעסטער פאַרגעניגן. און ווען די קיניגין איז געשטאָרבן, האָט זי געבעטן אַריינלייגן די בראַנסלעט אין איר קבר נעבן איר ארון. האָט מען זי אַוועקגעלייגט און זי איז געלעגן אַ סך יאָרן און געמיינט, אַז זי וועט שוין קיינמאָל נישט אַרויס. איינמאָל האָט זי דערהערט אַ פרעמדע שטימע. ס'זענען אַריין עטלעכע מענטשן און גערעדט אויף אַ פרעמדער שפּראַך און זי אַוועקגענומען קיין אַמעריקאַ און אַריינגעלייגט אין מוזעום. געלעגן אַביסל צייט און ליגט נאָך אַלץ דאָרט און קלערט, ווען וועט זי האָבן נאָך אַוואַנטורעס".

פון דער געבראַכטער מעשהלע זעען מיר, דאָס, ווי די טרוים־פאַנטאַזיע, דריקט אויך אויס די וואָך־פאַנטאַזיע, דיזעלבע אינטימע געפילן פון קינד. זי ראַנגלט זיך אויך דאָ מיט דער טויט ־ שטילער איינזאַמקייט, מיט דער איינזאַמער קבר ־ אַטמאָספער, מיט דער באַנטקייט פון טויט. זי ראַנגלט זיך ענערגיש, מאַכט דורך אַוואַנטו־

דעס. אויך דאָ איז דער ענדמאָטיוו אַ פּאָזיטיווער. זי באַקעמפט און באַזיגט איר איינזאַמקייט און טויט־אַנגסט. „זי ליגט נאָך אַלץ דאָרט" (ענדיקט דער חלום) און קלערט ווי וועט זי האָבן נאָך אוואַנטורעס — אוואַנטוריסטישער לעבנס־דורשט! איר „איך" איז אויך דאָ זייער שאַרף (עגאָצענטריש) אויסגעדריקט: זי איז „אַן אַלט אַנטיק", וואָס מען טראָגט זיך מיט איר אַרום. די באַשריבענע אוואַנטורעס דריקן אויס איר לעבהאַפטע לעבנסדורשטיקע נאַטור. אין חלום באַקומט דאָס אַלץ די נאַטירלעכע פּלאַסטישקייט פון עכט־איבערגעלעבטער ווירקלעכקייט. אין דער וואָך־פאַנטאַזיע איז עס אָבער מער „מעשהלע", מער עסטעטיש לײַדנשאַפטלעך „אויסגעטראַכטע" בילדער. און דערפאַר קומען באַזונדערס אין דער וואָך־פאַנטאַזיע די רײַך־אימפּאָזאַנטע בילדער, וואָס ווײַזן די עסטעטישע געפילן און פעיקייטן פון קינד, איר חוש און לוסט פאַר פאָרם און פאַרב.

די געפיל־רעאַליזירונג־טעאָריע, וואָס האַלט זיך האַרט ביים אָפּגעמען אינהאַלט פון חלומות, ווערט אָבער געשטעלט צו פּראָבע דורך דער ערשײַנונג פון די אָפט פאָרקומענדיקע „אומזיניקע" חלומות. פירן מיר אָבער ווײַטער אונזער פאָרשונג אויף דער ליניע פון געגעבענע פאַקטן, קאָנען מיר אונטערשיידן דרײַ קאַטעגאָריעס פון אומזיניקע חלומות. מיר האָבן שוין אויבן (קאַפּ. II) באַשריבן יענע קאַטעגאָריע אומזיניקע חלומות, וואָס ווערט איינפאַך אויפגעקלערט דורך דעם בילד־ווירקלעכקייט־פּרינציפּ. געוויינטלעכע פאַנטאַזיע־בילדער, וואָס מ'געבּרויכט אַזוי נאַטירלעך אויף דער וואָך, קאָנען אויסזען אומזיניק, ווען זיי באַקומען אָדער ווען אין חלום פּלאַסטישע ווירקלעכקייט, ס'קלינגט נאַטירלעך, ווען מ'זאָגט, למשל, אויף דער וואָך (ביים אָנבליק פון אומאָרדנונג), אַז „אַלעס גייט מיטן קאָפּ אַראָפּ". מ'וועט אָבער ווערן געפּלעפט, ווען מ'וועט אין חלום „זען" ווי אַלעס גייט טאַקע, אָן שום קאַטאַסטראָפע, מיטן קאָפּ אַראָפּ.

אַ צווייטע זייער גרויסע קאַטעגאָריע פון „אומזיניקע" חלומות ווערט איינפאַך אויפגעקלערט דורך דעם פאַקט, אַז דער חלום, ווי אַ מין פרײַע פאַנטאַזיע, האָט אויך די אַלגעמיינע פאַנטאַזיע־איר־

געשאַפט צו דערשיינען אין צוויי פאָרמען — אָרגאַניזירט און אומ־אָרגאַניזירט. ניט נאָר קינסטלערישע ווערק (קינסטלערישע פאַנטאַזיע - פּראָדוקטן), נאָר אויך יעדע אויסגעטראַכטע מעשהלע אָדער דערציילונג (ביים קינד און דערוואַקסענעם) איז אַן אָרגאַניזירטע אָפּגעשלאָסענע שאַפונג, ווו איינצלנע בילדער זענען אָרגאַניזירט דורך דעם פּלאַן און גאַנצקייט פון דער דערציילונג (אַלגעמיינער מאָטיוו און שלום - מאָטיוו). די אויבן געבראַכטע מעשהלע און חלום פון דעם מיידעלע זענען ביידע אָרגאַניזירטע (פאַרענדיקטע, אָפּגע־שלאָסענע) פאַנטאַזיע - פּראָדוקטן, וואָס האָבן אַן איינהייטלעכן אַל־געמיינעם מאָטיוו און אַ כאַראַקטעריסטישן שלום - מאָטיוו.

אָבער שוין פון דער טאָג - טעגלעכער דערפאַרונג ווייסט יעדער מענטש, אַז ער האָט די פעיקייט און דעם דראַנג ניט נאָר צו אָרגאַ־ניזירטער, נאָר אויך צו אומאָרגאַניזירטער, פרייער פאַנטאַזיע, וואָס קומט אין דעם ספּאָנטאַנעם פּלאַנלאָזן פאַנטאַזירן. אין מאָמענטן פון רו און אָנטשפּאַנונג, ווען מיר גייען, למשל, אַליין שפּאַצירן, טו־ען מיר מייסטנס פריי פאַנטאַזירן און לאָזן זיך אומגעשטערט טראָגן פון דעם פריי - לויפנדיקן פסיכישן שטראָם. אין יעדער רגע קומען אָן כוואַליעסאַרטיק פאַרשיידענע געפילן (אויך איין און דאָסזעלביקע געפיל קאָן יעדע רגע בייטן זיין קאָליר און שפּאַנונג), וואָס יעדעס קאָן זיך צעגיסן אין פאַרשיידענע כוואַליעס אָדער צונויפגיסן זיך מיט אַנדערע אין איין לויפנדיקע כוואַליע. דער דאָזיקער שטראָם ווערט כמעט ווי גאָר נישט געשטערט פון וועלכע ס'איז אָרגאַני־זירונגס - טענדענץ און ווייזט בלויז אַרויס אומגעצוווּנגען דעם כוואַליעדיקן ריטם פון פרייען געפילס - לעבן. די פרייע פאַנטאַזיע, וועלכע שפּיגלט תמיד אָפּ דאָס געפילס - לעבן, קומט דאָ אויך ווי אַ ריטמיש - כוואַליעדיקער שטראָם פון אַנטשפּרעכנדיקע פאַנטאַזיע־בילדער, וואָס שפּיגלט אָפּ יעדע רגע די מאָמענטאַנע פאַזע פון דעם ריטמישן געפילס - שטראָם. די אומאָרגאַניזירטע כוואַליעדיקע גע־פילן, ווי אויך די אַנטשפּרעכנדיקע פאַנטאַזיע - בילדער, זענען דאָך אָרגאַניש פאַרבונדן מיט דעם זייער כאַראַקטעריסטישן ריטם פון דעם שטענדיק פליסנדיקן אינטימען געפילס - לעבן. ח ל ו מ ו ת, וואָס געהערן לויט זייער נאַטור צו פ ר י י ע ר

פאַנטאַזיע, האָבן אויך די אַלגעמיינע פאַנ־טאַזיע־איינגנשאַפט צו דערשיינען אין דער פאָרם פון אָרגאַניזירטע און אומאָרגאַניזירטע, כוואַליעדיקע שטימונגס־בילדער, וואָס דריקן אויס אויף זייער טרוימערישן שטייגער דעם אינטימען ריטם פון דעם כוואַליעדיקן געפילס־לעבן.

מיר וועלן איצט ברענגען אַ ביישפיל פון אַן אומאָרגאַניזירטער חלום־פאַנטאַזיע. ס'חלומט זיך מיר איינמאָל אַט־וואָס*):

„כ'גיי אויף דער גאַס, וווּ מיין וווינונג איז, און שטעל זיך אָפּ אויפן עק גאַס קוקן מיט גרויס פאַרוווּנדערונג אויף דאָס נייע אויפגעבויטע פילגאָרנדיקע הויז. „אַזאַ גרויס הויז!" — זאָג איך צו מיר אַרויס עפּעס פאַרדאַגהט... ס'קומט מיר אַנטקעגן מיין פריינט מיט זיין ניי־געבוירענעם מיידעלע, כ'קוק פאַרוווּנדערט אויף דאָס מיידעלע. „שוין אַ גאַנצער טאַטע!" — זאָג איך ווייטער עפּעס פאַרדאַגהט... און אָט זע איך אין דעם גרויסן שפּיטאָל זיצט ד"ר ב., ער איז געפערלעך קראַנק. ער שטרעקט צו מיר אויס די מאָגערע האַנט און זאָגט: „כ'האָב גאָר נישט געוווּסט, אויף וויפיל שאָפּענהויער איז גערעכט..." (דאָ פאַלט אויס אַ שטיק חלום, וואָס כ'קאָן זיך גענוי נישט דערמאָנען. ס'קומט, דוכט זיך, אַן אומקלאָרע דיסקוסיע מיט ד"ר ב., און עפּיזאָדן פון זיינע לעצטע מינוטן...) אַרום בית־עולם שטופּט זיך אַ גרויסער עולם אויף דער לויה פון דעם זעלביקן ד"ר ב., מ'האַלט שיינע רעדעס אויף זיין קבר, קיינער וויינט נישט. איך צעשריי זיך: „פאַרוואָס וויינט מען נישט?..." אויף אַ גרויס פעלד אַרום ירושלים פאָרן ריזיקע אַראַבער אויף פערד, אַן־אַ זייט שטייען יידישע יונגע לייט (חלוצים) מיט פאַרקאַשערטע אַרבל און האַקן שטיינער פון אַ פעלז. איינער פון זיי פאַלט אויף דער ערד, שוויצט און ציטערט. אַלע אַרבעטער טוען זיך אַ קער

---

*) מחמת פאַרשטענדלעכע טעמים לאָז איך אַרויס אייניקע צו־פּער־זענלעכע מאָמענטן, דורכדעם ווערט אָפּגענומען אַ שטיק נאַטירלעכקייט פון חלום.

אויף א מינוט צום געפאלענעם, שרייען ראפטום: „מאלאריע!". און ארבעטן אומגעשטערט ווייטער... אויף דעמזעלביקן פלאץ באוויזט זיך א רויט־ארמייאישער סאלדאט מיט א לאנגער געלער באָרד, צעבראסטעט, ער שמייכלט און פינטלט מיט די אויגן... (ס'קומט עפעס ווייטער, וואָס כ'קען זיך ניט גענוי דערמאָנען)".

ביי דער באַטראַכטונג לויט דעם „עפילם"־רעאליזירונג־פרינציפ ווייזט זיך ארויס דער אינערלעכער ריטם, וואָס פאַרבינדט אַט די אַלע אַזוי אומאָרגאַניזירטע בילדער*).

אויפן עק פון מיין גאַס איז פאַר קנאַפּע עטלעכע חדשים אויפגעשטעלט געוואָרן א גרויס פילגאָרנדיק הויז. ווען כ'גיי יעדן טאָג פאַרביי, טוט מיר א קלעם דאָס האַרץ פון דעם געדאַנק, אַז פאַר די עטלעכע חדשים, וואָס מענטשן האָבן אויפגעשטעלט „אַזאַ גרויס הויז", האָב איך פאַרזענלעך אַזוי ווייניק אויפגעטון. טאַקע דעמזעלביקן איינדרוק (נאָר אויף אַן אַנדער אופן) האָט אויף מיר געמאַכט מיין שכנישער פריינט: ער האָט זיך באַקאַנט צופעליק אין א רעסטאָראַן מיט א מיידל, האָט מיט איר אין עטלעכע טעג אַרום חתונה געהאַט און נאָך פאַר דעם סוף יאָר האָט ער געהאַט מיט איר א מיידעלע. פאַר אַזאַ לערך קורצער צייט האָט ער שוין דערגרייכט דעם גרויסן ציל פון לעבן, איז געוואָרן „שוין א גאַנצער טאַטע". איך פלעג צו אים אָפט זאָגן: „ווי שנעל יאָרן גייען פאַרביי, אָבער וויפיל מ'קאָן דערגרייכן דורך איין יאָר!". ווען כ'בין מיט יאָרן צוריק געגאַנגען אין שפיטאָל צום געפערלעך קראַנקן ד"ר ב. האָט ער צו מיר א בלאַסער געזאָגט: „וואָס טויגן מיר מיינע וויסנשאַפטלעכע פאַרדינסטן, ווען כ'האָב מיר נישט פאַרשאַפט קיין פאַמיליע און האָב דערפאַר נישט דערגרייכט „דעם גרויסן ציל פון לעבן". אָן קינדער, אָן פאַמיליע גייט מען אַוועק עלנט פון דער וועלט. ס'איז

*) די אומאָרגאַניזירטע חלומות (ווי אויך די אומאָרגאַניזירטע וואָרפאַנטאַזיע) באַנוצן זיך מער מיט אינדיווידועלע, ווי מיט אַלגעמיינע שטימונגסבילדער. און דערפאַר מוז מען אַנווענדן דאָ באַזונדערס די אויבנדערמאַנטע בילד־ערינערונגס־מעטאָדע.

געוועזן א ביטערער טעות (האט דר. ב. טרויעריק ווייטער געטענהט), ווען כ'האב אין דער יוגנט געלאכט פון שאָפּענהויערס טעאָריע פון ליבע..." (זיין ווייטערע דערקלערונג וועגן שאָפּענהויער און מיין דיסקוסיע מיט אים, אויך די ווייטערע עפּיזאָדן פון זיינע לעצטע מינוטן — געדענק איך נישט אויף דער וואך, ווי ס'איז אויך מטושטש אין חלום. דער איינדרוק פון „בלויזן" (פון פארגעסענע אָדער מטושטשע שטעלן) אין חלום האָט אין פיל פאלן די זעלבע באדייטונג, וואָס אין מאנכע דערציילונגען די שורות פון פיל פונקטן. אין ביידע פאלן מיינט עס, אז דער באטרעפנדיקער אינהאלט איז גענוג באקאנט, אָדער מען קאָן זיך אויף אים אָנשטויסן אָדער איז נישט וויכטיק פאר דעם ענין, און ס'איז גענוג בלויז מיט פונקטן־ווונקען אים אָנצודייטן). אין צוזאמענהאנג דערמיט איז מיר טאקע אויף דער לויה פון ד"ר ב. אויפגעפאלן, וואָס פיל האָבן געהאלטן רעדעס אויף זיין קבר, אָבער קיינער האָט קיין טרער נישט ארויסגעלאָזן... מיין געשריי אין חלום ברענגט צום פלאסטישן אויסדרוק מיינע דראמאַלסטיקע געדאנקען אויפן קבר (בילד־ווירקלעכקייט־פּרינציפּ): „אזוי פיל כבוד, אזוי פיל מענטשן און אזוי עלנט — נישטאָ ווער עס זאָל א טרער לאָזן!"... נאָך אין שפּיטאָל האָב איך דעם ד"ר ב. געזאָגט, אז עס זענען פאראן העכערע צילן, פאר וועלכע מענטשן פארלאָזן אפילו זייערע פאמיליעס. אָט די יידישע פּיאָנערן אין פאלעסטינע, האָב איך געטענהט, ארבעטן מיט מסירת־נפש אין א לאנד מיט א ריזיקער מערהייט אראבער (אין חלום זענען עס ריזיקע אראבער) און כאָטש פיל פלעגן שטארבן פון מאלאריע, פלעגן זיך דאָך די מייסטע נישט אומקוקן אויף די אלע געפארן און ארבעטן ווייטער (אין חלום ווערט עס פלאסטיש פאָרגעשטעלט). דעמזעלביקן איינדרוק האָב איך געהאט איינציקע יאָר שפּעטער אין קיעוו, אין צייט פון בירגער־קריג, ווען ווייניק באוואָפנטע רויטע ארמייער האָבן איינגענומען מיט מסירת־נפש די שטאָט. צווישן די ארייננעקומענע סאלדאטן זענען פיל גע־

ווען באַרוועס און הונגעריק, און דאָך פול מיט מוט און אַפּערווילד־
קייט. ווער פון זיי האָט דאַמאָלס אין זינען געהאַט די פאַמיליעס?
א באַזונדערן איינדרוק האָט אויף מיר דאַמאָלס געמאַכט איינער
א רויט ־ אַרמייער מיט א געלער באָרד, געקומען פון טיף סיביר. ער
איז דאַמאָלס אַריינגעקומען אין א קראָם (ווו איך בין געשטאַנען)
און געבעטן מען זאָל אים שענקען א העמד, ווייל ער גייט שוין
אַרום עטלעכע חדשים אויפן פּראָנט אָן א העמד אויפן לייב (אין
חלום הייסט עס צעבראַסטעט). ער האָט דערביי אויסגעזען זייער
נאַיוו און גוטמוטיק (אין חלום שמייכלט ער און פינטלט מיט די
אויגן — מעשה ־ קינד)....

ווי מיר זעען, שפּיגלט אָפּ דער חלום דעם ריטם פון טיף ־
אינטימע געפילס ־ איבערלעבונגען, די גאַנצע סובטעלע ראַנגלעניש
צווישן פאַרשיידענע געפילן און שטרעבונגען...

א דריטע קאַטעגאָריע פון אומזיניקע חלומות זענען די א. נ.
פּרימיטיווע חלומות. א חוץ דעם נאָרמאַל ־ באַוווסטזיין זענען פאַ־
ראַן ביי יעדן מענטשן, ווי מיר האָבן אויבן באַשריבן, צווייערליי
ספּעריש לײַדנשאַפטן: שעפעריש ־ אינטימע און פּרימיטיוו ־ דע־
גענעראַטיווע. די דאָזיקע דריי מינים פּסיכיש לעבן (נאָרמאַל באַ־
וווסטזיין, ספּעריש ־ אינטימע און ספּעריש ־ פּרימיטיווע ליידנ־
שאַפטן) זענען דורכויס אויטאָנאָם, כאָטש זיי זענען דינאַמיש
צווישן זיך פאַרבונדן. ביי פּסיכישע שטערונגען און מאָראַלישע דע־
גענעראַציע, אויך ביי צייטווייליקע אומנאָרמאַלע פּסכישע צו־
שטאַנדן (אַלקאָהאָלישע פאַרגיפטונג א. ד. גל.), באַהערשן דעם
מענטשן פּרימיטיווע ליידנשאַפטן, וואָס ווערן אָרגאַניש אויסגע־
דריקט אין פאַסנדיקע פאַנטאַזיע ־ בילדער. אונזערע עקספּערימענ־
טאַלע פאָרשונגען האָבן באַוויזן*), אַז די מעשהלעך און דערציילונ־
גען פון נעווראָטישע קינדער האָבן ניט די אָפּגעשלאָסנקייט און אײַ־
נערלעכע איינהייט, וועלכע מען טרעפט שטענדיק אין די מעשהלעך
פון נאָרמאַלע קינדער. לויט דעם גראַד פון דער פּסיכישער שטע־
רונג זענען די דערציילונגען אַנטשפּרעכנדיק כאַאָטיש און דיסאָ־

*) זע מײַן בוך: „די פּסיכאָלאָגיע פון אינטימען קינדער־לעבן", 4טער ח.

ציאירט (צעריסן). די חלומות, ווי די וואך־פאנטאזיע, זענען ביי פסיכישע שטערונגען און מאראלישער דעגענעראציע פרימיטיוו און כאאטיש, אויף וויפיל זיי דריקן אויס די מאמענטאן־הערשנדיקע פרימיטיווע געפילן. ווייל די טרוים־בילדער האבן די פאסצינירנדיקע פלאסטישקייט פון עכטער ווירקלעכקייט, ברענגען זיי שנעלער און שארפער צום אויסדרוק אויך יענע טונקעלע פרימיטיווע געפילן, וואס זענען נאך שוואך אויסגעדריקט אין דער וויניקער פלאסטישער וואך־פאנטאזיע. צום אונטערשייד פון די אומארגאניזירטע חלומות מיט זייערע ריטמיש־קוואליעדיקע טרוים־בילדער, זענען די פרימיטיווע חלומות א־ריטמיש, אויף וויפיל זיי דריקן אויס די צערודערטקייט פון דעם אומריטמיש געווארענעם געפילס־שטראם.

מיר קאנען דאס געזאגטע אזוי פארמולירן: כדי צו פארשטיין די אומזיניקע חלומות, מוזן מיר צווישן זיי אונטערשיידן דריי פארשיידענע קאטעגאריעס: 1) געלויפיקע פאנטאזיע־בילדער קעגן אויסזען אומזיניק, ווען און וויל זיי באקומען אין חלום די פלאסטישקייט פון עכטער ווירקלעכקייט. באנוצט מען דעם בילד־ווירקלעכקייט־„שליסל“, געפינט מען קלאר דעם פארשטענדלעכן בילדלעכן צוזאמענהאנג. דאס איז די קאטעגאריע פון „כלומרשט“ אומזיניקע חלומות, 2) אומארגאניזירטע חלומות מיט ריטמיש־קוואליעדיקע טרוים־בילדער, וואס דריקן אויס דעם ריטם פון דעם אינטים־פליטנדיקן עמאציאנעלן לעבן. דורך דעם געפילס־רעאליזירונג־„שליסל“ קאן מען ארויסגעפינען דעם ריטמיש עמאציאנעלן צוזאמענהאנג פון די אויסערלעך אומזיניקע חלומות, 3) פרימיטיווע חלומות. וואס דריקן אויס די פרימיטיווע אדער פרימיטיוו־געווארענע געפילן ביי פסיכישע שטערונגען און מאראלישער דעגענעראציע. ווען די טרוים־בילדער שפיגלען אפ כאראקטעריסטיש דעם גראד און כאראקטער פון דער אינטים עמאציאנעלער שטערונג.

מיר זעען אויף דעם אופן, אז האלטנדיק זיך ביים אבענעם אינהאלט פון חלומות, קאן די געפיל־רעאליזירונג־טעאריע ערשט

רעכט אויפקלערן די פארשיידענע קאטעגאריעס פון זינפולע און אומ־
זיניקע חלומות.

4

חלום, פֿאַנטאַזיע און שפּיל

(די ביאָלאָגישע פונקציע פון חלומות)

די אויפגעוויזענע פאַקטן פון חלומות לאָזן אונז **אַלץ** קלאָרער דערזען דעם אָרגאַנישן צוזאַמענהאַנג צווישן חלומות, פאַנטאַזיע*) און שפּיל, ווי אויך בעסער פאַרשטיין זייערע ביאָלאָגישע פונקציעס. צוליב דעם מוזן מיר זיך אַ רוק טון ווייטער און באַטראַכטן געוויסע גרונט־פאַקטן פון וואָך־פאַנטאַזיע און טרוים־פאַנטאַזיע.

ווען יעדע פאַנטאַזיע רעאַליזירט אין בילדער אונזערע געפילן, מוז מען דאָך פאַקטיש אונטערשיידן צווישען פּראַקטישער און פרייער פאַנטאַזיע. די ערשטע איז פאַרבונדן מיט דער צופּאַסונג צו דער ווירקלעכקייט. די פּראַקטישע פאַנטאַזיע, למשל, ביים פאָרשער, סוחר אָדער אַדמיניסטראַטאָר, זוכט אַזוינע בילדער אָדער קאָמבינאַציעס פון בילדער, וואָס לאָזן פאַקטיש באַהערשן דעם געגעבענעם אָביעקט פון פאָרשונג, מסחר אָדער אַדמיניסטראַציע. מיר האָבן אין אַן אַנדער אָרט באַצייכנט די פּראַקטישע פאַנטאַזיע אַלס „געבונדענע”, ווייל זי איז געבונדן דורך דער נאַטור פון דער רעאַלער סביבה, וואָס מען וויל פאַקטיש באַהערשן. די פרייע פאַנטאַזיע אָבער איז מער אומאָפּהע[נגיק] פון דער אַרומיקער ווירקלעכקייט און זוכט אויסצולעבן די אינטימע געפילן אין פרייע פאַנטאַזיע־בילדער. דער וויסנשאַפטלער, דער סוחר, דער אַדמיניסטראַטאָר קאָנען נאָך דער אַרבעט, אין די רו־שטונדן, לאָזן ווילנײַן זייערע

---

*) צוליב קורצקייט וועלן מיר אַפט מיט דעם וואָרט „פאַנטאַזיע” באַצייכענען די וואָך־פאַנטאַזיע.

אינטימע שטימונגען און אויסלעבן זיי אין פרייע פאַנטאַזיע - בילדער.

די פּראַקטישע פאַנטאַזיע הערשט אין דעם „נאָרמאַל - באַזוסטזיין", וואָס איז ראַציאָנעל צוועקמעסיק און זוכט הויפּטזעבלעך דורך נוצלעכער „אַרבעט" צו פאַרווירקלעכן די נויטיקע צופּאַסונג צו דער רעאַלער ווירקלעכקייט. די פרייע פאַנטאַזיע אָבער הערשט אין דעם „ספעריש" - ליידנשאַפטלעכן לעבן, וואָס איז אינטואיטיוו - אימפּולסיוו און זוכט צו רעאַליזירן דורך לוסטיקע „שפּילן" פון דער רו - צייט די שעפעריש - אינטימע אָדער פּרימיטיווע געפילן פון מענטשן.

די פרייע פאַנטאַזיע גופא אַנטפּלעקט זיך אויף צוויי אופנים — אין וואַך - פאַנטאַזיע און טרוים - פאַנטאַזיע. אין דער ערשטער ווערן פאַנטאַזיע - בילדער איבערגעלעבט ווי אויסגעטראַכטע, פאַרגעשטעלטע („עסטעטישע" איינגנשאַפטן); אין דער צווייטער ווערן די פאַנטאַזיע - בילדער איבערגעלעבט (בשעת דעם חלום) ווי עכטע ווירקלעכקייט („מאַגישע" איינגנשאַפט)*).

מיר קאָנען איצט נאָך קלאָרער זען דעם ריטם און צוזאַמענהאַנג צווישן אַרבעט און שפּיל. אין דער אַרבעט אָדער פּראַקטישער פאַנטאַזיע ווי ל דער מענטש לעבן ווי ער קאָן, לויט די רעאַלע צופּאַסונגס-מעגלעכקייטן, אין דעם שפּיל אָדער פרייער פאַנטאַזיע קאָן דער מענטש לעבן ווי ער ווי ל לויט זיינע אינטימע ליידנשאַפטן (אינטים - שעפערישע און פּרימיטיוו - דעסטרוקטיווע). ווי ביים קינסטלער דריקט זיך אויס די פרייע פאַנטאַזיע עפּיש - ליריש (דערציילונגען, שטימונגס - לידער) און דראַמאַטיש (דראַמאַטישע ווערק), אַזוי קאָן דער שפּיל - דראַנג ביי יעדן מענטשן זיך אויסדריקן, ווי מיר האָבן אויבן (קאַפּ. 1) אויספירלעך באַשריבן.

---

*) מיר קענען דאָס געזאָגטע פאַרשטעלן אין פאָלגנדיקער סכעמע:

פאַנטאַזיע

פּראַקטישע (געבונדענע) | פ ר יי ע

פרייע: וואַך - פאַנטאַזיע | טרוים - פאַנטאַזיע

אין פאַנטאַזיע - שפּיל און אין האַנדלונג - שפּיל. ווען דער מענטש
איז איינזאַם און האָט ניט אין זיינע רו - שטונדן קיין געלעגנהייט
פאַר האַנדלונג - שפּיל, באַפרידיקט ער זיין שפּיל - פאַנטאַזיע דורך
אַ שיין בוך, אַ מאָלעריש בילד, דורך טעאַטער, אָדער ער זעצט זיך
אין אַן „אינטימען” ווינקל און לאָזט ווילגיין זיין פרייער פאַנטאַזיע
לויט זיינע אינערלעכע שטימונגען — פאַנטאַזיע - שפּיל. און ווייל
אין שלאָף איז די מעגלעכקייט פאַר האַנדלונג - שפּיל ביז גאָר באַ־
גרענעצט, קומט דערפאַר דאַמאָלס דער רייכער פאַנטאַזיע - שפּיל
פון חלומות. אָבער כאָטש די טרוים - פאַנטאַזיע האָט ניט די מעג־
לעכקייט זיך אָפּצושפּילן אין האַנדלונגען אָדער באַוועגונגען, קאָמ־
פענסירן עס די חלומות דורך זייער פּלאַסטיש - „מאַגישער” איי־
נגשאַפט איבערגעלעבט צו ווערן ווי עכטע ווירקלעכקייט. קאָנקרע־
טער אויסגעדריקט, כאָטש דער מענטש ליגט אומבאַוועגלעך אין
שלאָף, קאָן ער דאָך, אָן קינסטלערישע קאַטאָוועס, פלאַטערן מיט
גאַנצן האַרצן אין די אומענדלעכע געגנטן פון דער טרוים - פאַנטאַז־
יע, וואָס לאָזט אויפקומען אינטימע געפילן צין רעאַל - פּלאַסטישע
בילדער און ברענגט רעאַלע פאַרב און חיות פאַר יעדער שטימונג.*)

דאָס געזאָגטע לאָזט אונז קלאָר פאַרשטיין די פונקציע פון
חלומות. אַזוי ווי חלומות זענען דער שפּיל פון מענטשן אין דער
צייט פון שלאָף, דערפילן חלומות די אַלגעמיינע פונקציע פון שפּיל
צו וועקן דעם לעבנס - דראַנג. די אַרבעט זוכט צו פאַרווירקלעכן
דעם קאַמף פאַר עקזיסטענץ; דער שפּיל וועקט דעם חשק צו עקזיס־
טענץ און קאַמף, דעם לעבנס - דראַנג. ביי דער אויבנבאַשריבענער
באַטראַכטונג (קאַפּ. 3) פון דעם מיידלס חלום און פאַנטאַזיע,
האָבן מיר געקענט מאַכן די אויספירונג: ווי דער שפּיל וועקט און

---

*) מיר האָבן באַשריבן די פאַרשיידענע טעטיקייטן פון פאַנטאַזיע לויט
זייערע פּאַקטישע פונקציעס אין לעבן און אויף דעם אופן זענען מיר נעענטער
געקומען צום ביאָלאָגישן וועזן פון פאַנטאַזיע. פאַר אַט דער ביאָלאָגישער אָר־
יענטירונג איז פון באַזונדערער באַדייטונג דער דערמאָנטער פאַקט, אַז די פּראַק־
טישע פאַנטאַזיע הערשט הויפּטזעכלעך אין דער נוצלעכער „אַרבעט” (אַרבעט־
פאַנטאַזיע!) און די פרייע פאַנטאַזיע — אין די לוסטיקע „שפּילן” פון דער רו־

ברענגט צום אויסדרוק דעם לעבנס - דראנג, אזוי ווערט ביי דער שפּילפאַזיקייט (לאנגווייל) דער דאַזיקער לעבנס - דראנג אונטער - דריקט און אָפּגעשוואכט. דער מענטש פארלירט דורך דעם אַלץ מער זיין פּסיכישע ווידערשטאנדס - קראפט, ער קאָן ניט מער באהערשן די פריער גוט באהערשטע שוואכקייטן פון נערוועז - פּסיכישן לעבן. אָפּהענגיק פון נאטור און דערציונג, ברעכט אויס ביים מענטשן דער נעווראָז אָדער די מאָראַלישע אויסשרייטונג, וואָס וועקן דעם אָפּגעשוואכטן לעבנס - דראנג דורך דעסטרוקטיווע (פּרימיטיווע) שפּיל - סטימולן, ווי אַלקאָהאָל, אַזארט, נעוראָטישער שמערץ, איז דאָך דער נעוראָטישער שמערץ נישט קיין אָרגאַנישער, עכטער שמערץ, נאָר אַ צוואַנגהאפט פאַרגעשטעלטער אָדער געשפּילטער, אַ מין צוואַנג - שפּיל פון איינגעבילדעטע ליידן. דער נעווראָז אָדער דער מאָראַלישער עקסצעס איז אַ פּרי - מיטיווער צוואַנג - שפּיל, וואָס קומט דורך דעם אויספעלן פון פּראָדוקטיוון שפּיל. דאָס געזאָגטע קאָן פּסיכאָלאָגיש אזוי אויסגעדריקט ווערן. די ארבעט ברענגט צום אויסדרוק דאָס ראַציאָנעלע נאָרמאַל - באַוווסטזיין. דער שפּי וועקט און באַפרידיקט די ספעריש - עמאָציאָנעלע אור - כחות. ביים אויספעלן פון פּראָדוקטיווע שפּילן, וואָס וועקן די שע -

ציִיט (שפּיל - פאַנטאַזיע!). מיר באַקומען אויף דעם אופן פאָלגנדיקע ביאָלאָגישע (אדער פּסיכאָ - ביאָלאָגישע) סכעמע פון פאַנטאַזיע:

פאַנטאַזיע

ארבעט - פאַנטאַזיע (פּראַקטישע)	שפּיל - פאַנטאַזיע (פרייע)		
	וואכע שפּיל - פאַנטאַזיע		טרוימערישע שפּיל - פאַנטאַזיע
	ליריש - עפּישע	דראַמאַטישע	עפּיש - לירישע
	(עסטעטישע)		(מאַגישע)

פעריש - אינטימע ספערישע כחות, קומט עס צום צוואנג - שפּי־
פון פרימיטיוו - דעסטרוקטיווע ספערישע כוחות*), פון וואנען דער
מענטש קען זיך באפרייען ביי דער גינסטיקער געלעגנהייט פון א
פּראָדוקטיוון ספעריש - אינטימען אויפשוווּנג.

אזוי ווי די פונקציע פון שפּיל איז אזוי לעבנס - וויכטיק, פאר־
נעמט טאקע דער שפּיל א צענטראלן פּלאץ אין מענטשנס לעבן און
האָט אין יעדער סיטואציע, אויף דער וואך און אין שלאף, זיינע
באזונדערע מעגלעכקייטן. אויף דער וואך זענען פאראן די ברייטע
מעגלעכקייטן פון פאנטאזיע - שפּיל און האנדלונגס - שפּיל, וואָס
באנוצן אויך די ראציאָנעלע ניכטערע כוחות, ווי, למשל, די איני־
ציאטיוו, ווילנס - אימפּולסן און די מאָטאָרישע קראפט פון האנד־
לונגען. דערפאר אָבער זענען די וואך - שפּילן באגרענעצט דורכ־
דעם (זע אויבן קאפּ. 2), וואָס זיי האָבן שטענדיק דעם כאראקטער
פון איינבילדונג. ווי דערשיטערנדיק דער ארטיסט זאָל נישט שפּילן
אויף דער בינע, פילן מיר דאָך, אז עס איז בלויז א פאָרשטעלונג.
די וואך - שפּילן פארכאפּן און באנוצן די
ראציאָנעלע כוחות, דערפאר פארלירן זיי
דעם טעם פון עכטער ווירקלעכקייט. אין שלאף

---

*) דאס שטייט אין צוזאמענהאנג מיט אונזער לערע פון פסיכישע וויטא־
מינען. ווי די פיזישע וויטאמינען זענען, לויט דעם אויסדרוק פון דעם פיזיא־
לאג שערמאן, די „צינד - פונקען” פון קערפּערלעכן לעבן, אזוי זענען די שפּילן
די „פסיכישע וויטאמינען”, די נויטיקע סטימולן פון פסיכישן לעבנס - דראנג.
ווען ס'פעלן אוים די פסיכישע וויטאמינען, נעמלעך אין דעם צושטאנד פון
שפּיללאזיקייט, קומט עס צום צושטאנד פון פסיכישן סקארבוט, ד. ה. צו אזא
פארמינדערונג פון פסיכישער שפּאנונג, ווען ס'ברעכט אוים אויף דעם באשרײ־
בענעם אופן דער נעווראז אדער די מאראלישע אויסשרייטונג. פסיכאלאגיש
אויסגעדריקט, זענען די פסיכישע וויטאמינען ספערישע פאקטארן, ד. ה. אזוינע
פאקטארן, וואס וועקן דעם ספעריש עמאציאנעלן לעבנס - דראנג. אויספירלעך
ווערט די דאזיקע גאנצע לערע פסיכאלאגיש און קליניש באשריבן אין מיין
בוך: „דער וועג צום מענטש” (די יסודות פון מענטש - וויסנשאפט און די לערע
פון נערוועזיטעט).

אָבער ווערט דער מענטש באַפרייט פון די ראַציאָנעלע כוחות פון ווילן און באַוווסטזיין, ווי דער קערפּער ווערט באַפרייט פון האַנדלונגען און באַוועגונגען. דער טרוימערישער פאַנטאַזיע - שפּיל (צום אונטערשייד פון וואָך - שפּיל) האָט דערפאַר די אומבאַגרענעצטע שפּאַנונג פון עכטער ווירקלעכקייט. אויף וויפיל טרוים - בילדער ווערן איבערגעלעבט בשעתן חלום ווי ווירקלעכע דערשיינונגען. נאָכמער, דער גאַנצער פּסיכישער מאַטעריאַל, די אַלע אין דעם זכרון צונויפגעקליבענע איינדרוקן פון דעם וואָך - לעבן —— ווערן פאַראַרבעט און פאַרוועבט פון דער טרוימערישער שפּיל - פאַנטאַזיע. די וואָך - שפּילן פאַרוועבן דעם שפּיל - דראַנג אין דער אַטמאָספערע פון דער אויסערער רעאַלער ווירקלעכקייט, דאָס טרוימערישע פאַנטאַזיע - שפּיל, פאַרקערט, פאַרוועבט די איינדריקן פון דער אויסערער רעאַלער וועלט אין דער חלום - אַטמאָספער. די וואָך - שפּילן און טרוים - שפּילן רעאַליזירן, הייסט עס, דעם שפּיל - דראַנג אין צוויי פאַרשיידענע ריכטונגען, וואָס דערגענצן די קאָנטינויטעט און וואָס נאָר ביידע צוזאַמען נעמען אַרום דאָס פולוויטיקע פּסיכישע לעבן. די חלומות האָבן זייער אייגענע לעבנס - וויכטיקע שפּיל - פונקציע, אויף וויפיל און ווייל בלויז אין חלומות קאָן דער מענטש מיט באַוווסטזיין און געפיל פון ממשותדיקייט וועקן און רעאַליזירן דעם ספעריש - עמאָציאָנעלן לעבנס - דראַנג אין זיין אומבאַגרענעצטער עכטקייט און אינדיווידועלער פולגעשטאַלטיקייט*).

מיר זעען, אַז די פאָרשונג פון חלום - אינהאַלט פירט אונז פון אַן אַנדער זייט צו די זעלביקע רעזולטאַטן, צו וועלכע מיר זענען געקומען אויבן (קאַפּ. 2) אויף גאַנץ אַנדערע פאָרשונגס - וועגן, נעמלעך דורך דער פאָרשונג פון שלאָף.

*) פון דעם געזאַגטן איז קלאָר, אַז חלומות און וואָך - שפּילן רעאַליזירן זייער שפּיל - פונקציע דורך דער שאַפונג פון פאַנטאַזיע - בילדער. אט דער שאַפונגס־פּראָצעס טראָגט אין זיך און פאַר זיך, ווי מיר וועלן ווייטער אויספירלעכער באַשרייבן, אַ צווייטע ביאָלאָגישע פונקציע, די שאַפונגס - פונקציע.

5

ווּהין פירן די פאַרשיידענע אויפפאַסונגען פון חלומות?

(כאַראַקטעריסטישע (טיפּישע) חלומות.)

אויף וויפיל חלומות זענען טונקל און פארפלאָנטערט קאָן יעדע אויפפאַסונג פון חלומות אַמבעסטן אויספּרובירט ווערן דורך די אַזוי גערופענע טיפּישע חלומות. דאָס זענען אַזוינע חלומות, וואָס די מייסטע מענטשן חלומען אויף אַן ענלעכן אופן און וואָס מוזן, אַ פּנים, האָבן די סאַמע אַלגעמיינע אָדער עיקר־דיקע שטריכן פון חלומות. ווייל די דאָזיקע חלומות זענען אַלעמען באַקאַנט, קאָן יעדער שטעלן דאָ צום קרייץ - פאַרהער די צוויי טעאָריעס פון חלומות, נעמלעך די פּסיכאָ - אַנאַליטישע טעאָריע פון ווונטש - דערפילונג און אונזער טעאָריע פון געפיל - דערפילונג. כ׳וויל אָבער פריער אילוסטרירן דורך אַ פאַל, אויף וויפיל מיר מוזן ביי חלומות־פאַרשונג קאָנטראָלירן אונזערע אייגענע נייגונגען.

אַ פינפיאָריק ייִנגעלע, פעיק, מיט אַ רייכער פאַנטאַזיע, פרעגט די לערערין אין קינדער - גאָרטן, פונוואַנען נעמען זיך קינדער אויף דער וועלט. די לערערין גיט אים דעם באַקאַנטן ענטפער, אַז דער פויגל ברענגט די קינדער אין שטוב. אין עטלעכע טעג אַרום שטעלט דאָס ייִנגעלע דיזעלבע פראַגע דער מוטער. זי גיט אים די אמתע דערקלערונג, אַז קינדער ווערן געבוירן פון טאַטע - מאַמע. דערויף זאָגט דאָס קינד אַנטשיידן, אַז אים געפעלט בעסער דער ענטפער, דאָס אַ פויגל ברענגט די קינדער פון הינטערן הימל — „אַזוי איז

שענער". דאָס יינגעלע האָט נאָך ווייניק חוש און ליבע פאַר דער איינפאַכער ווירקלעכקייט און בלויז דאָס פאַנטאַסטישע זעט אים אויס צו זיין דאָס שענערע און דאָס ריכטיקערע. אויך בנוגע חלומות, וואָס קומען פאַר פון יענער זייט האַכן באַוווסטזיין, ווערט ביי פיל מענטשן אָפּגעשוואַכט דער חוש פאַר איינפאַכקייט און זיי ווייזן דאָ ארויס די קינדישע נייגונג פאַר דאָס „פאַרבאָרגענע". דאָס „אויסגעטייטשטע", דאָס טונקל „אומבאַוווסטע". ביי חלומות־פאָרשונג מוז מען דעריבער קודם־כל גובר זיין דעם איינגענעם אָפּנייג פון איינפאַכקייט.

שוין פון אָנהויב אָן אונטערשיידן זיך ביידע דערמאָנטע טעאָריעס טאַקע דורכדעם, וואָס איינע איז עקסטרעמע אויסטייטשונג און זוכט רק דאָס „פאַרבאָרגענע", בשעת די אַנדערע איז שטרענגע איינפאַכקייט, וואָס זוכט דורך עקספּעדיציע־פאָרשונג צו מאַכן אָפן און קלאָר אויך דאָס פאַרבאָרגענע. דערמאָנען מיר נאָך איינמאָל. לויט דער ווונטש־דערפילונגס־טעאָריע פון פּסיכאָ־אַנאַליז איז יעדער חלום דער אויסדרוק פון אַ ווונטש — ממילא מוז מען די פיינלעכע שרעק חלומות מיט בלעריי קונצן אויסטייטשן, כדי ארויסצוגעפינען אַ „פאַרבאָרגענעם" ווונטש. לויט דער געפיל־דערפילונג־טעאָריע אָבער פון דער מענטש־וויסנשאַפט דריקן אויך חלומות אויזערע געפילן, וועלכע זענען ביים מענטשן לויט צושטאַנד און סיטואַציע זייער פאַרשיידן: פיינלעכע אָדער לוסטיקע, שעפּעריש־איינגימע אָדער דעסטרוקטיווע־פּרימיטיווע. די שרעק־חלומות דריקן אויס אויף דעם אופן נישט קיין ווונטש, נאָר דאָס געפיל פון שרעק, וואָס קאָן באַהערשן דעם מענטש אָן אָדער אַנטקעגן זיין ווונטש. די געפיל־דערפילונג־טעאָריע, הייסט דאָס, זוכט צו דערקלערן חלומות איינפאַך, אָן יעדן צוואַנג פון אויסטייטשונג. אָבער גראָדע ביי די כאַראַקטעריסטישע אָדער טיפּישע חלומות וועט דער אונטערשייד צווישן אָט די ביידע טעאָריעס זיך ארויסווייזן געוואַלטיק אַנטשיידן נישט נאָר פאַר דער אויפפאַסונג פון חלומות, נאָר פאַר אונזער גאַנצער וועלט־אָנשויונג.

מיר וועלן נעמען מאַקע יענע טיפּישע חלומות, וואָס זענען געוואָרן אַ מין אויסגאַנגס - פּונקט פאַר דעם פּסיכאָ - אַנאַליז.

1. אַ באַקאַנטער טיפּישער חלום איז דער אַזוי גערופענער פאַרלעגנהייטס - חלום פון אומגעקליידט אָדער שלעכט - געקליידט זיין. דער חלום קומט פאָר אָט ווי אַזוי. אין אָנוועזנהייט פון פרעמדע מענטשן, אָדער נאָר אויף עפנטלעכע פּלעצער, דערזעט מען זיך (אין חלום) אומקאָרעקט געקליידט. אַמאָל איז עס מער באַשטימט — מ'שטייט אין נאַכט - העמד, אָדער בלויז אָן אַ רעקל, אָן אַ קראַגן א. ד. גל. אַמאָל איז עס שטאַרק אומבאַשטימט — אין חלום גופא פילט מען אומזיכער, צי מ'איז אָן אַ רעקל „אָדער" אָן אַ זשאַקעט. געוויינטלעך איז אַזאַ חלום נישט פאַרבונדן מיט אַבסאָלוטער נאַקעטקייט, נאָר מיט אומקאָרעקטער אָדער ניט - פולער קליידונג. אין פיל פאַלן זעט מען זיך אין פולער, אָבער ניט געהעריקער קליידונג, ווי, למשל, אַן אָפיציר זעט זיך שטיין אויף מאַנעווורעס נישט אין אַ מיליטערישן, נאָר אין אַ ציווילן אָנצוג.. אָדער אַ מיידל זעט זיך אויף אַ באַל אין וואָכעדיקע קליידער מיט צעשויבערטע האָר, קיינמאָל אָבער זעט מען נישט אין אַזאַ חלום נאַקעט, גאַנץ אַנטבלויזט. ס'איז דערפאַר אומריכטיק צו באַצייכנען אָט די חלומות אַלס „נאַקעטע חלומות", ווי דאָס טוען די פּסיכאָ - אַנאַליטיקער. הויפּטזעכלעך פילט מען זיך אין אַזוינע חלומות צעשפּילעט, צעבראַסטעט, „נעגליזשע". אין אומאָרדנונג. מיר וועלן דערפאַר די דאָזיקע חלומות קורץ באַצייכענען אַלס נעגליזשע חלומות. אַמאָל וויל מען (אין חלום) אַוועקלויפן, אָבער מ'קען זיך פון אָרט נישט רירן. מען האָט תמיד אַ פיינלעך געפיל פון צעשטערטקייט. זעלטן פילט מען אויך אַ געוויסע פאַרשעמטקייט. כאַראַקטעריסטיש איז, וואָס די פרעמדע, די אַרומיקע זעען גלייכגילטיק, האָבן אָפט אַ שטייף קאַלטן אויסזען. דער באַשרייבענער חלום קאָן, פאַרשטייט זיך, פאַרקומען אין פאַרשיידענע וואַריאַציעס מיט פאַרשיידענע אינדיווידועלע צונאָבן. ס'זענען פאַראַן פיל מענטשן, וואָס האָבן קיינמאָל אַזאַ חלום ניט געהאַט, יעדנפאַלס געדענקען זיי ניט פון אַזאַ חלום.

גראָדע אָט דעם חלום קאָן מען איינפאַך און לייכט פאַרשטיין מיט דעם געפיל - דערפילונגס - פּרינציפּ. די אָרדנונג פון אונזערע

סלײדער, װאָס מיר טראָגן שטענדיק, יעדן טאָג, אין משך פון גאַנצן לעבן, איז אַזױ אײַנגעװאָרצלט, אַז יעדע מינדעסטע ענדערונג גיט אַ שאַרף בילד פון צעשטערטער אָרדנונג. אַן אָפן צעשפּילעטער זשילעט, אָדער אַ צעבראַסטעטע העמד אָן אַ קראַגן איבעראַשט אַלעמען אין דער געזעלשאַפט, װי אַ געװאַלטיק לעבערלעבער דיסאָנאַנס, װי אַן אומפּאַסנדיקער „נעגליזשע״. בײַם „נעגליזשע״ איז מען דאָך נישט נאַקעט, נאָר מ׳איז בלױז אָנגעטון פרײַ, באַקװעם, ניט אין געזעלשאַפטלעכע קלײדונג. דאָס כאַראַקטעריסטישע איז, װאָס אױף װיפיל דער נעגליזשע איז אָנגענעם באַקװעם אינדערהײם צװישן אײגענע, אױף אַזױ פיל װערט ער פײַנלעך, סקאַנדאַליע: צװישן פרעמדע, אױף עפנטלעכע פּלעצער. אַ שלאָף־מאַנטל איז אַ באַקװעמע זאַך אינדערהײם, אָבער אַ סקאַנדאַל אױף אַן אָפיציעלן באַנקעט — אומפּאַסנדיקער נעגליזשע. דערפאַר קומען טאַקע אין חלום די נעגליזשע־בילדער צװישן פרעמדע, אױף עפנטלעכע פּלעצער. די פרעמדע זענען דערבײַ נישט הײמיש־גוטמוטיק, נאָר שטײַף־פײַערלעך, װאָס מאַכט דעם נעגליזשע נאָך מער אומפּאַסנדיק. מיר זעען, אַז אַלע דעטאַלן אין חלום זענען אױסן צו פאַרשטאַרקן דעם פּײַנלעכן אײַנדרוק פון נעגליזשע. אונזערע פאָרשונגען האָבן באַװיזן, אַז פיל מענטשן, אױך אַזױנע, װאָס האָבן קײנמאָל דעם באַשריבענעם חלום נישט געהאַט, לעבן איבער אױף דער װאָך דאָס דערמאָנטע נעגליזשע־געפיל, װען זײ קומען פּלוצים אין צושטאַנד פון צעשטערטער אָרדנונג. אַלע מאָל װען מען װערט אַרױסגעשלאָגן פון דער אײַגענער הײם, סביבה אָדער לעבנס־אָרדנונג, װען מ׳װערט פּלוצים און הילפלאָז געשטעלט פאַר אַ כאַאָטישן מיש־מאַש — פילט מען זיך אָפט װי „צעבראַסטעט״, אין פּײַנלעכן נעגליזשע. די הילפלאָזיקײט װערט אין חלום אָפט אױסגעדריקט דורך דאָס בילד, װאָס מ׳װיל אַװעקגײן, נאָר מ׳קען זיך נישט רירן פון אָרט — געצװוּנגענער נעגליזשע. זײער אָפט קומט פאָר דאָס נעגליזשע־געפיהל (ניט נאָר אין חלום, נאָר אױך אױף דער װאָך) בײַם הײמלאָזן עמיגראַנט, װאָס האָט זיך נישט װו אַהינצוטון א־

גייט אַרום אַ פאַרלוירענער צווישן איינגעאָרדנטע מענטשן, ווי אַ צעשויבערטער, שלעכט - געקליידעטער מענטש אין אַן עלעגאַנטער געזעלשאַפט. דער דייטשער קינסטלער גאָטפריד קעלער שילדערט אין דעם „גרינעם היינריך" דאָס בילד פון אַזאַ פאַרוואָגלטן היים - לאָזן עמיגראַנט, וואָס זעט זיך ביינאַכט אין חלום ווי אַ פאַרשטויבטער און אָפּגעריסענער אין רעכטן מיטן פון אַ גלענצנד געהויבענער געזעלשאַפט. אָט אַזוי טרעפן מיר נאָך ביי האָמערן דאָס בילד פון אָדיסיי, וועלכער דערשיינט אומגעקליידט מיט שלאַם באַדעקט פאַר דער נאַוסיקאַ און אירע חברטעס. „אַזוי לאַנג ווי מענטשן עקזיס - טירן, זאָגט קעלער, איז עס דער חלום פון דעם פאַרזאָרגטן, אַרומגעשליידערטן מאַן, און אַזוי האָט האָמער יענע לאַגע פון דעם טיפסטן און אייביקן וועזן פון דער מענטשהייט אַרויסגענומען".

מאַנכע עמפינדלעכע מענטשן קאָנען (לויט אונזערע פאָרשונ - גען) האָבן אויף דער וואַך דאָס נעגליזשע - געפיל שוין ביי די קלענסטע אָנדייטונגען פון כאַאָטישקייט, ווען, למשל, די טירן זענען מיט אַמאָל אָפן פון עטלעכע זייטן, ווען ס'פעלן מיט אַמאָל אַן מענטשן און ענינים אַן אַ סדר א. אַ. וו. מ'האָט דערביי אָפט דאָס געפיל (לויט אייניקע זעלבסט - באַשרייבונגען), ווי מ'וואָלט געזעסן אָן אַ רעקל, צעשפילעט, אין רעכטן מיטן מאַרק. כ'וויל דאָ קורץ דערמאָנען דעם פאַל מיט אַ דיריזשאָר: ווי נאָר אין אָרקעסטער באַווייזן זיך די קלענסטע סמנים פון אַ דיסאָנאַנס צווישן די אינסטרומענטן, אַזוי פילט ער, ווי ער וואָלט געשטאַנען אויף דער עסטראַדע פאַרן עולם אָן אַ סורדוט מיט צעשויבערטע האָר*). אויף דער וואַך איז דאָס נעגליזשע - איבערלעבעניש אַ בילדלעכער אויסדרוק, וועלכער ווערט אָבער אין חלום איבערגעלעבט מיט דער גאַנצער נאַטירלעכער פּלאַסטישקייט פון עכטער ווירקלעכקייט (בילד - ווירקלעכקייט פּרינציפּ). וואָס אויף דער וואַך איז בלויז אַ שטימונגס - בילד,

*) אַ מיטליאַריקער סוחר באַריכטעט מיר: ער איז רעליגיעז: יעדעס מאָל ווען ער איז געצוואונגען (אַנטקעגן דער שטענדיקער אָרדנונג זיינער) צו שטיין אין דער פרי און געשעפט פאַר דעם מאָרגן - געבעט — פילט ער זיך, ווי ער וואָלט געזעסן צעכראַסטעט, אָן אַ רעקל אין מיטן מאַרק.

איז עס אין חלום א רעאלע פּאַסירונג. דאָס געזאָגטע קען איצט אַזוי פאָרמולירט ווערן: אין חלום, ווי אויף דער וואָך, דריקן אויס די פאַנטאַזיע־בילדער פון אומפּאַסנדיקן נעגליזשע די אינטים־פיינלעכע געפילן אַמענטשן, וואָס איז פּלוצים אַרויסגעשלאָגן פון זיין נאַטירלע־כער לעבנס־אָרדנונג. מיר זעען, אַז די געפיל־דערפי־לונגס־טעאָריע דערקלערט זייער איינפאַך דעם באַשריבענעם חלום אין איינקלאַנג מיט אונזער טאָג־טעגלעכער דערפאַרונג און אויך מיט דער קינסטלערישער אויפפאַסונג.

די ווונטש־דערפילונגס־טעאָריע אָבער פון פּסיכאָ־אַנאַליז זוכט אַרויסצוטייטשן פון די נעגליזשע־חלומות א „פאַרבאָרגענעם ווונטש". דורך זייער ווייטע ספּעקולאַציעס ווערט אַרויסגעדרונגען, אַז די נעגליזשע־חלומות דריקן אויס דעם „פאַרבאָרגענעם" ווונטש, וואָס שטאַמט כּלומרשט פון די פריסטע קינדער־יאָרן (אַן ערך ביז צום פערטן לעבנס־יאָר), נעמלעך צו אַנטבלויזן די סעקסועלע אָר־גאַנען פאַר דעם אַנדערן געשלעכט (עקסהיביציאָניזם). קען אַזאַ אויסטייטשונג איז קודם־כּל דער אינהאַלט פון די נעגליזשע־חלו־מות גופא. אין אָט די חלומות איז מען קיינמאָל ניט נאַקעט, סעק־סועלע אָרגאַנען זענען קיינמאָל ניט אַנטבלויזט, מ'האָט קיינמאָל ניט דאָס קלענסטע סעקסועלע געפיל. אחוץ דעם דיזעלבע נעגליזשע־בילדער אויף דער וואָך שטייען דאָך אין קלאָרן און פאַרשטענדלעכן צוזאַמענהאַנג, ווי מיר האָבן פריער געזען, מיט רעאַלע סיטואַציעס פון צעשטערטער אָרדנונג, אָן וועלכן ס'איז סעקסועלן ניואַנס. די אויסטייטשונגען מוזן אַזוי אַרום איגנאָרירן סיי דעם קלאָרן אינהאַלט פון די חלומות, סיי דעם נאָך קלאָרערן אינהאַלט פון דער אוממיטל־באַרער דערפאַרונג.

וועלכע זענען אָבער די לעצטע אויספירונגען, צו וועלכע ס'קאָ־נען קומען די דערמאָנטע צוויי אויפפאַסונגען פון די נעגליזשע־חלו־מות?

לאָמיר אָקאָרשט ווייטער באַשרייבן דעם אויבנדערמאָנטן פאַקט, אַז דער נעגליזשע איז אָנגענעם צווישן איינענע און פיינלעך צוויש־

פרעמדע. אין דער אייגענער פאמיליע פילט מען זיך, למשל, אנגענעם
אין דעם איינפאכן שלאף - מאנטל. וואס ווייטער און פרעמדער די
מענטשן, אלץ פיינלעכער ווערט דער נעגליזשע. אין דער אומממי -
טעלבארער דערפארונג פון יעדן נארמאלן מענטשן שטייט קלאר
דער פאקט, אז ווען א מוטער אדער א שוועסטער זיצט אין נעגליזשע,
האט מען בלויז דאס נאטירלעכע געפיל פון היימישקייט, און דער
מינדסטער סעקסועלער אויפרעגונג, בשעת א פרעמדע פרוי אין
אזא צושטאנד וואלט אונז סעקסועל אנרעגן. אין דער אומממיטלבא־
רער דערפארונג קומט די סעקסועלע נייגונג צו עלטערן אדער שוועס־
טער בלויז אלס אן אומנארמאלע קראנקהאפטע דערשיינונג (אינ -
צעסט). אין די פריסטע קינדער - יארן (טאקע אן ערך ביז צום פער־
טן לעבנס - יאר) אונטערשיידן מיר נאך ווייניק צווישן אייגענע און
פרעמדע. מיר רופן אן יעדן פרעמדן „פעטער" און מיר זענען גרייט
דאמאלס צו יעדן פעטער ארויף אויף די הענט, אבי ס'טוט אונז
נאר א ציי צו אים. אויף וויפיל פאר דעם נאיוון
קינד זענען אלע מענטשן „אייגענע", פילט
זיך דאס קינד אויף דער גאנצער וועלט,
ווי אין דער היים און שעמט זיך ניט מיט
קיין נעגליזשע. ווען פינף - יאריקע קינדער לויפן ארויס
פארן שלאף צו דערוואקסענע און טאנצן שטיפעריש אין די הוילע
העמדלעך — באהערשט אונז א ריינע נאיווע קינדער - פרייד. און
ווען מיר, דערוואקסענע, טרוימען וועגן א גאלדענעם יארהונ -
דערט אין דער ווייטער פארגאנגענהייט אדער ווייטער צוקונפט,
קלערן מיר, אז אלע מענטשן זענען דאמאלס „אייגענע" און ברידער,
און ווי נאיווע קינדער פילן מיר זיך „ווידער" אויף דער וועלט ווי
אין דער היים און שעמען זיך ניט מיט אונזער נאקעטקייט. דער
גן - עדן אין דער פאלקס - פאנטאזיע, אין רעליגיע און קונסט איז
תמיד פול מיט דער ריינער נאיווער אור - פרייד פון דער קינדהייט.
די פיינלעכע נעגליזשע - חלומות דריקן אויס לידן פון דעם מענטשן,
וואס זיין היים איז בלויז א וואקלדיק פינטעלע אין דער וועלט פון
פרעמדקייט. ס'איז די אינטימע בענקשאפט צו דער ריינער אומבא־
וואוסטער אור - פרייד פון דער קינדהייט, ווען אלע אין דער וועלט

זענען „אייגענע״. דאָס איז די אַלגעמיינע אויספירונג, צו וועלכער עס קומט די געפיל - דערפילונגס - טעאָריע פון דער מענטש - ווי - סנשאַפט, וואָס קומט עמפּיריש אַלץ נענטער צו די רעאַל - אויטאָנאָ־ מע אור - שעפערישע כוחות פון מענטשן.

די ווונטש - דערפילונגס - טעאָריע פון פּסיכאָ - אַנאַליז קומט פאַרקערט צו דער אַלגעמיינער אויספירונג, אַז יעדעס קינד (ביז אַן ערך דעם פינפטן לעבנס - יאָר) ווייזט אַרויס אַ נייגונג צו אַנט־ בלויזן די סעקסועלע אָרגאַנען פאַר דעם אַנדערן מין (עקסהיביציאָ־ ניזם), אַז יעדער דערוואַקסענער טראָגט אין זיך אָט דעם קינדערישן „פאַרבאָרגענעם״ ווונטש, אַז יעדער מענטש האָט סעקסועלע נייגונ־ גען צו די אייגענע עלטערן. דער גן - עדן אין דער שילדערונג פון דער פאָלקס - פאַנטאַזיע, ווו אַלע מענטשן גייען נאַקעט, דריקט אויס, לויט דעם פּסיכאָ - אַנאַליז, דעמזעלביקן פאַרבאָרגענעם ווונטש צו סעקסועלער אַנטבלויזונג. אָט די אַלע באַהויפּטונגען שטימען אָבער נישט מיט דער ווירקלעכער דערפאַרונג. אין דער דערפאַרונג באַאָבאַכטן מיר די דערמאָנטע נייגונגען „בלויז״ ווי סעקסועלע אָפּ־ נייגונגען, ד. ה. ווי אומנאָרמאַלע קראַנקהאַפטע דערשיינונגען. דער נאָרמאַלער מענטש פילט ניט אין משך פון זיין גאַנצן לעבן אַזעלכע נייגונגען. ווייל אָבער די אויסטייטשונגען לויפן אַוועק פון דער פאַק־ טישער דערפאַרונג קומען זיי צו אַ פאַנטאַסטיש איינזייטיקער פאַר־ אַלגעמיינערונג פון פּרימיטיווע ווידער־נאַטירלעכע סעקסועלע נייגונ־ גען — פּרימיטיווער פאַן - סעקסואַליזם.

דאָס געזאָגטע קאָן אַזוי פאָרמולירט ווערן: די געפיל - דערפי - לונגס - טעאָריע האַלט זיך האַרט ביי די געגעבענע פאַקטן און קומט צו רעזולטאַטן, וואָס יעדער נאָרמאַלער מענטש לעבט איבער און באַגרייפט פון זיין אייגענער דערפאַרונג. די ווונטש - דערפילונגס - טעאָריע נעמט ניט די געגעבענע, נאָר די אויסגעטייטשטע פאַקטן און קומט צו רעזולטאַטן, וואָס זענען פרעמד און ווידערנאַטירלעך פאַר דער דערפאַרונג. יענע באַווייזט קלאָר פון דער דערפאַרונג, אַז צוזאַ־ מען מיט די פּרימיטיוו - ווילדע אור - געפילן זענען פאַראַן ביי יעדן **מענטשן אינטים - שעפערישע אור - געפילן פאַר שיינהייט און סאָ־ ציאַל - עטישע פולקאָמענהייט (ווי דאָס געפינט דעם העלן אויסדרוק**

אין די מייסטע קינסטלערישע און רעליגיעזע ווערק פון אלע צייטן).
די צווייטע טעאריע וויל אויסטייטשן, אז די העכערע שעפערישע געפילן זענען בלויז מאסקעס אדער „סובלימאציעס" פאר פרימיטיוו - סעקסועלע אינסטינקטן. ס'באקומט זיך דא דער באקאנטער וויץ, אז יעדער מענטש האט א פליך אויפן קאפ, נאר ביי אייניקע מענטשן איז דער פליך באדעקט מיט וואקסנדיקע האר. אזוי קומט עס אויס לויט דעם פסיכא - אנאליז, אז יעדער מענטש האט די פרימיטיוו־א נצעסטועזע סעקסואלישקייט פון פסיכיש - אומנארמאלע מענטשן, נאר ביים נארמאלן מענטשן איז עס באדעקט מיט די שטענדיק־וואקסנדיקע אינטים - שעפערישע (עסטעטישע, סאציאל - עטישע, רעליגיעז א. א.) געפילן.

דער אונטערשייד צווישן די ביידע אויפפאסונגען פון חלומות ווערט אבער נאך מער אנטשיידן אויף דער צווייטער שורה פון כאראקטעריסטישע (טיפישע) חלומות.

2. זייער פארברייטעט זענען די טיפישע חלומות וועגן דעם טויט פון נאענטע פערזאנען — פון עלטערן, ברידער און שוועסטער, נאענטע קרובים און פריינט. אין זעלטענע פאלן באגעגנט מען אין אזוינע חלומות דעם טויט פון נאענטע פערזאנען מיט טעמפער גלייכגילטיקייט. אויף מארגן נאך דעם שלאף וווּנדערן מיר זיך אויף אונזער „געפילסלאזיקייט". אין די מייסטע פאלן אבער זענען אזוינע חלומות פול מיט פיינלעכע געפילן פון אנגסט, שרעק און טיפן טרויער, וואס לאזט אונז אפט פילן א גרויל אויך אויף מארגן נאך דעם שלאף.

אזוינע חלומות קאנען קלאר און איינפאך פארשטאנען ווערן לויט דעם פרינציפ פון געפילס - דערפילונג. אויף וויפיל די ליבע ברענגט אין אונז דעם נאטירלעכן דראנג צו זיין נאנט נעבן דער געליבטער פערזאן, אויף אזוי פיל רופט אין אונז ארויס די צעשיידונג בענקשאפט און אנגסט פאר אט דער פערזאן. ווען מיר פארן אוועק אין דער יוגנט צום ערשטן מאל פון אונזערע עלטערן, הייבן מיר אן שוין זייער גיך צו פילן א הייסע בענקשאפט אהיים און מיר זענען גרייט אויפצוציטערן אין אנגסטן ביי דעם ערשטן לאנגן אויספעלן פון א בריוו, אדער ביי דער ערשטער טרויעריקער נאכריכט

פון דער היים. וואָס טיפער און אָרגאַנישער די ליבע, אַלץ טיפער
וועלן זיין די בענקשאַפט און אַנגסט נאָך דער צעשיידונג. אַ מוטער
קאָן זיך מיסטאָמע גאָר נישט צעשיידן מיט דעם געליבטן איינציקן
קינד. ווען זי איז געצוווּנגען אַוועקצופאָרן אויף אַ צייט, קאָנען ווע־
רן אומדערטרעגלעך איר בענקשאַפט און אַנגסט (צי האָט ניט מיט
דעם קינד עטוואָס פּאַסירט? צי גיט מען געהעריג אַכטונג?). וואָס מער
די געליבטע פּערזאָן איז שוואַך און נויטיקט זיך אין שוץ, אַלץ גרע־
סער וועט נאָך דער צעשיידונג ווערן די אַנגסט. ווען מיר פאָרן אַוועק
און לאָזן אין דער היים אַ קראַנקע מוטער אָדער אַ קראַנק קינד, זע־
נען מיר אַ גאַנצן וועג אין שטאַרקע אַנגסטן. דאָס מעכטיקע אַנגסט
געפיל רופט אַרויס מעכטיקע פאַנטאַזיע - בילדער, וואָס שפּיגלען אָפּ
אינטענסיוו און שנעל, אָפט בליצאַרטיק, דאָס אומרויק כוואַליעדיקע
אַנגסט - געפיל. „ביי דער מורא זענען די אויגן גרויס". מורא און
אַנגסט רופן אַרויס אויך אויף דער וואָך די סאַמע דערשיטערנדיקע
פאַנטאַזיע - בילדער. יעדער איינער קאָן מאַכן באַאָבאַכטונגען ביי
זיך און ביי אַנדערע וועגן דער וואָך - פאַנטאַזיע אין מאָמענטן פון
מורא און אַנגסט. אָט איז אַן איינפאַכע, אָבער כאַראַקטעריסטישע
זעלבסטבאַשרייבונג פון אַ מיטליעריקן מענטשן:

„ווען כ'בין אַרויס אין דער פריה אויפן גאַס צו דער אַר־
בעט, האָב איך מיט אַנגסטן איבערגעקלערט דעם טאַטנס בריוו,
וואָס ער שרייבט מיר וועגן זיינע האַרץ - אַטאַקעס. דעם טאַטנס
בילד שטייט מיר פאַר די אויגן און דאָס האַרץ קלעמט מיר פון
אַנגסט און בענקשאַפט. כ'ציטער אין גרויסע אַנגסטן, עס זאָל
עפּעס נישט פּאַסירן הינטער מיינע אויגן. דער שרעק מאָלט דאָס
ערגסטע. ווי אַ בליץ טוּיכט אויף אין קאָפּ דאָס שרעק - בילד, ווי
דער פאָטער איז דורך אַ האַרץ - אַטאַק אויסגעגאַנגען און אַלע
אין שטוב וויינען, ווי..... כ'טו אַ ציטער מיטן גאַנצן קערפּער.
כ'פאַרגיכער די טריט און רייס איבער מיט געוואַלט די שרעקלעכע
פאָרשטעלונגען"....

צום פאַרגלייך ברענגען מיר אַ קורצע זעלבסטבאַשרייבונג פון
אַנגסט ביי אַ גאַנץ אַנדערער געלעגנהייט:

„ווען דאָס איינציקע קינד האָט פאַרשפּעטיקט אויף אַ גאַנ־

צער שעה פון דער שול, איז אויף דער מוטער געקומען א שווערע אנגסט. זי איז געוואָרען בלאס און דערשראָקן. אומרויק איז זי ארומגעלאָפן איבערן צימער. „ווער ווייס, צי האָט מען דאָס קינד נישט איבערגעפאָרן?״ דער שרעק האָט איר געמאָלט, אַז די גיכע הילף פירט דאָס קינד פארוואונדעט און... זי האָט עס ניט געקענט אריבערטראָגן און איז ארויסגעלאָפן אויף דער גאַס״.

דיזעלביקע אנגסט־בילדער, וואָס מ'האָט אויף דער וואך וועגן קראנקהייט אָדער טויט פון נאָנטע פערזאָנען, ווערן אין חלום איבערגעלעבט מיט דער נאטירלעכער פלאסטישקייט פון עכטער ווירקלעכקייט (ביל־ד־ווירקלעכקייט־פרינציפ). וואָס אויף דער וואך איז געווען בלויז שרעק־בילד, ווערט אין חלום א שוין פארגעקומענע אָדער פאָרקומענדיקע רעאַלע געשעעניש. דורכדעם קאָן עס קומען, ווי מיר האָבן אויבן (קאַפּ. 2) אויספירלעך באשריבן, צו א פאָזיטיווער אָדער נעגאטיווער אומוואנדלונג פון געפילן. דאָס שרעקעדיקע פאנטאזיע־בילד אויף דער וואך קאָן ארויסרופן נאָך א געוואַלדיקערן שרעק, ווען ס'ווערט אין חלום א פלאַסטישע ווירקלעכקייט. אין אַזא פאַל קאָן דער מענש איבערלעבן אין חלום אַן אומגעהויערן פיין, קאָן דערביי וויינען און שרייען פון שלאָף (פאָזיטיווע געפילס־אומוואנדלונג). אין אַנדערע פאַלן ווערט מען אַזוי אונטערדריקט אין חלום פון דעם רעאַל־געוואָרענעם שרעק־געשעעניש, אַז דאָס געפיל ווערט פאַראַליזירט—ס'איז די „טויטע״, טעמפע, גלייכגילטיקייט ביי א צו פלוצימדיקן און צו גרויסן אומגליק (נעגאטיווע געפילס־אומוואנדלונגען).

דאָס געזאָגטע קאָנען מיר אַזוי פאָרמולירן: *אין חלום, ווי אויף דער וואך, דריקן אויס די פאנטאזיע־בילדער וועגן טויט פון נאָנטע פערזאָנען די נאטירלעכע אנגסט־געפילן, וואָס זענען אָרגאניש פארבונדן מיט די געפילן פון ליבע און איבערגעגעבנקייט.* מיר קאָנען איצט נאָך דערגאַנצן די פריער שוין דערמאָנטע טעזן. וואָס

טיפער און אָרגאַנישער די ליבע צו אַ נאָענטער פּערזאָן, וואָס מער עס דראָט אַ געפאַר פאַר אָט דער פּערזאָן, אַלץ טיפער וועלן זיין די בענק־שאַפט און אַנגסט, אַלץ גיכער און אָפטער וועלן פאָרקומען די באַ־שריבענע אַנגסט־חלומות. מיר זעען, אַז די געפיל־דערפילונגס־טעאָריע פון דער מענטש־וויסנשאַפט דערקלערט אויך דאָ זייער איינפאַך ניט נאָר די אַנגסט־חלומות, נאָר אויך די ענלעכע אַנגסט־בילדער אויף דער וואַך, אין צוזאַמענהאַנג מיט דער פאַקטישער דער־פאַרונג פון יעדן נאָרמאַלן מענטשן.

אָבער געראַדע דאָ ליגט אָן די ווונטש־דערפילונגס־טעאָריע איר גאַנצע אויסטייטשונג־קונסט, כּדי אַרויסצודרינגען, אַז אונטער דער „מאַסקע" פון אַנגסט דריקן אויס די דערמאָנטע חלומות דעם „פאַרבאָרגענעם" קינדערשן ווונטש פון מענטשן צו זען דעם טויט פון נאָענטע פּערזאָנען. דורך פאַרשיידענע ספּעקולאַציעס ווערט ספּע־ציעל אַרויסגעדרונגען, אַז יעדער מאַן טראָגט אין זיך פון די פריסטע קינדער־יאָרן דעם „פאַרבאָרגענעם" טויט־ווונטש פאַר דעם פאָ־טער און די אויך „פאַרבאָרגענע" סעקסועלע פאַרליבטקייט (אינ־צעסט) אין דער מוטער — עדיפּוס־קאָמפּלעקס. דער אַנגסט־חלום וועגן טויט פון פאָטער דריקט אויס אויף דעם אופן דעם דערמאָנטן „פאַרבאָרגענעם" טויט־ווונטש אונטער דער „מאַסקע" פון אַנגסט. אָט די אַלע באַהויפּטונגען האָבן נישט קיין פאַקטישן גרונט אין דער פּסיכישער דערפאַרונג פון נאָרמאַלע מענטשן. אָבער דער פּסי־כאָ־אַנאַליז שטיצט זיך אויף אויסגעטייטשטע מאַטעריאַלן פון גע־וויסע נעוראָטיקער און אויף איינזייטיק צונעקליבענע און אויסגע־טייטשטע מאַטעריאַלן פון אַלטע מיטאָלאָגישע לעגענדן. פאַרוואָס אָבער זאָלן די נאַטירלעכע אַנגסט־געפילן, וואָס זענען אַזוי טאָר־וואָרצלט אין דער דערפאַרונג און זיי געפינען קלאָרן אויסדרוק אין חלום און אויף דער וואַך — אָפּטרעטן דעם פּלאַץ פאַר אַרויסגע־טייטשטע, פּרעמדאַרטיקע און ווידערנאַטירלעכע (אין דער געגעבע־נער מענטשלעכער דערפאַרונג) געפילן?

מיר שטויסן זיך דאָ אָבער אָן, ווי מיר וועלן זען, אויף די פאַק־טן פון דער גייער פּסיכאָלאָגיע פון אינטימען לעבן.

6

די עדיפ-טראגעדיע און די נייע פסיכאלאגיע פון אינטים לעבן

(די לעצטע אויספירונגען וועגן די טיפישע אנגסט-חלומות).

די טיפישע אַנגסט - חלומות וועגן טויט פון נאָנטע קרובֿים ווערן, ווי מיר וועלן באַלד זען, א רוביקאָן, אַ שייד - וועג, ניט נאָר פאַר דער מאָדערנער פסיכאָלאָגיע, נאָר אויך פאַר יעדער מאָדערנער וועלט - אָנשויונג. טעאָרעטיש און פּראַקטיש וועט מען זיך דאָ מוזן אַנטשיידן אויף איינעם פון די דריי וועגן: אָדער מ'וועט צוזאַמען מיט דעם פּסיכאָ - אַנאַליז דורך זיינע ספּעקולאַטיווע אויסטייטשונגען, אין קעגנזאַץ צו דער אוממיטלבאַרער דערפאַרונג, קומען צו דעם אויספיר, אַז אין דעם מענטשן זענען אורשפּרינגלעך פאַראַן נאָר די פּרימיטיווע אינסטינקטן, פון וועלכע עס קומען ערשט אַרויס דורך אומוואַנדלונגען (סובלימירונג) אַלע העכערע פּסיכישע דערשיינונגען (אַ מין אומגעקערטער פּסיכאָלאָגישער פּלאַטאָניזם). אָדער מען וועט צוזאַמען מיט דער עקספּערימענטאַלער פּסיכאָלאָגיע גאָר איגנאָרירן די חלומות - וועלט און זען אין דעם מענטשן בלויז דעם נאָרמאַל - באַוווסטזיין, וואָס דענקט לאָגיש - ראַציאָנעל און האַנדלט צוועקמעסיק און וואָס ווערט „געשטערט" דורך אַפעקטן און לײַדנשאַפטן. אָדער מ'וועט צוזאַמען מיט דער מענטש - וויסנשאַפט דורך דער עקספּעדיציע - פאָרשונג (ד. ה. דורך אַריינדרינגען אין דער פאַקטישער סיטואַציע), אין הסכם מיט דער אוממיטלבאַרער דערפאַרונג, קומען צו דער אויספירונג, אַז אַ חוץ פּרימיטיווע אינסטינקטן

און נאָרמאַל - באַוווסטזיין זענען אורשפּרינגלעך פאַראַן אין מענטשן אויך אינטימע אור - שעפערישע כוחות, וואָס בילדן דאָס אייגנט - לעך - מענטשלעכע, אין דער הויך - שטייגנדיקע, וועזן. ס'איז יענע אינטימע ספערע פון עקסטאַז און טראַגעדיע, וואָס האָט אין אַלע צייטן געפונען דעם פולן אויסדרוק אין דער קונסט און וואָס פירט איצט אין דער וויסנשאַפט צו דער נייער פּסיכאָלאָגיע פון אינטימען, פּסיכישן לעבן (רופן מיר עס קורץ: „אינטים - פּסיכאָלאָגיע").

מיר וועלן איצט אין צוזאַמענהאַנג מיט די דערמאָנטע אַנגסט - חלומות פאַרלייגן אייניקע פאַרגלייכנדע גרונט - טעזיסן.

די טיפּישע אַנגסט - חלומות וועגן דעם טויט פון די עלטערן האָבן אַ געוויסע שייכות מיט דעם טראַגישן פאָטער - מאָרד אין דער גריכישער דראַמע פון סאָפאָקל וועגן דעם קעניג עדיפּ. אָט דער קעניג איז (קורץ דערציילט) אין די פריסטע קינדער - יאָרן אַוועקגע - בראַכט געוואָרן פון זיין קעניגלעכער פאַמיליע אין אַ ווייט לאַנד און אין פיל יאָרן אַרום האָט ער דורך פאַרשיידענע אומשטאַנדן דער - מאָרדעט אַ גרויסן קעניג און געהייראַט די קעניגין, מיט וועלכער ער האָט געהאַט קינדער. ווען עדיפּ, וואָס האָט נישט געקענט זיינע עלטערן, דערוויסט זיך, אַז דער דערמאָרדעטער קעניג איז זיין איי - גענער פאָטער און אַז ער האָט געלעבט סעקסועל מיט זיין אייגענער מוטער, קומט ער אין טראַגישער דערשיטערונג. אָט די טראַגישע דערשיטערונג אַקעגן דעם טויט פון דעם אומווילקירלעך דערמאָר - דעטן פאָטער איז אַזוי נאַטירלעך, ווי עס זענען אין חלום די אַנגסט און טרויער אַנטקעגן דעם אומגליקלעכן טויט פון געליבטע עלטערן. אָט דאָ הויבט זיך אָן דער שייד - וועג פאַר די פאַרשיידענע אויפ - פאַסונגען.

די וווּנטש - דערפילונג - טעאָריע פון פּסיכאָ - אַנאַליז זוכט אין בילדן, אין חלום און דראַמע, אַרויסצוטייטשן פונם, אין זיך אַזוי קלאָרן, אינהאַלט אַ „פאַרבאָרגענעם" ווונטש. אונטער דער „מאַסקע" פון אַנגסט און טראַגישקייט קומט, לויט דעם פּסיכאָ - אַנאַליז, אין חלום און אין דראַמע צום אויסדרוק דער „פאַרבאָרגע - נער" ווונטש, וואָס יעדער מענטש האָט פון די פריסטע קינדער - יאָרן, נעמלעך צו דערמאָרדן דעם פאָטער און לעבן סעקסועל מיט

דער מוטער (אינצעסט - אומצוכט). דער פסיכא - אנאליז מוז אויף
דעם אופן איגנארירן דעם קלארן אינהאלט סיי פון די אנגסט - חלו־
מות, סיי פון דער דראמע, סיי פון דער פארשטעלונג, וואס חלום
און דראמע רופן ביי אונז ארויס. אחוץ דעם שטעלט זיך דער פסי־
כא - אנאליז אין קעגנזאץ צו דער אינערלעכער דערפארונג פון יעדן
נארמאלן מענטשן, וואס פילט א נאטירלעכן אורשפרינגלעכן ווי -
דער - געפיל צו אינצעסטועזע באציונגען מיט אייגענע עלטערן.

די געפיל - דערפילונג - טעאריע אבער פון דער מענטש - ווי־
סנשאפט דערקלערט, אז די דערמאנטע חלומות דריקן אוים די נא־
טירלעכע אנגסט - געפילן (אבער נישט ווונטשן!), וואס עס רופט
ביי אונז ארוים דער דראענדיקער טויט פון די געליבטע עלטערן.
וואס אויף דער וואך איז בלויז א שרעק - בילד, ווערט אין חלום
איבערגעלעבט ווי א ווירקלעכקייט, וואס רופט ארוים מייסטנס נאך
טיפערע אנגסט און טרויער. אין דער עדיפ - דראמע
קומט די טראגישע דערשיטערונג דורכ־
דעם, וואס סעקסועלע באציונגען מיט אן
אייגענער מוטער (פארבונדן מיט פאטער־
מארד) איז ביי נארמאלע מענטשן א ווידער־
נאטירלעכע פארלעצונג סיי פון דער סעק־
סועלער, סיי פון דער מוטערלעכער ליבע.
אט די אויפפאסונג האלט זיך ביים קלארן „אפענעם" אינהאלט פון
חלום און דראמע, אין הסכם מיט אונזער אלגעמיינער אומטלבא־
רער דערפארונג.

מיר וועלן אבער באקומען א טיפערן אריינבליק אין עדיפס
טראגישער דערשיטערונג, ווען מיר וועלן גענויער באטראכטן די
באקאנטע פאקטן פון טראגישע איבערלעבענישן.

דאס טראגישע איבערלעבעניש געהערט צו יענע פסיכישע דער־
שיינונגען, וואס זעען אוים דעם מענטשן ווי א „שיקזאלהאפטע"
פסיכישע געשעעניש, און וואס דער מענטש פילט און באצייכנט ווי
„אינטימע" איבערלעבענישן. מיר אונטערשטרייכן: מיר רעדן ניט
סתם וועגן אינטימע איבערלעבענישן, נאר וועגן דעם געפיל פון אינ־
טימישקייט, וואס דער מענטש האט ביי א באשטימטער פארטיפונג

פון איבערלעבענישן. ס'זענען פאראן געפילן, וואס קומען און פארגייען, איבערלאזנדיק א שוואכן שפור. אזוינע געפילן זעען אויס דעם מענטשן ווי „אויסערלעכע", ווי זיי וואלטן געשווומען אויף דער אויבערפלאך פון פסיכישן לעבן. בלויז ביי א באשטימטער פארטיפונג אדער דורכדרינגונג קאן יעדעס געפיל איבערגעלעבט ווערן, ווי אן „אינטים" געפיל, וואס פארכאפט דאס סאמע וועזן פון מענטשנס עקזיסטענץ און ווערט אזוי ארום שיקזאלהאפט פאר דעם מענטשן. די מוטער פון א געליבט איינציק קינד, דער פארכאפטער רעוואלוציאנער, דער רעליגיעזער ענטוזיאסט, מענטשן מיט אינטים גליענדיקער נקמה, איפערזוכט א. ד. גל. — אין אלע אזוינע פאלן פילט דער מענטש אן „אינטים" - פארכאפנדיקע ליידנשאפט און איז גרייט זיין לעבן אבצוגעבן. און טאקע דערפאר איז אין אט די פאלן די פארלעצונג פון דער אינטים - געווארענער ליידנשאפט פאטאל פאר דעם מענטשן און ווערט איבערגעלעבט ווי א טראגישע דערשיינונג. וואס אינטימער דאס געפיל, אלץ שיקזאלהאפטער איז עס פאר דעם מענטשן. אלץ עקסטאטישער איז די פארווירקלעכונג און אלץ טראגישער איז די פארלעצונג פון אט דעם געפיל. דאס טראגישע און דאס עקסטאטישע זענען אויסדריקן פון אינטימע איבערלעבענישן און שפילן זיך דערפאר אפ שטענדיק אין דער אינטימער ספערע פון דער פערזענלעכקייט. מיר קאנען איצט גענויער אויסדריקן די פריערדיקע פארמולירונג: אין דער עדיפ-דראמע קומט די טראגישקייט, ווייל און אויף וויפיל די סעקסועלע באציונגען מיט דער אייגענער מוטער איז א פארלעצונג פון דער „אינטימער" ליבע, סיי פון דער סעקסועלער, סיי פון דער מוטערלעכער ליבע.

די דערמאנטע פאקטן פון טראגישע איבערלעבונגען ברענגען אונזער עקספעדיציע - פארשונג אין דאס זעלטענע לאנד פון: „אינטימער" ליבע. איינפאכער גערעדט, מיר זענען געקומען צו דער אינטים - פסיכאלאגיע פון ליבע, וואס דארף אונז אויך אויפקלערן די-

פּאַקטישע באַציונגען צווישן סעקסועלער און מוטערליכער ליבע. מיר וועלן אָבער פריער באַווייזן, אַז אויך די באַקאַנטע פאַקטן פון אַנגסט און פון בענקשאַפט, וואָס מיר טרעפן אויך אין די דערמאָנ־טע אַנגסט ־ חלומות, ברענגען אונז צו דעם זעלבן פּונקט.

דערמאָנען מיר די אויבן (קאַפּ. 5) פעסטגעשטעלטע פּאַקטישע באַציונג: וואָס טיפער און אָרגאַנישער די ליבע, אַלץ טיפער וועלן זיין די בענקשאַפט און אַנגסט נאָך דער צעשיידונג. אָפטמאָל פּאַ־סירט אָבער, אַז אין דער בענקשאַפט נאָך דער צעשיידונג דערקענט מען ערשט די טיפקייט פון דער פריער אומדערקענטער ליבע. נאָך דער צעשיידונג, למשל, מיט דער פרוי, קאָן דער מאַן „ערשט" אין דער אומדערטרעגלעכער בענקשאַפט דערקענען, אַז זיין ליבע צו דער פרוי איז „שוין" צו ־ טיף, און ער קאָן אייגנטלעך אָן איר שוין נישט לעבן. די בענקשאַפט איז דאָ פסיכאָלאָגיש דער אויסדרוק און מאַסשטאַב פון דער ליבע.

באַטראַכטן מיר ווייטער די גרונט ־ פאַקטן פון בענקשאַפט אין דער ליבע. אַ ריין ־ סעקסועלע לײדנשאַפט צו אַ פרוי קאָן, נאַטיר־לעך, ווי יעדע לײדנשאַפט, זיך אויסלעשן נאָך דער באַפרידיקונג. ווי נאָך אַ זאַטן מאָלצייט זענען אויס אָפּשטויסנד די פריער אַפּעטיטלע־כע שפּייזן, אַזוי קאָן דער מאַן נאָך דער באַפרידיקונג זיך גלייכגיל־טיק אָפּווענדן פון דער פריער לאָקנדיקער פרוי. באַגערט מען אַ פרוי בלויז פיזיש, איז זי בלויז איינע פון פיל פיזיש ־ אינטערעסירנדיקע פרויען, וועט די בענקשאַפט נאָך דער צעשיידונג זיין פליכטיק און אויבערפלעכלעך. אָבער די סעקסועלע נייגונג קאָן ביי גינסטיקע אומ־שטאַנדן זיך פאַרטיפן צו יענער אָרגאַנישער פאַרוואַנדשאַפט צו יע־נעם דורכדרינגענדיקן געפיל פון נאָנטקייט, וואָס ווערט פון דעם מענ־טשן איבערגעלעבט (אין זיין אוממיטלבאַרער דערפאַרונג) ווי אַן „אינטימע" ליבע. דער מענטש פילט אַלץ מער, אַז די ליבע פאַר־כאַפּט דאָס טיפסטע וועזן פון זיין פערזענלעכקייט, דעם סאַמע אי־נערלעכן קערן פון זיין עקזיסטענץ. דאַמאָלס ווערט די ליבע פאַר דעם מענטשן שיקזאַל: אויף וויפיל די דערפילונג פון דער ליבע קאָן ברענגען פאַר אים עקסטאַטישע פרייד, אויף אַזוי פיל קאָן די צעשיי־דונג אָדער אַנטוישונג ווערן פאַר אים טראַגיש. אין דעם ווער־

„קריג און פרידן" שילדערט טאָלסטאָי זייער קאָנקרעט די אינטימע
דערשיטערונג פון נאַטאַשאַ נאָך דער ליבעס - אַנטוישונג: די פריי-
ער לעבנסלוסטיקע נאַטאַשאַ ווערט שטום און בלאַס, אין אומדער-
טרעגלעכעליידן זיצט זי גאַנצע טעג ווי פאַרגליווערט. ניט נאָר דאָס
פּסיכישע, נאָר אויך דאָס פיזישע לעבן בויגט זיך אונטער דעם דרוק
פון אינטימער דערשיטערונג: ס'פאַרזאָגן אַזוינע עלעמענטאַרע פיז-
יאָלאָגישע פונקציעס ,ווי שלאָף, אַפּעטיט א. ד. גל. ס'באַווייזן זיך
באַלד סימפּטאָמען פון דראָענדיקער דערשעפונג. נישט אומזיסט
שילדערט טאָלסטאָי, ווי לעכערלעך ס'זעט אויס דער באַרימטער דאָקר
טאָר, וואָס טאַפּט אַזוי הילפלאָז דעם פולס ביי דער געבראָכענער נאַ-
טאַשאַ. ווייל די מאָדערנע וויסנשאַפט איגנאָרירט דאָס אינטימע
נשמה - לעבן, ווייל זי באַאָבאַכטעט נישט און דערפאַר ווייסט זי
אפילו נישט, ווי עס זעט אויס אַן אינטימע דערשיטערונג — טאַקע
דערפאַר שטייט דער מעדיצינער אַזוי הילפלאָז - לעכערלעך פאַר אַ
טראַגישן נשמה - אומגליק. מיר זענען איצט פון אַן אַנדערער זייט
געקומען צו דער פריערער אויספירונג: וואָס אינטימער די ליבע,
אַלץ שיקזאַלהאַפטער איז זי פאַר דעם מענטשן, אַלץ עקסטאַטישער
איז איר דערפילונג און אַלץ טראַגישער איז די צעשיידונג
אָדער אַנטוישונג.

דאָס געזאָגטע ברענגט צום אויסדרוק
דאָס אַלגעמיינע גרונט-געזעץ וועגן די
מעגלעכע דריי צושטאַנדן פון יעדן געפיל.
מיר קאָנען נעמלעך איבערלעבן דאָס געפיל אין דעם צושטאַנד פון
ראַציאָנעל - צוועקמעסיקן נאָרמאַל - באַוווסטזיין. ס'איז
נעמלעך אַזאַ צושטאַנד פון דעם געפיל, ווען מיר קאָנען נאָך לאָגיש-
ראַציאָנעל אָפּשאַצן דעם ווערט און באַדייטונג פון געפיל און עס
באַפרידיקן (גאַנץ אָדער בלויז צום טייל) אין אַזאַ אופן, וואָס איז
צוועקמעסיק פאַר די לעבנס - אינטערעסן פון מענטשן. אָט אַזוי באַ-
פרידיקן מיר לויט מעגלעכקייט און פּלאַן אונזערע טאָג - טעגלעכע
געפילן פון הונגער, סעקס א. ד. גל. די מעגלעכע באַפרידיקונג איז
זייער אַנגענעם, אָבער ניט עקסטאַטיש; די אומבאַפרידיקונג איז זייִ-
ער אומאַנגענעם, אָבער ניט טראַגיש. דאָס זעלביקע געפיל קאָן אָבער

ווערן אַ „ספּערישע" לײדנשאַפט, וואָס „פאַרכאַפּט" דעם מענטשן. ס'איז אַזאַ צושטאַנד, ווען דער מענטש דענקט „שוין" נישט לאָגיש - ראַציאָנעל, נאָר אינטואיטיוו אין דעם ליכט פון דער פאַרכאַפּנדיקער לײדנשאַפט, און האַנדלט אימפּולסיוו לויט דעם אינערלעכן לײדנשאַפטס - דראַנג. די באַפרידיקונג פון אַ „ספּערישער" לײדנשאַפט איז עקסטאַטיש און די אומבאַפרידיקונג איז טראַגיש. ס'זענען פאַראַן, ווי שוין אויבן דערמאָנט (קאַפּ. 2), צווייערלײ ספּערישע צושטאַנדן פון געפילן. דער א י נ ט י מ ע ר צושטאַנד, ווען דאָס ספּערישע געפיל וועקט די אורשפּרינגלעכע שעפערישע לײדנשאַפטן וואָס זענען לויט זײער סטרוקטור העכער ווי דער נאָרמאַל - באַוווסטזיין. אַט אַזוי. למשל, זענען די אינטימע ליבע, די לײדן פון אינטים - געוואָרענעם הונגער (בײם רעליגיעזן פאַסטן, בײם סאָציאַל - עטישן הונגער - שטרײק, בײם קינסטלעריש - פאַרטיפטן זאַמסונם „הונגער"), דער סאָציאַלער, קינסטלערישער אָדער רעליגיעזער אויפשוווּנג א. ד. גל. געפילן. ס'איז אָבער אויך מעגלעך פאַרן געפיל אַ פּרימיטיוו - ספּערישער צושטאַנד, ווען דאָס געפיל וועקט די אורשפּרינגלעך דעסטרוקטיווע כּחות, וואָס זענען לויט זײער סטרוקטור פּרימיטיווער ווי דאָס נאָרמאַל - באַוווסטזיין. אַט אַזוי, למשל, זענען די פּרימיטיווע פּערווערזע ליבע, דער ווילדער, פּרימיטיוו - מאַכנדיקער הונגער, לײדנשאַפטס - פאַרברעכן, אַזאַרטשפּיל א. ד. גל. אַט די דרײ צושטאַנדן — דער נאָרמאַל - באַוווסטזיין, דאָס ספּעריש - אינטימע און ספּעריש - פּרימיטיווע — זענען די דרײ אורשפּרינגלעכע, הורכּוים אויטאָנאָמע, ווען אויך אָרגאַניש פאַרבונדענע קוואַלן פון פּסיכישן לעבן, וואָס יעדעם געפיל קאָן לויט פאַרטיפונג און סיטואַציע ברענגען צום אויסדרוק. אָבער בלויז די שעפעריש - אינטימע געפילן בילדן דאָס אײגנטלעכע, פאָרוים דרינגנדיקע, וועזן פון מענטשן, דעם אינערלעכסטן קערן פון דעם גע-שיכטס - מאַכנדיקן (אָדער אפילו בלויז מיטמאַכנדיקן) מענטשן. אַט אַזוי קאָן די אינטים - געוואָרענע סעקסועלע ליבע (ווי מיר וועלן נאָך ווײטער זען) אויסדריקן די ספּעריש - עמאָציאָנעלע פּערזענלעכקייט און איר שעפערישע עכטקייט.

מיר קאָנען אָבער נאָך גענויער און וועזנטלעכער באַשטימען די

באַציונגען צווישן סעקסועלישקייט און אינטימער ליבע. ווי פאַרב און טעכניק זענען נויטיק פאַרן קינסטלער, כּדי אויסצודריקן זיין קינסטלערישע אינטואיציע, אַזוי זענען סעקס און סעקסועלישקייט דער טרעגער און אויסדרוקס־מיטל פאַר דער אינטימער ליבע. אָבער ווי פאַרב און טעכניק בלייבן טויט אָן דער באַלעבנדיקער קינסטלערישער באַגייסטערונג, אַזוי בלייבט די הוילע סעקסועליש־קייט בלינדע פאַרביטערייענדיקע לײדנשאַפט, אָן דער פאַרטיפונג פון דער אינטימער ליבע. איז דאָך די ליבע אַ שעפערישקייט נישט נאָר דערפאַר, ווייל זי וועקט די פאַטעטישע כּוחות פון אויפשוונג, דראַנגפולער אַקטיווישקייט און אָפּערווילעקער איבערגעבנקייט, נאָר אין זיך זעלבסט איז די ליבע*) אַ דראַמאַטישע שאַפונג, ווו אַלע קאָנפליקטן זענען פול מיט טראַגישער שפּאַנונג און עקסטאַטישן אויפרייס. אַט דער קאַפּיטאַן גלאַן, דער העלד פון האַמסונס דער־ציילונג „פאַן”, אַ פּראָסטער נאַטור־מענטש — ווערט ער אין זיין אינטימער ליבע דער העלד פון אַזאַ פּאַטעטישער דראַמע, ווו אַ מינהעסטע ווענדונג ווערט אָפּט אָנגעזאַפּט מיט גליענדיקער טראַ־גיק. די מאָדערנע פּסיכאָלאָגיע, ספּעציעל דער פּסיכאָ־אַנאַליז, שטו־דירט אין דער ליבע הויפּטזעכלעך די סעקסועלישקייט, מען פאַרזעט אָבער סיסטעמאַטיש די אייגנאַרטיקע אור־שעפערישקייט פון דער אינטימער ליבע, ווי פון אינטימע געפילן בכלל. ס'זעט אויס ווי מען וואָלט וועלן פאַרשטיין אַ סימפאָניע בלויז דורך שטודירן די פיזישע וויבראַציעס פון די סטרונעס; אָבער בלויז די מוזיקאַלישע באַגייסטערונג „שאַפט” פון די פיזישע וויבראַציעס אַ סימפאָניע, ווי בלויז די אינטימע ליבע מאַכט פון דער סעקסועלישקייט דעם שטאָף און אויסדרוק פון דער דערשיטערנדיקער ליבעס־דראַמע. מיר קאָ־נען דערווייל אַזוי פאָרמולירן דעם וויכטיקן גרונט־זאַץ אין דער אינטים־פּסיכאָלאָגיע פון ליבע: די אינטימע ליבע, ווי די אינטימע געפילן בכלל, זענען שעפערי־שע פּראָצעסן און קאָנען לויט נאַטור און

*) צוליב קורצקייט וועלן מיר אָפט אַנשטאַט „אינטימער ליבע” באַציי־כענען „ליבע”.

אנטפלעקונג פארגליכן ווערן (ווי מיר וועלן נאך ווייטער זען) מיט דער קינסטלערישער אינספיראציע.

וועגדן מיר זיך ווייטער צו גרונט - פאקטן. די אינטימע ליבע, ווי די קינסטלערישע אינספיראציע, האבן תמיד דעם כאראקטער פון שעפערישער איניציאטיוו און פערזענלעכער אויסוואל, אויף וויפיל אינדיפירענטע אביעקטן ווערן ערשט דורך דער אויפגעוואכטער אינטימישקייט „פארוואנדלט" אין א קוואל פון נייעם לעבן. די פריער פרעמדע אדער ווייניקער נאנטע מאן און פרוי ווערן ערשט דורך דער ליבע שיקזאלהאפט - נאנט*) („פערזאן - פארוואנדלונג"), און די רויע סעקסועלישקייט „ווערט" שטאף און אויסדרוק פון דער שיטערנדיקער אינטימישקייט („עמאציע - פארוואנדלונג"). אט ווי דער טויטער שטיין ווערט ערשט דורך דעם סקולפטאר „פארוואנדלט" אין א קונסט - ווערק, וואס טראגט און דריקט אויס די אוניווערסאלע קינסטלערישע באגייסטערונג. אט דאס אנטשטיין, דאס ביי - געשאפן ווערן דערקלערט אונז איינוקע קעגנזעצלעכע, כמעט וווּנדערלעכע פאקטן. פון איין זייט האט מען תמיד ביי ליבע און אינספיראציע**) דאס געפיל פון פערזענלעכער אויסוואל און צונייגונג. אפילו ווען מ'ווערט „מיט גוואלט" פארכאפט פון ליבע אדער אינספיראציע, האט מען דאך דאס קלארע געפיל פון א פלוצימדיקער „אנטשיידונג", פון אן אומגעריכטן אינערלעכן אויפשוונג, אבער נישט פון א פארוים - באשטימטן אדער שוין פריער פארטיקן פועל - יוצא. קיינער קען נישט מיט יארן אדער אפילו מיט א טאג פארוים באשטימען דעם אביעקט און אופן פון קומענדיקער ליבע אדער אינספיראציע. פון דער אנדערער זייט קומען ליבע און אינספיראציע ווי א דורכברוך, ווי א דערשיטערונג, ווייל זיי ברעכן און

---

*) אמאל האט מען אין דער ליבע דאס געפיל, אז די אינערלעכע נאנטקייט האט שוין פון תמיד עקזיסטירט און איז דורך דער ליבע בלויז „אויפגעוואכט" אדער „אויפגעוועקט" געווארן.

**) מיר וועלן אזוי קורץ באצייכנען אינטימע סעקסועלע ליבע און קינסטלערישע אינספיראציע

דינאַמיזירן אין שעפערישער פאַרוואַנדלונג די בלינדע פיזישע כחות. מ'קאָן עס אַזוי פאָרמולירן: ווי די קינסטלערישע אינספּיראַציע, האָט די אינטימע סעקסועלע ליבע די נאַטור פון שאַפונגס־איניציאַטיוו, וואָס ברענגט ערשט די צווייפאַכע פאַרוואַנדלונג פון פערזאָן און געפיל, און אין גלייכצייטיק עקספּלאָזיווער דורכברוך און פערזענלעכע אַנטשיידונג.

דער כאַראַקטער פון שאַפונגס־איניציאַטיוו דערקלערט די גרענעצן פון אינטימישקייט („שאַפונגס־ליידן”). ערשטנס, ליבע און אינספּיראַציע קומען נישט ווען מ'וויל און ווי מ'וויל, קומען נישט אויף באַשטעלונג, נאָר זיי קומען ווי אַן „אַנטפּלעקונג” ביי גאַנץ באַשטימטע באַדינגונגען, וואָס וועקן און באַגינסטיקן דעם דורכברוך פון שעפעריש־דינאַמיזירנדיקער אינטימישקייט. אַט אַזוי קאָן אַ קינסטלער זוכן אַ גאַנץ לעבן זיין „אמתן” וועג, ווי אין דער ליבע קאָן אַ מענטש לאַנג זוכן זיין „אידעאַל”, ד. ה. יענעם אָביעקט. און יענע סיטואַציע, וואָס לאָזן אַנטפּלעקן דעם אינטימען אויפשוונג פון מענטשן (אַנטפּלעקונגס־פּרינציפּ).

צווייטנס, וויפיל די אינטימישקייט זאָל נישט גובר זיין און „פאַרוואַנדלען” דעם רויען אומבויגזאַמען נאַטור־אָביעקט, בלייבט דאָך שטענדיק אַ געוויסער מינימום פון אומצעשטערבאַרן ווידערשטאַנד. דאָס קונסט־בילד איז אַלע מאָל אַ קאָמפּראָמיס צווישן דער שאַפונגס־קראַפט פון קינסטלער און די פאָרמירונג־מעגלעכקייטן פון מאַטעריאַל. יעדער פאָרשריט אין דער קינסטלערישער טעכניק (ווי, למשל, די פּערספּעקטיוו אין דער מאַלעריי) שאַפט אַ נייע עפּאָכע אין דער קונסט, אויף וויפיל דער מאַטעריאַל ווערט דורכדעם בויגזאַמער און צוגענגלעכער פאַר דער קינסטלערישער פאָרמירונג. אַזוי איז אויך יעדע ליבע אַ קאָמפּראָמיס צווישן איך'קייט און אָפּפערוויליקער פאַרערונג, צווישן אינטימען געפיל און רויער סעקסועלישקייט (זע אונטן). אין אַלע צייטן האָט מען באַצייכנט די [illegible]ישע זינגזאַנגן פון דער ליבע, וואָס מוז זיך שטענדיק ראַנגלען מיט דער בלינדער אייפערזוכט, מיט דער פאַרפלייצנדיקער לוסט

אָדער גאָר מיט די שטענדיק לויערנדיקע אָפּגרונדן פון פּרימיטיווע סעקסועלע אָפּנייגונגען. אַ פולקאָמע ליבע, ווי אַן אַבסאָלוט פולקאָם קונסט־ווערק איז אַן אומדערגרייכבאַרער אידעאַל (קאָמפּראָמיס־פּרינציפּ). דריטנס, אויף וויפיל פיזישע כוחות ווערן אויסדרוק און טרעגער פון אינטימישקייט, טיילט די לעצטע דעם טראַגישן גורל פון אַ פיזישער עקזיסטענץ. צערייסט מען אַ קונסט־בילד, בליאַקעווען אָפּ די פאַרבן אָדער צעפוילט דאָס געוואַנט — ווערט גלייכצייטיק אויך פאַרניכטעט דאָס „אייביקע“ קונסט־ווערק. אָט אַזוי קאָן אויך מיט רעד צעשטערטער סעקסועלישקייט צעריסן ווערן די „אייביקע“ ליבע, וואָס בלייבט ווי הענגען אין דער לופט. דאָס איז אייגנטלעך דער קאָנפליקט פון יעדער שאַפונג, וואָס פאַרוואַנדלט פיזישע כוחות און ווערט דאָך זעלבסט אָפּהענגיק פון זייער פיזישער עקזיסטענץ (אָפּהענגיקייט־פּרינציפּ). קורץ פאָרמולירט: אויך מיט דעם איז די אינטימע ליבע גלייך מיט דער קינסטלערישער אינספּיראַציע, וואָס ביידע זענען זיי, אַלס שעפערישע איניציאַטיוו, גלייך באַגרענעצט דורך די אַזוי גערופענע פּרינציפּן פון אַנטפּלעקונג, קאָמפּראָמיס און אָפּהענגיקייט.

דאָס געזאָגטע לאָזט אונז איצט קלאָר אויפדעקן דעם אָרגאַניש טיפן אונטערשייד צווישן סעקסועלער און מוטערלעכער ליבע. די מוטערלעכקייט (קורצע באַצייכנונג פון מוטערלעכער ליבע) האָט, ווי שוין אויבן דערמאָנט, אַלע באַשריבענע אייגנשאַפטן פון אַן „אינטימען“ געפיל: דאָס געפיל פון אָרגאַנישער אינערלעכקייט (ביי דער מוטערלעכער ליבע), שיקזאַלהאַפטיקייט, עקסטאַטישע פרייד (גליקזעליקייט) ביי דערפילונג און טראַגישער צושטאַנד ביי פאַרלעצונג פון מוטערלעכקייט. אין קעגנזאַץ אָבער צו דער סעקסועלער ליבע, האָט די מוטערלעכקייט ניט דעם כאַראַקטער פון שעפערישער איניציאַטיוו, וואָס „זוכט“ איר אָביעקט, וואָס קאָן ריכטיק אָדער אומריכטיק אויסוויילן. די מוטערלעכקייט איז, פאַרקערט, אַן אָרגאַנישע אור־פאַרוואַנדשאַפט מיט דעם קינד און אַנטשטייט צוזאַמען מיטן קינד. די מוטערלעכקייט איז נישט קיין עקספּלאָזיווע אַנטפּלעקונג, וואָס קאָן אויסלעשן, ווי די סעקסועלע ליבע, נאָר זי איז אָרגאַניש פאַרזים באַ־

שטימט און איז אומרערשיטערלעך. די זאַך ליגט אָבער פיל טיפער און קאָנקרעטער.

מיר האָבן שוין אויבן באַשריבן, אַז די אינטימע סעקסועלע ליבע „פאַרוואַנדלט" די פרעמדע (אָדער ווייניקער נאָנטע) פּערזאָן אין אַן אינטים - געליבטער און די רויע סעקסועלישקייט אין דאָס אינטימע געפיל פון ליבע. די דאָזיקע צווייפאַכע פאַרוואַנדלונג (פּערזאָן - פאַרוואַנדלונג און עמאָציע - פאַרוואַנדלונג) געלינגט אָבער, ווי שוין דערמאָנט, בלויז אין באַשטימטע גרענעצן (קאָמפּראָמיס - פּרינציפּ). ווי טיף די ליבע זאָל נישט זיין, איז זי שטענדיק באַרירט מיט דער קעגנזייטיקער אומזיכערקייט פון איפּערזוכט, מיט אַ דראָענדיקער מעגלעכקייט פון אַנטוישונג, נאָך וועלכער מ'קאָן ווערן גלייכגילטיק אָדער גאָר פיינדלעך צו דער פריער געליבטער פּערזאָן. ווי דערהויבן - דראַמאַטיש און אַפּערוויליק די ליבע זאָל ניט זיין, וואַרצלט זי דאָך אין סעקסועלן באַגער, אין דעם זיך - אין - זינען - האָבן פון זינלעכער לוסט*). מיט אַנדערע ווערטער, די אינטימע סעקסועלע ליבע איז לויט איר וועזן עגאָצענטריש, אויף וויפיל די ליבע איז דראַמאַטישע ראַנגלעניש און קאָמפּראָמיס צווישן איך - גלומטעניש און זעלבסטלאָזער פאַרערונג.

די מוטערלעכע ליבע איז אָבער אין יעדער ריכטונג וועזנטלעך אַנדערש. אַנשטאָט פּערזאָן - פאַרוואַנדלונג קומט דאָ אַן אָרגאַנישע אור - פאַרבונדנקייט מיט דעם קינד: נאָך פאַר דער געבורט, נאָך ביים סאַמע אָנהויב פון עקזיסטענץ, איז דאָס קינד אין מוטער - לייב אָרגאַניש פאַרבונדן מיט דער מוטער. אַנשטאָט עמאָציע - פאַרוואַנדלונג איז די מוטערלעכקייט פון אָנהויב אָן אַ נאַטורהאַפטע אור - שעפערישע זעלבסטלאָזיקייט. שוין ביי דער שוואַנגערשאַפט ווערן אַלע לעבנס - אָרגאַנען און דאָס גאַנצע וועזן פון דער מוטער געענדערט און פאַרכאַפּט פון דעם נאַטור - דראַנג צו געבן לעבן דעם ווערנדיקן קינד. נאָך דער געבורט הערט די מוטער ניט אויף אַרויס־

---

*) אפילו די פּלאַטאָנישע ליבע, אויף וויפיל זי קומט דאָך פאַר צווישן פאַרשיידענע געשלעכטער, בלייבט זי אין דער אַטמאָספער פון געשלעכטלעכער צונייגונג.

צווייזן אַן איך ־ לאָזע אַקטיווע ליבע, וואָס לעבט מיט און פאַר דעם וווקס פון קינד. די מוטערלעכקייט איז פסיכאָ־פיזיש אפריידיק־שעפערישע זעלבסטלאָזיקייט און לויט איר נאטור און ביאָלאָגישער פונקציע איז זי קעגנזעצלעך צו דער עגאָ־צענטרישער סעקסועלער לוסט. ניט נאָר אין קונסט און רעליגיע, נאָר אויך אין אומגאַנגס ־ לעבן, רופט טאַקע די מוטערלעכקייט דערפאַר אַרויס דאָס געהויבענע בילד פון דער „מאַדאָנע", פון דער שטענדיק געבנדיקער און שמייכלדיקער זעלבסטלאָזיקייט, וואָס אין איר אומבאַזיגבאַרער שטענדיקייט טראָגט עס דעם אָטעם פון אייביקייט.

מיר קאָנען איצט קלאָר און איינפאַך דערקלערן די אומגלייכאַרטיקע צוגעבונדנקייט פון פאַרשיידענע קינדער צו דער מוטער. ווייל די מוטערלעכקייט איז זעלבסטלאָז געווענדט אויף דאָס קינד, וועט דערפאַר די מוטערלעכקייט זיך מער אַרויסווייזן פאַר יענעם קינד אָדער פאַר יענעם עלטער פון קינד, וואָס נויטיקט זיך מער אין דער מוטערס הילף. וואָס ייננער און שוואַכער דאָס קינד, אַלץ מער איז עס אָנגעוויזן אויף דער מוטער און אַלץ מער איז עס צו איר צוגעבונדן. וואָס עלטער און קרעפטיקער דאָס קינד, אַלץ מער וועט עס האָבן דעם נאַטירלעכן דראַנג צו זעלבסטשטענדיקייט, וואָס זוכט אימפולסיוו זיך צו באַפרייען פון דער איצט שטערנדיקער מוטערס אויפזיכט. אָבער אויך ביים דערוואַקסענעם וועט אין מאָמענט פון געפאַר און געפאַלנקייט די געשראָקענע פאַנטאַזיע זיך קלאַמערן אָן דעם בילד פון דער שטענדיק שיצנדיקער און אַרויסהעלפנדיקער מוטער. אויף וויפיל נעווראָטיקער מיט זייער אינערלעכער געבראָכנקייט און אומזיכערקייט ווייזן אַרויס קינדישע אומבאַהאָלפנקייט, אויף אַזוי פיל וועלן זיי נאָך האָבן אָדער ווידער אויפוועקן די נאַטירלעכע קינדישע צוגעבונדנקייט צו דער שיצנדער מוטער. די צוגעבונדנקייט צו דער מוטער ביי דערוואַקסענע נעווראָטיקער איז לחלוטין ניט קיין סעקסועלע, נאָר איז דער נאַטירלעכער אויס־

דרוק פון שוץ-זוכנדיקער קינדערשער אומבאהאלפנקייט*).

מיר ברענגען דא א חלום פון א יונגן נעווראסטעניקער. ער איז זייער עמפינדלעך און אומזיכער, גענייגט צו גריבלעריי און צווייפל. ער האט זיך אויפגעהאדעוועט אין עלנט און נויט. די מוטער האט פאר אים געלייגט דאס לעבן. די מוטער איז געווען זייער ליידנד, און ווען זי איז געשטארבען האט זי אין זיין פאנטאזיע איבער-

*) דאס געזאגטע לאזט אונז אויך איינפאך דערקלערן די נאטירלעכע קאנפליקטן צווישן עלטערן און קינדער. אויף וויפל די מוטערלעכקייט איז אן ארגאניש איך - לאזע ליבע געווענדעט אויף און צוליב דעם קינד, הערט טאקע אויף ביי פארשיידענע חיות די מוטערלעכקייט מיט דעם מאמענט, ווען דאס קינד ווערט רייף און דארף נישט מער קיין מוטערלעכע הילף. אבער ביי מענטשן, וואס האבן אן אומבאשטימטע לאנגע קינדהייט, האט אויך די אקטיווע, שוצגעבנדיקע מוטערלעכקייט (ווי די עלטערן - ליבע בכלל) אן אומבאשטימט-לאנגער דויער. ווען דאס קינד ווערט רייף איידער די מוטער האט אויסגעלעבט איר מוטערלעכע ליבע, קאן אט די ניט אויסגעלעבטע מוטערלעכקייט, ווי יעדעס ניט אויסגעלעבטע געפיל, שמערצלעך אויפרעגן די מוטער. אט ווי ביי א קימפעטארין, ווען דאס קינד קאן ניט זויגן, און די פולע ברוסטן ווערן שמערצלעך אנטצונדן דורך דעם נישט געזויגענער מילך. דאס זעלביקע איז אויך בנוגע דער מוטער - אדער פאטער - ליבע צום קינד. פון דער אנדערער זייט, ווען די עלטערן אין דעם באשריבענעם צושטאנד קאנען ניט באהערשן די ניט אויסגעלעבטע, אדער שוין איבעריק געווארענע, עלטערן - ליבע, און זיי ווילן מיט „גוואלד" באאויפזיכטיקן (באמוטערן אדער באפאטערן) דאס שוין אויסגעוואקסענע קינד, ווירקט עס ווי א שמערצלעכער קלעם אויף דעם פרייען וווקס פון קינד און רופט ארויס אפט אן עקספלאזיוון אויפשטאנד אדער א לאנג פארביטערטן קאמף. אין דעם קאמף ווייזט, נאטירלעך, דער פאטער ארויס דעם וויניקער נאכגיביקן מענלעכן כאראקטער און דערפאר איז אמשטארקסטן דער קאמף צווישן זון און פאטער. אט דער קאמף צווישן זון און פאטער איז לחלוטין ניט סעקסועל און איז בלויז דער אויסדרוק פון א נאטירלעכן קאנפליקט צווישן דער אויפוואכנדיקער זעלבסטשטענדיקייט פון דעם פרי אבער שוין אויסגעוואקסענעם זון און דער נאך נישט אויסגעלעבטער אבער שוין איבעריק און שעדלעך געווארענער, עלטערן - ליבע.

געלאָזט אַן אידעאַל - בילד פון אַ מלאך מושיע, פון אַן אומענדלעך ליבנדיקער און שיצנדיקער גוטסקייט. מיר האָבן אומיסטן פון אונ־זער גרויסן מאַטעריאַל אויסגעקליבן דעם זעלטענעם פאַל, ווען מו־טער און זון זענען לערך יונג, און דער זון איז סענטימענטאַל און נעוראַסטעניש און דאָך וועט דער פּאַראַורטיילסלאָזער לעזער ניט גע־פינען אָביעקטיוו קיין שפּור פון סעקסועלער ליבע.

מיר ברענגען דאָ אַ קורצן חלום און צוויי פאַנטאַזיעס, וואָס מיר האָבן גענומען, לויט אונזער מעטאָדע (זע קאַפּ. 3), ביים יונגן מאַן. איין פאַנטאַזיע איז אַ פרייע ערינערונג, און די אַנדערע איז געגעבן לויט דער מעטאָדע פון פרייע באַשטעל - דערציילונג.

„מיין מוטער איז געווען זייער אַן אינטערעסאַנטע פרוי און איך האָב זי שטאַרק געליבט. זי איז געשטאָרבן אין עלטער פון 40 יאָר און איך בין דאַן אַלט געווען גענויע 17 יאָר. מיט אַ האַלב יאָר שפּעטער בין איך קראַנק געוואָרן אויף טיפוס. דאָקטוירים האָבן זיך געשראָקן, אַז איך וועל נישט איבערטראָגן דעם קריזיס.

אין דער נאַכט פון קריזיס האָב איך געזען אין חלום פאָלגנדעס:

איך געפין זיך אין אַ זייער פינסטערן צימער, אָן טירן און אָן פענסטער. איך געדענק, אַז דאָס פינסטערניש איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז אין מח האָבן זיך מיר געפּלאָנטערט די ווערטער „וימש חושך‟. איך ליג אויף אַ בעט. פּלוצלונג ווערט ליכטיק, אַן אויסער־געוויינטלעכע ליכטיקייט, וואָס איך האָב פריער אין מיין לעבן נים געזען און אויך מער קיינמאָל נישט. מיט דער ליכטיקייט האָט זיך באַוויזן מיין מוטער, אָנגעטון אין תכריכים און די ליכטיקייט האָט זיך פון איר געשפּרייט. זי האָט גאָרנישט געזאָגט. זי האָט בלויז אַ קוק געטון און איז פאַרשווונדן געוואָרן. עס איז צוריק געוואָרן פינסטער און איך האָב זיך אויפגעכאַפּט מיט אַ געשריי.

דער קריזיס איז פאַריבער און איך בין געזונט געוואָרן‟.

פ ר יי ע ע ר י נ ע ר ו נ ג.

„דאַנעריש: מיין פאָטער איז געווען אין אַמעריקע. אין דער היים האָט געהערשט גרויס אָרעמקייט. עס איז נישט געווען קיין ברויט

אין שטוב. מיין מוטער האט אויפגעזוכט איר גאלדן זייגערל, דאס איינציקע שטיקל צירונג, וואס איז נאך נישט געווען פאר־משכונט און מיך געהייסן איך זאל גיין מיט איר.

מיר זענען געקומען צום נגיד פון שטאט און געבעטן ביי אים עטלעכע רובל א הלואה. ער האט באטראכט דעם משכון פיל מאל און איינגעשטימט צו געבן 10 רובל, כאטש דאס האט געהאט די ווערט פיל מאל מער.

מיין מוטער האט זיך נישט געקאנט העלפן, געגומען דאס געלט און מיר זענען געגאנגען אהיים. אויף דעם וועג האב איך באמערקט די טרערן פון אירע אויגן. אירע אויגן זענען געווען נאך גרעסער, ווי אלעמאל, און ווען איך, דאס 12־יעריקע יינגל, האב זי געוואלט טרייסטן, האט זי רעאגירט: איך וויין נישט מיין קינד, אויף די צרות, נאר אויף דעם גוטן, וואס עס דער־ווארט אונז. ווער ווייס, צי איך וועל דאס דערלעבן. א קינד בין איך געווען און נישט פארשטאנען, אבער מיין מוטערס אויסזען אין יענע מינוטן שוועבט אלעמאל פאר מיינע אויגן".

פ א נ ט א ז י ע

(פרייע באשטעל־דערציילונג).

„אין מיין פאנטאזיע: דאס קליינע שטעטל, איך קום דארט אויף א באזוך און צוערשט גיי איך אויפן בית־הקברות.

איך שטיי נעבן מיין מוטערס קבר. עס ווערט נאכט און דער קבר שפאלט זיך און מיין מוטער באוויזט זיך. מיר גייען צו אונ־זער היים, מיין קינדערשע היים. מיין מוטער זעצט זיך אוועק נעבן דער הרובע און איך ביי דעם טיש און זי זינגט מיר אירע הארציקע, טרויעריקע נגונים.

עס איז נאכט. אלע אין הויז שלאפן. נאר איך און מיין מוטער זענען וואך, פונקט ווי עס איז געווען אמאל, און זי דערציילט מיר וועגן אירע קינדער־יארן, וועגן איר התונה און וועגן דעם, ווי אזוי זי האט געפירט א קאמף מיט אירע עלטערן, וועלכע זענען געווען קעגן איר לערנען און פריינדשאפט מיט די אויפגעקלערטע. זי דערציילט לאנג, ביז איך שלאף איין.

אך, ווען דאס וואלט נישט געווען קיין פאנטאזיע".

מיר וועלן דא נישט באהאנדלען אויספירלעך דעם חלום. עס איז גענוג אנצוווייזן, אז אין דעם קריטישן מאמענט פון דער גע־פערלעכער קראנקהייט קומט דאס בילד פון דער מוטער (אין חלום) ווי א מלאך מושיע, וואס ברענגט היילונג און רעטונג. אויך אין דער ערינערונג דערשיינט די מוטער אין דער טראגישער געשטאלט פון העלדיש - ליידנדיקער מוטערלעכקייט. אין דער פאנטאזיע קומט ווידער אן אידיליש בילד, ווען די פון קבר אויפגעשטאנענע מוטער זיצט אין זיין קינדערישער היים, זינגט און דערציילט... און ער, דער דערוואקסענער נעווראסטעניקער, איז אזוי קינדיש אומ־פארהאלפן, אז אין דער פאנטאזיע שלאפט ער איין טאקע גאר ווי א קינד, אין מיטן דערציילונג — „פונקט ווי עס איז געווען אמאל".

דא האבן מיר א כאראקטעריסטישע צוגעבונדנקייט צו דער מוטער, ווי א נאטירלעכער אויסדרוק פון נעוראסטעניש־קינדער־ישער אומבאהאלפנקייט.

די מוטערלעכקייט איז אייגנטלעך בלויז א טייל פון דער פא־מיליען - ליבע, וואס קומט דורך דער ארגאנישער בלוט - פארוואנד־שאפט צווישן מיטגלידער פון איין פאמיליע און וואס דריקט זיך אויס אין דער פאטער־ליבע צום קינד (פאטערלעכקייט) און אין דער ארגאנישער נאנטקייט צווישן ברודער און שוועסטער (ברודער־לעכקייט). נישט נאר באציט זיך די מוטער־ליבע אויף אלע קינדער, נאר די דאזיקע ליבע טראגט שוין אין זיך ארגאניש א ליבע צום פאטער און דערנערער פון קינד, צום גרינדער פון דער פאמיליע, ווי אויך צו דער גאנצער פאמיליען - אטמאספער. מיט אנדערע ווערטער, די סעקסועלע ליבע איז אינדיווידועל, ד.ה. באציט זיך צו א יחיד; די מוטערלעכע ליבע איז משפחהדיק, ד.ה. איז פארבונדן מיט דעם פאמיליען־קאלעקטיוו.

מיר זעען, אז סעקסועלע און מוטערלעכע ליבע זענען אין פיל ריכטונגען פארשידן און אין זייערע וועזנטלעכע אייגנשאפטן זע־נען זיי דורכויס קעגנזעצלעך. צווישן מוטער און

קינד, וואָס זענען פאַרבונדן דורך מוטערלעכער אור־פאַרוואַנדשאַפט, איז די עקספּלאָזיוו־עגאָצענטרישע סעקסועלע נייגונג אַזוי ווידערנאַטירלעך, ווי עס איז אוממעגלעך צו „פאַרוואַנדלען" אַ פרעמדע פרוי אין אַן עכטער מוטער. אין אַלע צייטן האָבן נאָרמאַלע מענטשן געפילט אוממיטלבאַר אַן אורשפּרינגלעכן אומבאַזיגבאַרן עקל אָדער ווידערגעפיל קעגן אינצעסטועזע באַציונגען. אונזערע אָביעקטיווע קליניש פאָרשונגען באַווייזן, אַז אויך בײַ שווערע נעוראָטיקער זענען אינצעסט־נייגונגען אַ זעלטענע פּערווערזיע.

ס'איז אַלעמאָל געווען אַ מאָטיוו פאַר הומאָר און טראַגעדיע דער באַקאַנטער גרונט־פאַקט, אַז אַ שיינע פרוי, וואָס לאָקט אַזוי שטאַרק יונגע מענער, לאָזט אָבער סעקסועל גלייכגילטיק דעם אייגענעם ברודער אָדער זון. נאָך אַן אויסגעלאָשענער ליבע, למשל, ווילן אָפט די פאַרליבטע בלייבן צווישן זיך, „ווי ברודער און שוועסטער", וואָס מיינט אַ נאַטירלעך אומעראָטישע פרײַנטשאַפט. און אָט אַזאַ כאַראַקטעריסטישער פאַל. אויף אַ מאַסקן־באַל ווערט אַ יונגערמאַן פאַרכאַפּט דורך פלירט מיט אַ שלאַנקער פרוי, וואָס כאָטש זי מאַסקירט געזיכט און שטים, באַצויבערט זי אָבער דורך גראַציע פון פיגור און האַלטונג. אויף דעם הויך־פּונקט פון פלירט ווערט אָבער דער יונגערמאַן פאַרשעמט און אויסגעלאַכט, ווען ער דערקענט פּלוצים אין דער מאַסקירטער פרוי זײַן אייגענע שוועסטער. אָט די הומאָריסטישע סיטואַציע וואָלט אָבער בײַ ווײַטערער אַנטוויקלונג געקאָנט ווערן טראַגיש. ווען אַ מענטש ווערט אָוועקגעריסן פון זײַן פאַמיליע אין אַ ווײַט לאַנד און פאַרלירט יעדן שפּור וועגן זײַן פאַמיליע, קאָן ער אין יאָרן אַרום הייראַטן ערגעץ אויף אַ רייזע אַ שיינע פרוי און האָבן מיט איר קינדער. ערשט נאָכדעם זאָל ער זיך דערוויסן, אַז די פרוי איז זײַן אייגענע מוטער אָדער זײַן אייגענע טאָכטער. גי־דע־מאָפּאַסאַן שילדערט אין אַ דערציילונג אַזאַ פאַל, ווען אַ מאַן באַקענט זיך און באַפרײַנדעט זיך אין רעסטאָראַן מיט אַ יונג מיידל און נאָך דער ערשטער

ליבעס - נאכט דערזעט ער ביים מיידל אויפן טיש א בילד פון עפעס א באקאנטער פרוי. ער דערקענט באלד, אז אט די פרוי איז זיין אמאליק ווייב, וועלכע האט אים געבארן טאקע אט דאס זעלביקע מיידל, וואס ער האט מיט איר די נאכט סעקסועל געלעבט. דער מאן רירט זיך פון זינען און לויפט אוועק אין א מדבר. אין דער גריכישער דראמע רופט עס ארויס ביי עדיפן א רעליגיעז אינטימע טראגישע דערשיטערונג. ס'קומט דא צו נאך א מאמענט. דער אינצעסט איז אזוי קעגן געפיל און ווילן פון מענטשן, קעגן די עלעמענטארסטע מענטשלעכע אינסטינקטן, אז דעם מענטשן דוכט זיך, ווי ס'וואלט געקומען פון דרויסן, דורך דער פרעמדער מאכט פון א „בלינדן פאטום". מיר קומען איצט צו דער אויספירונג פון דער אינטים - פסיכאלאגיע: וואס „אינטימער" דאס געפיל, אלץ שיקזאלהאפטער איז עס פאר דעם מענטשן, אלץ טראגישער איז די פארלעצונג פון געפיל און אלץ טיפער איז די אנגסט פאר דער מעגלעכקייט פון אזא פארלעצונג. די טראגישקייט ביי עדיפן קומט דורך דעם, ווייל דער אינצעסט איז א ווידערנאטירלעכע פארלעצונג פון דער „אינטימער" ליבע, סיי פון דער סעקסועלער, סיי פון דער מוטערלעכער. אויך די אנגסט - חלומות וועגן טויט פון נאנטע מענטשן דריקן אויס די טיפע אנגסט, וואס מ'האט בנוגע דעם מעגלעכן אדער דראענדיקן טויט פון „אינטים" - נאנטע מענטשן.

חלום און קונסט - דראמע, וואס זענען ביידע (יעדע אויף איר שטייגער) עמאצאנעלע שאפונגען, ווענדן זיך צו „אינטימע" דערשיטערונגען, ווייל און אויף וויפיל די דאזיקע לאזן אויסדריקן די ספעריש - עמאציאנעלע פערזענלעכקייט אין איר אומבאגרענעצטער עכטקייט און אינדיווידועלער פולגעשטאלטיקייט.

1

די לערע פון דער חלום-דיכטונג

(דער שאַפונגס-שליסל)

די אויסגעהאַלטענע אויספּאַסונג פון חלומות, ווי אַן עמאָציאָנעלע שאַפונג, וואָס דריקט אויס אין בילדער אונזערע געפילן (עמאָציעס), ברענגט אונז צו דער אינטימער פּסיכאָלאָגיע פון שאַפונג, וואָס וועט אונז ערשט אויפדעקן (ווי מיר וועלן גלייך זען) די סאַמע אינערלעכע נאַטור פון חלומות. מיר וועלן אָבער פריער אילוסטרירן דעם גרונט-געדאַנק דורך אַ פאַרגלייך.

ווען אַ נישט-מוזיקאַלישער מענטש וואָלט געקומען אויף אַ סימפאָנישן קאָנצערט, וואָלט ער זיך געערגערט און געוואונדערט, וואָס אויף דער עסטראַדע שטייען מענטשן שעהן-לאַנג און מאַכן מיט די אינסטרומענטן אַזאַ „אומזיניקן" ליאַרם. ווען ער וואָלט געוווּסט די מוזיקאַלישע טעכניק, וואָלט ער ווייניקסטנס שוין געקאָנט אויפכאַפּן די קאָנסטרוקציע (דעם אָרכעסטער-פּלאַן) פון דער סימפאָניע. ער וואָלט אָבער נאָך אַלץ אויפגענומען די סימפאָניע טעכניש פון דרויסן, און די סימפאָניע וואָלט דעריבער נישט אַרויסגערופן ביי אים קיין באַזונדערע געפילן. ערשט נאָר דורך דעם מוזיקאַלישן חוש וואָלט ער אויפגעכאַפּט יענעם עיקר פון דער סימפאָניע, נעמלעך, די אינטים-מוזיקאַלישע שעפערישקייט, וואָס רופט אַרויס באַשיינפערלעך אַזאַ אַנטציקנדע דערשיטערונג ביי הונדערטער מענטשן דאָ אין העמזעלביקן קאָנצערט-זאַל. אַזוי לאַנג

ווי די פאַרשער זענען נישט צוגענגלעך פאַר דער ספעציפישער חלום-שאַפונג, זעען זיי אין חלומות בלויז אַן אומזיניקן מיש-מאַש פון ברעקלעך און שטיקלעך אָדער בלויז ראַציאָנעל פאַרשפיצטע „מעכאַניזמען" פון „באַהאַלטענע" ווונטשן (לויט דעם פסיכאָ-אַנאַליז). אָבער נאָר די אומ-מיטלבאַר-געפילטע אינטימע חלום-שעפערישקייט קאָן אונדז דער-קלערן די אָפט אַזוי אויפטרייסלענדיקע ווירקונג פון חלומות. עס איז דערפאַר די ערשטע אויפגאַבע פון דער לערע וועגן חלום-דיכטונג אויפצוקלערן די אינטימע פסיכאָלאָגיע פון דער חלום-שאַ-פונג, און ערשט דערנאָך וועט מען קאָנען פאַרשטיין און באַשרייבן די חלום-שאַפונג ווי אַ מאַגישע דיכטונג.

א) די אינטימע פסיכאָלאָגיע פון דער חלום-שאַפונג.

אייגנטלעך איז עס דער סאַמע אויפפאַלנדיקער פאַקט, אַז דער חלום איז אַ ניי פסיכישע באַשעפעניש מיט אייגענעם לעבן און אינהאַלט. ווי דער מאָלער (אונטערשטרייכן מיר ווידער דעם אויבן*) באַוויזענעם פאַרגלייך) שאַפט פון נייטראַלע פאַרבן שטי-מונגס-בילדער, אַזוי שאַפט דער חלום פון פאַרשידענעם פסיכישן מאַטעריאַל עמאָציאָנעלע טרוים-בילדער. שאַפונג איז אָבער ניט נאָר אַן אייגנאַרטיקע פסיכישע געשעעניש, נאָר די דאָזיקע געשעעניש ברענגט מיט זיך אַ נייעם שאַפונגס-פראָדוקט. ביידע, די עצם-געשעעניש און דער אַרויסגעקומענער פראָדוקט פון שאַפונג, האָבן זייער אייגענע נאַטור און מוזן באַטראַכט ווערן פאַר זיך, ווי אַ ספעציעלער קעגנשטאַנד פון דער וויסנשאַפט פון שאַפונג**).

*) קאַפּיטל 3.

**) די אויבנדערמאָנטע חיסר-טעאָריע, וואָס באַטראַכט די גאַנצע פרייע פאַנטאַזיע, די וואַך-פאַנטאַזיע און די טרוים-פאַנטאַזיע, ווי אַ מינ-דערווערטיקע טעטיקייט (זע אויבן קאַפּ. 1 און 6), פאַרזעט און פאַרלייקנ

די חלום - שאפונג ווייזט ארויס זייער אפט די שוין באשריבענע (קאפ. 6) סימנים פון „אינטימישקייט". מאנכע דערשיטערנדיקע חלומות זענען אויס דעם מענטשן, ווי זיי וואלטן באריירן דאס סאמע טיפסטע וועזן פון דער פערזענלעכקייט. אט די דאזיקע חלומות קאנען ארויסרופן (בשעת דעם חלומען זיך) עקסטאטישע אדער טראגישע איבערלעבענישן, וואס זענען אפט אויס דעם מענטשן אויך אויף מארגן נאך דעם שלאף פול מיט שיקזאלהאפטיקער (פאטאלער) באדייטונג. פון איין זייט קאנען שיקזאל - שטונדן פון קריזיס אדער געפאר ארויסרופן דערשיטערנדיקע חלומות; פון דער אנדערער זייט, קאנען דערשיטערנדיקע חלומות ארויסרופן אין דעם מענטשן דאס געפיל פון א שיקזאל - שטונדע. אויף וויפיל חלומות קאנען האבן אין זיך סימנים פון אינטימישקייט (געפיל פון אייגנארטיקייט, עקסטאטיש - טראגישע טיפקייט, שיקזאלהאפטיקייט) — אויף אזויפיל האבן מיר צו טון מיט דער אינטימער פסיכאלאגיע פון שאפונג.

די שעפערישע עמאציעס, ווי אלע אנדערע עמאציעס, קאנען ביי באשטימטע אומשטענדן ווערן פארטיפט און באקומען כאראקטעריסטישע סימנים פון אינטימישקייט. ניישט נאר אויף דעם געביט פון קונסט, נאר אויך אויף אלע אנדערע שאפונגס - געביטן קאנען גרויסע אויפגאבן ארויסרופן א פארטיפונג פון דעם שאפונגס-דראנג, וואס ווערט פאר דעם מענטשן שיקזאלהאפט - אינטים. ווי דער קינסטלער אין מאמענטן פון אינספיראציע, אזוי קאן דער פאליטיקער - פארשער אדער דער פארכאפטער פארשער בכלל, פילן זיין ארבעט, ווי א לעבנס - שיקזאל, וואס די דערפילונג ברענגט עקסטאטישע פרייד און דער דורכפאל איז טראגיש. נאך דער

יעדע שאפונג. אויך לויט דעם פסיכא - אנאליז זענען חלומות בלויז בילדלעכע אויסדרוקן פון פרימיטיווע קינדערשע ווונטשן, ד. ה. דאס טרוימערישע און דאס קינדערשע זענען ביידע גלייך פרימיטיוו און רעגרעסיוו (היסטעריע)— ס'ווערט דא ווידער פארזען די גאנצע אייגנארטיקע שעפערישקייט סיי פון דער קינדערשער, סיי פון דער טרוימערישער פאנטאזיע, ווי מיר וועלן עס נאך ווייטער אין ספיטלער אויפקלערן.

אינטים־געוואָרענער שאַפונגס־דראַנג וועקט און מאָביליזירט די אַנטשיידנ־דיקע כּוחות פון דער פערזענלעכקייט און אַנטפּלעקט אַזוי אַרום די סאַמע וועזנטלעכע נאַטור פון שאַפונג. פאַרזעט מען די פּסיכאָלאָגיע פון די אינטים־שעפערישע געפילן, קאָן מען גאָרנישט תּופֿס זײַן די נאַטור פון שאַפונג. די מאָדערנע פּסיכאָלאָגיע, וואָס איגנאָרירט די אינטימע איבערלעבענישן (זע קאַפּ. 6), האָט שוין ממילא אויך נישט קיין צוגאַנג צו דעם אינערלעכן וועזן פון שאַפונג.

דער נאַיווער רעאַליזם בלויז איז געניגט צו באַטראַכטן די שאַפונג, ווי אַ מעכאַנישן פּראָצעס, וואָס פירט איבער ענערגיע פון איין פאָרם אין דער אַנדערער. יעדע פאָרשונג פון שאַפונג איז מעכאַניסטיש אויסערלעך, ווען זי שטעלט נישט אין מיטלפּונקט די אינטים־איבערקערערישע אורשפּרינגלעכקייט פון שאַפונגס־אַקט גופֿא. אויף די באַמיסטיקטע פעלדער ווערן די פאַרזייטע קערנער נישט בלויז מעכאַניש „פאַרוואַנדלט" אין אויסגעוואַקסענע פּראָדוקטן. נאָר קערנער און מיסט זענען בלויז טרעגער און סטימולן פון דער אויפגעוועקטער וווּקס־עקספּלאָזיע, וואָס לאָזט אַרויס־שטראָמען, פון די קערנער אַ נייעם, קיינמאָל נישט געלעבטן, לעבנס־שטראָם. דער ערשטער געשריי פון אַ ניי־געבאָרענעם קינד, דאָס פּלאַצן פון קנאָספּן, די ערשטע פרילינגס־גראָזן רופן אַרויס בײַם פרייען באַאָבאַכטער אַן אורשפּרינגלעכע ציטערדיקע פרייד. ס'איז די אור־פרייד פון שאַפונג, וואָס שטעקט אָן דעם צוגעגנגלעכן באַ־אָבאַכטער מיט דעם עקספּלאָזיוון לעבנס־דראַנג. וואָס בײַם געוויקס איז שאַפונגס־פּראָצעס, איז בײַ דעם מענטשן באַוווסטזיין אָדער געפיל פון אינטימער שעפערישקייט. די דאָזיקע איבערלעבעניש, וואָס איז בײַ יעדן מענטשן אַזוי עלעמענטאַר און קלאָר, קאָן נאָך גענויער באַשטימט ווערן דורך פאָלגנדיקע פאַקטן.

אַ פאָטאָגראַפיש אָדער בכלל אַ טעכניש אויסגעפירט בילד קאָן אונז אימפּאָנירן דורך פּינקטלעכקייט, פאַרמאָגט אָבער נישט

קיין „לעבן" און לאָזט אונדז „קאַלט". אָבער ערשט די פּענזל־שטריכן פון אַ קינסטלער טראָגן אַריין אין בילד יענע „וואַרעמע" וויטאַלע אינטימישקייט, וואָס רופט אַרויס אַ פּאַרכאַפּנדיקע וויברירנדיקע פרייד. בלייבן מיר אָבער ביים אויבנדערמאָנטן ביישפּיל. אַ נישט מוזיקאַלישער מענטש הערט גלייכגילטיק און קאַלט די זעלביקע סימפאָניע, וואָס הונדערטער מענטשן אַרום אים הערן צו מיט אַן אַנטציקט־פאַרכאַפּטן אָטעם. דאָס קומט דערפאַר, וואָס אַט דער מענטש הערט מעכאַניסטיש די טענער (און זייער טעכנישן צונויפבוי) און האָט נישט קיין אַנטוויקלטן חוש פאַר דער אינטים־שעפערישער מוזיקאַלישקייט פון דער סימפאָניע. דאָס געזאָגטע קאָן קורץ פאָרמולירט ווערן אַלס ערשטער פּרינציפּ פון דער אינטימער שאַפונגס־פּסיכאָלאָגיע: טעכניק און שטאָף (אין דעם געשאַפענעם ווערק) באַקומען זין און לעבנס־אינהאַלט דורך דער איינגאַרטיקער לעבנס־שטראָמענדיקער אינטימישקייט פון דער שאַפונג. וואָס מער דאָס ווערק איז לעבנס־פול, אַלץ מער און פולקאָמענער אַנטפּלעקט זיך אין אים די אינטים־באַלעבנדיקע שעפערישקייט. די חלומות, וואָס לאָזן פאַנטאַזיע־בילדער, באַקומען די מייסטע לעבנספולע פּלאַסטישקייט פון עכטער ווירקלעכקייט, ווייזן אַרויס אַ ספּעציפיש אינטימע שעפערישקייט פון אומגעהויער לעבנס־וועקנדיקער קראַפט. דאָס איז, נעמלעך, די מאַגישע אייגנשאַפט פון דער חלום־שאַפונג, וואָס איר כאַראַקטער און דיכטערישע באַדייטונג וועלן שפּעטער באַשריבן ווערן.

נישט ווייניקער וויכטיק איז דער צווייטער פּרינציפּ פון דער אינטימער שאַפונגס־פּסיכאָלאָגיע, נעמלעך, דער פּרינציפּ פון דער טאָפּל־עקזיסטענץ פונעם שאַפונגס־פּראָדוקט. דער ניי־געשאַפענער פּראָדוקט רייסט זיך אָפּ פונעם מוטער־באָדן, ווערט אַ בריה פאַר זיך, מיט אייגן־לעבן און אייגן־עקזיסטענץ. אייגנטלעך איז יע־

דע שאפונג בכלל נאר אויף אזויפיל פארווירקלעכט, אויף וויפל דאס
ניי - געשאפענע האט „איגן" לעבן און הויבט אן זיין איגענע
געשיכטע. פון דער אנדערער זייט, גייען איבער בירושה צום גע-
שאפענעם די איינגעשאפטע, פונם באשעפער, וועלכער לעבט אין זיי-
נע ווערק. נאכמער, מ'באטראכט יעדן לעבעדיקן אינדיווידו, ווי גע-
שניטן אין זיין אייגענער עקזיסטענץ, ווען ער איז „פרוכטלאז",
ד. ה. ווען ער קאן נישט שאפן וואסער ס'איז ניי לעבן, ווו ער זאל
קאנען אויסדריקן און פארטזעצן זיין אייגענע עקזיסטענץ. דאס
איז די פאראדאקסאלע טאפל - עקזיסטענץ פונם שאפונגס - פרא-
דוקט, וואס איז דורכויס א בריה פאר זיך און דאך איז ער גלייכ-
צייטיק אויסדרוק און פארטזעצונג פון זיין באשאפער. ס'קאן נאך
שארפער אזוי אויסגעדריקט ווערן: וואס מער די קינדער זענען עק-
זיסטענץ פעיק, וואס מער, הייסט דאס, זיי קאנען זיין עקזיסטענ-
צן פאר זיך, אלץ מער פארווירקלעכט זיך דער דראנג פון די על-
טערן זיך אין זיי פארטצוזעצן.

אט די טאפל - עקזיסטענץ דערקלערט אונז די כלומרשט-
קעגנזעצלעכע ווירקונגען פונם קונסט - ווערק. פון איין זייט קאן
דער קינסטלער „אויסלעבן" אדער אויסלייזן זיינע שטורמישע
עמאציעס אין דעם געשאפענעם קונסט - ווערק (אויסלייזנדיקע
ווירקונג); פון דער אנדערער זייט קאן דער קינסטלער ערשט אינם
קונסט - ווערק „אויפלעבן" און פיקסירן אין בילדער זיינע געפילן
(פיקסירנדיקע ווירקונג) *). שוין די אלטע גריכישע דראמע האט

*) דאס דערקלערט אונז די טאפל - פונקציע פון דער פרייער פאנטאזיע
בכלל (וואך - פאנטאזיע און טרוים - פאנטאזיע), וואס איז אן עמאציאנעלע
שאפונג, ד. ה. וואס אביעקטיווירט עמאציעס אין בילדער און קאן דורכדעם
גלייכצייטיק באפרייען און פיקסירן די זעלביקע עמאציעס. אויף דעם אופן
קאנען מיר אויך פארשטיין דעם אויפפאלנדיקן ווידערשפרוך אין דער בא-
היפטונג פון פארשיידענע אויטארן וועגן דער פונקציע פון שפיל. פון איין
זייט זאל לויט סטענלי - האל דאס קינד „אויסלעבן" זיינע עמאציעס אין
שפיל (אויסלייזנדיקע ווירקונג). פון דער אנדערער זייט, זאל לויט גראס (און
אונזער אייגענער אויפפאסונג) דאס קינד דורך שפיל גראד אנטוויקלען און

בייט אויסגענוצט די דאָזיקע טאָפּל־ווירקונג — אויסלייזן דעם צושוויַער פון טראַגישן פּיין, וואָס ווערט עסטעטיש קאָנדענסירט און דערהויבן אין דער פאַר זיך פליסנדיקער קונסט־דראַמע; אָבער גלייכציַיטיק ווערט טאָקע דורך דעם קונסטווערק דאָס טראַגישע פאַראייביקט. וואָס מעכטיקער די קונסט־שאַפונג, אַלץ גרעסער איז סיי איר אויסלייזנדיקע, סיי איר פיקסירנדיקע ווירקונג. די חלום־שאַפונג, וואָס האָט די סאַמע מעכ־טיקע פּלאַסטישקייט פון עכטער ווירק־לעכקייט, האָט דערפאַר אויף איר שטיי־גער די מייסט באַפרייענדיקע, ווי אויך די מייסט פיקסירנדיקע ווירקונג פאַר אונזער אינטימען געפילס־לעבן.

מיר וועלן איצט ברענגען אַ כאַראַקטעריסטישן חלום, וואָס וועט דאָס געזאָגטע נאָך גענויער דערקלערן. ס'האַנדלט זיך וועגן מיין אייגענעם חלום, וואָס איז פאָרגעקומען ביי פאָלגנדיקע אומ־שטענדן:

כ'באַקום פּלוצים אַן אַלאַרם־טעלעגראַמע, אַז מיין יינגע־רער ברודער איז געפערלעך קראַנק. ס'איז אוממעגלעך צו אים אַרויסצופאָרן, נאָר פון דער היים שרייבט מיר מיין פאָטער אָפטע ידיעות וועגן קריטישן צושטאַנד פונם קראַנקן. אין אַ קורצער וואָך אַרום האָט מען מיר פּלוצים אויפגעהערט שרייבן פון דער היים וועגן ברודער, מ'האָט מיר אויך נישט געענטפערט אויף מיינע דרינגג־לעכע אָנפרעגן וועגן אים. אַנשטאָט צו זען אין דעם אַ שטומען אָנ־זאָג וועגן דעם טראַגישן סוף, האָב איך מיט אַ מערקווירדיקער עקשנות נישט אויפגעהערט צו גלויבן, אַז ער לעבט און אַז דאָס שווייגן פון דער היים איז אַן ערגערלעכער צופאַל. נאָר אינערלעך האָט מיך געמאַטערט אַ פּיינלעכע אומזיכערקייט, וואָס האָט מיך געמאַכט אַלץ מער אומרויק. אַזוי ווי די אומרו איז מיט יעדן טאָג

באַמערקט געוויסע נייגונגען (פיקסירנדיקע ווירקונג). דאָס זעלביקע איז אויך בנוגע חלומות. וואָס זענען אַן עמאָציאָנעלע שאַפונג אָדער דער שפּיל פון מענטשן אין ציַיטן פון שלאָף.

געוואָרן אַלץ פּיינלעכער, האָבן מיינע פריינט געוואָלט מאַכן צו דעם אַ סוף. האָבן זיי אײַן אַ פאַרנאַכט אָנגעזאָגט מיר, אַז דער ברודער איז שוין מיט אַ וואָך צוריק געשטאָרבן. כ׳בין נאָכדעם אַ גאַנצן אָוונט געזעסן אין מיין חדר ווי פאַרגליווערט. ס׳איז מיר געשטאַנען פאַר די אויגן דאָס בילד פונם פאַרשטאָרבענעם. ער איז געווען אַ גרויסער שווייגער. שטענדיק שטיל און באַהאַלטן, אָבער אַ שפּראָצענדיקע באַגאַבונג, זאַפטיק און וואָרצלדיק. כ׳האָב אינערלעך ניט געקאָנט מאַכן קיין „הסכם", אַז ער איז טויט.

אין דער זעלביקער נאַכט האָט זיך מיר געחלומט:

כ׳זיץ אין דער היים מיט דער גאַנצער פאַמיליע אין עס - צימער בײַם גרויסן טיש. מ׳דערלאַנגט אונז אַלעמען גלעזער טיי. דער פאָטער זיצט אויבנאָן. איך מיט מיין עלטערן ברודער פון איין זייט טיש און מיין יינגערער ברודער זיצט פונקט אַנטקעגן מיר פון דער אַנדער זייט טיש. מיין מוטער און די צוויי שוועסטער זיצן אויך בײַם טיש, נאָר זיי טײַלן זיך ווייניקער אויס, ווי באַשאָטנט. אַלע פּנימער זעען אויס פאַרנאַפּט, אויך די לופט און די שטילקייט. מיר טרינקען טיי, דער יינגערער ברודער טרינקט מיט אַראָפּגעלאָזענע אויגן, שווינדיס, אָפּגעטראָגן, אין זיך אָפּגעשלאָסן. אויף זיין פּנים באַווייזט זיך אַ זייער געהיימער און דאָך באַקאַנטער שיין. כ׳בין דערשטוינט. וואָס איצט זיצן אַרום טיש די זעלביקע דריי ברידער ווי אַמאָל. כ׳ציל איבער עטלעכע מאָל מיט די אויגן, און יעדעס מאָל זע איך פאַרוווּנדערט, אַז מיר זענען נאָך אַלץ דריי ברידער. ס׳טייטש, קלער איך דערשטוינט, ס׳האָט זיך דאָך דאָ גאָרניש געענדערט — פריער דריי און איצט דריי ברידער. כ׳הויב זיך שוין אָן שטאַרק פרייען, וואָס פּאַקטיש איז אַלץ ווי פריער, אָבער אינערלעך בין איך אומזיכער און פאַרוווּנדערט. וואָס זאָל דאָס הייסן, פרעג איך דעם פאָטער, ס׳זענען דאָך די זעלביקע דריי ווי פריער. דער פאָטער ווערט אין כעס, ער בייזערט זיך אויף מיר: „שטענדיק פרעגסטו קשיות און גריבלסט זיך. וואָס אַרט עס דיך, ווי אַזוי ס׳איז געקומען. דו זעסט דאָך, אַז ס׳זענען געווען פריער דריי ברידער און איצט זענען דריי. ווער קאָן אָפּלייקענען אַ זאַך, וואָס מ׳זעט אַזוי באַשיינפּערלעך מיט די אייגענע אויגן. איז דאָך

טאַקע גוט און מאַך נישט קיין חקירות..." כ'בּליב שטיל. כ'האָב נישט, וואָס אָפּצופרעגן דעם טאַטער. עפּעס ווי מיט גוואַלט „מוז" איך זיך בּרייטער איבּערצייגן, אַז אַלץ איז דאָך ווי פריער. אָבּער טיף אינערלעך פּלאָגט מיך אַ פּיינלעכע אומזיכערקייט. מיין אומרו ווערט גרעסער, און דער שיין אויפן ברודערס פּנים ווערט אַלץ גע־היימער און פרעמדער. בּין איך שטיל אויפגעשטאַנען פון מיין שטול, האָבּ זיך ווי אַ גנב געשלייכט מיט פאַרכאַפּטן אָטעם אַרום די ווענט, בּין אויף די שפּיץ פינגער צוגעגאַנגען שטיל, פון הינטן אַרום, צום יינגערן ברודער. ווען כ'בּין שוין גאַנץ נאָנט נעבּן איבּ געשטאַנען, האָבּ איך „פלוצים" אַרומגענומען זיינע פּלייצעס — האָט זיך זיין גאַנצע געשטאַלט מיט אַמאָל צעשאָטן אויף אַש אין מיינע הענט... כ'האָבּ זיך מיט אַ געשריי אויפגעכאַפּט.

עטלעכע שעה נאָך דעם שלאָף בּין איך געווען אין אַ מאָדנעם צושטאַנד אונטער דער ווירקונג פון חלום. כאָטש מיך האָט נאָך געטרייסלט דאָס שווערלעכע געפיל פון צעשאָטענעם אַש אין די הענט, האָבּ איך דאָך נאָך געהאַט די בּאַצווינגענדיקע פריילעכע איבּערצייגונג, אַז „אַלץ איז נאָך ווי פריער". כ'בּין געווען ווי האַלבּ בּאַטרונקען - אויפגערעגט און דערהויבּן. ערשט אין עטלעכע שעה אַרום, ווען כ'בּין אַרויס אויף דער גאַס, האָבּ איך זיך אויסגענִיכ־טערט. כ'האָבּ שוין געוווּסט, אַז ס'איז נישט אַלץ ווי פריער. כ'בּי געווען ווי אויסגעשעפּט און געלייטערט דורך דעם אויפטרייסלענ־דיקן חלום. ס'האָט מיך בּאַהערשט יענע בּאַפרייענדיקע און דאָך טאַגטריגע בּענקשאַפט, וואָס מ'האָט נאָך אַ דערשיטערנדיקער חרא־מאַטישער פאַרשטעלונג, ווען דער שווערער ווערט קאָמפּענסירט דורך דעם אַריינבּליק אין די בּילדלעך - פאַרגעשטעלטע געהיימע אָפּגרונטן...

דאָ זעען מיר קלאָר, אַז דער חלום ברענגט גלייכצייטיק אָן אינער־לעכע אויסלייזונג און אַ מעכטיקן*) אויסדרוק פאַר דעם ליידנספולן קאָנפליקט צווישן צוויי אינטימע געפילן — דעם אינטימען חראַנג

*) כ'האָב דעמזעלביקן חלום שפּעטער אויסגענוצט אין מיין דערציילונג „חיים גראַוויצער", צווייטער טייל, קאַפּ. 4.

נאָך דער אילוזיע פון טויט - פאַרליקווידירונג און דעם טראַגישן געפיל פון רעאַלן טויט. דאָ זעט מען אויך קלאָר, אַז געפילן און בילדער ווערן אויסגעדריקט נישט מעכאַניסטיש, נאָר ווערן פאַרוואַנדלט אין אַן אָריגינעלער דראַמאַטישער שאַפונג, וואָס האָט אייגענע אַטמאָספער און שטימונג און קאָן דערפאַר נאָר פון אינעווייניק פאַרשטאַנען ווערן. די סצענע אַרום טיי-טיש, למשל, איז זייער מאָלעריש - אָריגינעל, אָנגעזאַפּט מיט דראַמאַטישער שפּאַנונג.

יעדע דיכטערישע שאַפונג ווערט באַשטימט נישט נאָר דורך די אין איר אויסגעדריקטע מאָטיוון, נאָר אויך דורך דעם כאַראַקטער פון איר אויסדרוקס - מיטלען. אַ מוזיקער, למשל, מוז אַריינפּאַסן זיינע שטימונגען אין אַ מוזיקאַלישן געוועב, אין אַן אָרקעסטער - מוזיק וועט ער זיך קאָנען אַנדערש אויסדריקן, ווי אין אַ סאָלאָ - מוזיק א. ד. גל. אויך די חלום - שאַפונג קאָן פאַרשטאַנען ווערן נישט בלויז דורך די אין איר אויסגעדריקטע עמאָציעס, נאָר אויך דורך דעם ספּעציפישן כאַראַקטער פון אירע מאַגישע אויסדרוק - מיטלען, וואָס מיר וועלן באַשרייבן אַלס פּרינציפּן פון חלום-שאַפונג.

ב) פּרינציפּן פון חלום-שאַפונג.

די פאַרגלייכנדיקע פאָרשונג פון פאַרשיידענע חלומות לאָזט אויפדעקן די פּרינציפּן פון דער חלום - קאָנסטרוקציע*), ד. ה. די אופנים, ווי אַזוי דער חלום דריקט אויס די אינטימע געפילן. מיר וועלן קורץ באַשרייבן די הויפּטיקע פּרינציפּן און זיי דעמאָנסטרירן

**) דא איז די רייד וועגן „אָרגאַניזירטע" חלומות. די אומאָרגאַניזירטע חלומות האָבן, ווי ס'איז שוין אין אַן אַנדער אָרט באַוויזן געוואָרן (קאַפּ. 3), זייער איינעם כוואַליעדיקן ריטם.

אויף דעם געבראכטן חלום*):

1) ח ל ו ם - ס צ ע נ ע. ווי דעקאראציע אין הינטערגרונט אין טעאטער, אזוי שאפט דער חלום אויף זיין מאגישן שטיינער סצענישע איינריכטונג מיט געוויסן הינטערגרונט, וואס זיי אליין קאנען שוין אויסדריקן אדער פארשטארקן באשטימטע שטימונגען. אינם געבראכטן חלום איז עס די שטימונגספולע פאמיליען-סצענע ארום טיי - טיש, ווען די פאמיליע - מיטגלידער ווערן אויסגעזעצט לויט א באשטימטן דראמאטישן עפעקט. דער חלום איז אומבאגרענעצט אין זיינע סצענישע מיטלען, ניט זעלטן באנוצט ער פאנטאסטישע פאנאראמעס. 2) ח ל ו ם - א ט מ א ס פ ע ר. אומאפהענגיק פון דער סצענע קאן שוין די אטמאספערע פאר זיך זיין אנגעזאפט מיט געוויסער שטימונג. דער חלום דערגרייכט עס דורך פיינסטע פאנטאזיע-שטריכן, ווי א טיפערע ניואנסירונג פון דער שטילקייט, פון די קלאנגען אדער א ראפינירטע באלויכטונג א. ד. גל. אין דעם געבראכטן חלום איז עס די פארהאלטענע שטילקייט ארום טיש אדער דער געהיימער שיין אויפן יינגערן ברודער. 3) ד י א ו י ס ו ו א ל פ ו ן בילדער. יעדעס בילד פאר זיך דריקט אויס א געוויסע שטימונג, די אויסוואל פון בילדער איז כאראקטעריסטיש פאר די אויסגעדריקטע געפילן אין חלום. שוין דאס אויפטרעטן, למשל, פון דעם אך לעבעדיקן יינגערן ברודער איז דער אויסדרוק פון דער טיפער בענקשאפט נאך אים. 4) ד י ק א מ ב י נ א צ י ע פ ו ן ב י ל-ד ע ר. אפטמאל דריקן אויס בילדער געוויסע שטימונגען נישט דורך די בילדער גופא, נאר דורך זייערע קאמבינאציעס. אט אזוי ווערן טראגישע שטימונגען, למשל, אויסגעדריקט אינם געבראכטן חלום ערשט דורך דער קעגנשטעלונג פון די הויפט - פיגורן, דערהויפט פון מיר און דעם יינגערן ברודער. 5) א ל ג ע מ י י נ ע ר מ א ט י ו ו און ש ל ו ם - מ א ט י ו ו. פארשיידענע שטימונגס - בילדער ווערן אין חלום פאראייניקט דורך דעם הערשנדיקן הויפט - ביל (הויפט-

*) די אונטן באשריבענע פרינציפן לאזן זיך זייער לייכט אנווענדן, למשל, אויך אויף דעם אויבן (קאפ. 3) באשריבענעם חלום פון דעם מיידעלע, וואס דער לעזער קאן זעלבסט פראבירן.

מאָטיוו) אין אַן אָרגאַנישער גאַנצקייט — ווי אינם קאָמפּליצירטן עמאָציאָנעלן לעבן ווערן פאַרשיידענע (אָפטמאָל קעגנזעצלעכע) געפילן פאַרבונדן אין דער פילגעשטאַלטיקער עמאָציאָנעלער גאַנצקייט. ס׳פּאַסירט אָבער, אַז דער קאָנפליקט צווישן געפילן איז אַזוי טיף, דאָס אַ הויפּט־מאָטיוו קאָן זיי נישט פאַראייניקן. די הויפּטשטימונג גופא ווערט ענדלעך באַהערשט פונם קעגנזעצלעכן מאָטיוו, וואָס ווערט אַזוי־אַרום דער ענדגילטיקער — דער שלום־מאָטיוו. ס׳איז די סאַמע געוויכטיקע אַנטשיידנדיקע שטימונג, וואָס האָט סוף־כל־סוף איבערגעוויגן אַלע אַנדערע שטימונגען און איז געוואָרן דער זיגרייכער שלום־מאָטיוו. אין בעטהאָווענס ניינטער סימפּאָניע, למשל. באַווייזט דער עקסטאַטישער שלום־מאָטיוו, אַז די לעבנס־פרייד איז דאָך דער אַנטשיידנדיקער, איבערוויגנדיקער ענד־מאָטיוו פון בעטהאָווענס עמאָציאָנעלן לעבן. אָבער דער דערשיטערנדיקער הויפּט־מאָטיוו פון ליידנדיקער בענקשאַפט אין דער סימפּאָניע האָט באַוויזן די טראַגיש אינטימע האַנגלעגנישן פונם קינסטלער פאַר דעם ליכטיקן לעבנס־זיג.

אינם געבראַכטן חלום ווערן אויף דעם באַשריבענעם אופן פאַראייניקט די קעגנזעצלעכע אינטימע געפילן — נעמלעך די בענקשאַפט נאָך דער אילוזיע פון טויט־פאַרלייקענונג און דאָס טראַגישע געפיל פון רעאַלן טויט. דאָס ערשטע געפיל איז דער הויפּט־מאָטיוו און דאָס צווייטע — דער ענד־מאָטיוו*).

ג) די מאַגישע חלום־דיכטונג.

פאַרשטייען מיר דעם חלום, ווי אַן אינטימע שאַפונג, קאָנען מיר שוין גענויער באַשטימען דעם אייגנטלעכן כאַראַקטער פון אָט דער שאַפונג און איר באַציונג צו אַנדערע שאַפונגס־קאַטעגאָריעס.

די חלום־שאַפונג געהערט לויט איר נאַטור נישט צו דער פּראַקטישער, נאָר צו דער פרייער פאַנטאַזיע, וואָס אירע שאַפונ־

*) זע ווייטער 2־טן טייל, קאַפּ. 6, און 3־טן טייל קאַפּ. 4.

גען האבן אויף אונז א דיכטערישע ווירקונג, ד. ה. די פרייע שאַ-פונג ווירקט דורך איר אייגענע אויסדרוק-קראַפט אויף אונזער געפיל אין פאַנטאַזיע. פון איין זייט איז יעדע דיכטונג טרוימעריש. פון דער אַנדערער זייט איז יעדער חלום א פאַנטאַזיע-פּראָדוקט, א געדיכטעטע אָדער פאַנטאַזירטע דערשיינונג. די פאַרוואַנדשאַפט צווישן טרוים און דיכטונג איז די סיבה, וואָס פון דעם גריכישן אַלטערטום ביז צו דער נייער צייט פלעגט אויף פאַרשיידענע אופנים קומען צום אויסדרוק די אויפפאַסונג, אַז דער טרוים איז דער קוואַל און אורשפּרונג פון דיכטונג בכלל*). דער חלום געהערט, הייסט דאָס, צו דער קאַטעגאָריע פון דיכטערישער שאַפונג**). מיר וועלן אָבער גלייך זען, אַז דער חלום איז א גאַנץ ספּעציפישע אַרט פון דיכטערישער שאַפונג.

די דיכטערישע שאַפונג האָט פאַרשיידענע געביטן, וואָס יעדער פון זיי האָט זיין באַזונדערע שעפערישקייט לויט דעם אייגנאַרטיקן אויסדרוק-מיטל. דער מאָלער שאַפט די ספּעציפישע פאַרב-דיכטונג, ווי דער מוזיקער — די טאָן-דיכטונג. צום אונטערשייד פון אַלע געביטן פון קונסט-

---

*) אין וואַגנערס „מייסטערזינגער" (דריטער אַקט) הייסט דאָס: „אַלע דיכטקונסט און פּאָעטריי איז נאָר א טרוים-אויסטייטשעריי". „מיין געדאַנק, זאָגט העבעל (אין זיינע טאָג-בוך-נאָטיצן), אַז טרוים און פּאָעזיע זענען אידענטיש, באַשטעטיקט זיך מער און מער". „א גרויסער דיכטער, מיינט שאָפּענהויער, ווי למשל, שעקספּיר, איז א מענטש, וואָס טוט אויף דער וואָך אַזוינס, וואָס מיר אַלע טוען אין טרוים" (שאָפּענהויער, רעקלאַם-באַנד 4 ז. 391). דעמזעלביקן געדאַנק געפינען מיר ביי ניטשע, סוריא און אַנדערע. מיר וועלן אָבער שפּעטער זען דעם וועזנטלעכן אונטערשייד צווישן די בלויז טיילווייז פאַרוואַנדטע טרוים- און קונסט-דיכטונג.

**) אין דעם גאַנצן קאַפּיטל ווערט דער באַגריף דיכטונג געברויכט אַלס קעגנשטעלונג צו רעאַלער ווירקלעכקייט און ער נעמט אַרום די קינסטלערישע, טרוימערישע און אַנדערע פּראָדוקטן פון פרייער פאַנטאַזיע.

דיכטונג טיילט זיך אויס די חלום־דיכטונג דורך איר מאגישער איינגשאפט אויף צוויי אופנים. ערשטנס, דער חלום באנוצט ניט קיין פיזישן איסדרוק־מיטל (ווארט, פארם, טאן א. ד. גל.) נאר קומט אויס מיט ריינע פאנטאזיע־בילדער. צווייטנס, די דאזיקע פאנטאזיע־בילדער האבן אין חלום די פלאסטישקייט פון עכטער ווירקלעכקייט. אלע געביטן פון קונסט־דיכטונג זענען „עסטעטיש", ד. ה. זיי באנוצן וועלכן ס'איז פיזישן אויסדרוק־מיטל, און זייערע שאפונגען האבן דעם כאראקטער פון איינבילדונג, אבער נישט פון עכטער ווירקלעכקייט. צוזאמען מיט דער עסטעטיק מוז זיך אויך אנטוויקלען די מאגיק, ד. ה. די וויסנשאפט פון דער מאגישער דיכטונג ספעציעל פון דער חלום־דיכטונג*).

די קינסטלערישע אויפפאסונג פון חלומות איז דערפאר געווען תמיד אומפרוכטבאר. ווייל זי האט געוואלט עסטעטיש אפשאצן חלומות, וואס זייער מאגישע נאטור איז, ווי געזאגט, וועזנטלעך פארשיידן פון דער עסטעטישער.

א ח׳ץ הלומות. באגעגענען מיר די מאגישע שאפונג ביי דער וואקסענער קולטור־מענטשן אויף צוויי פארשיידענע פאליוסן פון פסיכישן לעבן. פון איין זייט זענען עס די האלוצינאציעס ביי גייסט־קראנקע, ווען פאנטאזיע־בילדער ווערן איבערגעלעבט אויף דער וואך ווי רעאל לעבעדיקע געשטאלטן. דאס איז פרימיטיווע מאגיק, אויף וויפיל מיר האבן דא צו טון מיט דעסטרוקטיווע כוחות פון גייסט־קראנקהייט, וואס ברענגט דעם מענטשן אויף א פרימיטיוון ניווא פון פסיכישן לעבן. פון דער אנדער זייט זענען עס די נביאישע אינספיראציעס, ווען וויזיעס אין אנטפלעקונגען האבן פאר דעם נביא דעם כאראקטער

---

*) מ'קאן נאך אזוי פארמולירן: צוזאמען מיט דער קונסט־וויסנשאפט מוז זיך אנטוויקלען די מאגיק־וויסנשאפט. ביידע צוזאמען זענען טיילן פון דער אלגעמיינער דיכטונג־וויסנשאפט.

פון עכטער דערשיטערנדיקער ווירקלעכקייט, זאגאר פון איבערווירקלעכקייט. דא האבן מיר אן אינטים-שעפערישע מאגיק, אויף וויפיל די דאזיקע אינספיראציע דריקט אויס דאס אינערלעכסטע („אינטימע") וועזן פון דער נביאישער פערזענלעכקייט און ברענגט דעם נביא (און אפטמאל אויך זיין גאנצע פון אים באאיינפלוסטע תקופה) אויף א שעפעריש-העכערן ניווא פון פסיכישן לעבן. ווי פארשיידן ס'זאל נישט זיין די אינטימע און פרימיטיווע מאגיק, זענען זיי אבער ארגאניש פארבונדן אין דעם שטענדיק פליסנדיקן נשמה-לעבן. און דערפאר זענען אלע מאל פארגעקומען קאנפליקטן און פארמישונגען צווישן גייסט-שטערונג (ספעציעל היסטעריע) און נבואה*). די פארוואנדשאפט פון חלומות מיט האלוצינאציע און נבואה האט געבראכט דערצו, אז פון איין זייט פארגלייכט דער פסיכא-אנאליז חלומות מיט דער נעראזע, און פון דער אנדער זייט האט מען נישט זעלטן באטראכט חלומות ווי א ווערקצייג פון נבואה. אין אלע צייטן האבן פיל מענטשן דירעקט געפילט אין חלומות א מין נביאישע פארויסזעענדיקע קראפט. די טרוימערישע מאגיק אונטערשיידט זיך אבער דורכדעם פון דער מאגיק ביי גייסט-קראנקהייט און נביאישער אינספיראציע, וואס דארט איז די מאגיק אן אומגעוויינטלעכער סימפטאם פון אויסנאם-מענטשן (פון דעם אונטערנארמאלן גייסט-קראנקן און דעם איבערנארמאלן נביא), ביים חלום אבער איז די מאגיק א נאטירלעכע דערשיינונג ביי יעדן נארמאלן מענטשן. בלויז אין חלום קאן יעדער נארמאלער מענטש אויף א נאטירלעכן אופן איבערלעבן אינטימע און פרימיטיווע מאגישקייט.

די מאגישע שאפונג אויף א נאטירלעכן אופן געפינען מיר אויך

*) אין דער ביבעל ווערט שטרענג אונטערשיידט צווישן כשוף און נביאות, צווישן דעם פאלשן און דעם אמתן נביא. דער לעצטער ווערט דערקענט און כאראקטעריזירט דורך זיין העלדיש-שעפערישן דראנג צו ווארהייט און גערעכטיקייט. אין אלטערטום (ווי נאך היינט אין אריענט) זענען גייסט-שטערונג און נבואה געווען זייער אפט צווישן זיך פארפלאנטערט.

ביי קינדער און פּרימיטיווע מענטשן, וועלכע האָבן נאָך ניט אַנטוויקלט די פעיקייט צו אונטערשיידן צווישן פאַנטאַזיע און ווירקלעכקייט. אין די פריסטע קינדער־יאָרן הערשט ביים קינד די פרייע פאַנטאַזיע*), וואָס אירע שאַפונגען (די קינדער־מעשהלע און דער קינדער־שפּיל) האָבן אַ נאַאיוון כאַראַקטער, ד. ה. זיי ווערן איבערגעלעבט ווי רעאַלע ווירקלעכקייט. ביי פּרימיטיווע מענטשן איז עס די מיטאָלאָגישע און די רעליגיעז־מאַגישע שאַפונג בכלל, וואָס האָבן דעם כאַראַקטער פון רעאַלישקייט**). אָבער ביידע, קינד און פּרימיטיווער מענטש, שטייען אין אָנהייב פון קולטור־אַנטוויקלונג און זייער שאַפונג איז אומדיפערענצירט. ניט נאָר דאָס שעפערישע־אינטימע און פּרימיטיווע זענען נאָך פאַרמישט און ניט אויסגעטיילט צווישן זיך, נאָר זייער גאַנצע מאַגישע שאַפונג איז פאַרפלאָכטן מיט די עלעמענטן פון דער זיך אַנהויבנדיקער אַנטוויקלונג פון עסטעטישער און פּראַקטישער שאַפונג. דאָס קינד הויבט אָן שוין פון דער געבורט לערנען און דערוועקן די פּראַקטישע און עסטעטישע וועלט פון דערוואַקסענע. דאָס קינד מוז שוין זייער פרי רעאַל־פּראַקטיש באַפרידיקן געוויסע באַדערפעגישן, וואָס וועקן אַלץ מער די פעיקייטן צו אונטערשיידן צווישן פאַנטאַזיע און ווירקלעכקייט. דאָס זעלביקע איז אויך בנוגע דעם פּרימיטיוון מענטשן, וואָס מוז פירן אַ רעאַלן קאַמף פאַר דער עקזיסטענץ און

*) באַזונדערס איז דער אַזוי גערופענער „גאָלדענער עפּאָכע" פון קינדער־פאַנטאַזיע, נעמלעך פון 4 — 7 יאָר (אויספירלעך ווערט אָט די עפּאָכע כאַראַקטעריזירט אין מיין בוך „די פּסיכאָלאָגיע פון אינטימען קינדער־לעבן", 1 און 3 טיילן.

**) אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם געזאָגטן שטייט דער אינטערעסאַנטער פאַקט, וואָס קינדער און פּרימיטיווע מענטשן אונטערשיידן זייער ווייניק צווישן חלומות און טאָג־איינדריקן אויף דער וואָך. דערויף שטיצט זיך דאָך די באַקאַנטע טעאָריע וועגן אַנטשטייונג פון רעליגיע דורך חלומות, ווייל פּרימיטיווע מענטשן נעמען אויף זייערע חלום־וויזיעס, ווי רעאַלע אַנטפּלעקונגען. דאָס זעלביקע טרעפט מען אויך אין די פריסטע קינדער־יאָרן. אָט איז, למשל, אַזאַ איינפאַכער פאַל. אַ קינד פון 3 אַ האַלב יאָר כאַפּט זיך אויף איינדערפרי און זאָגט: „מאַמע, כ'האָב געזען דעם דאָקטאָר. פאַרוואָס קומט ער צו אונז ביינאַכט?".

שאַפֿט פּראַקטישע ווערק - צייג, וואָס אונטערשיידן זיך אַלץ מער פֿון די מאַגישע איינריכטונגען. וואָס עלטער ס'ווערט דאָס קינד, וואָס מער ס'אַנטוויקלט זיך דער פּרימיטיווער מענטש — אַלץ גרעסער ווערט פֿאַר זיי דער אונטערשייד צווישן פֿאַנטאַזיע און ווירקלעכקייט. אחוץ דעם, די מאַגישע שאַפֿונג ביי קינד און פּרימיטיוון מענטשן געפֿינט תמיד אַ פֿיזישן אויסדרוק - מיטל, נעמלעך דורך וואָרט, טאָן און האַנדלונג (מעשהלע, שפּיל, געזאַנג, טאַנץ און מאַגיש - סימבאָלישע האַנדלונגען). צום אונטערשייד פֿון דער מאַגיק ביי קינדער און פּרימיטיוון מענטשן, איז דער חלום ניט קיין פֿאַרענדערלעכע אַנטוויקלונגס־דערשיינונג, נאָר קומט פֿאָר ביי יעדן מענטשן אין יעדן עלטער. אחוץ דעם איז דער חלום אַ „ריינע" מאַגישע שאַפֿונג, וואָס האָט ניט קיין צומישונג פֿון עסטעטישע און פּראַקטישע עלעמענטן און באַנוצט ניט וועלכע ס'איז פֿיזישע אויסדרוקס־מיטלען*). ענדלעך איז כדאַי צו דערמאָנען, אַז אויך אין צושטאַנד פֿון היפּנאָז און סאָמנאַבוליזם קאָנען פֿאַנטאַזיע־בילדער האָבן דעם כאַראַקטער פֿון רעאַלישקייט. אָבער צום אונטערשייד פֿון חלום איז דאָרטן נישטאָ קיין שאַפֿונג און זיי זענען אומנאָרמאַלע צושטאַנדן.

מיר קאָנען פֿאַרשטעלן גראַפֿיש די סכעמע פֿון ענלעכקייטן און אונטערשיידן צווישן חלומות און אַנדערע פֿאַרוואַנדטע שאַפֿונגס־קאַ־

*)די ענלעכקייט צווישן חלום און שאַפֿונג ביי קינדער און פּרימיטיווע מענטשן האָט פֿאַרפֿירט דעם פּסיכאָ - אַנאַליז צו באַטראַכטן דעם חלום ווי אַ נעראַזע - ענלעכע „רעגרעסיע", צוריקקער צום קינדלעכן (אינפֿאַנטיליזם). ס'ווערט דאָ פֿאַרזען די וועזנטלעכע אומפֿאַרגלייכלעכע אייגנאַרט פֿון חלומות און אויך די שעפֿערישע באַדייטונג פֿון דער קינדלעכקייט, ווי מיר וועלן נאָך אונטן אויפֿקלערן.

טעגאָריעס (די ענלעכקייטן געשריבן אין לענגס - ליניעס, די אונטער־
שיידן — אין ברייט - ליניעס).



3) די „וונדערלעכע" איינשאַפטן פון חלומות.

אַזוי באַלד, ווי מ'דערקענט אוממיטלבאַר די אינערלעכע נאַטור פון חלום אַלס מאַגישע דיכטונג, ווערן די אַזוי - גערופענע „וונדער־לעכע" איינשאַפטן פון חלומות אייַנפאַך אויפגעקלערט אָדער ווי לאַנג - באַקאַנטע אַלגעמיין - דיכטערישע אָדער ווי ספּעציעל - מאַגישע איינשאַפטן. מיר ווילן איניקע באַשרייבן.

1) די איינדריקן פונם לעצטן טאָג (סטימול -פּרינציפּ).

דער חלום, ווי די קינסטלערישע אינספּיראַציע, ווערט אַרויסגערופן דורך וועלכע ס'איז אָנרעגנדיקע איינדריקן פון דער קעגנוואַרט. אַ שיי־נע לאַנדשאַפט, אַ באַגעגעניש, וועלכער ס'איז רייצנדיקער איינדרוק פון דרויסן אָדער רייצנדיקע שפּירונגען פון די אינערלעכע אָרגאַנען (פרישע מונטערקייט אָדער פיינלעכע רייצבאַרקייט) — קאָנען אָנרעגן די קינסטלערישע אינספּיראַציע. די דאָזיקע סטימולן זענען ביי יעדן קינסטלער זייער אינדיווידועל — אָפּהענגיק פון זיין נאַטור און דער־פאַרונג. ס'איז גענוג צו דערמאָנען די באַקאַנטע פאַקטן, למשל, אַז

בײַ שילערן פלעגט די אינספּיראַציע אַרויסגערופן ווערן דורך דעם ריח פון פוילע עפּל און בײַ באָדלערן—דורך דעם ריח פון עסענצן. אויך די חלום־דיכטונג, ווי די קונסט־דיכטונג, ווערט אָנגערעגט דורך סטימולן פון דער קעגנוואַרט. מאַנכע (אָבער נישט אַלע) פרישע אײַנדריקן פונם לעצטן טאָג, די רייצנדיקע אײַנדריקן, וואָס מ׳האָט בשעת דעם שלאָף פון דער אויסערלעכער וועלט אָדער פון די אינערלעכע אָרגאַנען — קאָנען זײַן סטימולן פון חלומות. אויך דאָ זענען די סטימולן זייער אינדיווידועל בײַ פאַרשיידענע מענטשן. ווי בײַ דעמזעלביקן מענטשן אין פאַרשיידענע צײַטן — זענען עס גאַנץ פאַרשיידענע אײַנדריקן, וואָס רופן אַרויס חלומות. דערבײַ ווערט אין יעדן פאַל אַרויסקומען בײַם מענטשן זײַן אייגענער חלום לויט זײַן עמאָציאָנעלער נאַטור. ס׳איז אַ טאָפּלטער אויסוואַל־פּרינציפּ: ניט שטענדיק און ניט אַלע טאָג־אײַנדריקן סטימולירן חלומות, אָבער אויך די סטימולירנדיקע אײַנדריקן רופן אַרויס בײַ יעדן מענטשן אַן אינדיווידועל פאַרשיידענע חלום־דיכטונג.

2) קינדהייטס־ערינערונגען. אויך דאָ האָבן מיר אַן אַלגעמיינע דיכטערישע דערשײַנונג. אין חלום, ווי אין קונסט־דיכטונג, קומען אָפט צום אויסדרוק ערינערונגען פון דער פריסטער קינדהייט, ווײַל פאַר יעדער דיכטונג איז די קינדהייט דער הויפּט־קוואַל פון אומאָמיטלבאַרע אײַנדריקן.

ווי שוין אויבן דערמאָנט, הערשט בײַם דערוואַקסענעם די פּראַקטישע פאַנטאַזיע (דאָס נאָרמאַל־באַוווסטזײַן), וואָס זעט דערשײַנונגען ניט ווי זיי זענען פאַר זיך, נאָר אין ליכט פון אַ ראַציאָנעל־פּראַקטישער אויפפאַסונג. ווי דער יוּווועליר־הענדלער זעט ניט אַזוי די זעלטענע שיינקייט פון זײַן „סחורה“, ווי איר פּראַקטישן ווערט — אַזוי זעען דערוואַקסענע ניט אַזוי די דערשײַנונגען זעלבסט, ווי זייער פּאַקטישע באַדײַטונג און פּאַרנעם אין דער לעבנס־אָרדנונג. די הערשנדיקע פּראַקטישע שאַפונג דירינירט די אויפמערקזאַמקייט, וואָס פיקסירט אין דערשײַנונגען זייער פּראַקטישן ווערט. ווײַל דאָס קינד איז באַפרײַט פון עקזיסטענץ־קאַמף, האָט עס נאָך ניט דעם דראַנג און די פעיקייט צו פּראַקטישער שאַ־

פונג. ס׳הערשט דערפאר ביים קינד די פרייע פאנטאזיע, וואס לאזט אים מיט פרייד און נייגיר זען דערשיינונגען, ווי זיי זענען, אין זייער זעלבסטשטענדיקייט אדער עצמיותדיקייט. א שטיינדל, א קנעפל, א שטיקל גלאז, די סאמע „אומבאדייטנדע" זאכן אנטפלעקן פארן קינד אי־בערלעבע עקזיסטענץ ־ פרייד. די איינדריקן פון דער פריסטער קינד־הייט בלייבן דערפאר פארן גאנצן לעבן דער הויפט ־ קוואל פון א פרייען וועלט ־ באנעם, ד. ה. פון „פרייע" אוממיטלבארע איינ־דרוקן פון דער וועלט*). וואס עלטער דער מענטש ווערט, אלץ מער ווערט ער באהערשט פון דער פראקטישער פאנטאזיע, וואס אונטערדריקט דעם פרייען וועלט ־ באנעם. אבער אויך ביי דערוואקסענע קומט צום אויפ־שוונג די פרייע פאנטאזיע אין קונסט און חלומות, וועלכע נעמען „ווידער" אויף און אנטוויקלען די סאמע פרייע, סאמע אוממיטלבארע איינדריקן פון דער קינדהייט. די קינדהייטס ־ איינדריקן קומען דא נישט, ווי דער פסיכא־אנאליז באהויפטעט, אלס „צוריקקער" צום פרימיטיוון, נאר, פארקערט, אלס „ווידער ־ אויפבלי" פון אורשפרינגלעכער פארוים פירנדיקער שעפערישקייט.

3) פארגעסלעכקייט (אמנעזיע). די פאר־געסלעכקייט איז כאראקטעריסטיש פאר יעדער דיכטונג. ווען דער קינסטלער פיקסירט נישט בשעת אינספיראציע זיינע אויפגעקו־מענע בילדער, קאן ער זיי שפעטער קוים געדענקען. אין זיינע ריוד צו עקערמאן (פון 11 מערץ 1828) דערציילט געטע, ווי אזוי ער פלעגט זיך מוזן איילן צו פארשרייבן ווי ס׳איז זיינע אינספירירטע לידער, א נישט פלעגט ער זיי נאכדעם נישט קאנען געדענקען. דאסזעלבע איז אויך ביי דער חלום ־ דיכטונג. דער חילוק איז צווישן קינסטלערישער אינספיראציע און חלומות, וואס ביי יענער קאן

---

*) אויספירלעך ווערט די פראגע באהאנדלט אין מיין בוך „פסיכא־לאגיע פון אינטימען קינדער־לעבן", 3־טער טייל.

מען פיקסירן די אינספּיראַציע בשעת דעם פֿאַרקומען, חלומות קאָן מען אָבער פֿאַרצייכנען נאָכן שלאָף, ווען דער חלום איז שוין אָפּגעקילט און פֿאַרשטופּט פֿון דעם אויפֿגעוואַכטן נאָרמאַל־באַוווסטזיין. טאַקע דערפֿאַר קאָן מען חלומות נאָך שווערער געדענקען*). ווייל ביים דערוואַקסענעם הערשט די פּראַקטישע פֿאַנטאַזיע (נאָרמאַל - באַוווסטזיין), קומען קינסטלערישע אינספּיראַציע און חלומות ווי אַ „דורכבּרוך" פֿון דער פֿרייער פֿאַנטאַזיע, וואָס אויב נישט פֿיקסירט, ווערט זי ווידער פֿאַרשלונגען פֿון דער הערשנדיקער פּראַקטישער פֿאַנטאַזיע — ווי אַן אָפּגעקילטע לאַווע ווערט מיט דער ערד - אויבערפֿלאַך פֿאַרמישט. דער פּסיכאָ - אַנאַליז באַטראַכט די פֿאַרגעסלעכקייט ווי אַ ראַפֿינירט מיטל פֿון דער ראַציאָנאַליסטיש - איבערגעשפּיצטער חלום־„אַרבעט". ביי אָביעקטיווער פֿאָרשונג אָבער זעט מען, ווי געזאָגט, איינפֿאַך און קלאָר, אַז די פֿאַרגעסלעכקייט איז אַ נאַטירלעכע דערשיינונג ביים „דורכבּרוך" פֿון דער איראַציאָנעלער פֿרייער חלום - פֿאַנטאַזיע.

4) חלום - באַגאַבונג. ווי בנוגע יעדער קונסטדיכטונג האָבן מענטשן פֿאַרשיידענע באַגאַבונג, אַזוי האָבן מענטשן פֿאַרשיידענע באַגאַבונג פֿאַר חלומות. מאַנכע מענטשן חלומען ווייניק און זעלטן**), געדענקען נישט אויך אָט די זעלטענע חלומות. אָפּטמאָל פֿילן אַזוינע מענטשן אין די ערשטע מאָמענטן נאָכן שלאָף, אַז זיי האָבן עפּעס געחלומט, אָבער בלויז איינצלנע בילדער שטייען אַ ווײַלע אין זכּרון און פֿאַרשווינדן. מאַנכע מענטשן, פֿאַרקערט, חלומען אָפֿט און אינטענסיוו, געדענקען מייסטנס זייער דייטלעך זייערע חלומות. די דאָזיקע חלומות האָבן אָפֿט אַ שטאַרקע אויסדרוק - קראַפֿט, זענען גוט אָרגאַניזירט און אָפּגעשלאָסן. דאָס איז דער טיפּ פֿון „נאַכט-טרוימער".

---

*) זע אויבן, קאַפּ 1.

**) דאָ איז די רייד וועגן „אָרגאַניזירטע" חלומות (זע קאַפּ. 3), אָבער יעדער מענטש צעשטרייט זיך אין שלאָף דורך דעם ריטמיש - כוואַליעדיקן שטראָם פֿון „אומאָרגאַניזירטע" טרוים - בילדער

מיר וועלן נאָר קורץ דערמאָנען צוויי פאַלן.

א מיידל, 22 יאָר אַלט, לעבנס - לוסטיק און ראָמאַנטיש. האָט כמעט יעדע נאַכט „זיסע" חלומות — „דאָס האַרץ איז פול מיט פרייד". ווען מ'וועקט זי אַמאָל אויף איגדערפרי אין מיטן א חלום, פילט זי, ווי מ'וואָלט „איבערגעריסן אין מיטן א פרייד". זי געדענקט מייסטנס אירע חלומות, באַזונדערס אין די ערשטע שעהן נאָכן שלאָף.

א מאַן, 46 יאָר אַלט, ליידט פון דעפּרעסיווע שטימונגען. ער חלומט יעדע נאַכט (זעלטן פּאַסירט א נאַכט גאָר אָן חלומות), דורכשניטלעך 5 — 6 חלומות א נאַכט, גרעסערע און קלענערע, מייסטנס געשלאָסענע און „אָרגאַניזירטע", מיט א דראַמאַטישן אינהאַלט, אָפט טרויעריקע. אויף מאָרגן געדענקט ער די מייסטע חלומות. ווען ער האָט, אויף מיין פאָרשלאָג, אָנגעהויבן פאַר־שרייבן סיסטעמאַטיש זיינע חלומות, איז גאָר אינגיכן אַנטשטאַנען א דיקער באַנד פון חלומות.

די נאַכט - טרוימער זענען (לויט אונזער באַאָבאַכטונג) אַזוינע שטימונגס - מענטשן, וואָס מוזן זיך ראַנגלען מיט צו שטאַרקע געפילן (לוסטיקע אָדער טרויעריקע) — ווי דאָס אויבנ־באַשריבענע „צו גליקלעכע" מיידל און דער „צו טרויעריקער" מאַן. אָבער נישט אַלע שטימונגס - מענטשן זענען נאַכט־טרוי־מער, אָפּהענגיק פון זייער אינדיווידועלער באַגאַבונג פאַר דער חלום - דיכטונג אָדער פאַר וועלכער ס'איז אַנדערער דיכטערי־שער אויסדרוקס - פאָרם.

5) ספּעציפישע מאַגישע אייגנ־שאַפטן*). ווען די קונסט - דיכטונג ווירקט אויף אונז דורך דער גרויסער אויסדרוקס - קראַפט פון אירע בילדער, באַקומט דער חלום, פאַרקערט, זיין קראַפט דורך דער אוממיטלבאַר־רעאַ־לער ווירקונג פון זיינע בילדער. דער חלום, נאָך מער ווי די קינדער־מעשהלע, צייכנט זיך אויס דורך נאַאיוויטעט און קונסט־

*) זע נאָך אויבן קאַפּ. 2.

לאַזיקייט. ערשטנס, ווערן אין חלום (נאָכמער ווי אין דער קינדער־מעשהלע) פאַנטאַזיע־בילדער גאַנץ נאַאיוו אויפגענומען, ווי עכטע ווירקלעכקייט. צווייטנס, ווען אין קינדער־מעשהלע ווירקן (ווי שוין דערמאָנט) די אָנהויב־עלעמענטן פון פּראַקטישער פאַנטאַזיע, איז דער חלום דורכויס „פרייע" פאַנטאַזיע, אָן דער ווירקונג פון דעם פּראַקטישן וואכן באַוווסטזיין. דאָס דערקלערט די אָפטמאָל אומגעהויערע אויפפאַסונגס־קראַפט פון חלומות. אומקלאָרע, אַבסטראַקטע, קוים פאָרשטעלבאַרע אידייען באַקומען אין חלום נאַטירלעכע פּלאַסטישקייט און ווערן דורכדעם ערשט „אַנטפּלעקט" פאַרן מענטשן. וואָס אין וואכן נאָרמאַל־באַוווסטזיין קאָן מען זיך קוים פאָרשטעלן, קאָן מען אין חלום באַשיינפּערלעך „זען". אַחוץ דעם, ווייל אין חלום הערשט גאַנץ די „פרייע" פאַנטאַזיע, קאָן דער חלום (אויך דאָ נאָכמער ווי די קינדער־מעשהלע) זען די דערשיינונגען פריי, אוממיטלבאַר, אין זייער זעלבסטקייט — אָן שמער און שאָטן פון ראַציאָנעלער פּראַקטישקייט. אין דער באַקאַנטער קינדער־מעשהלע אַנדערסענס דערזעען ערשט די קינדער מיט זייער פרייען בליק, אַז דער קעניג איז נאַקעט, ווען דערוואַקסענע מיט זייער פּראַקטישן ווערלט־באַנעם זענען פאַרבלענדט דורך אורטיילן און פאַר־אורטיילן פון דער הערשנדיקער לעבנס־אָרדנונג. אין זיין ווערק „די קלוגשאַפט פון קינדער" שילדערט לעוו טאָלסטאָי אין זייער רעאַליסטישע סצענעס, ווי קינדער זעען טיפער און קלאָרער, ווי די פּראַקטיש־פאַרבלענדטע דערוואַקסענע. אַזוי וואָלט מען אויך געקאָנט זאַמלען גענוג מאַטעריאַל פאַר „די קלוגשאַפט פון חלומות", וואָס קאָנען זען פריי און אוממיטלבאַר, און דערפאַר אַמטיפסטן און אַמקלאָרסטן. אין דעם אויבן געבראַכטן חלום פון יאַנעקן ברודער ווערט אַזוי נאַאיוו און דערפאַר אָבער אַזוי טיף באַוויזן, ווי דער מענטש זעלבסט צערייסט זיינע איינציק־טרייסטערישע אילוזיעס דורך דעם טראַגישן דראַנג צו רעאַלישקייט אָדער דורך דער טראַגיש־אוממאַכטיקער באַרירונג מיט דער רעאַלישקייט. אין חלום, ווי אין דער קינ־

דער־מעשהלע, קומט צום אויסדרוק די דורכויס „נאאיווע" קלוגשאפט פון איראציאנעלער פרייער פאנטאזיע, וואס איז הימל־ווייט פון דער „ראציאנאליסטיש"־איבערגעשפיצטער קלוגשאפט, וואס דער פסיכא־אנאליז וויל מיט גוואלט, קעגן אינערלעכער דערפארונג, אריינטייטשן אין חלומות.

אויך אויף מארגן נאך דעם שלאף קאנען דערציילטע חלומות, פרעמדע און אייגענע, האבן אויף אונז א ספעציעלע ווירקונג. ס׳פאקט אונז די חלום־אטמאספער, די אריגינעלע נאאיווישקייט פון חלום רירט אונז. ווי ביי אנדערסען די קינדער־מעשהלע, אזוי מוז אויך דער חלום־מאטעריאל געזאמלט און קאנצענטרירט ווערן ווי א ספעציעלע ריין־מאגישע דיכטונג. דער חלום אונטערשיידט זיך דאך נישט נאר פון יעדער קונסט־דיכטונג, נאר אויך פון יעדער אנדערער מאגישער דיכטונג (נבואה, קינדער־מעשהלע) דורכדעם, וואס דער חלום באנוצט נישט קיין פיזישן אויסדרוקס־מיטל, ווי ווארט, פארב אדער האנדלונג א. ד. גל. ס׳איז די איינציקע אומפארגלייכלעכע וואונדער־מאגיק פון אונזער פסיכיש לעבן, וואס אין חלום באקומען פאנטאזיע־בילדער, פון זיך גופא, די פלאסטישקייט פון לעבעדיקן לעבן. און כאטש דער מענטש שלאפט, רוט, איז אומבאוועגלעך, כאטש ער ליגט „אומבאוווסט" מיט אפגעשלאסענע חושים — טראגט דאך דער חלום דעם מענטשן איבער די אומצייליקע וועלטן פון אינטימע און פרימיטיווע ליידנשאפטן. דער חלום קאן עס מאכן דעם מענטשן זען באשיינפערלעך דאס סאמע פאנטאסטישע און אומדערגרייכבארע אין רעאל איבערגעלעבטע בילדער. שוין גאר נישט זעלטן פירט דער חלום דעם סאמע איינפאכן מענטשן צום ראנד פון יענער געהויבנקייט, ווו אין מאגישער בילדלעכקייט פארשמעלצט טרוים און ווירקלעכקייט, פרייהייט און נייטווענדיקייט.

סכעמע

פרינציפּן פון חלומות - פּאַרשונג (חלום - ,,שליסל").

1. שלאָף-שפּיל-פּרינציפּ

2. בילד-ווירקלעכקייט-פּרינציפּ { פּאָזיטיווע געפּיל-פּאַרוואַנדלונג / נעגאַטיווע געפּיל-פּאַרוואַנדלונג

3. געפּיל-רעאַליזירונג-פּרינציפּ { ,,אָרגאַניזירטע" חלומות / ,,אומאָרגאַניזירטע" חלומות / פּרימיטיווע ,,אומזיניקע" חלומות.

4. שאַפונג-פּרינציפּ

א) חלום - סצענע

ב) חלום - אַטמאָספער

ג) בילדער - אויסוואַל

ד) בילדער - קאָמבינאַציע

ה) אַלגעמיינער מאָטיוו און שלוס - מאָטיוו.

5) מאַגישער דיכטונג-פּרינציפּ

א) קעגנוואַרט - סטימולן

ב) קינדהייטס - ערינערונגען

ג) פּאַרגעסלעכקייט

ד) חלום - באַגאַבונג

ה) ,,נאַאיווע" קלוגשאַפט און ,,ריין" - מאַגישע דיכטונג.

צווייטער טייל

1

די באַדייטונג פון סאָציאַלישקייט און די דריי פאַרשיידענע פאָרמען פון קינדער־געזעלשאַפט

(פאַרשונגס־ווע̇ג)

זינט 1921 האָבן מיר אין פאַרשיידענע שטעט און לענדער סיסטעמאַטיש געפאָרשט די שפּילן און גרופּן־לעבן פון נאָרמאַלע און נערוועזע קינדער. ס׳האָט זיך ביי דער פאָרשונג אַלץ מער אויפגעדעקט אַ מין באַהאַלטענע, און זיך אָפּגעשלאָסענע קינדער־מלוכה, אַ ווייניק באַקאַנטע אַטמאָספער פון עמאָציאָנעלע אַנטפלעקונגען און שפּאַנונגען, וואָס האָבן זייער וואונדערלעכע געזעצמעסיקייט. ערשט אין 1931 האָבן מיר געהאַט די געלעגנהייט צו פאָרשן די שפּילן און גרופּן־לעבן ביי אינטעלעקטועל־אָפּגעשטאַנענע קינדער. מיר ווען זיך אין דער איצטיקער אָפּהאַנדלונג אָפּשטעלן ספּעציעל אויף די לעצטע פאָרשונגען, ווייל זיי זענען זייער דעמאָנסטראַטיוו און גיבן אַ גלענצנדיקע געלעגנהייט צו פאַרגלייכן און דורך דעם טיפער פאַרשטיין דאָס גרופּן־לעבן פון אָפּגעשטאַנענע און נאָרמאַלע קינדער.

דאָס גרופּן־לעבן פון קינדער אָדער די ווירקונג פון דער קינדער־גרופּע אויף דאָס איינצלנע קינד איז נאָך לערך זייער ווייניק באַקאַנט, כאָטש איינצלנע פאָרשער האָבן שוין לאַנג געמאַכט אויפמערקזאַם אויף איניקע זייטן פון אָט דער ווירקונג. נאָך אין 1904 האָט מייער 1) (דייטשלאַנד) געמאַכט אַ פּאָר גלייכנדיקע אונטערזוכונג צווישן איינצל־אַרבעט און גרופּן־

אַרבעט פון קינד (דאָס הייסט, די אַרבעט פון קינד ווען ער אַר־
בעט אַליין אָדער אין א גרופּע). ער האָט געפונען, אַז די גרופּן־
אַרבעט שטייט העכער ווי די איינצל ־ אַרבעט. די ווירקונג פון
דער גרופּע סטימולירט די אינטעלעקטועלע פעיִקייטן פון דעם
איינצלנעם קינד. צו די זעלביקע רעזולטאַטן איז געקומען שמידט2)
ביי זיינע פאַרגלייכנדיקע פאָרשונגען צווישן הויז ־ אַרבעט און
שול ־ אַרבעט פון קינד. אין דער נייער צייט האָבן מעדע 3)
(בערלין) און בעכטערעוו4) (פעטראָגראַד) דורכגעפירט נייע עקס־
פערימענטאַלע אונטערזוכונגען (ביי קינדער און דערוואַקסענע)
וועגן דער ווירקונג פון דער גרופּע אויף דעם איינצלנעם. די
דאָזיקע פאָרשונגען האָבן נאָך גענויער פעסטגעשטעלט די וויר־
קונג פון דער גרופּע אויף פאַרשיידענע פעיִקייטן און רעאַקציעס
פון דעם איינצלנעם. אָט די אַלע און אַנדערע ענלעכע5) פאָר־
שונגען באַטראַכטן הויפּטזעכלעך די ווירקונג פון דער גרופּע אויף
דאָס אינטעלעקטועלע לעבן פון קינד. ווייניקער געפאָרשט איז די
ווירקונג פון דער גרופּע אויף דאָס עמאָציאָנעלע לעבן און בכלל
אויף די גאַנצע אינטימע פערזענלעכקייט פון קינד. די הויפּט ־
זאַך איז אָבער, וואָס דאָ ווערט ווייניק, כמעט גאָרנישט, גע־
פאָרשט דאָס גרופּן ־ לעבן גופא, ד. ה. דער אויפבוי פון דער
גרופּע און די פּראָצעסן פון צוזאַמענלעבן און צוזאַמענווירקן פון
דער גאַנצער גרופּע. די ווירקונג פון דער גרופּע אויף דעם איינצל־
נעם הענגט דאָך אָפּ פון דעם, ווי אַזוי די גרופּע איז אויפגעבויט
און ווי זי פונקציאָנירט. מיר האָבן שוין אין אַן אַנדער אָרט6)
באַוויזן, אַז יעדע גרופּע האָט איר אייגענעם אויפבוי, וואָס באַ־
שטימט (לויט סיטואַציע) די ראָלע פון דעם איינצלנעם און זיין
פעיִקייט צו ווירקן און באַווירקט צו ווערן. אין אַן עלטערער
שפּיל - גרופּע, למשל, קאָן דאָס יינגערע, שוואַכערע קינד זיך
פילן הינטערשטעליק און אַנטמוטיקט, ווען אין א גלייכעלטער־
דיקער שפּיל ־ גרופּע וועט דאָס זעלביקע קינד ווערן דערמוטיקט
און סטימולירט. אויך די זעלביקע גרופּע וועט אין פאַרשיידענע
סיטואַציעס זיך אַנדערש פאַרהאַלטן און דורכדעם אויך אַנדערש

ווירקן אויף דעם איינצלנעם, לויט זיין כאראקטער און שטעלונג אין דער גרופע.

אין 1921 זענען מיר צוערשט דורך דער קלינישער פראקטיק געקומען צו דער פארשונג פון גרופן - לעבן ביי קינדער*). אין אונזער פסיכיאטרישער קינדער - קליניק האבן מיר זיך ביי דער אונטערזוכונג פון נערוועזע קינדער נישט זעלטן אנגעשטויסן אויף א מערקווירדיקן ווידערשפרוך אין די באהויפטונגען פון עלטערן און שול - לערער וועגן איין און דעמזעלביקן קינד. עס טרעפט, אז עלטערן קלאגן זיך אויף דער ,,נערוועזער'' אומרו פון קינד, ווען די לערער באמערקן גארנישט אומנארמאלעס אין דער אויפפירונג פון דעם זעלביקן קינד אין שול. ס'טרעפט אבער פארקערט, אז די לערער קלאגן זיך אויף דער ,,נערוועזער'' אומדיסציפלינירטקייט פון קינד, ווען די עלטערן באמערקן נישט באזונדערס אין זיין אויפפירונג אין הויז. אין אזעלכע פאלן איז מען גענייגט צו קלערן, אז די עלטערן אדער די לערער איבערטרייבן די פאקטן. ביי דער נאנטער אונטערזוכונג געפינט מען אבער אפט א געזעצמעסיקע דיפערענץ אין דער אויפפירונג פון קינד אין הויז און אין שול. אויף וויפיל נעמלעך דעם קינד געלינגט אדער געלינגט נישט צו געפינען אן אינדיווידועל פאסנדיקן פלאץ אינם קינדער - קאלעקטיוו (פון שול - קלאס), אויף אזוי פיל קאן די ווירקונג פון דעם קאלעקטיוו זיין סטימולירנדיק בארויקנדיק אדער, פארקערט, אנטמוטנדיק, דענערווירנדיק, ווי די אויבנדערמאנטע שמידס אונטערזוכונגען געפינען א דיפערענץ צווישן הויז - ארבעט און שול - ארבעט פון קינד, אזוי קאן אויך זיין א דיפערענץ צווישן דער הויז - אויפפירונג און שול-אויפפירונג פון קינד, לויט דעם נעגאטיוון אדער פאזיטיוון איינפלוס פון שול - קאלעקטיוו. אין משך פון דער צייט קאן דער

*) אויף אנדערע וועגן און דורך אנדערע מעטאדן זענען איניקע יארן שפעטער געקומען צו דער פארשונג די דייטשע געלערנטע שרעדער[7]), רייכינגער[8]) און אנדערע. איניקע אנדייטונגען געפינט מען אויך ביי באלדווין[9]).

איינפלוס פון קאלעקטיוו ארויסרופן טיפע און דויערנדיקע ווירקונגען אינם לעבן פון קינד.

דאס קינד פאר זיך און דאס קינד אין דער קינדער־גרופע — זענען נישט דאס זעלביקע. ווי ביי דערוואקסענע האבן מיר באזונדער אן אינדיווידועלע און סאציאלע קינדער־פסיכאלאגיע — אזוי מוזן מיר אויך ביי קינדער אונטערשיידן צווישן אינדיווידועלער און סאציאלער קינדער־פסיכאלאגיע. מיט אנדערע ווערטער, מיר מוזן וויסן די פסיכאלאגיע פון קינדער־קאלעקטיוון, פעדאגאגן אין אלגעמיין האבן צו טון נישט מיט איינציקע קינדער, נאר מיט קינדער־קאלעקטיוון — שול־קלאסן, קינדער־גארטן, קינדער־היים א. ד. גל. — און דערפאר מוז די פעדאגאגיק באזירן נישט נאר אויף דער אינדיווידועלער, נאר אויף דער סאציאלער קינדער־פסיכאלאגיע. ס'איז נויטיק צו וויסן די פסיכאלאגיע פונם קאלעקטיוו, אויף וועמען מיר האבן איינצווירקן, אויך די סאציאלישקייט פונם איינצלנעם קינד, ד. ה. דעם קינדס פעיקייט צו ווירקן און באווירקט צו ווערן אינם קינדער־קאלעקטיוו.

אויף פארשיידענע געביטן פון קינדער־פארשונג איז פעסטגעשטעלט געווארן, אז א קינד איז נישט א מיניאטור פון דערוואקסענעם, נאר האט דורכויס זיין אייגנארטיקע נאטור. אויך חאס גרופן־לעבן פון קינדער איז נישט א מיניאטור פונם גרופן־לעבן ביים דערוואקסענעם, נאר האט דורכויס אן אייגענע ספערע פון לעבן און אנטוויקלונג. מיר קאנען דערפאר קורץ פארמולירן די סאציאלע קינדער־פסיכאלאגיע, ווי א וויסנשאפט, וואס שטודירט דאס פסיכישע גרופן־לעבן פון קינדער אין זיין קאנקרעטער גאנצקייט און אייגנארטיקייט.

שוין ביים אנהויב פון דער פארשונג האבן מיר זיך אנגעשטויסן אויף דעם אינטערעסאנטן פאקט וועגן די דריי פארשיידענע פארמען פון קינדער־קאלעקטיוון: פאמיליען־קאלעקטיוו, לאקאל־קאלעקטיוו און שול־קאלעקטיוו. יעדער פון זיי האט

זיין פארשיידענעם אויפבוי, ווי אויך זיין פארשיידענע באדייטונג פאר דער אנטוויקלונג פון קינד.

דער פאמיליען - קאלעקטיוו באשטייט פונם קינדס ברידער און שוועסטער, וואס אונטערשיידן זיך אין עלטער אזוי נישט ווייט, אז זיי קאנען נאך בילדן צוזאמען א שפיל - גרופע. די כאראקטעריסטישע אייגנשאפטן פון אזא קאלעקטיוו זענען פאלגנדיקע: ערשטנס, אין דער פאמיליען - גרופע האבן די קינדער געמיינזאמע ירושה - אייגנשאפטן, א געוויסע בלוט - פארוואנדשאפט, וואס מאכט די פארבינדונג פון דער גרופע זייער ארגאניש אינטים. פון דער פאמיליען - גרופע טראגט עס ארויס דאס קינד אויפן גאנצן לעבן דערפארונגען און ערינערונגען פון ארגאנישער ווארימער גרופן - בינדונג און איבערגעגעבנקייט. דאס איינציקע קינד איז אין דער הינזיכט פיל ארעמער. צווייטנס, אין דער פאמיליען - גרופע טיילן קינדער דאס געמיינזאמע היים - לעבן, די אומצייליקע אינטערעסן פון דער פאמיליען - סביבה. זיי טיילן די אויפמערקזאמקייט פון די עלטערן, דעם פלאץ ביים טיש, דאס קינדער - צימער, די שפיל - צייג א. אז. וו. דאס קינד לערנט דא פון די פריסטע יארן, אז ער איז נישט דער איינציקער אויף דער וועלט, אז ער מוז כמעט אלץ טיילן מיט אנדערע פון זיין גליכן אין דער פאמיליע, מוז מיט זיי אויסקומען. כאפט ער, למשל, ביי זיינע ברידערלעך, כאפן זיי צוריק, און נאך ווי! יעדער קאמף איז דא אנשטרענגנדיק און באלערנדיק. אין דער פאמיליען-גרופע באקומט דאס קינד די ערשטע און די אנטשיידנדיקסטע דערציונג פון זעלבסטבאהערשונג, דיסציפלין, פליכט און קאארדינירונג. דאס איינציקע קינד האט נישט אט די געלעגנהייט פאר זעלבסטאנטוויקלונג. גיט מען אים נישט א קאמפענסירנדיקע, סאציאלע דערציונג, ווייזט דאס קינד אויך שפעטער אין די רייפערע יארן שטערנדיקע סימפטאמען פון קנאפער זעלבסטבאהערשונג און אומסאציאלישקייט*).

---

*) אין דער ספעציעלער ליטעראטור האט דר. נעטער 9) אין זיין ארטיקל („דאס איינציגע קינד אונד זיינע ערציהונג") באשריבן די כאראק

דער לאָקאַלער קאָלעקטיוו ווערט געשאַפֿן דורך שכנהשע קינדער פֿון איין הויז, איין הויף אָדער איין גאַס. דאָ זענען קינדער פֿאַרבונדן דורך לאָקאַלער נאָנטקייט, זיי טיילן צוזאַמען די פֿאַרשיידענע אינטערעסן פֿון דער געמיינזאַמער לאָקאַלער סביבה. דער גאָרטן, עטלעכע ביימער אַרום הויף, אַ באַהאַלטענער פּלאַץ הינטערן הויז, אַ וואַנט, וווּ מען קאָן קלעטערן, אַ באַקאַנטער הונט אָדער קאַץ פֿון הויף — אַזוינע און אומצייליקע אַנדערע לאָקאַלע אינטערעסן פֿאַרבינדן די קינדער צוזאַמען. די פֿאָרשונגען האָבן באַוויזן, אַז די לאָקאַלע פֿאַרבינדונג צווישן שכנהשע קינדער קאָן זיין זייער אינטענסיוו און אינטים. אויב דער אָרט פֿון פֿאַמיליען - קאָלעקטיוו איז די אינטימע היים - סביבה, איז דער אָרט פֿון לאָקאַלן קאָלעקטיוו דער דרויסן, הויף און גאַס, וואָס דורך אָפֿענע און באַהאַלטענע נאַטור - רייצן וועקן זיי אין די קינדער טיפֿע אינסטינקטן און געפֿילן. אין די פֿרייע צייטן, אין די פֿאַרנאַכטן, צווישן שול און היים, אין באַהאַלטענע ווינקעלעך, אונטערן פֿרייען הימל — שאַפֿן קינדער די סאַמע געוואַגטע, אָפֿט געהיימע, שפּילעריען, וואָס לאָזן דעם קינד אויסלעבן די סאַמע טיפֿע אינסטינקטן. די דאָזיקע שפּילערייען האָבן דערפֿאַר אַ באַזונדערע באַדייטונג פֿאַר דער פֿאָרשונג פֿונם קינדס סאָציאַלן לעבן.

דער שול - קאָלעקטיוו קומט דורך קינדער פֿון איין שול, וועלכע טיילן דאָס שיקזאַל און די פּאָזיטיווע אינטערעסן פֿון שול - לעבן. דאָ האָבן מיר אַ קאָלעקטיוו פֿון העכערער אָרדענונג. די פּלאַנמעסיקייט פֿון שול, וואָס איז געטיילט אין קלאַסן, לויט

טעריסטישע אייגנשאַפֿטן פֿון דערוואַקסענע בני - יחידים. ער האָט זיך עפּנט־ער געווענדעט צו אַלע דערוואַקסענע בני - יחידים זיי זאָלן רעאַגירן אויף זיין אַרטיקל און באַשרייבן זייערע אייגנשאַפֿטן. פֿיל האָבן טאַקע אָפּגעענט־פֿערט מיט כאַראַקטעריסטישע זעלבסט - באַשרייבונגען. דורך פֿאַרגלייכנדיקע פֿאָרשונגען פֿון פֿאַנטאַזיע ביי קינדער האָבן מיר געקאָנט פֿעסטשטעלן (10) די אַנטשפּרעכנדיק כאַראַקטעריסטישע אייגנשאַפֿטן אינעם עמאָציאָנעלן לעבן פֿון בני - יחידים.

עלטער און פעיקייט פון קינדער, טראגט אריין א פעסטערע ארגאניזירטקייט אין שול - קאלעקטיוו. דער געמיינזאמער אונטערריכט און די ספעציפישע שול - אטמאספער פארטיפן דעם גייסטיקן כאראקטער פון אט דעם קאלעקטיוו. אין דעם שול-קאלעקטיוו קאנען קינדער זיין פארבונדן אין משך פון פיל שול־יארן. דער שול - קאלעקטיוו האט מייסטנס זיין אייגענע אנטוויקלונגסגעשיכטע. די שול נעמט ארום אין א גרויסער מאס דאס לעבן פון קינד, באשטימט דעם שיקזאל און צוקונפט פון קינדער. די געמיינזאמע שול - אינטערעסן זענען דערפאר שיקזאל - אינטערעסן און דער שול - קאלעקטיוו איז א שיקזאל־קאלעקטיוו.

די סאציאלע קינדער - פסיכאלאגיע פארשט אלע דריי פארמען פון קינדער - קאלעקטיוון. איר הויפט - אביעקט מוז אבער זיין דער שול - קאלעקטיוו, וואס האט זיין אייגענע אנטוויקלונגסגעשיכטע און וואס איז דער סאמע ארגאניזירטער, דער סאמע באשטענדיקער און פילזייטיקער שיקזאל - קאלעקטיוו. ס'זענען אויך פאראן געמישטע פארמען פון קינדער - קאלעקטיוון. דער קינדער - היים, למשל, איז גלייכצייטיק א לאקאלער און א שול־קאלעקטיוו. צו דעם טיפ געהערט אויך דער קינדער - שפיטאל אין רענדעלס איילאנד, וו מיר האבן געפארשט דאס קאלעקטיוו־לעבן פון אפגעשטאנענע קינדער.

די הויפט - באדינגונג פון אזא פארשונג איז צו באאבאכטן דעם קינדער - קאלעקטיוו, ווען ער איז איבערגעלאזן פריי, אויף זיך, און די קינדער האבן אומגעשטערטע פרייהייט פון שפיל און באוועגונג. דעם שול - קאלעקטיוו, למשל, דארף מען באאבאכטן אין צייט פון פויזע און אפרו, אבער נישט בלויז בשעת דעם אונטערריכט, ווען קינדער זענען געבונדן דורך דעם איינפלוס פון לערער, דורך פראגראם און דיסציפלין. אויך אין רענדעלס איילאנד האבן מיר זיך באמיט צו פארשן די קינדער אין מאמענטן פון מעגלעכער שפיל - פרייהייט, ווען קינדער קאנען אומגעצוואונגען ארויסווייזן זייערע נאטירלעכע שטרעבונגען.

די מעטאדן פון דער פארשונג זענען פאלגנדיקע: ערשטנס, די מעטאדע פון אלגעמיינער באאבאכטונג, ווען מיר באאבאכטן

און באַשרייבן אַלע דערשיינונגען פון גרופּן - לעבן (וועגן די פּרינציפּן פון באַאָבאַכטונג זע צווייטן קאַפּיטל) — די אויפפירונג פון די קינדער אין זייערע סענסיטיווע באַציונגען, ווי אויך אין זייערע באַציונגען צום גאַנצן קאָלעקטיוו. צווייטנס, די ספּעציעלע שפּיל - מעטאָדע, ווען מיר קאָנצענטרירן אונזער באַאָבאַכטונג אויף די געמיינזאַמע קינדער - שפּילן, וועלכע שפּיגלען אָפּ אויף זייער אופן (ווי מיר וועלן זען אונטן) די קאָלעקטיווע באַציונגען פון די שפּילנדיקע קינדער. דריטנס, די פּאַטאַלאָגישע מעטאָדע, ד. ה. די פאָרשונג פון גרופּן - לעבן ביי אומנאָרמאַלע קינדער. דאָ האָבן מיר גרופּן - לעבן ביי אומגעוויינטלעכע, דורך דער נאַטור געענדערטע באַדינגונגען. ס'איז אַ געוויסער נאַטור־עקספּערימענט, וואָס גיט אַ נייעם צוטאַנג צום גרופּן־לעבן.

2

דער אויפבוי פון קינדער-געזעלשאפט און די באדייטונג פון קינדער-שפילן

(סאציאלישקייט און שפיל ווי א נאטירלעכער אינטעליגענץ־טעסט פון קינדער - קאלעקטיוון).

מיר וועלן צוערשט געבן א פארגלייכנדיקע פארשונג פונם גרופן - לעבן ביי נארמאלע און אפגעשטאנענע קינדער. מיר וועלן דורך דעם באקומען א וויכטיקן צוגאנג צו דער סאציאלער קינדער - פסיכאלאגיע.

ווען מיר פארשן די סאציאלישקייט פון אפגעשטאנענע קינדער, שטעלן מיר זיך פאלגנדיקע פראגן: אויב און אויף וויפיל אזוינע קינדער זענען פעיק צו האבן פארבינדונגען איינע מיט די אנדערע, צו האבן און טיילן געמיינזאמע אינטערעסן, צו ווירקן און באווירקט צו ווערן אינם קאלעקטיוו? מיט אנדערע ווערטער, וועלכער גראד פון אינטעליגענץ איז נויטיק פאר דער אדער יענער שטופע פון סאציאלישקייט?

ביי די פארשונגען פון אפגעשטאנענע קינדער האט זיך ארויסגעוויזן נויטיק צו נעמען אלס ריכט - שנור די צוויי גרונט־פרינציפן, וואס מיר האבן פעסטגעשטעלט אין דעם קאלעקטיוון לעבן פון נארמאלע קינדער. דער ערשטער גרונט - פרינציפ איז דער אזוי - גערופענער גרופן - פרינציפ, וואס מיינט פאלגנדעס: באאבאכטן מיר, למשל, א נארמאלן שול - קלאס אין דער צייט פון פויזע, מערקן מיר תמיד, אז די קינדער שפילן זיך נישט אלע צוזאמען, נאר טיילן זיך אין גרופן. אין יעדער גרופע פארבינדן

זיך קינדער מיט גלייכע אָדער פאַרוואַנדטע כאַראַקטערן, וואָס
האָבן געמיינזאַמע אינטערעסן — יעדע גרופּע האָט איר באַזונ־
דערע פיזיאָגנאָמיע און אירע אייגענע שפּילן. אין יעדער גרופּע
טיילן זיך אויס איינע אַ באַזונדער אויפן די פּאַסיווע און אַקטיווע
עלעמענטן, ספּעציעל דער פירער אָדער טאָן - געבער. דער גע -
מיינזאַמער אונטערריכט און שול - דיסציפּלין, פאַרבינדן אַ גרויסע
צאָל קינדער אין דעם קלאַס - קאָלעקטיוו, אָבער בלויז אין דער
ענגערער גרופּע קאָנען פאַרוואַנדטע כאַראַקטערן געפינען זייער
נאַטירלעכן אויסדרוק. אין דער שול - פּויזע איז דערפאַר דער
קאָלעקטיוו צעטיילט אין שפּילנדיקע גרופּן. אויסער די גרופּן גע־
פינען זיך מייסטנס בלויז איניקע „איינזאַמע" קינדער, וואָס
קאָנען זיך נישט אריינפּאַסן אין קיין גרופּע — זיי זענען דער־
פאַר איינזאַם, האָבן נישט קיין שטעלונג און קיין איינפלוס אינם
קאָלעקטיוו. דער אַזוי - גערופענער „קלאַסן - גייסט" ווערט גע־
שאַפן נישט אַזוי דורך די איינצלנע קינדער, נאָר הויפּטזעכלעך
דורך די גרופּן, וואָס זענען די ווירקזאַמע איינהייטן פון קאָלעק־
טיוו. אויסער דער גרופּע זענען די איינצלנע קינדער „איינזאַם"
און אָפּגעשלאָסן. ווי ביי דערוואַקסענע טיילן זיך פּאַרטייען אויף
אונטער - גרופּירונגען (פראַקציעס, סעקציעס), — אַזוי טיילט
זיך דער קינדער - קאָלעקטיוו אויף פאַרשידענע גרופּן. די באַ־
ציונגען צווישן די קינדער אין דער גרופּע, צווישן די גרופּן אינם
קאָלעקטיוו — שאַפן די קאָמפּליצירטע סטרוקטור פונם קאָלעק־
טיוו. די צאָל און די אָרגאַניזירטקייט פון די גרופּן אינם קינדער־
קאָלעקטיוו, ווי די צאָל פון די „איינזאַמע" קינדער — זענען
כאַראַקטעריסטישע סימפּטאָמען פאַר דער סאָציאַלישקייט פונם
גאַנצן קאָלעקטיוו און זיינע טיילנעמער. דער גרופּן - פּרינציפּ,
הייסט דאָס, באַווייזט אונז, אויב און אויף וויפיל די איינצלנע
קאָנען זיך קאָאָרדינירן אין צוזאַמענגעהעריקע גרופּן און אויף
וויפיל די גרופּן קאָנען צוזאַמען ווירקן אינם קאָלעקטיוו.

דער צווייטער גרונט - פּרינציפּ איז דער שפּיל - פּרינציפּ. די
פרייע טעטיקייט פון קינד איז מייסטנס אַ שפּיל - טעטיקייט, וואָס
דריקט אויס די אינטערעסן פון קינד אויף צוויי אופנים. ערשטנס,

איז די שפּיל־טעטיקייט ספּאָנטאַן, ליידנשאַפטלעך, דריקט אויס דעם קינדס לעבהאַפטע געפילן, זיין עמאָציאָנעלע פּערזענלעכקייט. אַ חוץ דעם פאַרלאַנגט שפּיל די אַרבעט פון דער שעפערישער פאַנטאַזיע, מיט וועלכער הילף בלויז דאָס קינד קאָן פאַרשטעלן (אַריינפאַנטאַזירן) זיך און זיינע מיטשפּילער אין פאַרשיידענע ראָלעס און אויסגעטראַכטע סיטואַציעס. די שפּיל־טעטיקייט, הייסט דאָס, דריקט אויס דאָס עמאָציאָנעל־שעפערישע וועזן פון קינד. צווייטנס, איז די שפּיל־טעטיקייט מייסטנס אַ קאָלעקטיווע. בלויז אינם ערשטן לעבנס־יאָר שפּילט דאָס קינד מיט זיך זעלבסט — מיט זיין אייגענעם קערפּער, מיט ווייניקע געגנשטאַנדן. מיט דער אַנטוויקלונג פון שפּראַך־פעיקייט ביים קינד קאָנצענטרירט זיך אַלץ מער זיין שפּיל־טעטיקייט אויף דעם צוזאַמענשפּילן מיט אַנדערע קינדער. נאָרמאַלע קינדער שפּילן זעלטן יעדער פאַר זיך, נאָר שפּילן צווישן זיך צוזאַמען אין אַ שפּיל־גרופּע. די שפּיל אַלס קאָלעקטיווע, עמאָציאָנעל־שעפערישע, טעטיקייט דריקט אויס אַזוי — אַרום די אינערלעכסטע קעגנזייטיקע פאַרבינדונגען פון דער שפּילנדיקער גרופּע. יעדע גרופּע האָט איר „אייגענעם" שפּיל, וואָס כאַראַקטעריזירט די אינטערעסן און אייגנשאַפטן פון דער גרופּע. אַ מיידל־גרופּע, למשל, שפּילט אָפט אין „טאַטע־מאַמע" אָדער ריטמישע קאַראַהאָד־טענץ, ווען ייִנגלעך פאַרנעמען זיך מייסטנס מיט קאַמף־שפּילן, וואָס דריקן טאַקע אויס די דאָמינירנדיקע אַוואַנטוריסטישע קאַמף־אינסטינקטן פון דער ייִנגל־גרופּע. אָבער אין יעדער גרופּן־שפּיל קליַיבט אויס דאָס קינד „זיין" ראָלע, וואָס לאָזט אים אויסדריקן זיין אינדיווידועלישקייט אין דער שפּיל־גרופּע. דער שפּיל־פּרינציפּ גיט אונז אויף דעם אופן אַ נייעם צוגאַנג אַריינצובליקן אין דאָס אינערלעכע עמאָציאָנעלע קאָלעקטיוו־לעבן פון קינדער (זע קאַפּ. 6).

אַלס אילוסטראַציע גיבן מיר אַ טיפּיש בילד פון אַ נאָרמאַלן קלאַס־קאָלעקטיוו אין דער פויזע־ציַיט. דאָס פאָלגנדיקע איז אַ פאַרקירצטער פּראָטאָקאָל פון באַאָבאַכטונגען, געמאַכט דורך

דער לערערין טשעמעלינסקי אין מיין פּאָרשונגס - סעמינאַר פון 1922 (אין וואַרשע).

פאָלקס־שול. וואַרשע, דזשון 6, ערשטער קלאַס, 23 קינדער.

עלטער 6—7 יאָר.

„דער קאָלעקטיוו צעטיילט זיך בשעת דער פויזע אויף דריי גרופּן. ערשטע גרופּע — 8 מיידלעך — שפּילן זיך אין „מילכלעך". ס'איז אַ פּאָפּולערע שפּיל אין אַלע שולן, ס'איז דאָ צו דעם אַ לידל. די שפּיל באַשטייט אין דעם, וואָס קינדער גיבן זיך איבערגעקרייצט די הענט און מען דרייט זיך ריטמיש אין איין ריכטונג, צוקלאַפּנדיק מיט די פיס צום טאַקט פון לידל. אויף דער איניציאַטיוו פון דעם מיידעלע, מלכהלע, איז אַריינגעטראָגן געוואָרן אַ מאָדיפיקאַציע, נעמלעך, די קינדער נעמען זיך מיט דער צווייטער האַנט איינע די אַנדערע פאַר די שפּיץ - קליידלעך, פאַרבויגנדיק קאָקעטיש דעם קאָפּ אויף אַ זייט. מלפּהלע איז באַרימט אין קלאַס מיט אירע איינפאַלן.

די צווייטע גרופּע פון דריי ייִנגלעך שפּילן אין „הינט". די קינדער יאָגן איינע די אַנדערע בילנדיק, ביז מען פאַלט אייגנציקווייז אויף דער ערד, דאַמאָלס הייבן זיי זיך אָן רייצן, בילן, בייסן און שטופּן. די דריי ייִנגלעך שפּילן זיך תּמיד צו־זאַמען. דער אָנפירער איז נחמן. ווען ער קומט אַמאָל נישט אין שול, שפּילן זיך נישט די אַנדערע צוויי. זיי ווערן דאַמאָלס פּאַ־סיווע באַאָבאַכטער פון אַנדערע שפּיל - גרופּן.

די דריטע גרופּע — 4 ייִנגלעך און 8 מיידלעך — פאַר־נעמען זיך מיט שול - שפּילערייען, געזאַנג און באַוועגונג. אונטער דער אויפפירונג פון עלטערע. דאָס זענען איינציקע מער אָרגאַניזירטע ווי פרייע שפּילן.

די איבעריקע פיר קינדער זענען נישט צוגעפּאַסט. צוויי פון זיי, מיידלעך, זענען „וואַנדערער", גייען פון איין גרופּע צו דער צווייטער, קאָנען זיך אין קיינער נישט אַריינלעבן און ווערן אַ שטערונג פאַר די שפּילנדיקע. די איבעריקע צוויי מייד־לעך זענען „איינזאַמע". איינע, פייגעלע, 7 יאָר, איז שטענדיק אומעטיק, פאַרוויינט און דערשלאָגן. נעמט קיינמאָל נישט קיין

אָנטייל אין שפּילערייען. זי איז אַ יתומה, האָרעוועט זיך ביי אַ שטיף - מוטער, אין גרויס אָרימקייט, איז שטענדיק הונגעריק און פאַרשמאַכט. דאָס אַנדערע מיידעלע איז זייער אַ שטילע, אַ שעמעוודיקע, האָט זייער ליב די לעקציעס; בשעת דער פּויזע פאַרקליבט זי זיך גערן אין קלאַס און שרייבט אויף דער טאַפל״.

מיר האָבן דאָ אַ כאַראַקטעריסטיש געשטאַלט פון קינדער־קאָלעקטיוו. דער גרופּן - פּרינציפּ און דער שפּיל - פּרינציפּ זענען דאָ ביידע קלאָר אילוסטרירט: דריי גוט - אָרגאַניזירטע פעסטע גרופּן, יעדע גרופּע האָט זיך איר פירער (מלכהלע, נחמן). איניקע קינדער זענען אין קאָלעקטיוו „איינזאַמע״. יעדע גרופּע האָט איר כאַראַקטעריסטישן שפּיל: דער ריטמישער טאַנץ - שפּיל פון דער צאַרטער מיידל - גרופּע, דער „הינט״ - שפּיל (מיט ביילעניש און בייסעניש) פון דער אַוואַנטוריסטישער, קאַמפּס-לוסטיקער ייִנגל - גרופּע (די אָרגאַניזירטע שפּילן פון דער דריטער גרופּע קומען נישט אין באַטראַכט, ווייל זיי זענען נישט ספּאָנטאַנע, פרייע שפּיל - אויסדריקן, נאָר קומען פון דרויסן דורך די לערער).

ס׳איז אינטערעסאַנט צו באַאָבאַכטן די זעלביקע פּרינציפּ אינם גרופּן - לעבן פון אינטעלעקטועל - אָפּגעשטאַנענע קינדער. וועלכע מיר האָבן באַאָבאַכטעט אינם קינדער - שפּיטאָל פון רענדעלס - איילאַנד (ניו - יאָרק). די פאָרשונגען זענען געמאַכט געוואָרן לויט די אויבן־דערמאָנטע (קאַפּיטל 1) מעטאָדן.

דער קינדער - שפּיטאָל פון רענדעלס - איילאַנד איז אייגנטלעך אַן אַנשטאַלט פאַר אינטעלעקטועל - אָפּגעשטאַנענע קינדער. די לעצטע זענען דאָרט אַזוי גרופּירט, אַז אין איין אָפּטיילונג געפינען זיך קינדער פון טיפער אָפּגעשטאַנענקייט, אידיאָטן און אימבעצילן. אין דער אַנדערער אָפּטיילונג געפינען זיך קינדער ווייניקער אָפּגעשטאַנענע, מייסטנס דעבילן. פון דעם גאַנצן פאָרשונגס - מאַטעריאַל וועלן מיר דאָ געבן צו איין כאַראַקטעריסטישע באַשרייבונג (פּראָטאָקאָל) וועגן יעדער פון די צוויי דערמאָנטע אָפּטיילונגען. די ערשטע באַשרייבונג איז פון דער אָר־

טײלונג אונטער דעם נאָמען נײטינגײל - האָל (אידיאָטן 29,4%, אימבעצילן — 70,6%) *).

רענדעלס - אײלאַנד, נײטינגײל - האָל, פרײטאָג 3.20 נ. מ., אַפּריל 24 1931, צאָל קינדער 81, אַלע מײדלעך, עלטער פון 7 ביז 10 יאָר. קאַטע- גאָריע — אידיאָטן און אימבעצילן.

װען מיר זענען אַרײנגעקומען, האָבן מיר געפונען: די קינדער זענען אויסגעזעצט אין צװײ פאַרשײדענע גרופּן, אײ- נע אַנטקעגן די אַנדערע, אַרום קעגנזעצלעכע װענט. אין ערער זענען די קינדער אויסגעזעצט אויף בענקלעך, װאָס שטײען אין דער פאָרם פון אַ קװאַדראַט. אײנע איז עטװאָס גרעסער (אַרום 45 קינדער), די אַנדערע עטלעכע און דרײסיק. אין יעדער שטײען דערציערינס, װאָס גיבן אַכטונג.

שוין בײם ערשטן אָנבליק פאַלט אויף די איזאָלירטקײט אָדער אומ- פאַרבונדנקײט צװישן די קינדער. די מײסטע קינדער זיצן פאַר זיך. יעדער אײנער אין דער גרופּע זיצט אַלײן און האָט גאָרנישט צו טאָן מיט די אַנדערע קינדער, װאָס זיצן נעבן אים. אַ חוץ עטלעכע (זע שפּעטער) ספּאָ- ראַדישע אױסנאַמען, קײן צײכן פון גרופּן - פאַרבינדונג. אײניקע קינדער זיצן אומ- באַװעגלעך, קוקן שטומף פאָרויס, מיט אַראָפּגעלאָזענע אָדער

---

*) די דאָזיקע קלאַסיפיקאַציע איז געמאַכט לויט די אָפיציעלע פאַ- פּירן פונם דעפּאַרטאַמענט פונם קינדער - שפּיטאָל פון רענדעלס - אײלאַנד, ניו-יאָרק. די אינטעליגענץ - עקזאַמענס זענען געמאַכט געװאָרן אין דער פּסיכאָלאָגישער לאַבאָראַטאָריע פון דעם אינסטיטוט דורך דר. ל. פּאָל.

אונטערגעלייגטע פּיס. אייניקע קינדער מאַכן פֿאַרשיידענע מאָ־נאָטאָנע באַוועגונגען, האַלטן פֿינגער אין מויל, שאָקלען מיט די פּיס, באַוועגן מאָנאָטאָן די הענט, האַלטן צוגעמאַכט די אויגן מיט דער רעכטער האַנט, אויף וועלכער זיי זענען אָנגע־שפּאַרט. צוויי קינדער שאָקלען זיך אויטאָמאַטיש מיט ־עם קערפּער, איין קינד אָנאַנירט אומפֿאַרשעמט. פֿאַר דער צייט פֿון אונזער באָבאַכטונג פּאַסירט עס, אַז אַ קינד טוט זיך אַ קער צו איינעם אַ שכן און באַרירט אים מיט דער האַנט, אָדער איינער גייט אַראָפּ פֿון זיין שטול און גייט צו צו אַ ווייטערן שכן, נעמט אָן פֿאַרן האַנט אָדער שטייט אַ ווײַלע נעבן אַנדערן. אין עטלעכע רגעים אַרום קערט זיך יעדער אוב אין זיין איזאָלירטער גלייכגילטיקער פּאָזע, קוקנדיק פּאַסיוו און נישט האָבנדיק צו טון מיט דעם אַנדערן.

אין דעם גאַנצן חדר, ווי אין יע־דער גרופּע הערשט אַ מאָנאָטאָנע שטיל־קייט, וואָס ווערט דאָ און דאָרט ספּאָ־ראַדיש איבערגעריסן פֿון אַ זעלטע־נעם קול. אין אַלגעמיין זיצן די קינ־דער שטיל, גלייכגילטיק, אין זיך אי־זאָלירט.

דאָס אַרײַנקומען פֿון די אונטערזוכער מאַכט אין אַלגע־מיין אויף דער גאַנצער גרופּע קיין באַזונדערן אײַנדרוק. נאָר דריי קינדער כאַפּן זיך אויף פֿון די ערטער אַנטקעגן אונז, די אַנדערע קינדער כאַפּן אויף אונז אַ קוק, דריקן אָבער נישט אויס מיט וועלכער ס'איז באַוועגונג אַן אינטערעס. איינע פֿון די דערמאָנטע דריי, אַ שוואַרץ מיידעלע, גייט נאָך דער אונטערזוכנדיקער לערערין, קלאַמערט זיך אָן איר, ווײַזט אַרויס שטאַרקע צונייגונג’’.

מיר זעען דאָ, אַז בײַ דער טיפֿער אָפּגעשטאַנענקייט פֿון דער אָפּטיילונג אין נייטינגייל, האָבן מיר אַ באַשטימט־נידעריקע שטופּע פֿון סאָציאַלישקייט, וואָס איז אויפֿפֿאַלנדיק כאַראַקטעריסטיש דורך דער אומפֿאַרבונדנקייט צווישן די קינדער. די קינדער זיצן איי־

נער נעבן דעם אַנדערן, אָבער ניט איינער מיט דעם אַנדערן. ס'איז
דאָ ניטאָ ניט קיין גרופּן-בילדונג, ניט קיין
געמיינזאַמע שפּילן — אחוץ איניקע אָנהויבן אָדער
שפּורן, וועגן וואָס מיר וועלןריידן אין נעכסטן קאַפּיטל. איניקע
קינדער שפּילן זיך מיט זיך גופא, מיט דעם אייגענעם קערפּער (פּיס-
שאָקלען, האַנט - באַוועגונג). ביי איניקע קינדער טרעפן מיר אויטאָ-
מאַטישע באַוועגונגען. כאַראַקטעריסטיש איז דאָ אויך דאָס אויס-
פעלן פון יענער הילכיקער שפּראַכלעך - וואָקאַלער קאָמוניקאַציע
צווישן די קינדער, וואָס שאַפט געוויינטלעך דעם כאַראַקטעריסטישן
טומל פון אַ קינדער - קאָלעקטיוו. קורץ פאָרמולירט, די סאָציאַליש-
קייט פון אידיאָטישע און אימבעצילע קאָלעקטיוון איז כאַראַקטערי-
זירט דורך פאָלגנדיקע סימפּטאָמען, וואָס קאָנען דינען אַלס אינטע-
ליגענץ - טעסט פון קאָלעקטיוו. 1) דאָס אויספעלן פון שפּראַכלעך
וואָקאַלער קאָמוניקאַציע (אומבאַוועגלעכע שטילקייט). 2) אויס -
פעלן פון גרופּן - בילדונג (איזאָלירטקייט), 3) אויספעלן פון קאָ -
לעקטיווע שפּילן (שפּיללאָזיקייט), 4) ביי איניקע מיטגלידער פון
קאָלעקטיוו מערקן זיך זעלבסט - שפּילן, אויך אויטאָמאַטישע באַ -
וועגונגען.

מיר ברענגען איצט דעם פּראָטאָקאָל פון דער צווייטער אָפּטיי-
לונג אין דעם אַזוי-גערופענעם „סאַני - סייד" - זאַל, וווּ עס געפי-
נען זיך געמישטע גרופּן פון וויניקער אָפּגעשטאַנענע קינדער — פון
לייכטע אימבעצילן ביז גרעניץ - ליניע - קינדער — מייסטנס דע -
בילן.

**רענדעלס איילאַנד, סאַני - סייד. דינסטיק, אַפּריל, דעם
28-טן.**

**28 קינדער, 16 מיידלעך און 12 יינגלעך, אין עלטער
פון 5 ביז 8 יאָר.**

„שוין ביים אַריינגאַנג איבעראַשט אונז דער קינדערשער
ליאַרעם און טומל. בלויז דריי קינדער זיצן איינזאַם און שווייגנ-
דיק. אַלע איבעריקע זענען אומאויפהערלעך אין באַוועגונג, טומ-
לען מיט אויסגעשרייען, לויפן, יאָגן זיך. דער טומל און די יאָגע-
ניש ווייזן נישט אַרויס קיין באַזונדערן ציל, נאָר טראָגן זיך באַ-

אַטיש. ניט איינער יאָגט אָדער וויל אַריבעריאָגן דעם אַנדערן אָדער איבערשרייען. אַ פרייער אויפברויז פון קולות און באַוועגונגען. יעדער גענגשטאַנד ווערט עפּיזאָדיש פאַרכאַפּט פונם אויפברויז. לויפנדיק שטויסט מען זיך אָן אויף אַן איבערגעקערטן הילצערנעם שטול, וועלכן פאַרשיידענע קינדער שלעפּן אום אויף אַ ווילד כאַאָטישן אופן. קיינער פאַרכאַפּט ניט דעם שטול פאַר זיך, קיינער שלאָגט אים ניט אָפּ ביי דעם אַנדערן. אַט שלעפּן צוויי קינדער דעם שטול. אין אַ קאַרגער מינוט אַרום פאַרלאָזן זיי אים. אַנדערע צוויי שלעפּן פאַרביילויפנדיק, פאַרהאַלטן אים, קומען ווייטער אַנדערע — באַלד איז דער שטול אינגאַנצן פאַרלאָזן. קיין קינד איז ניט פאַר זיך, אַלע לויפן אין גרעסערע אָדער קלענערע גרופּן, וואָס צעשיטן זיך יעדע רגע און בילדן זיך פון ס'ניי. קיין שטענדיקע אָרגאַניזירטע גרופּן, ווי אויך קיין אָרגאַניזירטער שפּיל מיט וועלכן ס'איז אינהאַלט און ראָלן־פאַרטיילונג. בלויז צוויי יינגלעך האָבן אַ לענגערע צייט, אַרום צען־פופצן מינוט, געשפּילט צוזאַמען מיט אַ פעדער־פוך: מ'האָט עס געבלאָזן אין דער לופט, אויפגעכאַפּט און ווידער אַוועקגעבלאָזן, ווייטער אויפגעכאַפּט א. א. וו."

דאָ זעען מיר, אַז די ווייניקער אָפּגעשטאַנענע קינדער אין סאַני־סייד ווייזן אַרויס אַ באַשטימטע העכערע שטופע פון סאָציאַלישקייט, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש דורך אַ באַדייטנדיקן גראַד פאַרבונדנקייט צווישן די קינדער. די קינדער באַוועגן זיך אין „גרופּן", סטימולירנדיק און נאָכמאַכנדיק איינע די אַנדערע. אַ „געמיינזאַמע" שפּיל־באַוועגונג פאַרכאַפּט דעם גאַנצן קאָלעקטיוו, וואָס האַלט אַ לענגערע צייט אין לויפן, יאָגן, שפּרינגען, שרייען. דאָ ווייזט זיך אַרויס, הייסט דאָס, די פעיקייט צו גרופּן־בילדונג און געמיינזאַמע שפּילן. אָבער די גרופּן זענען פליסנדיקע, צעשיטן זיך און בילדן זיך פון ס'ניי כמעט יעדע מינוט, האָבן ניט וועלכע ס'איז האַלטבאַרקייט, קיין אָרגאַניזירטע פעסטקייט, קיין דיפערענצירטע באַציונגען. די שפּילן זענען פרימיטיווע־כאַאָטישע, סטרוקטורלאָז, אָן דיפערענצירטן אינהאַלט, אָן פאַרטיילונג פון ראָ־

לן — אחוץ אייניקע אָנהויבן פון אַן אָרגאַניזירטער שפיל ־ גרופע, ווי די צוויי ־ יינגלעך ־ גרופע מיט דעם פעדער ־ שפיל. אויך באַגעגענען מיר דאָ שוין דעם כאַראַקטעריסטישן גערויש, די שפראַכ ־ לעך ־ וואָקאַלע קאָמוניקאַציע. אָבער אויך דער גערויש איז דאָ כאַאָטיש, אָן יענע רעגולירנדיקע שאַטירונגען, וואָס עס פאַרמאָגט דער נאָרמאַלער, אין גרופן אָרגאַניזירטער, קינדער ־ קאָלעקטיוו. די סאָציאַלישקייט פון לייכט אָפגעשטאַנענע, דעבילע קאָלעקטיוון איז, אַלזאָ, כאַראַקטעריסטיש דורך פאָלגנדיקע סימפטאָמען: 1) כאַאָטישער גערויש (שפראַכלעך ־ וואָקאַלע קאָמוניקאַציע), 2) אומאָרגאַניזירטע פליסנדיקע גרופן. 3) אומדיפערענצירטע (סטרוקטורלאָזע) שפילן. וואָס העכער דער אינטעלעקטועלער ניוואָ פונם קינדער ־ קאָלעקטיוו, אַלץ אָרגאַניזירטער וועלן זיין די גרופן, אַלץ מער אינהאַלט און סטרוקטור וועלן האָבן די שפילן.

אין משך פון פיר חדשים האָבן מיינע מיטאַרבעטער און איך געפאָרשט די ביידע דערמאָנטע, ווי אויך אַנדערע ענלעכע קינדער־אָפטיילונגען אין רענדעלס ־ איילאַנד. פלאַנמעסיק האָבן מיר געפירט די פאָרשונג אין פאַרשיידענע צייטן ביי פאַרשיידענע באַדינגונגען — אַלעמאָל האָבן מיר באַקומען דיזעלבע רעזולטאַטן. מיר ברענגען איצט אַ קורצן כאַראַקטעריסטישן פראָטאָקאָל פון אייניקע פאָרשונגען ביי געענדערטע באַדינגונגען, ביי וועלכע, נעמלעך, מיר האָבן צייטווייליק באַזייטיקט דעם איינפלוס פון דערציער און אַנדערע שטערנדיקע אומשטענדן. דאָ האָבן די קינדער געקאָנט מער פריי אַרויסווייזן זייער נאַטירלעכע קאָלעקטיווישקייט.

אין פאַרשיידענע טעג האָבן מיר געמאַכט פאָלגנדיקע ענדערונגען:

מיר האָבן געבעטן די דערציערינס לאָזן אינגאַנצן פריי די קינדער. מ'האָט די קינדער אַראָפגעלאָזט פון זייערע שטענדיקע זיץ ־ פלעצער, געלאָזט זיי פריי באַוועגן זיך, אָן וועלכער ס'איז השגחה. אין ביידע אָפטיילונגען זענען די פריער באַאָבאַכטעטע דערשיינונגען נאָך שאַרפער געוואָרן.

אין נייטינגייל ־ אָפטיילונג (פאַר אידיאָטן און אימבעצילן) זענען די מייסטע קינדער געבליבן שטיין כמעט ווי אומבאַוועגלעך

איינער נעבן דעם אנדערן, יעדער פאר זיך איזאלירט, אומפארבונדן, שטיל־שוויגנדיק. בלויז אין איניקע פאלן האט איין קינד אויף א רגע געליגט צעשטרייט זיין האנט אויף דעם אנדערנס פליצע. איין קינד האט מיט אן אפגעבראכן שטיק קעמל א קאם־געטון דעם צווייטנס קאפ. צוויי קינדער האבן אויף א קנאפע מינוט אומפארשטענדלעך געמורמלט איינער צום צווייטן. ס'איז געווען נאך מער אויפפאלנדיק די טויטע שטילקייט און זעלבסט־איזאלירטקייט פון די קינדער, וועלכע שטייען דאך פיזיש אזוי נאנט איינער צום אנדערן אויף א געמיינזאמען פלאץ.

אין סאני־סייד־אפטיילונג (ביי די ווייניקער אפגעשטאנענע, דעבילע קינדער) זענען דער ליארעם און די באוועגלעכקייט געווארן נאך שטארקער און כאאטישער — ביז צו דער שטופע פון אומגעצוימטער ווילדקייט. די גרופן זענען געווארן נאך פליסנדיקער, נאך מער קורץ־דויערנדיק, כמעט ביז צום פארשווינדן. די שפיל־באוועגונגען האבן באקומען אזא כאאטישע האסטיקייט, אז זיי פארלירן יעדע קאנטור.

ביי פארשיידענע באדינגונגען, אלזא, ווייזט ארויס יעדע קאטעגאריע פון אפגעשטאנענע קינדער די באשריבענע כאראקטעריסטישע דערשיינונגען פון סאציאלישקייט. אויף דעם אופן גיט אונז די סאציאלישקייט א געוויסן אינטעליגענץ־טעסט פון קינדער־קאלעקטיוון, צום אונטערשייד פון די ביז אהער־באקאנטע „אינדיווידועלע" אינטעליגענץ־טעסטן. כדי נעמלעך פעסטצושטעלן דעם אינטעלעקטועלן ניווא פון א קאלעקטיוו, דארף מען דעם קאלעקטיוו לאזן פריי, פאר זיך אליין, ביי נאטירלעכע באדינגונגען פון שפיל־פרייהייט — און דאמאלס רעגיסטרירן געוויסע אויפפירונג־מאמענטן (קאמוניקאציע, גרופן־בילדונג, שפיל־כאראקטער). אידיאטן און אימבעצילן האבן ניט קיין קאמוניקאציע, קיין גרופן־בילדונג און קיין געמיינזאמע שפילן; דעבילע (לייכטער אפגעשטאנענע קינדער) האבן שוין קאמוניקאציע, גרופן און שפילן, וואס שטייען אבער נאך אויף דער פרימיטיווער

שטופּע פון באַטישקייט און אומאָרגאַניזירטקייט. וואָס העכער דאָס אינטעלעקטועלע ניווא — אַלץ אָרגאַניזירטער און דיפערענצירטער ווערן קאָמוניקאַציע, גרופּן און שפּילן. פון דער אַנדערער זייט איז די סאָציאַלישקייט אַ געוויסער אינטעליגענץ־טעסט אויך פאַר דעם איינצלנעם קינד. אַ פיזיש־געזונט קינד אין נאָרמאַלע באַדינגונגען קאָן אינטעלעקטועל אָפּגעשאַצט ווערן לויט זיין סאָציאַלישקייט; ד. ה. אויב און אויף וויפיל עס נעמט אָנטייל אין קאָמוניקאַציע, גרופּע און שפּיל.

מיר האָבן אָבער אויבן באַוויזן, אַז די סאָציאַלישקייט איז אַן אַנטשיידנדער פאַקטאָר פאַר דאָס געפילס־לעבן און אויפפירונג פון קינד. דערפאַר מוז מען אויך ביי באַהאַנדלונג פון נערוועזע קינדער מעטאָדיש באַשטימען די סאָציאַלישקייט, וואָס קאָן זיין אַ סיבה אָדער אַ באַדינגונג פון נערוועזישקייט (זע קאַפּ. 4).

3

די דערציונג פון סאציאלישקייט און שפּילעודיקייט

(דער פּרינציפּ פון שפּורן)

די פאַרשונגען אין רענדעלס - איילאַנד האָבן פעסטגעשטעלט, אַז ביי יעדער באַגרענעצטער שטופע פון סאָציאַלישקייט קאָן מען דאָך תמיד מערקן שפּורן אָדער אָנדייטונגען פון אַ העכערער שטופע. די שטאַרק אָפּגעשטאַנענע קינדער אין נייטינגייל, וואָס האָבן ניט (ווי אויבן באַשריבן) די פעיקייט צו גרופּן - בילדונג און געמיינזאַמע שפּילן, ווייזן אָבער תמיד אַרויס שפּורן פון אַ העכערער סאָציאַלער באַגאַבונג. אויף דעם אַלגעמיינעם הינטערגרונט פון שטילקייט, אומבאַוועגלעכקייט און איזאָלירטקייט לאָזן זיך כמעט ביי יעדער באַאָבאַכטונג מערקן פאַראיינצלטע מאָמענטאַלע רעאַקציעס פון סאָציאַלישקייט. דאָס קאָן מען זען קלאָר אין די אויבן געבראַכטע (קאַפּ. 2) באַריכטן. מיר וועלן דערמאָנען קורץ נאָר אייניקע פּרטים (פון יענע באַריכטן):

אַ קינד טוט אַ קער דעם קאָפּ צום צווייטן קינד און ליגט אַזוי אַרויף שווייגנדיק די האַנט אויף דער פּלייצע, צוויי נעבנאַנאַנד זיצנדיקע קינדער טוען אַ מורמל צווישן זיך, איין קינד שטייט אויף פון זיין שטול, גייט צו צום אַנטקעגנזיצנדיקן קינד און פאָרעט זיך מיט די בענדלעך פון יענעמס שיך; אַ קינד טוט עטלעכע מאָל אַ כאַפּ אויף אַ רגע מיט אַן אָפּגעבראָכענעם שטיק קעמל די האָר פונם צווייטן קינד. אַזוינע און ענלעכע דערשיינונגען חזרן זיך איבער דאָ און דאָרט אויף אַ קורצער ווילע, נאָך וועלכע די קינדער קערן זיך אום אין דעם געוויינטלעכן צושטאַנד פון שטילקייט און איזאָלירט-

קייט.

איינמאָל, נעמלעך דעם 28־טן אַפּריל, האָבן מיר אין נייטינגייל (אָפּטיילונג פאַר אידיאָטן און אימבעצילן) באַמערקט אַזאַ אומגעריכטע דערשיינונג. אין דער גרויסער גרופּע קינדער, וואָס זיצן רעכטס פון דער טיר, זענען עטלעכע קינדער „פלוצים" אַראָפּ פון די שטולן און זיך צונויפגענומען אין אַ גרופּע. דאָס איז געווען פאַר אונז זייער אויפפאַלנדיק און מיר האָבן עס גענוי און שאַרף באַאָבאַכטעט. די דאָזיקע אַנטשטאַנענע גרופּע האָט אָנגעהאַלטן עטלעכע מינוט אַ שפיל מיט קרעלן און זיך גלייך שפורלאָז צעשאָטן. זייער שפיל איז באַשטאַנען פון אָט וואָס. דאָס עלטערע מיידעלע צווישן זיי, 8 יאָר אַלט, האַלט אַ שנירל פון קרעלן, אַנדערע קינדער העלפן איר אַראָפּ ־ און אַרויפצילעווען די קרעלן, מאַכן דערביי אויטאָמאַטיש מאָנאָטאָנע באַוועגונגען מיט די ליפן. עטלעכע מינוטן דויערט דער שפיל, נאָך וועלכן די קינדער קערן זיך „פלוצים" אום אין זייער שטילקייט און איזאָלירטקייט.

אין דעם לעצטן פאַל זעען מיר, ווי דער גרופּן ־ שפיל האָט דאָ, אין נייטינגייל, ווי „פלוצים" אויפגעפלאַקערט אויף עטלעכע מינוט און זיך גלייך אויסגעלאָשן. אָבער אין די מאָמענטן פון אויפפלאַקערונג האָבן מיר דאָ ניט בלויז שפורן, נאָר באַדייטנדיקע דערשיינונגען פון העכערער סאָציאַלישקייט. אין דער גרופּע זענען די קינדער צווישן זיך פאַרבונדן און קאָאָרדינירט. דער איינפאַכער שפיל מיט די קרעלן איז רעגולער און אויסגעהאַלטן, שוין אפילו מיט אַ געוויסער פאַרטיילונג פון ראָלן. מיר האָבן דאָ אַ געוויסן „דורכ - ברוך" פון העכערער סאָציאַלישקייט, וואָס ברעכט זיך דורך, אַזוי צו זאָגן, צום לעבן אויף אַ געוויסע ווײַלע און ווערט נאָכדעם צוריק אויסגעלאָשן.

אויך די ווייניקער אָפּגעשטאַנענע קינדער אין „סאַני ־ מייד", וואָס האָבן שוין אַ געוויסע פעיקייט צו גרופּן ־ בילדונג און קאָלעקטיוו ־ שפיל, ווייזן אַרויס אויף זייער ניוואָ שפורן פון העכערער סאָציאַלער באַגאַבונג. אין דער כאַאָטישקייט פון פליסטריקע גרופּן און פאַרשוומענע שפיל ־ באַוועגונגען צייכנט זיך אויס „פלוצים" די רעגולערע צוויי ־ קינדער ־ גרופּע מיט דעם פיין אויסגעהאַלטע-

עם „פעדער - שפיל״. די דאזיקע קינדער ווערן מייסטנס פאר-
כאפט פונם ארומיקן באוועגונגס - כאאס, טויכן אבער אויף אלע
ווײַלע מיט זייער רעגולערן צוויי - שפיל, וואס קומט ווי א „דורכ-
ברוך״ פון העכערער, ארגאניזירונגס - פעיקער סאציאלישקייט.
דער פאקט פון „שפורן״ אדער „דורכברוך״ האט פראקטיש
א קליניש - דערציערישע באדייטונג, ווייל דאס לערנט אונז, אז ביי
יעדער באגרעניצטער שטופע פון סאציאלישקייט זענען פאראן ביים
קינד באהאלטענע מעגלעכקייטן, וואס קומען ביי גימנסטיקע באדינ-
גונגען צום דורכברוך. דאס איז אן אטוויז פאר דערציונג, וואס מוז
אין דער אנגעוויזענער ריכטונג פון די שפורן ווירקן און אנטוויק-
לען די באהאלטענע סאציאלישקייט פון קינד.
ביי טיף אפגעשטאנענע קינדער קאן מען דורך סיסטעמאטישע
גרופירונג פון די קינדער און מיט הילף פון פאסנדיקן שפילצייג —
מעטאדיש אנרעגן די קינדער צו גרופן - בילדונג און קאלעקטיוו -
שפיל. די עפיזאדישע ספאנטאנע „דורכברוכן״ גיבן אן אנוויז סיי
בנוגע דער גרופירונג, סיי בנוגע דער שפיל - אנרעגונג. ביי ווייני-
קער אפגעשטאנענע קינדער, וואס זייער סאציאלישקייט איז כאאטיש
פרימיטיוו, מוז מען דורך פאסנדיקע ארגאניזירטע שפילן וועקן
די פעיקייט צו דער ארגאניזירונג און פארטיפונג פון זייערע סא-
ציאלע טענדענצן. די ארגאניזירטע שפילן דארפן אבער ניט (ווי
ס'ווערט ביז איצט געמאכט) אריינגעבראכט ווערן פון „דרויסן״
פארן „גאנצן״ קאלעקטיוו. ערשטנס זענען אזוינע שפילן דריקנדיק
קינסטלעך און פארפלאכן נאך מער די נידריקע סאציאלישקייט.
צווייטנס, זענען די שפילן אומאינדיווידואליסטיש און ניוועלירן דער-
פאר די כאאטישע סאציאלישקייט. ניט איין שפיל פאר
אלעמען, נאר יעדע גרופע דארף האבן
איר אייגענעם שפיל. די מעטאדישע קינדער - גרופי-
רונג דארף זיין דער אויסגאנגס - פונקט פאר די ארגאניזירטע
שפילן, וואס דארפן פון אינעווייניק ארויסאנטוויקלען די פיזיאנא-
מיע און די ארגאניזירטקייט פון גרופע און שפיל. דער עפיזאדישער
„דורכברוך״ גיט אן אנוויז פאר גרופירונג און שפיל - איבערואל.
אויך נארמאלע קינדער האבן באהאלטענע מעגלעכקייטן פון הע-

כערער, איבערנאָרמאַלער סאָציאַלער באַגאַבונג, ואָס קומט ביי גינסטיקע באַדינגונגען צום „דורכברוך" אין ענטוזיאַסטישער העל־דישקייט און מאָראַלישן איבפשוונג. באָבאַכטעיז מען אַזוינע „דורכברוכן" ביי קינדער, קאָן מען פאַרשטיין אין מעטאָדיש דער־ציען די באַהאַלטענע סאָציאַלע שעפערישקייט פונם קינד. מיר מוזן דערביי באָבאַכטן ביים קינד זיינע נאַטירלעכע גרופן - באַציונגען און גרופן - שפּילן (זע קאַפּ. 6), וואָס כאַראַקטעריזירן קאָנקרעט דעם דורכברוך פון העכערער סאָציאַלישקייט.

די דערשיינונג פון דורכברוך האָבן מיר אין אַן אַנדער אָרט 8) געקענט פעסטשטעלן אויך ביי דער פאַנטאַזיע - פאָרשונג פון אָפּגע־שטאַנענע קינדער. די דאָזיקע פאָרשונגען האָבן נעמלעך באַוויזן, אַז די באַגרענעצטע פאַנטאַזיע - באַגאַבונג (ביי אָפּגעשטאַנענע קינ־דער) האָט אירע באַהאַלטענע מעגלעכקייטן, וואָס קומען אָפּט, בליץ־אַרטיק, צום דורכברוך. עס איז גלייכצייטיק באַוויזן געוואָרן, אַז אויך די פעיקייט צו געפילס - איבערלעבענישן, וואָס געפינען זייער אויסדרוק אין פאַנטאַזיע - בילדער, באַווייזט אויך די דערשיינונג פון דורכברוך, ווען ס'פלאַקערט אויף צייטווייליק ביי אָפּגעשטאַנענע קינדער העכערע געפילס - באַגאַבונג. דער פרינציפ פון „שפּורן" אָדער דורכברוך ווערט, הייסט דאָס, באַשטעטיקט אויף אַזוינע גרוי־סע געביטן, ווי פאַנטאַזיע, עמאָציע, סאָציאַלישקייט און שפּיל. דאָס באַרעכטיקט אונז צו קלערן, אַז ניט נאָר די דערמאָנטע, נאָר אויך אַנדערע פעיקייטן פון אָפּגעשטאַנענע קינדער האָבן באַהאַלטענע כחות פון העכערער באַגאַבונג, וואָס קומט ביי גינסטיקע באַדינגונ־גען צום דורכברוך.

וואָס מער מיר וועלן דערקענען די דאָזיקע באַהאַלטענע כחות און זייער דורכברוך—אַלץ מער אָנהאַלטס־פונקטן וועלן מיר האָבן פאַר דער הייל - דערציונג פון דער אָפּגעשטאַנענקייט.

אייגנטלעך איז די דערשיינונג פון דורכברוך אוניווערסאַל. דער קינסטלער, למשל, איז ניט שטענדיק שעפעריש, נאָר אין מאָ־מענטן פון באַגייסטערונג אַנטפּלעקט זיך מייסטנס די שעפערישקייט. דער קינסטלער האָט טאַקע דערביי דאָס געפיל פון „אינספּיראַציע" („דורכברוך"). אָבער אויך אין טאָג־טעגלעכן לעבן געניסט יעדער

מענטש דעם „איינפאַל'' פון אַ לאַנג געזוכטער אידייע, וואָס איז „פּלוצים'' אַרויפגעקומען אויפן מוח. אין דער קינסטלערישער „אינ־ספּיראַציע'' און אין דעם „איינפאַל'' האָבן מיר פּראָדוקטן און אָנ־האַלטס־פּונקטן פון יענע באַהאַלטענע כּחות, וואָס קומען אומגעריכט און צייטווייליק צום אויסדרוק. אַזוי קאָן מען אויך ביי נאָרמאַלע און אָפּגעשטאַנענע קינדער „אויסנוצן'' די פּראָדוקטן און אָנ־האַלטס־פּונקטן פון יענע באַהאַלטענע כּחות, וואָס אַנטפּלעקן זיך אינעם דורכברוך.

די דערציונג און די הייל־דערציונג דאַרפן צילעווען צו יענע באַהאַלטענע שטענדיק צוזאַגנדיקע כּחות פון דער קינדער־פּער־זענלעכקייט.

4

סאָציאַלישקייט און שפּיל בײַ נערוועזע קינדער

ווי בײַ אָפּגעשטאַנענע קינדער, אַזוי באַאָבאַכטן מיר די דערשײַנונג פון אײנזאַמקייט (אומסאָציאַלישקייט) אויך בײַ נערוועזע קינדער, — אָבער אין אַ וועזנטלעך פאַרשיידענער פאָרם. מיר מוזן נעמלעך אונטערשיידן צווישן אָרגאַנישער און פונקציאָנעלער אײנזאַמקייט.

בײַ אינטעלעקטועל - אָפּגעשטאַנענע קינדער פעלט אָרגאַניש (לויט דעם גראַד פון אָפּגעשטאַנענקייט) די סאָציאַלישקייט, ד. ה. די פעיִקייט צו קומען אין פאַרבינדונג מיט אַנדערע קינדער. די אינטעלעקטועל אָפּגעשטאַנענע קינדער זענען, הייסט דאָס, אָרגאַניש אַסאָציאַל אָדער „אײנזאַם״. ס׳איז אַזוי אויפפאַלנדיק צו זען דאָס אויבן - באַשריבענע בילד אין נייטינגייל - האָל (רענדלס - איילאַנד), ווען עטלעכע און אַכציק קינדער זיצן אין איין חדר, איינער נעבן דעם אַנדערן — און דאָך זענען זיי אײנזאַם, יעדער פאַר זיך, אומפאַרבונדן איינער מיט דעם אַנדערן. אַ קאָלעקטיוו פון אײנזאַמע! די אײנזאַמקייט איז דאָ אָרגאַניש, סטאַטיש און עלעמענטאַר, אויף וויפיל די אָפּגעשטאַנענע קינדער פאַרמאָגן ניט אָרגאַניש קיין חוש און קיין דראַנג פאַר סאָציאַלישקייט.

גאַנץ אַנדערש איז אָבער די „אײנזאַמקייט״ פון מאַנכע נערוועזע קינדער, וואָס זייער סאָציאַלישקייט איז בלויז פונקציאָנעל אונטערדריקט דורך עמאָציאָנעלע שטערונגען. כמעט אין יעדן נאָרמאַלן קינדער - קאָלעקטיוו (ווי אין דעם אויבן קאַפּ. 2 באַשריבענעם טי-

פישן בילד פון א שול - קלאַס) זענען פאַראַן אייניקע אַזוינע „איינ־זאַמע'' קינדער. אַט דער סאָרט איינזאַמקייט פון נערוועזע קינדער איז פונקציאָנעל, דינאַמיש און רעאַקטיוו, ווייל די נערוועזע קינדער האָבן אָרגאַניש א חוש און א דראַנג (אָפּטמאָל אַן איבערגעטריבע־נעם) פאַר סאָציאַלישקייט, וואָס זיי אונטערדריקן בלויז מחמת עמאָציאָנעלע שטערונגען און אינערלעכע קאָנפליקטן. די שייכותן צווישן איינזאַמקייט און נערוועזישקייט וועלן פאַר אונז גלייך קלאָר ווערן, אַזוי באַלד, ווי מיר דערקענען די אַלגעמיינע סיבות און באַ־דינגונגען, וואָס ברענגען איינזאַמקייט פאַר קינדער. אונזערע פאָר־שונגען האָבן פעסטגעשטעלט פאָלגנדיקע סיבות פון איינזאַמקייט:

1. דעפּרעסיע: די אויסגעשפּראָכענע דעפּרעסיוויזשקייט ביי פאַרשיידענע נערוועזע קינדער אונטערדריקט די סאָציאַלישקייט, ווי זי (די דעפּרעסיע) אונטערדריקט אַלע אַנדערע אַקטיווע רעאַק־ציעס, און פירט דערפאַר צו אָפּגעשלאָסנקייט און איינזאַמקייט. דאָס איז געווען דער פאַל ביי איינעם פון די איינזאַמע קינדער אין דעם אויבנגעבראַכטן באַריכט (קאַפּיטל 2) פון א נאָרמאַלן שול־קלאַס.

2. פּאַטאָלאָגישע שעמעוודיקייט: דאָס קאָן זיין דער איינציקער אָדער דער אויפפאַלנדיקסטער סימפּטאָם פונם קינדס נערוועזישקייט. מחמת שעמעוודיקייט קאָן אָפט אַזא קינד ניט ענט־פערן אויף דעם לערערס פראַגן אין קלאַס און דורכדעם מאַכן דעם פאַלשן איינדרוק פון אָפּגעשטאַנענקייט. דאָס קינד שעמט זיך פאַר אַנדערע קינדער, שרעקט זיך בכלל פאַר אַנדערע מענטשן, אַזוי - אַרום בלייבט עס „איינזאַם'' אין קינדער - קאָלעקטיוו. די פּאַטאָלאָ־גישע שעמעוודיקייט שיינט צו זיין א ירושה - איינגנשאַפט, ווייַ־ניקסטנס האָבן אונזערע פאָרשונגען אין יעדן פאַל פון שעמעוודי־קייט געקענט תמיד פעסטשטעלן, אַז איינער פון דעם קינדס עלטערן ליידט פון סענסעטיווער שעמעוודיקייט.

3. נערוועזע באַוועגלעכקייט: דאָס קומט געוויינטלעך פאָר צוזאַמען מיט די סימפּטאָמען פון אומרו און צעשטרייטקייט—

אלע צוזאמען בילדן (לויט דעם בעלגישן פארשער דעמאר) דעם צושטאנד פון „פסיכישע בארעא". אזוינע קינדער קאנען ניט קאנ־טראלירן און קאארדינירן זייערע רעאקציעס און באציונגען אין דער גרופע. זיי ווערן אגרעסיוו, אומדיסציפלינירט, אומפארטרעגלעך, שטערן יעדן רעגולערן שפיל. אנדערע קינדער וויכן זיי אויס און זיי בליבן „איינזאם".

4. איינזייטיקע באגאבונג אדער איינזייטיקע אנטוויק־לונג פון גייסטיקע פעיקייטן: דאס מאכט אפט די קינדער צו לעבן פאר זיך און מיט זיך, אין זייער אייגענער אינערלעכער וועלט. אזא איינזייטיקייט (באזונדערס אפט איז עס אן איבעראנטוויקלטע פאנטאזיע) טרעפן מיר אפט ביי נערוועזע קינדער. ניט זעלטן איז אבער די איינזייטיקייט ניט קיין סיבה נאר אן עפעקט פון איינזאמ־קייט: ווייל דאס קינד איז מחמת פארשיידענע סיבות אויסגעשלאסן פון קאלעקטיוון לעבן, זוכט עס און אנטוויקלט זיין אייגענע אינער־לעכע וועלט.

5. סאציאלאגישע שטערונגען: ד. ה. סאציאלע אומ־שטאנדן, וואס פארשליסן פאר דעם קינד א צוגאנג צום קאלעקטיוו. דאס קינד ווערט דורכדעם ווי מיט געוואלט איינזאם. א פראלעטא־ריש קינד אין צעריסענע קליידער קאן זיך פילן דערנידריקט און דערשלאגן אין א קאלעקטיוו פון רייכערע קינדער. פיל רייכע עלטערן ווארענען זייערע קינדער, ניט צו שפילן צוזאמען מיט די „אומריי־נע" ארימע גאסן - קינדער. ווען אזא גאסן - קינד קומט אן אין א שול - קלאס פון רייכערע קינדער, קאן עס ווערן פאראכטלעך אי־זאלירט. דאס זעלבע איז אויך בנוגע צו ראסן - אונטערשייד*), ווען

*) אין דער פסיכיאטרישער קינדער - קליניק אין בערלין האבן מיר גע־האט דעם פאל מיט אן אכט - יעריק יינגל, וואס האט זיך „פלוצים" אויפן דריטן שול - יאר, אנגעהויבן שלעכט לערנען, געווארן אומרויק און אומדיסצ־פלינירט. ביי נאנטער פארשונג האט זיך ארויסגעוויזן, אז דאס יינגל איז דער איינציקער יוד אין א קריסטלעכער שול. דאס יינגל האט קיינמאל פון זיין יידישקייט ניט דערמאנט. ערשט אויפן דריטן שול - יאר האט מען זיך אין

אין דער שול ־ אַטמאָספערע הערשן ראַסן ־ פאָראורטיילן.

יעדע אויפפאַלנדיקע איינגשאַפט פון אַ קינד קאָן ביי געוויסע באַדינגונגען ווערן אַ סאָציאַלע שטערונג. קינדער באַמערקן די אויפפאַלנדיקע איינגשאַפט פון אַ חבר, גיבן אים אַ צונעמעניש, פאַרשפאָטן, אַנטמוטיקן און איזאָלירן *).

6. דערציערישע שטערונגען: דאָס הייסט אַזוינע דערציערישע איינפלוסן, וואָס האַלטן אָפּ די נאָרמאַלע אַנטוויקלונג פונעם קינדס סאָציאַלישקייט. אַזוי איז, למשל, דאָס איינציקע קינד, וואָס די אַנגסטלעכע מוטער איזאָלירט פון אַנדערע קינדער. אָפטמאָל האָט די אַנגסטלעכע מוטער מורא צו שיקן דאָס קינד אין שול צווישן „המון'' קינדער, און אונטער פאַרשיידענע אויסריידן פאַרבייט זי דעם שול ־ אונטעררּיכט מיט פריוואַטע לעקציעס. דאָס קינד ווערט דורכדעם באַרויבט פון דער מעגלעכקייט פון סאָציאַל ־ טרענירונג אין אַ קינדער ־ קאָלעקטיוו. קינדער ,וואָס האָבן ניט באַזוכט קיין קינדער ־ גאָרטן, קאָנען זיך דעם ערשטן שול ־ יאָר ניט אַרויסגעפינען אין קינדער ־ קאָלעקטיוו און זענען אַ געוויסע צייט מער אָדער ווייניקער איינזאַם. דאָס זעלבע איז אויך בנוגע עמיגראַנטן ־ קינדער, וואָס קאָנען די ערשטע צייטן ניט האָבן (דורך פרעמדקייט פון שפּראַך און זיטן) קיין קאָנטאַקט מיט דעם שול ־ קאָלעקטיוו און זענען דערפאַר „איינזאַם''. אויך קינדער, וואָס בייטן אָפט די שולן, האָבן ניט די געלעגנהייט צו אַנטוויקלען זייערע באַציונגען מיט אַנדערע קינדער און זענען אָפט „איינזאַם''.

אין די לעצטע צוויי פאַלן, ד. ה. ביי סאָציאָלאָגישע און דערציערישע שטערונגען, קאָן די איינזאַמקייט ווערן אַ ס י ב ה פון נערוועזער גלייכגעוויכטס ־ שטערונג אין פסיכישן לעבן. אָבער אויך אין

קלאַס וועגן דעם דערוווסט. די קינדער האָבן אים אַנגעהויבן רייצן, רופן אים פאַרהאַסט „יודע''. דאָס קינד איז געוואָרן איינזאַם און אַנטמוטיקט.

*) אָט איז אַ כאַראַקטעריסטישער פאַל. אַן אַכט ־ יעריק יינגל האָט רויטע האָר. די קינדער רייצן אים מיט דעם צונעמעניש „שריפה''. דאָס קינד איז פאַרביטערט און אומבאַהאָלפן איינזאַם. ער איז געוואָרן אַגרעסיוו און אומרויק.

די אַנדערע באַשריבענע פאַלן, ווען די איינזאַמקייט קומט „צו־ערשט" ווי אַ ר ע ז ו ל ט אַ ט פון פאַרשיידענע עמאָציאָנעלע שטערונגען (דעפּרעסיע, שעמעוודיקייט, אינערלעכע אומרו), קאָן אָבער די איינמאָל אַנטשטאַנענע איינזאַמקייט פאַרשאַרפן די דאָזיקע עמאָציאָנעלע שטערונגען. מיט אַנדערע ווערטער, די אומסאָציאַלישקייט איז אַ פּאַטאַגענער (קראַנקמאַכנדיקער) פאַקטאָר, וואָס קאָן אַרויסרופן אָדער פאַרשאַרפן נערוועזע דערשיינונגען ביי קינדער. די אַסאָציאַלישקייט מוז דערפאַר באַטראַכט ווערן ווי אַן אַנטשיידנדיקער פאַקטאָר ביי דעם דיאַגנאָז און באַהאַנדלונג פון נערוועזע קינדער. ס'איז אויך פאַר יעדן לערער אַ וויכטיקע אויפגאַבע פון פּסיכישער היגיעניע צו באַאָבאַכטן אין דער שול־פּויזע, אויב און אויף וויפיל ס'זענען פאַראַן אין קלאַס איינזאַמע קינדער. דער לערער מוז אין יעדן איינצלנעם פאַל אַרויסגעפינען די סיבה פון דער איינזאַמקייט און לויט דעם מעטאָדיש אַרויסהעלפן דעם קינד זיך פאַמעלעך אַריינצוגלידערן אין קאָלעקטיוון לעבן.

5

די קלינישע שפּיל-טעאָריע

באטראכטן מיר גענויער די פּאטאגענע (קראנקמאכנדיקע) ווירקונג פון איינזאמקייט, באקומען מיר א קלינישן צוגאנג צום שפּיל־פּראָבלעם. דאָס איינזאמע קינד, נעמלעך, בלייבט אויסער דער קאָלעקטיוור שפּיל - טעטיקייט, וואָס איז די הויפּטטעטיקייט און הויפּט - אינטערעס פון קינדער - קאָלעקטיוון. אויף דעם אופן האָבן מיר דאָ א נייע געלעגנהייט צו פאָרשן דאָס וועזן פון שפּיל, דורכדעם, וואָס מיר ווען, נעמלעך, באָאבאכטן די ספּעציפישע ווירקונגען ביי אויספעלן פון שפּיל. ווי די פּאטאלאָגישע מעטאָדע אין פיזיאָלאָגיע, אזוי מוז אויך דאָ די פאָרשונג פון שפּיללאָזיקייט האָבן אן אנטשיידנדיקע באדייטונג פאר דער אויפקלערונג פון שפּיל.

אין טאָג - טעגלעכן דערציונגס - לעבן קאָן מען באָאבאכטן די כאראקטעריסטישע דערשיינונגען פון שפּיללאָזיקייט. ווען א קינד האָט ניט די געלעגנהייט פון וועלכער ס'איז פּאסנדיקער שפּיל־צעשטרייונג, קומט עס אין דעם פּיינלעכן צושטאנד פון לאנגוויל. דאָס קינד ווייסט ניט, ווו אהינצוטון זיך, האָט ניט מיט וואָס זיך צו אינטערעסירן. אלץ זעט אים אויס „פּוסט” און גרוי. דאָס געפיל פון פּוסטקייט איז דאָס סוביעקטיווע אָבער סאמע כאראקטעריסטישע וועזן פון לאנגוויל. ניט נאָר מען פילט זיך אינערלעך פּוסט, נאָר אויך די אויסערע וועלט זעט אויס ווי אויסגעליידיקט און פארבלאָז (גרוי). געדויערט אָט דער צושטאנד צו לאנג, קאָן די פּוסטקייט פון דער לאנגוויל ווערן אומדערטרעגלעך. אימפּולסיוו זוכט דאָס קינד אויסצופילן די דאָזיקע פּוסטקייט און „נוצט” אויס צוליב דעם

אַלע זייַנע באַהאַלטענע, קרענקלעכע אָדער פאַרבאָטענע דיספּאָז־
ציעס. אָדער דאָס קינד ווערט „נערוועז" (אויפגערעגט, קאַפּריזנע,
וויינערלעך, אומרויק), אָדער דאָס קינד קאָמפּענסירט די פוסטקייט
מיט אַנאַניזם (קאָמפּענסאַטאָרישער אַנאַניזם), אָדער עס געפינט זייַן
אויסוועג אין צו־להכעיסדיקער אויסגעלאַסנקייט, ניט וואָס איין
נייגונג פאַרוואַנדלט זיך אין דער אַנדערער, נאָר דער פוסט געוואָ־
ינענער לעבנס־דראַנג נוצט אויס דעם אָדער יענעם קוואַל פון לייַ־
דנשאַפט, — לויט כאַראַקטער, דערציונג און סיטואַציע פון קינד.

נערוועזישקייט און אויסגעלאַסנקייט זענען אַזוי־אַרום שויץ־
רעאַקציעס, וואָס זוכן אויסצופילן די אומדערטרעגלעכע פוסטקייט
פון לאַנגווייל אָדער שפּיללאָזיקייט. די פאַרבינדונג צווישן שפּיל און
נערוועזישקייט איז אָרגאַניש און דינאַמיש — ווי צוויי וואָגשאָלן
האַלטן זיי דאָס גלייכגעוויכט פון פסיכישן לעבן. פאַלט אַרויס דאָס
געוויכט פון שפּיל, שטייגט אויף די וואָגשאָל פון נערוועזישקייט
אָדער אויסגעלאַסנקייט. בייַ אייַנזאַמע קינדער מיט זייער כראָנישער
שפּילאָזיקייט וועלן מיר דערפאַר אַנטשפּרעכנדיק געפינען כראָנישע
נערוועזישקייט אָדער אומדיסציפּלינירטקייט.

די קליניש באַטראַכטונג וועגן דער פאַרבינדונג צווישן שפּיל
און נערוועזישקייט פירט אונדז צו דער נייער ביאָלאָגישער ווענדונג,
וואָס איז אַנטשטאַנען אין דער פיזיאָלאָגיע דורך דער וויטאַמין־
לערע. די דאָזיקע לערע האָט (אַרום 1910) אַנטדעקט די באַדייַטונג
פון די, אַזוי גערופענע, וויטאַמין־שטאָפן, וואָס ברענגען ניט פאַר
דעם אָרגאַניזם ענערגיע און בוי־מאַטעריאַל, נאָר האָבן הויפּט־
זעכלעך אַ סטימולירנדיקע ווירקונג. ווען עס פעלן אויס אין דער
נערונג אַזוינע וויטאַמינען, קומט עס צו סקאָרבוט און אַנדערע ענ־
לעכע קראַנקהייטן (אַוויטאַמינאָזע). פּרינציפּיעל און זאַכלעך האָבן
מיר דאָ אַ נייע ביאָלאָגישע אָריענטירונג, וואָס הויבט אָן אייַנזען
און פאָרשן די לעבנס־וויכטיקע באַדייַטונג פון „בלויז" סטימו־
לירנדיקע שטאָפן.

די דאָזיקע נייע אָריענטירונג מוז אויך באַאייַנפלוסן די אויפ־
פאַסונג און באַהאַנדלונג פונעם נערוואָ־פסיכישן לעבן. ס'זענען
געמלעך גוטיק אויך פאַר דעם נערוואָ־פסיכישן לעבן אַזוינע אייַנ־

דריקן און איבערלעבענישן, וואָס האָבן ניט צו טון מיט די קאָנקרעטע פסיכישע אינטערעסן, נאָר האָבן הויפּטזעכלעך אַ סטימולירנדיקע ווירקונג — „פסיכישע וויטאַמינען"; אויף וויפל די „נוצלעכע" אַרבעט באַפרידיקט די קאָנקרעטע אינטערעסן פון לעבנס־קאַמף, אויף אַזוי פיל איז אויך לעבנס־וויכטיק דער „אומנוצלעכער" שפּיל, וואָס סטימולירט דעם לעבנס־דראַנג גופא (ד. ה. דעם חשק צום לעבנס־קאַמף) און הויבט אויף דעם טאָנוס (שפּאַנונג) פון פסיכישן לעבן. ווען ס'פעלן אויס אינם לעבנס־שטייגער פון אַ מענטשן די נויטיקע שפּיל־עלעמענטן (פסיכישע וויטאַמינען), ווערט אָפּגעשוואַכט די שפּאַנונג פון פסיכישן לעבן און ס'רייסן זיך דורך צום אויבערפלאַך די פריער גוט באַהערשטע קרענקלעכע דיספּאָזיציעס. די דאָזיקע ווערן „אויסגענוצט", כדי אויסצופילן די פיינלעכע פוסטקייט.

דאָס געזאָגטע וואַרפט אַ ניי ליכט אויף די ביידע פּראָבלעמען — פון שפּיל און נערוועזישקייט. שפּיל ברענגט די נויטיקע פסיכישע וויטאַמינען און די נערוועזישקייט איז אַ פסיכישע אַוויטאַמינאָזע אָדער פסיכישער סקאָרבוט*).

ווי מען זאָל זיך ניט באַציען צו דער קליניִשער שפּיל־טעאָריע, איז אָבער דאָ יעדנפאַלס וויכטיק די קלאָר באַשריבענע באַציונג צווישן איינזאַמקייט־שפּיללאָזיקייט, לאַנגווייל און נערוועזישקייט. דאָס גיט אונז, ווי אויבן באַשריבן, וויכטיקע אָנהאַלט־פונקטן פאַר דעם דיאַגנאָז און באַהאַנדלונג פון נערוועזע קינדער.

די ווייטערע קלינישע פאָרשונג ברענגט אַ טיפערע פאַרשטענדניש פון שפּיל און זיין פאַרבינדונג מיט נערוועזיטעט. מיר מוזן נעמלעך אונטערשיידן צווישן פּראָדוקטיווע און דעסטרוקטיווע שפּילן. די ערשטע זענען אַזוינע, וואָס וועקן די פּאָטענציעלע שעפערישע כחות פון קינד און ברענגען דורכדעם דאָס קינד אויף אַ העכערן אַנטוויקלונגס־ניוואָ. ספּאָרטלעכע, עסטעטישע און אַלע אַנדערע קאָלעקטיווע קינדער־שפּילן ייעקן אין אַלגעמיין דעם קינדס

*) די לערע פון פסיכישע וויטאַמינען איז אויספירלעך באַשריבן און דעמאָנסטרירט אין מיין בוך „דער וועג צום מענטש" (ווילנע, קלעצקין, 1927).

פאנטאזיע און געפיל מיט דעם גאנצן פארכאפנדיקן אימפעט פון שפיל. אָבער יעדער שפיל באזונדער וועקט און אנטוויקלט די ספעציעלע אין דעם איינצלנעם שפיל זיך אנטפלעקנדיקע כּחות און געפילן. די פּראָדוקטיווע שפילן באצייכענען מיר אלס אינטימע, אויף וויפיל זיי וועקן די אינטימע שעפערישקייט פון קינד און מאַכן אים טיפער און אינטימער. גאנץ אנדערש זענען די דעסטרוקטיווע שפילן, וואָס וועקן דעם קינדס פרימיטיווע, דעגראדירנדיקע כּחות און ברענגען דאָס קינד אויף א נידריקערן אנטוויקלונגס־ניוואָ. אזוינע זענען, צום ביישפיל, דאָס אַנאניסטישע שפילן מיט דעם געשלעכטס־אָרגאן, צו־להכעיסדיקע אנטי־סאָציאלע פארוויילונגען (די אלטע „פיראמאניע”, „קלעפּטאָמאניע” א. ד. גל.), גרויזאמקייטס־שפילן מיט טיערן אָדער מיט שוואכע הילפלאָזע חברים (צערייסן לעבעדיקע פליגן, מאטערן קליינע באשעפענישן, דאָס רייצן, שלאָגן און קנייפן יינגערע שוואכערע קינדער). די דעסטרוקטיווע שפילן באצייכענען מיר אלס פרימיטיווע, אויף וויפיל זיי וועקן דעם קינדס פרימיטיווע ליידנשאפטן.

צווישן די ביידע ארטן פון שפיל זענען פאראן פארשיידענע איבערגאנגס־שטופן, ווי אויך געמישטע פאלן. פסיכאָלאָגיש און פעדאגאָגיש איז אָבער וויכטיק צו אונטערשיידן צווישן אינטימע און פרימיטיווע שפילן, וואָס האָבן פארשיידענע וואָרצלען און ווירקונגען.

ווען דאָס קינד האָט ניט קיין געלעגנהייט פאר פּראָדוקטיוון שפיל, זוכט עס אימפולסיוו אן אויסוועג אין די פארשיידענע (אנטשפרעכנדיק נאטור און דערציונג) דעסטרוקטיווע שפילן פון פרימיטיווע ליידנשאפטן. מיט אנדערע ווערטער, ווען דאָס קינד קאָן זיך ניט אויסלעבן אינטים, לעבט עס זיך אויס פרימיטיוו. איז אָבער דאָס קינד לויט זיין נאטור צו סענסיטיוו פאר פרימיטיווע שפילן, קומט די נערוועזע אויפרעגונג, וואָס קאָן אויסשפילן דורך שמערצהאפטער שפאנונג די אינערלעכע פוסטקייט פון שפיללאָזיקייט. דאָס קינד קאָן ניט באהערשן די איינגעבאָרענע נעוורא־פסיכישע שוואכקייטן, וואָס וואקסן אויס צו נערוועזע סימפטאָמען און ברענגען, ווי דער שפיל, נאָר אויף א נערוועזן פרימיטיוון אופן, די באטויבונג

און שפאנונג פון שמערץ און אויפרעגונג. איז דאך דער נעווראז
ניט קיין עכטע ארגאנישע, נאר א פארגעשטעלטע (פסיכאגענע)
אדער אומווילקירלעך געשפילטע קראנקהייט — „צוואנגשפיל",
דער נעווראז אדער דער פסיכישער סקארבוט איז אויף דעם אופן
א פרימיטיווער צוואנג־שפיל, וואס קומט דורך דעם אויספעלן פון
אינטים־פראדוקטיוון פרייען שפיל.

די „איבערחזרונגס"־טעאריע פון סטענלי האל, אויך די צע־
שטרייונג־טעאריע פון פאטריק, ווייזן אויף געוויסע ענלעכקייטן
צווישן שפיל פון היינטיקע קינדער און טעטיקייט פון פרימיטיווע
מענטשן. סטענלי האל דערקלערט, אז אין דער קינדהייט חזרט איבער
דער מענטש דורך שפיל די פרימיטיווע אנטוויקלונגס־שטופן פון
דער מענטשהייט. פאטריק קלערט, אז די אלץ מער אנשטרענגענדיקע
צופאסונגס־ארבעט פון דער מאדערנער ציוויליזאציע מאכט נוי־
טיק דעם שפיל, ווו דער מענטש קאן זיך „אומקערן" צו די לייכטע־
רע, פרימיטיווע טעטיקייטן פון אונזערע אור־עלטערן. בײדע טע־
אריעס טיילן ארויס פונם פּאזיטיוון שפיל בלויז די עלעמענטארע,
פרימיטיווע „אמאליקע" רעאקציעס. ס'ווערן דא פארזעצן
די פראדוקטיווע שפילן און זייערע שעפע־
רישע עלעמענטן, וואס פירן דעם מענטשן
ניט „צוריק", צום פרימיטיוון אמאל, נאך
„פאראויס", צו נײַ־שאפונג. טעאטער־שפילן, מוזי־
קאלישע קאנצערטן, ליטעראַרישע אוונטן, הויך קוואליפיצירטע קער־
פער־קולטור, די פייערלעכקייטן פון מאדערנע וועלט־רעליגיעס,
זענען אזוי ווייט פון די אור־פרימיטיווע טעטיקייטן, ווי די מאָ־
דערנע טעכניק פון דעם פרימיטיוון געציַיג בײַ די אור־מענטשן.

דאס וועזן פון שפיל, ווי פון קונסט בכלל, איז דאך דאס זעלבסט־
שאפן פון דער פארכאפנדיקער שפיל־האנדלונג, וואס מ'קאן דאך
לויט אייגענעם ווילן פארטזעצן אדער אויפהערן אדער מאדיפיצירן.
אין דעם שפיל שאפט דער מענטש, וואס אים גלוסט זיך, און דער־
בײַ האט ער שליטה איבער דאס געשאפענע. ס'איז דער פאטאס פון
דער פרייער שעפערישקייט, וואס ווייזט דא ארויס א טאפלטע צווי־
בערקראפט. ווי פארכאפנדיק דער שפיל זאל ניט זיין, ווייסט מען

דאך גלייכצייטיג, אז ס'איז נים מער ווי א שפיל. אבער ווי פאנטאסטיש אוו יעאל דער שפיל זאל ניט זיין, קאן ער דאך פארכאפן דעם שפילער. ווען מ'ווערט דערשיטערט אין א טרויער־שפיל אדער ווען כ'און זינקט אין סאמע אפגרונט ביי זייער פרימיטיווע שפילן, געניסט מען דערביי גלייכצייטיק דאס אנטציקטע מאכט־געפיל פון שפילעוודיקייט, וואס שאפט און פארניכטעט אירע שפיל־אילוזיעס.

מיר קאנען גענויער באשטימען די פאלגנדיקע אייגנשאפטן פון שפיל. 1) די ש ע פ ע ר י ש ק י י ט, וואס לאזט דעם שפילער פארשטעלן (ארייןפאנטאזירן) זיך אין די ארומיקע און געווינטשטע ראליעם און סיטואציעס. שפילצייג איז א ווייטע פארשטעלונג פון רעאלע געגנשטאנדן, ווי אן אינסצענירטער מארד אין טעאטער איז א פארשטעלונג פוןווירקלעכן מארד. די זעלביקע האנדלונג קאן גענומען ווערן שפילעוודיק אדער ערנסט, אויף וויפיל די דאזיקע איז ווירקלעך געשען אדער בלויז פארגעשטעלט. 2). פ ר י י ה י י ט אדער שליטה איבער די שפיל־אילוזיעס, וואס דער שפילער קאן ענדערן לויט אייגענעם ווילן. דאס אונטערשיידט דעם נארמאלן פרייען שפיל פונם קרענקלעכן אזארט־שפיל, ווייל דער לעצטער איז שוין א צוואנג־שפיל און נעמט אפביים מענטשן די שליטה איבערן שפיל. ס'איז דער זעלבער אונטערשייד ווי צווישן דעם נארמאלן פרייען שלאף און נארקאטישן צוואנג־שלאף.

פארגלייכנדיק אביעקטיוו די פסיכאלאגיע פון ארבעט און שפיל, קאן מען ברענגען צו אן אפשלום די קלינישע טעאריע, וואס האט אויך א פראקטיש־וויכטיקע באדייטונג (זע נעכסטן קאפיטל). אין דער ארבעט קומט צום אויסדרוק דאס וואכע ניכטערע נאר־מאל־באוווסטזיין, וואס דענקט ראציאנעל און האנדלט זי׳עק־מעסיק לויט פאדערונג און צוועק פון דער ארבעט. אין שפיל קומט צום אויסדרוק דאס אפעקטיווע אדער „ספעריש ע” באוווסטזיין, וואס דענקט אינטואיטיוו און האנדלט אימפולסיוו לויט אינערלעכע ליידנשאפטן. די ליידנשאפטן קאנען זיין אינטים־שעפערישע און פרימיטיוו־דעסטרוקטיווע — ביידע געפינען זייער א יסוד וק אין די באשריבענע אינטימע און פרימיטיווע שפילן. ;: איע דביי

קאַטעגאָריעס פון פסיכישע דערשײַנונגען — דאָס נאָרמאַל - באַוווּסטזיין, דאָס אינטימע און פּרימיטיווע ספּעריש - לעבן*) — זענען מקורדיק, ערשט - קוואַליק, אומרעדוצירבאַר; זיי זענען אָבער אַלע אָרגאַניש פאַרבונדן און בילדן צוזאַמען די פּילגעשטאַלטיקע איינהייט פון דער פּערזענלעכקייט.

דאָס נאָרמאַל - באַוווּסטזיין איז פאַרהערשנדיק אין לעבנס-קאַמף, ווו ס'איז נעמלעך באַזונדערס נויטיק אַ ראַציאָנעל צוועק-מעסיק פאַרהאַלטן. נאָר ווי שטאַרק ס'זאָל ניט זיין דאָס נאָרמאַל-באַוווּסטזיין, האָט אָבער יעדער מענטש זיין אייגענעם ספּערישן דראַנג, וואָס איז לויט גראַד און כאַראַקטער אינדיווידועל פאַרשיידן. פסיכישע וויטאַמינען אָדער שפּיל - עלעמענטן זענען, הייסט דאָס, אַזוינע איבערלעבענישן, וואָס וועקן און באַפרידיקן דעם ספּערישן דראַנג. נאָך דער אַרבעט - צייט קומט תמיד די אָפּרו - צייט מיט איר נאַטירלעכער שפּיל - צעשטרייונג, וואָס באַפרידיקט און דריקט אויס דעם מענטשנס ספּערישן דראַנג. ווייל קינדער פירן ניט זעלבסטשטענדיק דעם עקזיסטענץ - קאַמף, ווייל זיי זענען ניט געצוווּנגען און האָבן נאָך ניט גענוג די פעיקייט צו אונטערשיידן צווישן ווירקלעכקייט און פאַנטאַזיע — איז אויך זייער נאָרמאַל - באַוווּסטזיין באַהערשט פון ספּעריש - אַפעקטיווען לעבן און זיי קענען מער שפּילן ווי אַרבעטן. אַט אַזוי איז פסיכאָלאָגיש דער שפּיל - דראַנג ביי קינדער פיל גרעסער און אומבאַגרעניצטער ווי ביי דער-וואַקסענע. ווען דער פּאַקטישער לעבנס - שטייגער לאָזט ניט באַ - פרידיקן דעם אינדיווידועלן ספּערישן - דראַנג אויף אַן אינטים פּראָדוקטיוון אופן, זוכט דער מענטש אימפּולסיוו דעם פּרימיטיוון גויט - אויסגאַנג אין דער נערוועזיטעט אָדער פּרימיטיווער שפּיל - לוסט, פון וואַנען דער מענטש קאָן זיך באַפרייען ביי דער ערשטער מעגלעכקייט פון אַ ספּעריש - אינטימען אויפשוווּנג. די נערוועזיטעט אָדער דער פסיכישער סקאָרבוט איז, הייסט דאָס, דער דינאַמישער

---

*) אינם לעבנס - שטייגער געפינט עס אַנטשפּרעכנדיק דעם אויסדרוק אין אַרבעט, אינטימע און פּרימיטיווע שפּילן, וואָס בילדן צוזאַמען דעם ריטם פון מענטשלעכער טעטיקייט.

אויסדרוק פון א ספערישן „דעפיציט", וואָס קומט דורך דעם כראָנישן אויספעלן פון פראָדוקטיווער שפיל - מעגלעכקייט.

די קלינישע שפיל - טעאָריע פירט אונז עטוואָס נעענטער צו דער ביאָלאָגיע פון שפיל. אין דער אַרבעט, וווּ ס'פונקציאָנירט דער נאָרמאַל־באַוווּסטזיין, איז די פּערזענלעכקייט באַגרעניצט דורך דעם רעאַלן אָביעקט און די רעאַלע באַדינגונגען פון אַרבעט, וואָס דער מענטש זוכט דורך צופּאַסונג צו באַהערשן. אין שפיל אָבער, וואָס דריקט אויס דאָס ספערישע אַפעקטיווע לעבן, קאָן דער מענטש אומבאַגרעניצט אַנטפּלעקן און אַנטוויקלען זיינע לײַדנשאַפטן און באַגערן. דאָס איז די ביאָלאָגיע פון שפיל, וואָס לאָזט דעם אינדיווידו אויסלעבן, סטימולירן און טרענירן אַלע יענע שעפערישע כחות, וועלכע ווערן איגנאָרירט אָדער באַגרעניצט אין דער צוואַנג - צופּאַסונג פון עקזיסטענץ - קאַמף. ווייל די קינדער - יאָרן זענען דער פּעריאָד פון אַנטוויקלונג, זענען זיי דערפאַר טאַקע דער פּעריאָד פון שפיל, פון ספעריש - אומבאַגרעניצטער זעלבסט - אַנטוויקלונג, ווען דאָס קינד קאָן פרײַ אַרויסברענגען זיינע שעפערישע פּאָטענצן און אימפּולסן. די נאַטור האָט דורך דעם עלטערן - אינסטינקט באַפרייט דאָס קינד פון עקזיסטענץ - קאַמף, פון אַרבעט, כדי אין שפיל צו וועקן און טרענירן די פרײַע שעפערישקייט*). בלויז איינמאָל אין לעבן, נעמלעך אין די קינדער - יאָרן, האָט דער מענטש די פּעיקייט און די געלעגנהייט פון יענער שעפערישער פרייער שפיל - פאַנטאַזיע, וואָס אונטערשיידעט ניט צווישן ווירקלעכקייט און טרוים, וואָס פילט די עכטע ווירקלעכקייט פון טרוים אין דעם טרוים פון ווירקלעכקייט. די קינדהייט איז דערפאַר דער קוואַל און

*) דער באַקאַנטער דייטשער פאָרשער גראָס באַטראַכט די שפיל - טעטיקייט, ווי אַ פאָרבערייטנדיקע איבונג פון נוצלעכע אַרבעט פאַרן קומענדיקן לעבן. דאָס דערקלערט אָבער ניט דעם אימפּעט און לײַדנשאַפט, מיט וועלכע קינדער שפּילן, און די אומאויסשעפּלעכע פּראָדוקטיווישקייט פון דער פרייער שפיל־פאַנטאַזיע. ס'איז דאָך ביאָלאָגיש ניט ווייניקער וויכטיק צו אַנטוויקלען דעם שעפערישן אימפּעט און דעם אינטים - עמאָציאָנעלן לעבנס :ראַנג, ווי מיר האָבן עס אויך באַוויזן ביי די פאָרשונגען פון קינדער - פאַנטאַזיע.

רעזערוואַר פון פרייער שעפערישקייט פאַרן גאַנצן לעבן*). די אײנזאַמקייט אָדער שפּיל־לאָזיקייט ברענגט אַ נערוועז־מאַכנדיקן דעפיציט פונם קינדס נאַטירלעכן ספּעריש־אינטימען לעבן. מענטשן, וואָס האָבן ניט געשפּילט אין דער קינדהייט, זענען אויך אין די שפּעטערע יאָרן אומאַנטוויקלט אין זייער ספּעריש־עמאָציאָנעלן לעבן — זיי האָבן ווייניק שעפערישע איניציאַטיוו און שוואַכערן לעבנס־דראַנג.

ס׳זענען פּראַקטיש וויכטיק די פאָלגנדיקע אויספירונגען:

ערשטנס, די אַפּרו־צייטן פון אַרבעט ביי דערוואַקסענע, ווי די שפּיל־פּויזע נאָך דער אונטערריכטס־שטונדע ביי קינדער — זענען ניט בלויז פּאַסיווע צושטאַנדן פון „אויפהערן” אַרבעטן, נאָר דורכווים אַקטיווע סטאַדיעס פון „אָנהויבן” זיך ספּעריש אויסלעבן, ווען אין נאַטירלעכער שפּיל־צושטרייונג קומען צום אויסדרוק שעפעריש אינטימע לײדנשאַפטן. ניט דער אונטערריכט, נאָר די פרייע שפּיל־פּויזע סטימולירט און אַנטפּלעקט דאָס אינטים־עמאָציאָנעלע לעבן פון קינד. די שול־פּעדאַגאָגיק מוז זיך דערפאַר קאָנצענטרירן ניט נאָר אויף דעם אונטערריכט, נאָר פיל מער אויף דער שפּיל־פּויזע.

---

*) די קינדלעכקייט איז אויף דעם אופן ניט קיין „ווייניקער זיין”, נאָר אַ „מער־זיין” פון דער פּערזענלעכקייט, וועלכע ווערט אין די רייפערע יאָרן „געפאַנגען” פון דערווירקלעכקייט (נאָרמאַל־באַוווסטזיין) און וואַגט ניט מער אַרויסצוברענגען די אומדערמידלעכע שעפערישע נייגיריקייט און די אַנג פון די קינדער־יאָרן. אין דעם פּסיכאָ־אַנאַליז איז „אינפאַנטיליזם” אַ סינאָנים פון אומרייפקייט און פּרימיטיווקייט. ביי די פאָרשונגען פון שפּיל און פאַנטאַזיע ביי קינדער זעט מען אָבער דײַטלעך, אַז די קינדלעכקייט איז דאָס אור־שעפערישע וועזן פון דער פּערזענלעכקייט, דער פּסיכישער גרונט־קאַפּיטאַל, וואָס מיר רעאַליזירן אין די שפּעטערע רייפע יאָרן בלויז טיילווייז, לויט מעגלעכקייט (זע מיין בוך „די פּסיכאָלאָגיע פון אינטימען קינדער־לעבן” (קאַפּ. 9 — 11), אויך מיין בוך „די קאַטאַסטראָפאַלע צייטן”, (קאַפּ. 6).

צווייטנס, אין דער ארבעט (נאָרמאַל ־ באַוווסטזיין) וויל דער מענטש טון, וואָס ער קאָן, לויט די רעאַלע ארבעט ־ באַדינגונגען; אין דעם שפּיל (ספּעריש לעבן) קאָן דער מענטש טון וואָס ער וויל, לויט זיין אינערלעכן דראַנג. דאָרט איז די פּערזענלעכקייט באַגרעניצט לויט די ענגע ראַמען פון דער צופּאַסונגס ־ מעגלעכקייט, דאָ אנטפּלעקט זיך די אינטימע פּערזענלעכקייט אין איר אומגעשטערטער שפּיל ־ פרייהייט. די פאָרשונג פון שפּיל קאָן אונז דערפאַר געבן אַ מעטאָדישן צוגאַנג צום אינטים עמאָציאָנעלן לעבן. דאָס קאָן עקספּערימענטאַל באַוויזן ווערן, ווי מיר וועלן אין קומענדיקן קאַפּיטל זען, דורך אַ סיסטעמאַטישן פאַרגלייך פון פאַרשיידענע שפּיל־אינהאַלטן ביי פאַרשיידענע קינדער. דאָס וועט אויפדעקן אינם שפּיל אַ נייעם פאָרשונגס ־ מעטאָד פון געפילס ־ לעבן, גלייכצייטיק וועט עס זיין אַן עקספּערימענטאַלער באַווייז פאַר דער קלינישער שפּיל־טעריי.

6

נייע פּרינציפּן פון שפּיל-פאָרשונגען

(שפּיל, ווי אַ טעסט פון עמאָציע און פאַנטאַזיע ביי קינדער - קאָלעקטיוון).

די פאָרשונג פון שפּיל ברענגט ענדלעך צום פּראָבלעם פון שפּיל-אינהאַלט, וואָס ווייזט זיך אַרויס, ווי מיר וועלן גלייך זען, ווי אַן אָרגאַנישער אויסדרוק פון דעם קינדס געפיל און פאַנטאַזיע. עס איז אייגנטלעך אַ זייער אויפפאַלנדיקער פאַקט. דער ליידנשאַפטלעכער אימפּעט, מיט וועלכן קינדער שפּילן, און די לעבהאַפטע פאַנטאַזיע, וואָס מיט איר הילף בלויז קאָנען קינדער פאָרשטעלן זיך און זייערע מיטשפּילער אין פאַרשיידענע ראָלן און סיטואַציעס — דאָס אַלץ באַווייזט שוין קלאָר דעם אָרגאַנישן צוזאַמענהאַנג צווישן שפּיל - פאַנטאַזיע - געפיל. פאַרגלייכנדיק מעטאָדיש דעם אינהאַלט פון פאַרשיידענע שפּילן ביי פאַרשיידענע קינדער - גרופּעס, קאָן מען אָביעקטיוו פעסטשטעלן און גענויער באַנוצן שפּיל, ווי אַן אויסדרוק און פאָרשונגס - מעטאָד (טעסט) פון געפיל און פאַנטאַזיע. מיר וועלן פריער געבן אַ קורצע טעאָרעטישע באַטראַכטונג, וואָס ווייזט זיך אַרויס פּראָדוקטיוו פאַר דער פאָרשונג און האָט אויך אַ פּראַקטישע באַדייטונג.

אַזוי לאַנג ווי די פּסיכאָלאָגיע האָט איגנאָרירט די אָרגאַנישע פאַרבונדנקייט צווישן פאַנטאַזיע און געפיל און האָט באַטראַכט יעדע באַזונדער פאַר זיך — זענען ביידע געווען גלייך אומצוגענגלעך פאַר דער פאָרשונג, ווייל יעדע איז אָפּגעריסן פון אָרגאַנישן באָדן. ערשט די נייע פאָרשונגען, צווישן זיי אויך אונזערע עקספּערימענטאַלע פאָרשונגען פון קינדער - פאַנטאַזיע 11), האָבן באַוויזן, אַז

פאַנטאַזיע איז אַן עמאָציאָנעלע שעפערישקייט, ד. ה. אַזאַ פּסיכישע טעטיקייט, וואָס פאַרווירקלעכט אין בילדער אונזערע געפילן. וואָס דעם מענטשן פילט זיך, וועגן דעם פאַנטאַזירט ער. דאָס איז דער פּרינציפּ וועגן צוויישאַכן אויסדרוק פון געפילן — דער בילדלעכער און דער מאַטאָרישער אויסדרוק. ווען מיר ליבן אָדער האַסן, למשל, אַ מענטשן, האָבן מיר אַנטשפּרעכנד אַ צוציענדיק אָדער אָפּשטויסנדיק בילד („פאָרשטעלונג") וועגן אָט דעם מענטשן (בילדלעכער אויסדרוק). גלייכצייטיק וועלן מיר זיך אַקטיוו דערנענטערן אָדער זיך דערווייטערן פון אָט דעם מענטשן (מאָטאָרישער אויסדרוק).

די קינדער - מעשהלע דריקט אויס דעם קינדס געפילן און פאַנטאַזיע - בילדער, דער שפּיל אַנטפּלעקט די געפילן מאָטאָריש אין אויסדרוק - באַוועגונגען און שפּיל - אַקטן. מעשהלע און שפּיל זענען פאַר קינדער, וואָס נאָוועלע און טעאַטער (עפּאָס און דראַמע) זענען פאַר דערוואַקסענע. איןביידע פאַלן ווערן געפילן אויסגע - דריקט דורך דער פאַנטאַזיע עפּיש אָדער דראַמאַטיש — אין בילדער אָדער באַוועגונגען. מ'קען עס נאָך גענויער אַזוי פאָרמולירן: מע-שהלע און שפּיל זענען צוויי פאָרמען פון פרייער פאַנטאַזיע, וואָס האָבן זייערע פאַלגנדיקע דיפערענצן. די ערשטע איז עפּיש דער-ציילעריש און אינדיווידועל — קינדער טרוימען מייסטנס פאַר זיך און אין זיך. דער שפּיל איז דראַמאַטיש מאָטאָריש און קאָלעקטיוו — קינדער שפּילן מייסטנס אין גרופּן*). די מעשהלע דריקט אויס די אינדיווידועלע געפילן פון קינד, דער שפּיל — די געפילן פון דער גאַנצער שפּיל - גרופּע.

די פאַנטאַזיע טיילט זיך אויף צוויי גרויסע קאַטעגאָריעס. לויט די געפילן, וועלכע ווערן דורך איר אויסגעדריקט, מען אונטערשיידט, ווי באַקאַנט, פּראַקטישע און פרייע פאַנטאַזיע. די ערשטע

*) ס'זענען פאַראַן זעלטענע געמישטע פאָרמען פון קאָלעקטיווע מעשהלעך און אינדיווידועלע שפּילן: אַ קינד קאָן, למשל, אימפּראָוויזירן מעשות פאַר אַנדערע קינדער, פאַרוואַנדלענדיק זיינע טרוימען אין קאָלעקטיוון דערציילער-שפּיל. פון דער אַנדערער זייט, קאָן אַ קינד (ווען אויך זעלטן) שפּילן פאַר זיך, רעדוצירנדיק דראַמאַטישע שפּיל - טעטיקייט צו זעלבסט - טרוימערייען.

רעאַליזירט אַזוינע געפילן, וואָס זענען פאַרבונדן מיט דער ווירקלעכקייט און פאַרלאַנגען די צופּאַסונג צו אָדער פון דער ווירקלעכקייט. די פאַנטאַזיע מוז דאָ זוכן און פיקסירן אַזוינע בילדער, וואָס פירן פּראַקטיש צום ציל ביי דער געגעבענער סיטואַציע. דער וויסנשאַפטלער, דער סוחר, למשל, קאָנען ניט פריי פאַנטאַזירן, נאָר זיי זוכן אַזוינע קאָמבינאַציעס, וואָס לאָזן זיי פאַקטיש באַהערשן דאָס באַשטימטע געביט פון מסחר אָדער וויסנשאַפט. מיר האָבן אין אַן אַנדער אָרט די פּראַקטישע פאַנטאַזיע באַצייכנט אַלס געבונדענע, ווייל זי איז געבונדן דורך דער ווירקלעכקייט, וואָס מען וויל דורך דער פאַנטאַזיע באַהערשן. די פרייע פאַנטאַזיע רעאַליזירט יענע געפילן, וואָס זענען ניט פאַרבונדן מיט דער ווירקלעכקייט און דריקן אויס פריי די לײַדנשאַפטן פון דער פּערזענלעכקייט. דער סוחר אָדער דער וויסנשאַפטלער קאָנען אין מאָמענטן פון אָפּרו לאָזן זיך ווילגיין אין טרוימערייען און שפּילן, וואָס דריקן אויס זייערע אינטימע שטימונגען.

די פּראַקטישע פאַנטאַזיע הערשט אין דער אַרבעט (גאָר־מאַל־באַוווּסטזיין), ווו ס'איז נעמלעך נויטיק די צופּאַסונג פון אָדער צו דער ווירקלעכקייט. די פרייע פאַנטאַזיע הערשט אין שפּיל (ספּעריש־לעבן), ווו ס'קומען הויפּטזעכלעך צום פרייען אויסדרוק די אינטימע לײַדנשאַפטן. אינם פּסיכישן לעבן פון קינד הערשט די פרייע פאַנטאַזיע איבער דער פּראַקטישער, ווי דער שפּיל הערשט איבער דער אַרבעט אין דער ספּאָנטאַנער טעטיקייט פון קינד.

מיר קאָנען איצט מאַכן צוויי וויכטיגע אויספירונגען:

1) אַזוי ווי די פרייע פאַנטאַזיע פאַרקערפּערט אין בילדער די געפילן, קאָן מען דורך דער פאַנטאַזיע פאַרשן די געפילן. געפילן זענען, ווי באַקאַנט, אומצוגענגלעך פאַר זעלבסט־באַאָבאַכטונג. ווי נאָר מיר קאָנצענטרירן די אויפמערקזאַמקייט אויף אונזערע געפילן, ווערן זיי אומקלאָר און פאַרפלאָסן. אחוצדעם קאָנען מיר שווער „איבערזעצן" אָדער „באַשרייבן" אין ווערטער אונזערע געפילן.

נאָך שווערער איז עס ביי קינדער, וועלכע קאָנען נאָך ווייניקער באַאָבאַכטן און נאָך ווייניקער „באַשרייבן" זייערע געפילן. געפילן זענען טאַקע געווען אומצוגענגלעך פאַר דער פאָרשונג. פאַנטאַזיע - בילדער זענען אָבער פּלאַסטיש, לאָזן זיך גענוי באַאָבאַכטן און אָביעקטיוו רעגיסטרירן. אונזערע מעטאָדן, וואָס פאָרשן די פרייע פאַנטאַזיע ווי אַן עמאָציאָנעלן אויסדרוק, קאָנען דינען גלייכצייטיק ווי אָביעקטיווע מעטאָדן פון פאַנטאַזיע און פון געפילן.

2) די ביידע פאָרמען פון פרייער פאַנטאַזיע, די עפּיש - דערציילערישע און דראַמאַטיש - שפּילערישע, גיבן אַ פאַרשיידענעם צוגאַנג צו פאַנטאַזיע און געפילן. די ערשטע אַנטפּלעקט דאָס סאַמע אינדיווידועלע געפיל־לעבן פון קינד, די צווייטע דאָס געפיל־לעבן פון דער גאַנצער גרופּע און זיינע איינצלנע טיילנעמער.

מיר האָבן אין אַן אַנדער אָרט (זע וויטער 3־טע טייל) באַשריבן די פאָרשונגס - מעטאָדן פון דער עפּיש - דערציילערישער פאַנטאַזיע ביי קינדער. איצט ווילן מיר זיך אָפּשטעלן אויף דער שפּיל - פאַנטאַזיע.

אין אונזער סעמינאַר פאַר סאָציאַלער קינדער - פּסיכאָלאָגיע האָבן מיר זיך באַנוצט מיט צוויי מעטאָדן. דער ערשטער מעטאָד איז אַ דירעקטער, ווען מיר באַאָבאַכטן פאַרשיידענע שפּילן פון גוט באַקאַנטע קינדער - גרופּעס און פאַרגלייכן די שפּילן מיט דעם כאַראַקטער פון אַט די באַקאַנטע קינדער־גרופּעס. ביי דער גרויסער צאָל פון פאָרשונגען האָט זיך אין יעדן פאַל (אָן אויסנאַם) אַרויסגעוויזן, אַז דער שפּיל דריקט אויס כאַראַקטעריסטיש די עמאָציאָנעלע איינגעשאַפטן פון דער גרופּע.

דער צווייטער מעטאָד איז אַן אומדירעקטער, וואָס מיר קאָנען דורך דעם פאָלגנדיקן ביישפּיל באַשרייבן. אַן אָנטיילנעמער פון אונזער סעמינאַר, מייסטנס אַ פּעדאַגאָג, לייענט פאַר אויף דער סעמינאַר - זיצונג די באַשרייבונג פון שפּילן אין פאַרשיידענע גרופּעס. דער פּעדאַגאָג גיט אָבער ניט אָן דעם עלטער, סעקס און כאַראַקטער פון די דאָזיקע גרופּעס. אָבער אויף דעם גרונט פונעם פאָרגעלייגטן שפּיל - מאַטעריאַל האָבן מיר געקענט (לויט די אונטן באַשריבענע פּרינציפּן) באַשטימען דעם כאַראַקטער פון דער אַנטשפּרעכנדיקער

גרופּע. ערשט דורך שפּעטערע באַקאַנטשאַפט מיט אַט די גרופּעס האָבן מיר קאָנטראָלירט אונזער געמאַכטע שפּיל־כאַראַקטעריסטיק.

יעדער איינער קאָן דורך די דאָזיקע מעטאָדן פאָרשן באַליביקע קינדער־שפּילן און באַשטעטיקן אונזער גרונט־פּרינציפּ, אַז דער שפּיל דריקט אויס דאָס עמאָציאָנעלע לעבן פון קינד.

דער שפּיל, ווי אַ דראַמאַטישער געפיל־אויסדרוק, האָט זיין אייגענע קאָנסטרוקציע, זיינע ספּעציפישע אויסדרוקס־מיטלען. פאַרגלייכנדיק פאַרשיידענע שפּילן ביי פאַרשיידענע גרופּעס, האָבן מיר געקוענט אָביעקטיוו פעסטשטעלן פאָלגנדיקע פּרינציפּן פון שפּיל-פאָרשונג.

1) **שפּיל-אינהאַלט** דריקט אויס דעם עמאָציאָנעלן כאַראַקטער פון דער גאַנצער גרופּע. אין דער אויבן געבראַכטער (קאַפּ. 2) באַשרייבונג פון אַ שפּיל-פּויזע ביי נאָרמאַלע קינדער האָבן מיר געזען, אַז דער „הינט"־שפּיל דריקט אויס דעם קאַמפּס-אינסטינקט פון דער אוואַנטוריסטישער יינגל-גרופּע ווי דער ריטמישער קרייז-טאַנץ איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דער צאַרטער מיידל-גרופּע. דער שפּיל איז אַ גרופּן-שאַפונג, ווו די קינדער סטימולירן זיך קעגנזייטיק און פאַראייניקן זייערע אויסדריקן אין דער גאַנצקייט פון שפּיל-אינהאַלט.

יעדער שפּיל פון נאָרמאַלע קינדער האָט (ווי די דראַמע ביי דערוואַקסענע) זיין אָפּגעשלאָסענעם אינהאַלט, אַ הויפּט־מאָטיוו, וואָס פאַראייניקט די איינצלנע מיטשפּילער און די פאַרשיידענע עפּיזאָדן אין דער איינהייטלעכער גאַנצקייט פון שפּיל-אינהאַלט. דער שפּיל דריקט דאָ אויס די נאַטור פון עמאָציאָנעלן לעבן, ווו פאַרשיידענע געפילן פאַראייניקן זיך דורך דעם עמאָציאָנעלן הויפּט-מאָטיוו אין דער פולגעשטאַלטיקער גאַנצקייט פון דער פּערזענלעכקייט. די נעבן-מאָטיוון גיבן-צו דעם באַהערשנדיקן הויפּט-מאָטיוו אינדיווידועלע פאַרב, ווי אויבערטענער שאַפן דעם ספּעציפישן טעמבר פונם טאָן. אין דעם שפּיל-אינהאַלט מוזן מיר דערפאַר באַטראַכטן נישט נאָר די הויפּט-געשעעניש, דעם הויפּט-מאָטיוו, נאָר אויך די עפּיזאָדן און ביי-מאָטיוון, וואָס דריקן אויס די פאַרשיידענע ניואַנסן (אויבער-

טענער) אין דעם עמאָציאָנעלן לעבן פון דער גרופּע*).

די כאַאָטישקייט אָדער דיסאָציאַציע פון שפּיל - אינהאַלט איז אַ סימפּטאָם פון אַנטשפּרעכנדיקער עמאָציאָנעלער אומנאָרמאַלישקייט פון דער שפּיל - גרופּע. ביי דעבילע קינדער, ווי מיר האָבן אויבן (קאַפּיטל 2) געזען, האָט דער שפּיל כמעט ווי גאָרנישט קיין אינהאַלט, זייענדיק כאַאָטיש. ווען קינדער זענען אויפגערעגט, איבערמידעט אָדער „נערוועז", ווערט זייער שפּיל אומקאָאָרדינירט, דיסאָציאירט.

דער פּרינציפּ פון שפּיל - אינהאַלט איז אייגנטלעך דער פּרינציפּ פון האַרמאָנישער גרופּן - שאַפונג ביים נאָרמאַלן שפּיל.

2) די שפּיל - ראָלע, וואָס יעדער מיטשפּילער קאָן זיך אויסקליבן און דורכדעם אויסדריקן זיינע אינדיווידועלע עמאָציעס אין דעם אַלגעמיינעם גרופּן - שפּיל. אין דעם הער - מאַנטן קאַמף - שפּיל פון דער יינגל - גרופּע איז עס זייער כאַראַקטעריסטיש וויער פון זיי שפּילט די פירנדיקע אַגרעסיווע ראָלע פונם באַקעמפער און ווער — די אונטערטעניקע ראָלע פונם באַקעמפטן. ווען יינגלעך שפּילן, למשל, אין פערד, איז עס כאַראַקטעריסטיש, כמעט אוניפאַלנדיק, האָט איינער שפּילט מיסטנס דעם רייטער און דער אַנדערער — האָט פערד. האָט זענען פאַר-

*) דער קאַמף - מאָטיוו, למשל, קאָן זיין אַ הויפּט - מאָטיוו אין פאַרשיידענע שפּילן — אין ספּאָרטלעכע געוועט - שפּילן, אין דעם אויבנדערמאַנטן „הינט" - שפּיל, אין דעם שפּיל פון מיליציע און גנבים. אין יעדן פון אַזוינע שפּילן באַקומט דער הויפּט - מאָטיוו פון קאַמף באַזונדערע אינדיווידועלע פאַרב. — אין דעם ספּאָרט - שפּיל זענען עס דער באַוועגונג - דראַנג, קערפּערלעכע דיסציפּלין, קערפּערלעכע געפילס - ריטם און ד. גל. אין שפּיל פון „הינט" — דער פּרימיטיוו רויבערישער געפילס - קאָמפּלעקס אין בייזעניש, די פריידיקע באַהערשונג פון שרעק דורך פאַרוואַנדלען זיך זעלבסט אין דער שרעק - געשטאַלט פון בייזע הינט. אין מיליציע און גנבים - שפּיל — דער אויטאָריטעטישער דראַנג פון גנבים און גנבים - כאַפּערס, דער גאַנצער געפילס-קאָמפּלעקס אין דעם דראַמאַטישן זינד-געפיל פון זיך באַהאַלטנדיקע גנבים און שטרענגע גנבים - כאַפּער א. אז. וו.

שיידענע כאַראַקטערן, וואָס דריקן אויס זייערע עמאָציעס אין די פאַרשיידענע ראָלן. עס איז אינטערעסאַנט, וואָס מאַנכע גוראָטי־קער האָבן שאַרפע ערינערונגען וועגן זייערע שטענדיקע שפּיל־ראָלן אין די פריסטע קינדער־יאָרן*). דער קינדער־שפּיל, ווי די דראַמע ביי דערוואַקסענע, האָט אַ דיפערענצירטן אויפבוי, וואָס לאָזט יעדן מיטשפּילער קומען צום אויסדרוק אין דער האַרמאָני־שער גאַנציקייט פון שפּיל. דאָס אויספעלן פון ראָלן - פאַרטיילונג איז אויך אַ סימפּטאָם פון אומנאָרמאַלישקייט אין דער גרופּע. דעבילע קינדער, ווי מיר האָבן אויבן געזען, האָבן נאָך נישט קיין ראָלן - פאַרטיילונג. דער פּרינציפּ פון שפּיל - ראָלע איז דער פּרינ־ציפּ פון דיפערענציאַציע ביי נאָרמאַלן שפּיל.

3) שפּיל - ניואַנסן, וואָס יעדעס קינד קאָן אַריינ־טראָגן אין אַ ראָלע און אַזוי אַרום אויסדריקן זיין אינדיווידועלן כאַראַקטער. ווען דער שפּיל פאַרטיילט גלייכע ראָלן פאַר פאַר־שיידענע קינדער, קאָן אָבער יעדעס קינד ניואַנסירן די ראָלע אויף זיין אייגענעם שטייגער. אין דער אויבן געבראַכטער (קאַפּ. 2) באַ־שרייבונג פון דער שול - פויזע זעען מיר, אַז אין דעם שפּיל „מיל־כלעך" דרייען זיך אַלע קינדער כלומרשט גלייך אין דעם ריט־מישן קאַראַהאָד, אָבער מלכהלע טראָגט אַריין אַ זייער כאַראַקטע־ריסטישן ניואַנס (אָננעמען זיך מיט די שפּיץ - פינגער פאַר דעם קליידל, דעם קאָפּ אויף אַ זייט), וואָס דריקט אויס איר מיידלש־גראַציעזע קאָקעטישקייט**). אויך דאָ גיט דער קינדער - שפּיל, ווי

---

*) אט איז אַ כאַראַקטעריסטישער פאַל. ל. 42 יאָר אַלט, האט צוואַנגס־אַנגסט פאַר מענטשן, ווערט רויט אין דער אַנוועזנהייט פון אַנדערע. ער דערמאַנט זיך, אַז אין די קינדער - יארן פלעגט ער שטענדיק שפּילן די אונ־טערטעניקע ראָלע (אין פאַמיליען - שפּיל איז ער דער געשלאַגענער זון, אין מיליציאַנטן - שפּיל איז ער דער געכאַפּטער גנב א. אַז. וו.)

**) אט איז אַ שאַרפער פאַל פון שפּיל - ניואַנסן: צוויי קינדער, אַ ייִנגל (9 יאָר) און אַ מיידל (8), שפּילן אין באַל. דער ייִנגל איז אַגרעסיוו, אַוואַנ־טוריסטיש, שאַרפזיניק, לערנט זיך גוט. דאָס מיידעלע איז צאַרט, נאָכגעביק, האַרמאָניש באַגאַבט. מיר וועלן באַשרייבן זייער שפּיל, ניט אַרופנדיק די

די דראַמע ביי דערוואַקסענע, ברייטע מעגלעכקייט פֿאַר דעם שפּי־לער אַרויסצוּווייזן דורך אומצייליקע ניואַנסירונגען זיינע אינדי־ווידועלע נייגונגען. דער נאָרמאַלער שפּיל איז תמיד עלאַסטיש און ניואַנסן - רייך, האָט קיינמאָל נישט די מעכאַנישע איינטאָניקייט פֿון יענע אָרגאַניזירטע שפּילן, וואָס ווערן געמאַכט פֿון קינדער לויט אָרדער אָן איניציאַטיוו. דער פּרינציפּ פֿון שפּיל - ניואַנס איז דער פּרינציפּ פֿון מאָדיפֿיקאַציע.

4) שפּיל־פֿאַרלויף און שפּיל־אָפּשלוס, וואָס ווייזן אַרויס דעם אמתן כאַראַקטער פֿון גאַנצן שפּיל אין פֿון יעדער ראָלע. דער שפּיל איז אַ דינאַמישער פּראָצעס, וואָס וויקלט זיך אָפּ אין משך פֿון זיין פֿאַרלויף. צי האָט דער שפּיל אַ לאַנגזאַמען אָדער שטורמישן טעמפּ, צי האָט דער שפּיל - פֿאַרלויף אַן אויפֿשטייגנדיקע אָדער זינקענדיקע טענדענץ, צי ווערט דער שפּיל מאָנאָטאָן איבערגעחזרט אָדער ווערט שטענדיק באַנייט, דאָס אַלץ ווייזט דעם כאַראַקטער פֿון שפּיל.

מיר האָבן אָפֿט באָאָבאַכטעט אין אַ מיידל - גרופּע אַ קאַמף־שפּיל, וואָס האָט דורך שוואַכן טעמפּ און מאָנאָטאָניע פֿאַרלאָרן זיין קאַמף - כאַראַקטער. אָדער אַ געוויינטלעכער קאַראַהאָד-טאַנץ ווערט אין אַ יינגל - גרופּע פֿאַרוואַנדלט אין אַ שטורמישן טאַנץ - געיעג.

שפּילער, אָבער דורך די שפּיל - ניואַנסן וועט דער לעזער אַליין דערקענען. באַצייכענען מיר ביידע שפּילער מיט די בוכשטאַבן „א" און „ב". „א" וואַרפֿט שמייכלענדיק מיט עלאַסטישע באַוועגונגען דעם באַל צו „ב", וואָס כאַפּט אויף דעם באַל קונציק אויף דעם רוקן פֿון דער האַנט און וואַרפֿט עס האַסטיק צוריק צו „א". „א" צעשמייכלט זיך נאָך ברייטער אויף די קונצן פֿון „ב" און וואַרפֿט מיט אַ הילכיקן געלעכטער דעם באַל. „ב" האָט זיך איצט עטוואָס אָנגעצויגן און קונציק אויפֿגעכאַפּט דעם פֿליענדיקן באַל אין געדיכטע האָר פֿון קאָפּ, וואָס האָט ווייטער אַרויסגערופֿן אַ פֿריידיק הילכיקן געלעכטער ביי „א". אַזוי האָט יעדער ווייטערער וואָרף אַרויסגערופֿן נייע קונצן ביי „ב" און וואַקסנדיקן געלעכטער און פֿרייד ביי „א". דער לעזער זעט שוין, מסתמא, דורך אַט די שפּיל - ניואַנסן, ווער ס'איז „א" און „ב".

אַט איז איינער פון אונזערע פיל כאַראַקטעריסטישע באַאָב-אַכטונגען. צוויי ייִנגלעך שפּילן אין רייטער. דער עלטערער ייִנגל, 8 יאָר אַלט, קרעפּטיק און אַמביציעז, שפּילט חוקא די ראָל פון פערד; דער ייִנגערער, 7 יאָר אַלט, פיזיש שוואַכער און גוטמוטיק, שפּילט דעם רייטער. צום אָנהויב איז דער רייטער געפאָרן זייער פריילעך אויף דעם ז י כ ע ר גאַלאָפּירנדיקן פערד, טריאומפירנדיק מיט אַ טראָמפּייט אין מויל. „פלוצים" האָט זיך דאָס פערד צע-בושעוועט, און מיט ווילדן כלומרשט פערדישן הירזשען האָט דאָס פערד אָנגעהויבן לויפן ווי אַ ווייכער, אומטערוואַרפנדיק גרוי-זאַם דעם רייטער. פון שרעק האָט זיך דער רייטער צעוויינט אויף אַ קול. אויף זיין געוויין זענען אָנגעלאָפן די דערציִער. דאָס פערד האָט נאַאיוו דערקלערט, אַז דאָס האָט מען דאָך געשפּילט אין רייטער מיט אַ צעבושעוועטן פערד. די אונטערטעניקע ליידנדיקע ראָלע פון פערד איז דאָ אין פאַרלויף פון שפּיל פאַרוואַנדלט גע-וואָרן אין אַן אַגרעסיוו - אוואַנטוריסטישע ראָלע. יעדער נאָרמאַ-לער קינדער - שפּיל איז דינאַמיש און אַנטוויקלט זיך אין משך פון שפּיל - פאַרלויף. סטערעאָטיפּישקייט, ד. ה. דאָס אויספעלן פון דינאַמישקייט, איז אויך אַ סימפּטאָם פון אומנאָרמאַלישקייט. אימבעצילע און דעבילע קינדער ווייזן אַרויס, ווי מיר האָבן אויבן געזען, אַ פאַרשיידענעם גראַד פון סטערעאָטיפּע (מאָנאָטאָן) שפּיל-באַוועגונגען. דער פּרינציפּ פון שפּיל - פאַרלויף איז דער פּרינציפּ פון דינאַמישער שפּיל - אַנטוויקלונג ביי נאָרמאַלע קינדער.

פון גרויסער וויכטיקייט איז דער פּרינציפּ פון שפּיל - אַפּשלוס. ניט נאָר דער אַלגעמיינער שפּיל - אינהאַלט, דער הויפּט-מאָטיוו פון שפּיל, נאָר אין אַ סך פאַלן איז אַנטשיידנדיק דער שפּיל - אָפּ-שלוס, דער „לעצטער" שפּיל - מאָטיוו. דאָס דערקלערט זיך דורך דער נאַטור פון עמאָציאָנעלן לעבן, וואָס געפינט זיין דראַמאַטישן אויסדרוק אין שפּיל. אין עמאָציאָנעלן לעבן פון אינדיווידו און גרופּע קאָנען זיין פאַרשיידענע, אָפט אַנטקעגנגעזעצטע, געפילן, וועלכע ווערן אָבער באַהערשט דורך דעם הויפּט - מאָטיוו פון עמאָציאָנעלן לעבן און דורך דעם ווערט געשאַפן די פילגעשטאַל-טיקע איינהייט פון דער פערזענלעכקייט. די באַהערשטע מאָטיוון

און קענגזאצן דינאמיזירן און ניואַנסירן די פּערזענלעכקייט. נים זעלטן אָבער קומען פאַר אין עמאָציאָנעלן לעבן קאָנפליקטן פון קעגנזעצלעכע געפילן, ווען די פּערזענלעכקייט וואַקלט זיך צווישן צוויי אָדער גאָר עטלעכע הויפּט - מאָטיוון — פּראָבלעם-מענטש! אנטשיידנדיק פאַר דער פּערזענלעכקייט איז דאָ דער „אָפּשלוס", דער „לעצטער", דער איבערוועגנדיקער מאָטיוו. א מענטש קאָן, למשל, האָבן אַזאַ שטאַרקן פליכט - געפיל, אַז ס'קומט אים קיין מאָל נישט אַרויף קיין חשק פון באַטריג. אמאָל איז אָבער אָט דער חשק געװאָרן גרויס, אַז ער זאָל אַרויפקומען אויפן גערדאַנק, װערט אָבער באַלד באַהערשט פון דעם שטאַרקערן פליכט - געפיל. ווען אָבער דער רויבערישער חשק קומט אין קאָנפליקט מיט דעם פליכט - געפיל, איז אַנטשיידנדיק דער לעצטער איבערוועגנדיקער מאָטיוו — צי „ווערט" ער א גנב אָדער „בלייבט" א פליכט - מענטש.

אין דעם דערמאָנטן שפּיל פון רייטער הדריקט אויס צווערשט די פּערד - ראָלע דעם עמאָציאָנעלן מאָטיוו פון אונטערטעניקייט. נאָכגעביקייט, אָבער דער ווילדער שפּיל - אָפּשלוס פון פּערד ווייזט אַרויס דעם איבערוועגנדיקן מאָטיוו פון אַגרעסיווער רויער אוואַנטוריסטישקייט. דער שפּיל - אָפּשלוס ווייזט אויך דאָ, ווי אין אַלע אַנדערע ענלעכע פאַלן, דעם אמתן כאַראַקטער פון שפּיל און ראָלע. אונזערע פאָרשונגען וועגן דער עפּיש - דערציערישער קינדער-פאַנטאַזיע 13) האָבן באַוויזן, אַז אויך אין דער קינדער-מעשהלע, ווי אין שפּיל, איז דער שלוס - מאָטיוו אַנטשיידנד כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם עמאָציאָנעלן לעבן פון קינד (זע אונטן 3־טן טייל).

דער פּרינציפּ פון שלוס - מאָטיוו איז אייגנטלעך אוניווערסאַל. די קינאָ - טעאַטערס, למשל, האָבן געוויינטלעך דערשיטערנדיק - טראַגישע מעלאָדראַמאַטישע בילדער, כּדי צו באַפרידיקן דעם פאַרלאַנג נאָך שטאַרקע איבערלעבענישן און שפּאַנונגען, אָבער תמיד האָבן זיי א גליקלעכן סוף, וואָס הדריקט אויס און באַפרידיקט דעם איבערוועגנדיקן פאַרלאַנג נאָך רו און אויסגלייך ביים דורכשניטלעכן מאַסן - מענטש. אויף א הויכן שעפערישן ניוואָ ווייזט זיך דאָ די דערשיינונג פון שלוס - מאָטיוו אין בעט-

האָווענס ניינטער סימפאָניע, ווו די טראַגישע מאָטיוון פונעם אָנ-
הויב ווערן אינעם אינערלעכן קאַמף לסוף באַהערשט דורך דעם עק-
סטאַטישן אָפּשלוס. דאָ באַווייזט זיך דאָס טיף - פאַרצווייגטע גע-
וועב פון בעטהאָווענס אינטימען לעבן, ווו דער עקסטאַז איז דער
איבערוועגנדיקער, אָבער נישט דער איינציקער הערשנדיקער מאָ-
טיוו.

אַנהאַנג

סכעמע פאַר אונטערזוכונג פון שפּילן און גרופּן־לעבן פון קינדער

1) נאָמען פון פאָרשער... 2) דאַטום... 3) טאָג - צייט. 4) שטאַט... 5) שול (פאַמיליען - אָדער לאָקאַלער קאָלעקטיוו)... 6) צאָל קינדער: יינגלעך.. מיידלעך... 7) עלטער: פון... ביז...

8) צאָל פון געבילדעטע גרופּן...

9) צאָל איינזאַמע

10) כאַראַקטעריסטיק פון יעדער גרופּע:

א) צאָל קינדער אין דער גרופּע

ב) דער פירער אין דער גרופּע

ג) קאַמף פאַר פירערשאַפט

ד) באַציונגען צווישן פירער און איינצלנע מיטגלידער

11) כאַראַקטעריסטיק פונם גרופּן - שפּיל.

א) שפּיל - דויער

ב) שפּיל - אינהאַלט (הויפּט - מאָטיוו און נעבן - מאָטיוון)

ג) שפּיל - ראָלן

ד) שפּיל - ניואַנסן

ה) שפּיל - פאַרלויף

ו) שפּיל - אָפּשלוס

ז) אַלגעמיינער אויספיר פון דער שפּיל - כאַראַקטעריסטיק

12) כאַראַקטעריסטיק פון יעדן איינזאַמען קינד:

א) פאַרהאַלטן פונם איינזאַמען (פּאַסיווער באַאָבאַכטער, וואַנדערער צווישן גרופּן, אָרדנונגס - שטערער, אָפּגעשלאָסן פאַר זיך)

ב) סיבות פון איינזאַמקייט (פיזישע שוואַכקייט, אָפּגעשטאַנענקייט, דעפּרעסיווקייט, שעמעוודיקייט, אומדיסציפּלינירטקייט, סאָציאַלע סיבות, דערציערישע סיבות).

ביבליאָגראַפיע

1) Meyer, – Einzel- und Gesamtleistung des Schulkindes. Archiv für die gesamte Psychologie, Leipzig, 1904

2) Schmidt, – Experimentelle Untersuchungen über die Hausaufgaben des Schulkindes, 1904.

3) Moede, – Experimentelle Massenpsychologie, Leipzig, 1920

4) Bechterev, – Die Ergebnisse des Experiments auf dem Gebiete der kollektiven Reflexologie; Zeitschrift für angewandte Psychologie, 1924, Heft 5/6.

5) Murphy, – Experimental Social Psychology, New York 1931.

6) Schneersohn, – Neue Wege der Sozialpsychologie; Halle a/S., 1928.

7) Schröder, – Soziologie der Volksschulklassen, Halle, 1928.

8) Reiniger, – Das soziale Verhalten von Schulneulingen, Wien, Leipzig, 1929.

9) Baldwin & Stecher, – The Psychology of the Pre-school Child, Chapter XI, New York, 1924.

10) Neter, – Zeitschrift für Kinderforschung; 1916, Heft 3-4-9.

11) Schneersohn, – Psychologie des intimen Kinderlebens; Kap. VII. Berlin, 1926.

12) Schneersohn, – Psychologie des intimen Kinderlebens; Kap. XX, Seiten 233 und 234, Berlin, 1926.

Schneersohn, – Die Katastrophalen Zeiten

u. die Heranwachsende Generation; S. 49-53, Berlin, 1924.

13) Schneersohn,–„Der Weg zum Menschen", (Grundlagen der Menschwissenschaft und die Lehre von Neurose), Berlin, 1927.

14) Hall,-Youth; its Education, Regimen and Hygiene; Chap. VI, Adolescence, Esp. 1; Chap. III, and Vol. II, Pages 202-36

15) Patrick,-The Psychology of Relaxation; Boston, 1918.

16) Groos,-Die Spiele der Menschen; Jena, 1899.

17) Schneersohn, - Psychologie des intimen Kinderlebens; Teil I und II.

18) Schneersohn, - Psychologie des intimen Kinderlebens, Kap. VI.

דריטער טייל

1

די פּסיכאָלאָגיע פון געפיל און פאַנטאַזיע *)

אין דער הייַנטיקער פּסיכאָלאָגיע, וואָס באַהאַנדלט די קינדער - פאַנטאַזיע, שטויסן מיר זיך אָן אויף עטוואָס אַזוינס, וואָס עס איז, קאָן מען זאָגן, גאַנץ כאַראַקטעריסטיש פאַר דער גאַנצער אַנטוויקלונגס - געשיכטע פון דער וויסנשאַפט: א דערשיינונג, אָדער א גאַנצער קרייז דערשיינונגען, וואָס איז אונטערגעזוכט און

*) די פאָרליגנדיקע פיר קאַפּיטלען זענען מיט יאָרן צוריק דורך דעם קיעווער פּעדאַגאָג ש. ד א ב י ן ארויסגענומען און איבערגעזעצט געוואָרן אויף יידיש פון מיין גרעסערן רוסישן בוך „די פּסיכאָלאָגיע פון אינטימען קינדער - לעבן", אין פיר טיילן (דאָס בוך איז אויך פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דייטש, בערלין, 1926, פאַרלאַג שעווטשקא). די דאָזיגע קאַפּיטלען זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין יידישן זשורנאַל „שול און לעבן" (1920, קיעוו, בוך 8—11). דאָס ערשטע (און אויך דאָס דריטע) קאַפּיטל איז א קורצע צוזאַמענפאַסונג פונם גאַנצן ערשטן טייל אין יענעם בוך, די אַנדערע קאַפּיטלען זענען איבערגעגעבן געוואָרן בשלימות. מיר האָבן איצט טיילווייז אויסגעענדערט די דאָזיקע קאַפּיטלען און מאַנכעס צוגעגעבן לויט די נייעסטע פאָרשונגען. מיר האָבן אָבער געלאָזט דעם אייגנאַרטיקן סטיל פון דעם חשובן איבערזעצער, וואָס איז היסטאָריש פאַרבונדן מיט דעם דערמאָנטן זשורנאַל. אין דעם איצטיקן בוך „חלום און שפּיל" וועט אַזוי ארום דער דריטער טייל זיך סטיליסטיש עטוואָס אונטערשיידן פון די אַנדערע טייל וואָס זענען פון דעם אויטאָר גופא געשריבן אָריגינעל אין יידיש.

אויסגעפארשט דורך איין וויסנשאפטס - צווייג, בלייבט אין גאנצן
ווי א מין טערה אינקאגניטא פאר דעם אנדערן וויסנשאפטס -
צווייג; פרינציפן, וואס זענען ארויסגעבראכט דורך איין וויסנ -
שאפטלעכער דיסציפלין און זענען שוין פאר איר אנגענומען גע-
ווארן ווי אן עלעמענטאר - קלארע זאך, ווערן איגנאנצן איגנא-
רירט פון דער אנדערער וויסנשאפטלעכער דיסציפלין. די זאך, מוז
מען זאגן, איז ווירקלעך גאנץ משונהדיק, וויפיל און אויף וואס פאר
אן אופן מען זאל עס נישט דערקלערן, ווארום דאס שטימט דאך
בשום אופן ניט מיט דעם אלגעמיינעם זוכן דעם וויסנשאפטלעכן
אמת. אזא משונהדיקע זאך ווייזט זיך ארויס — און אין גאר א
גרויסער מאס — אפילו אין די קעגנזייטיקע שייכותן פון דער פי-
לאזאפיע און נאטור - וויסנשאפט. ביי די היינטיקע באציונגען
צווישן פילאזאפיע און נאטור - וויסנשאפט האט זיך יעדער פי-
לאזאף, לויטן אויסדרוק פון ערנסט מאך*), זיין היימישע נאטור-
וויסנשאפט, און יעדער נאטור - פארשער זיין היימישע פילאזא-
פיע. און טרעפן מיר אזעלכעס אפילו בנוגע צו פילאזאפיע און
נאטור - וויסנשאפט, איז וואס איז שוין דא וואס צו זאגן וועגן
די באזונדערע וויסנשאפטלעכע דיסציפלינען. ניט דא איז, פאר-
שטייט זיך, דער ארט דערויף זיך אפצושטעלן. דאס מוז ספעציעל
באהאנדלט ווערן. דא זענען מיר נאר אויסן געווען אנצומערקן די
גרויסע באדייטונג, וואס עס האט אט דער „משונהדיקער" פאקט
פאר דער היינטיקער פסיכאלאגיע פון דער קינדער-פאנטאזיע.

עס איז דאך שוין פאר דער וויסנשאפטלעכער קונסט-קריטיק
געווארן אן עלעמענטארער, מען מעג אפילו זאגן, אן אקסיאמישער
פרינציפ, אז די פראדוקטן פון דער שאפנדיקער פאנטאזיע פונם
דיכטער און קינסטלער — זיינע קינסטלערישע ווערק — ווייזן -
ארויס נישט בלויז די פארמעלע אייגנשאפטן פון זיין שאפונגס -
נאטור, נאר דריקן דער עיקר אויס, זיי פארקערפערן זיינע טיפסטע
עמאציאנעלע איבערלעבונגען. אויף אט דעם וועג איז די וויסנ -
שאפטלעכע קונסט - קריטיק שוין לאנג אוועק ווייטער. דער דיכ-

*) ע. מאך, „ערקענטניס אונד אירטום".

מער איז א קינד פון זיין צייט, פון זיין פאלק און לאנד, וואס אונ־ טער זייער ווירקונג און איינפלוס געשטאלטעט זיך אויס זיין עמאָ־ ציאָנעלע פערזענלעכקייט. און דעריבער אנטפלעקן אויך די קינסט־ לערישע ווערק, וואס דריקן אויס און פארקערפערן די שטימונג פונם דיכטער, אויף א געוויסן אופן די שטימונג פונם דיכטערס תקופה און פון זיין סביבה. אָט די פרינציפן, וואס זענען אין זייער גאנצער פולקייט געוואָרן דערוויזן נאך פון היפ. טען און אנדערע, ווערן באשטעטיקט דורך אלע וועלט - קינסטלערישע ווערק.

די פרינציפן זענען שוין בעצם געוואָרן דאָס אייגנס פון יעדן דענקענדיקן מענטשן. ווער, למשל, ווייס עס ניט, אז יעדער מענטש טרוימט „אויף זיין שטייגער", אז די טרוימען פון יעדערן באזונ־ דער זענען אינדיווידועל נישט בלויז לויט זייערע פאָרמעלע אייגנ־ ארטיקייטן, נאר דער עיקר לויט זייער עמאָציאָנעלן קערן און וועגן. חלומות פונם ייִנגלינג, פון ראָמאנטישע נאטורן, מעסיקע רעיונות און הרהורים פון מענטשן שוין מער באטאָגטע און גע־ זעצטע, ליכטיקע טרוימען פון מענטשן, וואס זענען פול מיט לעבנס - פרייד, אנגערוקט - טונקעלע פאנטאזיעס פון א בעל מרה־ שחורה, חלומות פונם העלד, געדאנקען פונם פחדן און אזוי ווײַ־ טער און ווייטער, — שפיגלט זיך דען אין דעם אלעם נישט אָפּ די עמאָציאָנעלע פערזענלעכקייט?

מיר קאָנען עס פסיכאָלאָגיש אזוי אויסדריקן: ניט נאָר אין דער קינסטלערישער, נאָר אויך אין דער אלגעמיינער דערפארונג פון יעדן מענטשן ווייזט זיך ארויס באשיינפערלעך קלאָר דער אָר־ גאנישער צוזאמענבונד צווישן דער עמאָציאָנעלער ספערע און דער פאנטאזיע: די עמאָציע איז עס דער מקור און די טרייב - קראפט פון דער שאפנדיקער פאנטאזיע, וועלכע פארקערפערט אין בילדער און געשטאלטן די עמאָציאָנעלע איבערלעבונגען. אנגעהויבן פון די העכסטע קונסט - ווערק פון דער שאפנדיקער פאנטאזיע און געענדיקט מיט דער געוויינטלעכער ארבעט פונם כח - הדמיון ביי יעדן פשוטן בשר ודם, ווייזט זיך די פאנטאזיע שטענדיק און אומעטום ארויס אלס עמאָציאָנעלע שאפונג, דאָס הייסט, אלס

אזא ארבעט פון דער נשמה, וואָס האָט דעם צוועק צו פאַרקערפערן די עמאָציעס.

די היינטיקע פסיכאָלאָגיע האָט אָבער איר אייגענע היימישע טעאָריע וועגן פאַנטאַזיע. „מיט דער פאַנטאַזיע — זאָגט פּראָפעסאָר זענקאָווסקי*) — קומט איין דער פסיכאָלאָגיע פאַר עפּעס אַ מין „מאָוסע מעשה״. אַט-אָ-די קראַפט, וואָס דורך איר דאַרפן מיר זיך דערקלערן די שאַפונג פון אַלערליי ארטן, ווערט באַהאַנדלט אַזוי, אַז עס ווערט אוממעגלעך אונטערצושיידן צווישן איר און דעם זכרון. די פּראָגראַם פון וו. וווּנדט, וואָס דערנענטערט פסיכאָלאָגיש די פאַנטאַזיע מיטן דענקען אונטער איין נאָמען „אַפּערצעפּטיווע פּראָצעסן״, די פּראָגראַם, וואָס האָט אַזוי פיל צוגעזאָגט, און סיי דורך אים גופא, סיי דורך וועלכע עס איז אַנדערע פסיכאָלאָגן ניט פאַרווירקלעכט געוואָרן״.

אַט די „היימישע טעאָריע״, וואָס דערנענטערט די פאַנטאַזיע מיטן זכרון, טרעט נאָך באַזונדער שאַרף אַרויס אין דער פסיכאָלאָגיע פון דער קינדער - פאַנטאַזיע. „די אַרבעט פון דער פאַנטאַזיע ביי דעם ניט דערוואַקסענעם, זאָגט פּראָפעסאָר מיימאַן**) האָט דער עיקר אַ כאַראַקטער פון רעפּראָדוצירן און נאָכמאַכן. דער אופן, ווי אַזוי ער — דאָס קינד — באַלעבט די אויסנווייניקסטע וועלט, די געשיכטעס, וואָס ער ברענגט אַרויס פון זיינע קוביקעס און ליאַלקעס — דאָס אַלץ איז אַ מין איבערחזרן דאָס איבערגעלעבטע פון פריער, איבערהויפּט יענע אַקטן און שטעלונגען, וואָס דאָס קינד האָט באַמערקט ביי די דערוואַקסענע״. פאַרבינדנט די עמאָציאָנעלע איבערלעבונגען, וואָס אַנטפּלעקן זיך אין דער פאַנטאַזיע, שאַצט פּראָפעסאָר מיימאַן אין דער קינדער־פאַנטאַזיע אַף אירע פאָרמעלע אייגנאַרטיקייטן, — דאָס פילן און שטרעבן צו דערפינדן, די „טעטיקייט, וואָס לויט איר כאַראַקטער פאָרמירט זי און שאַפט״. און מער נישט! עס בלייבט לחלוטין אָן אַ

*) זענקאָווסקי, פאָרוואָרט צו גראָס׳ בוך „דאָס נשמה - לעבן פון קינד״.

**) מיימאַן, „פאָרלעזונגען איבער עקספּערימענטאַלער פּעדאַגאָגיק״.

זייט די נשמה פון דער פאנטאזיע, איר קוואל און טרייב-קראפט, די עמאָציאָנעלע איבערלעבונגען, וואָס ווערן פארקערפערט אין דער פאנטאזיע.

שוין נישט צו רעדן וועגן דעם, אז איר ווערט כמעט נים גע-פינען קיין איין מעשהלע פון די, וואָס דאָס קינד האָט אויסגע-טראכט, וואָס אין דעם זאָלן זיך נישט אָפּשפּיגלען זיינע עמאָציאָ-נעלע איבערלעבונגען, זייער אייגנארטיקייט און ריכטונג. עס איז דאָך אָבער שוין לאנג דערוויזן געוואָרן פון פיל פּסיכאָלאָגן, אז „דאָס איבערחזרן פונם פריער איבערגעלעבטן", דאָס ווידער-אויפשטעלן, הייסט עס, איז בעצם א פּראָצעס פון שאפן, וואָרום בשעתן ווידעראויפשטעלן, בשעתן ווידעראַרויסברענגען, ווערט דאָס איבערגעלעבטע אויף א באשטימטן אופן איבערגעארבעט. דאָ קומט פאָר, קאָן מען זאָגן, א געוויסער אויסוואל. די איינע עלעמענטן פון דעם פריער אויפגענומענעם ווערן איינגעהאלטן, די אנדערע — ארויסגעלאָזן. איניקע טרעטן ארויס שארפער, אנ-דערע ווידער ווערן פארווישט, און לסוף קומט דאָ פאָר א געוויסע איבערגרופּירונג פון די אויפגענומענע עלעמענטן. פונקט אזוי ציכנט זיך אויך אויס דאָס נאָכמאכן מיט אן אויסוויל - פּרינציפּ. די קינדער „נעמען איבער" און מאכן נאָך נישט אלע אויפגענו-מענע באוועגונגען. די שוין איבערגענומענע באוועגונגען ווערן נישט אינגאנצן ארויסגעבראכט אינם פּראָצעס פון נאָכמאכן. פון אלע אויפגענומענע און איבערגענומענע באוועגונגען ברענגט דאָס קינד ווידער ארויס אין זיין נאָכמאכן נאָר יענע, וואָס זענען נאָענט צו זיין אייגענער טבע, און דערביי ווערט דאָס ווידער ארויסגע-בראכטע אויף א געוויסן אופן — און דער אופן איז כאראקטע-ריסטיש פאַרן קינדס פּערזענלעכקייט — מאָדיפיצירט. אין דער קינדער - פּסיכאָלאָגיע וויל מען פון דער איינשאפט נאָכצומאכן שאפן א מין לעבעדיקן זאַק, וואָס אהין זאָל מען וואַרפן אלץ, וואָס עס לאָזט זיך נישט דערקלערן. דאָס נאָכמאכן איז אָבער בלויז א געווער, אָבער כלל נישט די דערקלערונג פון דער שאפנדיקער פאנטאזיע, וועלכע גייט דעם אָטעם און די ריכטונג פונם נאָכמאכן גופא.

גראַד דער אינעווייניקסטער אָרגאַנישער צוזאַמענבונד, וואָס איז פֿאַראַן צווישן דער עמאָציאָנעלער ספֿערע און דער פֿאַנטאַזיע — איז די סיבה דערפֿון, וואָס כּל - זמן די פּסיכאָלאָגיע האָט אָט דעם צוזאַמענבונד נישט ווי געהעריק תּופֿס געווען, איז יעדער פֿון אָט די אָרגאַניש - געבונדענע געביטן, איזאָלירט פֿון איר אָרגאַנישן באַהן, געבליבן נישט גענוג אויסגעפֿאָרשט און פֿאַרשטאַנען. דערמיט דערקלערט זיך די אָפּגעשטאַנענקייט הן פֿון דער פּסיכאָלאָגיע פֿון דער עמאָציע, הן פֿון דער פּסיכאָלאָגיע פֿון דער פֿאַנטאַזיע.

„די פּסיכאָלאָגיע פֿונם פֿילן, זאָגט ריבאָ*), איז ביז היינט, לויט אַלעמענס מיינונג, דאָס געביט, וואָס בלייבט צום ווייניקסטן אויסגעפֿאָרשט און צום ווייניקסטן באַלויכטן". און ס'איז קלאָר פֿאַרוואָס. אַנשטאָט צו אונטערזוכן און אויסצופֿאָרשן די עמאָציעס לויט זייערע אָביעקטיווע בילדער און געשטאַלטן פֿון דער פֿאַנטאַזיע האָט מען עס ביז איצט געפּרוווט טון דורך דירעקטער אָדער אומדירעקטער זעלבסטבאַאָבאַכטונג. דאָס האָט מען געלייגט אינם יסוד פֿון אַלע מעטאָדן אויסצופֿאָרשן דאָס געפֿיל. אָבער דאָס געפֿיל פֿאַר זיך לאָזט זיך נישט תּופֿס זיין דורך זעלבסטבאַאָבאַכטונג. „מיר קאָנען כּלל נישט, זאָגט פּראָפֿעסאָר טיטשנער**), קאָנצענטרירן אונזער אויפֿמערקזאַמקייט אויפֿן געפֿיל, און פּרוּוון מיר עס יאָ טון, ווערט דאָס געפֿיל פֿון תּענוג אָדער צער פֿאַרשוווּנדן פֿון אונז"... באַאָבאַכטן קאָנען מיר נאָר די פֿאַרקערפּערונג פֿון די עמאָציעס, די געשטאַלטן פֿון דער פֿאַנטאַזיע, און אונטערזוכן די עמאָציעס ווערט פֿאַר אונז מעגלעך נאָר דורכן אונטערזוכן די פֿאַנטאַזיע.

די „היימישע טעאָריע" וועגן דער פֿאַנטאַזיע איז אויך שולדיק אין יענער „מאוסער מעשה" (לויט זשעקאָווסקיס געבראַכטן אויסדרוק), וואָס עס קומט פֿאָר אין דער היינטיקער פּסיכאָלאָגיע מיט דער פֿאַנטאַזיע. עס בלייבן חאָ אין גאַנצן ניט קלאָר די פּראָבלעמען פֿון דער שאַפֿונגס - פּסיכאָלאָגיע, און די שאַפֿונגס - פּסי-

---

*) ריבאָ, פּסיכאָלאָגיע פֿון געפֿיל.

**) טיטשנער. לערן - בוך פֿאַר פּסיכאָלאָגיע.

באַלאַגיע איז האָך אייגנטלעך די פּסיכאָלאָגיע פון דער שאַפנדי-קער פאַנטאַזיע.

אויסער דעם האָט דאָ אַ גרויסע באַדייטונג דער פּאָר אַלע-מען קלאָרער צוזאַמענבונד, וואָס עקזיסטירט צווישן דעם ביז-איצטיקן אַרט באַנעמען די פאַנטאַזיע און די מעטאָדן זי צו אונ-טערזוכן. האָט מען משיג געווען די פאַנטאַזיע, ווי אַ נשמה-טע-טיקייט, וואָס שטייט נאָנט צום זכרון, איז דערמיט גופא שוין גע-ווען אָנגעצייכנט די ריכטונג פון די פיל מעטאָדן צו אונטערזוכן די פאַנטאַזיע. די באַזונדערע ריכטונג ווערט כאַראַקטעריזירט דורך איר שטרעבן צו אונטערזוכן די פאָרמעלע אייגנאַרטיקייטן פון דער פאַנטאַזיע: איז זי באַשײַנפּערלעך — קאָנקרעט אָדער אַבסטראַקט, רירעוודיק אָדער פויל, שטעלט אויף און ברענגט-אַרויס אָדער קאָמבינירט און אַזוי ווייטער.

די נשמה אָבער פון דער פאַנטאַזיע, די עמאָציאָנעלע איבער-לעבונגען, וואָס ליגן אין איר תוך, דאָס ווערט אין גאַנצן פאַר-בויגן סיי פון דער טעאָריע וועגן פאַנטאַזיע, וואָס האָט ביז איצינד געהערשט, און סיי פון די אונטערזוכונגס - מעטאָדן, וואָס זענען צו דער טעאָריע געווען צוגעפּאַסט. דאָס איז געגליכן צו דעם, אַז מען זאָל אַנאַליזירן די פאָרמעלע מאָמענטן פון אַ קינסטלערישן ווערק — רירעוודיקייט, לאַנגזאַמקייט וכדומה — און לחלוטין פאַרלאָזן די „נשמה - אידייע" פונם ווערק, אָדער די אינם ווערק אַנטפּלעקטע אינעווייניקסטע איבערלעבונגען פונם קינסטלער.

פאַרלאָזנדיק אָבער די „נשמה - אידייע" פון דער פאַנטאַזיע, איר עמאָציאָנעלן פאַקטאָר, מוזן די מערערע אונטערזוכונגס-מע-טאָדן פאַרמינערן און פאַרקלענערן דעם אונטערזוכונגס-אָביעקט, וואָס גליטשט זיך צומאָל אין גאַנצן אַרויס פון די הענט פונם אונ-טערזוכער. מיר וועלן נעמען די זייער פּאָפּולערע מעטאָדע פון עבינגהויז, די מעטאָדע פון „ממלא זיין". לויט דער מעטאָדע ווערט דעם אונטערזוכטן פאָרגעלייגט דער טעקסט פון אַ דערציי-לונג, אָבער מיט דורכגעלאָזטע שטעלן, וואָס ער דאַרף זיי ממלא זיין, און דורך דעם זאָל אונטערזוכט ווערן די פאַנטאַזיע - קראַפט. דאָ דאַרף זיך אַרויסווייזן די אַזוי גערופענע פּראַקטישע שאַפונג.

ביי דעם פאל ווערט דער שאפונגס - פראצעס צוגעפאסט ניט נאר צו דער אינווייניקסטער וועלט, נאר אויך צו אויסנווייניקסטע מא־מענטן, צום געגעבענעם טעקסט. דער מאמענט פון צופאסן זיך איז דאך אבער כלל נישט דער הויפט - סימן, דער ערשטגראדיקער סימן פונם פראקטישן שאפן. זיין הויפט - צייכן, אייגנטלעך הייסט דאס, זיין קוואל און באוועג - קראפט, איז די עמאציע, וואס ווערט אביעקטיוווירט דורכן שאפן. דאס ממלא זיין אבער די דורכגעלא־זענע שטעלן אין אונזער פאל ווערט דאך אויפן אונטערזוכטן ארויפגעצוווונגען, דאס שלאגט נישט ארויס פונם לעבעדיקן קוואל — פון זיינע עמאציאנעלע איבערלעבונגען. בממילא איז די שא־פונג, וואס קומט דא פאר, ארגאניש אונטערגעריסן, עס פעלט איר דער נאטירלעכער באדן אין דער נשמה. די מעטאדן פון ממלא זיין, וואס לאזט און א זייט דעם עמאציאנעלן פאקטאר, קאן געבן בלויז אן ארבעט פון טויטער קאמבינאציע, אן ארבעט א פארמי־נערטע, א מעכאנישע, וואס האט נישט קיין יניקה פון די טיפע עכטע, נשמהדיקע זאפטן און קראפטן.

דאס, וואס מיר האבן נאר־וואס געזאגט וועגן אט דער מע־טאדע, איז אויך שייך צו די אנדערע מעטאדן צו אונטערזוכן די פאנטאזיע, וואס אין דעם אנגעוויזענעם זינען שיידן זיי זיך פון איס נישט אונטער. מיר מיינען דא די מעטאדן פון בינע און אנרי: די מעטאדע פון „אויסטייטשן" טינט - פלעקן און געפינען אן ענלעכקייט צווישן זיי און פארשיידענע זאכן (שפעטער האט זיך מיט אט דער מעטאדע באנוצט קירפאטריק); די מעטאדע פון דער־גענצן די פראזע, ווען מען זאגט דעם אונטערזוכטן דעם אנהויב פון א פראזע, און ער דארף פארענדיקן; און אויך די אנדערע מעטאדע בינעס — פון דריי אנגערופענע ווערטער צוזאמענשטעלן א פראזע; די מעטאדע פון הייל־בראנער, וועלכער ווייזט די קינדער עטלעכע סכעמאטישע צייכנונגען, צעלייגט אין אזא סדר, וואס זייער קאנקרעטע פולקייט ווערט אלץ שטארקער (אדער זייער אויסטייטשונג ווערט אלץ שווערער), און די קינדער זאגן זיך ארויס וועגן אט דער צייכנונג (בעכטעריעוו און וולאדיטשקא האבן אט די מעטאדן אומגעענדערט אין איר פארם). מיר האבן

דאָ אויך אין אויג די מעטאָדן פון סוויפט און טערמען, וואָס גיבן די קינדער פּאַבעלן, און די קינדער טייטשן עס אויס, — און נאָך און נאָך. די אַלע מעטאָדן קאָנען, אַזוי ווי די געבראַכטע מעטאָדע פון עבינגהויז, ממלא צו זיין, אָנגעווענדעט ווערן בלויז צו אונטערזוכן די פּראַקטישע שאַפונג, און אויך דאָ איז דער עמאָציאָנעלער פאַקטאָר איגנאָרירט, די נשמה פון דער פאַנטאַזיע אויסגעהויכט, און נאָך אַזאַ אונטערזוכונגס - מעטאָדע בלייבט בלויז די מעכאַנישע, די גייסטלאָזע אַרבעט פון דער פאַנטאַזיע.

די מעטאָדע, וואָס בינע האָט עס נאָך פאָרגעשלאָגן, די מעטאָדע פון אַנטוויקלען אַ טעמע, דאָס זעלבע די מעטאָדע פון גרינוואַלד, וואָס האָט פאַר די קינדער געלייענט וועלכע עס איז דערציילונג פון כריסטאָמאַטיע, און האָט זיי פאָרגעלייגט צוטראַכטן זייערע דערציילונגען, ענלעכע אָדער איינגאַנצן זעלבסטשטענדיקע, — אָט די צוויי מעטאָדן, וואָס ביי געוויסע — אונטן אָנגעוויזענע — ענדערונגען וואָלטן זיי געקאָנט דערשלאָגן זיך צו יענער שאַפונג, וואָס שלאָגט אַרויס פונם לעבעדיקן פרישן עמאָציאָנעלן קוואַל, זענען געווען אויסגענוצט נישט אין אָט דער געהעריקער ריכטונג; דעם עמאָציאָנעלן מאָמענט האָבן די אונטערזוכער אַרויסגעלאָזט פון אויג.

צום באַדויערן, זאָגט טראַשין*), איז ביז אַצינד נאָך נישט געפונען געוואָרן די מעטאָדע צו אונטערזוכן די פרייע פאַנטאַזיע אין שול- און נאָך שול - עלטער און ביי דערוואַקסענע. די פּראַקטישע שאַפונג קאָן מען נאָך דערפירן צום ממלא זיין פּראָזן, זילבן, צום באַטראַכטן טינט - פלעקן וכדומה, און נאָכדעם די באַקומענע רעזולטאַטן אויספאָרשן. די פרייע פאַנטאַזיע אָבער, טאַקע ווייל זי איז פריי, גיט זיך צו אַזעלכע גלגולים, צו אַזאַ פאַרמינערונג, בשום אופן נישט אונטער".

עס ווערט אָבער אין דער היינטיקער פּסיכאָלאָגיע אַלץ מער און מער פאַרפעסטיקט דאָס נייע באַנעמען די פאַנטאַזיע, אַלס עמאָציאָנעלע שאַפונג. די פאַרטרעטער פון אָט דער נייער שיטה

---

*) טראַשין „אַנטראָפּאָלאָגישע גרונדלאַגן פון דערציונג" (רוסיש).

זענען — מינאַנג און זיין שולע, מייער, זענקאָווסקי און נאָך
אַנדערע. די נייע שיטה איז דערווייל בלויז טעאָרעטיש אויפגע-
בויט, אַבסטראַקט — אומבאַשטימט. זי איז נאָך ניט געשטעמפּלט
אויפן פּרוּוו-שטיין פון דער דערפאַרונג, און נאָר די דערפאַרונג
קאָן ערשט ווייזן און באַשטימען איר פּאַקטישע ריכטיקייט. דער-
פאַר טאַקע איז די נייע שיטה ביז איצטער נאָך ניט די הערשנדיקע
אין דער הייַנטיקער פּסיכאָלאָגיע.

אָבער די נייע שיטה מוז האָבן נייע אונטערזוכונגס-מעטאָדן,
אַזעלכע, וואָס זאָלן קאָנען אונטערזוכן די פאַנטאַזיע אין איר לע-
בעדיק - אָרגאַנישן צוזאַמענבונד מיט איר עמאָציאָנעלער ספערע.

אַזעלכע מעטאָדן האָבן מיר צום ערשטן געפרוווט אויסאַר-
בעטן און די אויסגעאַרבעטע מעטאָדן האָבן מיר אויך עקספּערי-
מענטאַל אויסגעפרוווט. ווי געזאָגט, זענען עס מעטאָדן, וואָס
אונטערזוכן די פאַנטאַזיע, אַלס עמאָציאָנעלע שאַפונג, — און
דעריבער דינען די מעטאָדן אין דער זעלביקער צייט צום אונטער-
זוכן אויך די עמאָציאָנעלע ספערע. פריער וועלן מיר אויפפאַסן
די אונטערזוכונגס - מעטאָדן, נאָכדעם וועלן מיר דערקלערן די
רעזולטאַטן, וואָס מיר האָבן באַקומען פון די פיל אַזעלכע אונ-
טערזוכונגען, וואָס מיר האָבן געמאַכט איבער דער פאַנטאַזיע,
אַלס עמאָציאָנעלע שאַפונג.

2

נייע וועגן צו דער קינדער-פאַנטאַזיע

(אונטערזוכונגס - מעטאָדן)

די אונטערזוכונגס - מעטאָדן, וואָס דער נייער אַרט באַנעמען די פאַנטאַזיע איז זיי מחייב, שטרעבן — און דערמיט צייכנען זיי זיך אויס פון די פריערדיקע מעטאָדן — צו אונטערזוכן די פאַנטאַזיע אין איר לעבעדיקער גאַנצקייט, אין איר אָרגאַנישן צוזאַמענוואַקסן מיט דער עמאָציאָנעלער ספערע. אַנדערש גערעדט, די מעטאָדן כאַפּן אַרום ניט וועלכע עס איז קינסטלעך אויסגעטיילטע טויטע אַרבעט פון דער פאַנטאַזיע, נאָר טאַקע די עכטע שאַפנדיקע פאַנטאַזיע, וואָס שפּראָצט לעבעדיק אַרויס פונם עמאָציאָנעלן גרונט. אויסער דעם ווערט די פאַנטאַזיע, וואָס איז אונטערזוכט דורך אָט די מעטאָדן, ניט באַטראַכט בלויז אין איר פאָרמעלע אייגנאַרטיקייטן, נאָר דער עיקר אין איר אינהאַלט. קלאָר געזאָגט — עס ווערן באַטראַכט די עמאָציאָנעלע איבערלעבונגען, וואָס ווערן דורך דער פאַנטאַזיע פאַרקערפּערט. און דערמאָלט באַקומט זיך, אַז אונטערזוכן די פאַנטאַזיע — באַטייט אונטערזוכן די עמאָציאָנעלע פערזענלעכקייט. פונקט אַזוי ווי די אונטערזוכונג פון אַ קינסטלערישן ווערק איז פאַראיינם די אונטערזוכונג פונם קינסטלערס אינעווייניקסטער וועלט, פון זיינע עמאָציאָנעלע איבערלעבונגען.

יעדע מעטאָדע צו אונטערזוכן די פאַנטאַזיע האָט אין זיך צוויי גרונט - מאָמענטן: דער ערשטער איז דער אופן, ווי אַזוי צו באַקומען דעם מאַטעריאַל, די אַנטפּלעקונג פון דער פאַנטאַזיע,

און דער צווייטער — און ער איז דער עיקר — דער אופן אויפצופאסן אָדער אויסצונוצן די באַקומענע פּראָדוקטן פון דער פאַנטאַזיע. ביי די פריערדיקע איז דער אָנגעוויזענער צווייטער מאָמענט געווען כאַראַקטעריסטיש דורך זיין שטרעבן צו אונטערזוכן די פאַנטאַזיע פונם שטאַנדפונקט פון אירע פאָרמעלע אייגנאַרטיקייטן. אונזערע מעטאָדן האָבן אָבער דעם ציל צו אונטערזוכן די פאַנטאַזיע פונם שטאַנדפונקט פון דער דורך איר אַנטפּלעקטער עמאָציאָנעלער פערזענלעכקייט. און אַט דער ציל איז ניט נאָר ער ענדערט דעם צווייטן מאָמענט אין די פריערדיקע מעטאָדן, נאָר ער לייגט אויך זיין שטעמפל אויפן ערשטן מאָמענט; ער מאָדיפיצירט די אַלטע און שאַפט נייע אופנים אַרויסצובאַקומען די אַנטפּלעקונגען פון דער פאַנטאַזיע.

מיר ברענגען דאָ די מעטאָדן, וואָס מיר האָבן אויסגעאַרבעט און עקספערימענטאַל אויסגעפרווט. דערביי וועלן מיר זיך האַלטן ביי אַזאַ סדר: פריער וועלן מיר אויספאַסן דעם ערשטן מאָמענט אין די אונטערזוכונגס - מעטאָדן, — דעם אופן, הייסט עס, ווי אַזוי צו באַקומען די פּראָדוקטן פון דער פאַנטאַזיע — און שוין נאָכדעם וועט קומען דער צווייטער מאָמענט, — די פּרינציפּן צו אונטערזוכן, אַנאַליזירן די באַקומענע מאַטעריאַלן, רעזולטאַטן, וואָס מיר האָבן עקספערימענטאַל באַקומען ביים אונטערזוכן די פאַנטאַזיע לויט אונזערע מעטאָדן.

די מעטאָדן צו אונטערזוכן די פאַנטאַזיע.

1. **די מעטאָדע פון זעלבסטדערציילונג.** די דאָזיקע מעטאָדע נוצט אויס די פּראָדוקטן פון דער קינדער - פאַנטאַזיע, — דאָס מעשהלע, דאָס חלומען אויפן וואָר און אין דער הויך וכדומה, וואָס דאָס קינד דערציילט און ניט איבער, אָן דעם, אַז עס זאָל אויפן דירעקטן אופן אויסערלעך אַרויסגערופן ווערן. דאָס טרעפט אָפטער איידער מיר מיינען עס. דעם קינדס טרוימען זענען נאָך נישט אַריינגעשטויסן אין די ווייטע נשמה - טיפענישן, אין יענע אינטימע ספערן, וואָס פון דאָרט זאָלן זיי, ווי ביי דערוואַקסענע נאָר צייטנווייז — אין מנוחה-מי-

גוטן, אָדער אין באַזונדערע שטימונגס - מאָמענטן — אַרויסקומען אינם ליכטיקן פּאַס פון באַוואוסטזיין און גאָר זעלטן אַרויסגעזאָגט ווערן. ביים קינד זענען צוזאַמענגעגאָסן די ביידע וועלטן— די וועלט פון „דיכטונג״ און די וועלט פון „וואָרקייט״. די טרוימען — דאָס איז דער געוויינטלעכער קרייז פון זיינע גייסטיקע אינטערעסן. דאָס קינד טרוימט דאָך אַזוי אָפט אויפן קול, דערציילט פּיערלעך זיין חלום, אָדער דאָס מעשהלע, וואָס איז אין דעם געבוירן, גיט איבער זיינע אילוזיעס, ברענגט אַרויס די געשטאַלטן, וואָס באַצויבערן אים, דריקט אויס זיין שטרעבונג און שטימונג. אין מאָמענטן פון התלהבות אימפּראָוויזירט דאָס קינד ניט זעלטן אַ מין מעשהלע, וואָס אין געשטאַלטן ווייזן זיך דאָרט אַרויס די טיפסטע און איידלסטע קנייטשן פון זיינע איבערלעבונגען.

די זעלבסטדערציילונג פונם קינד איז עס דאָס זעלבע, וואָס די זעלבסטשאַפונג ביי דערוואַקסענע. ווען דער דיכטער, למשל, אין זיין שעפערישער התפעלות, געשטויסן פון אַן אינוויניקסטן כּח, פאַרקערפּערט די געשטאַלטן, וואָס רעגן אים אויף, אין פאַרבן, קלאַנגען אָדער אין ווערטער. די זעלבסטדערציילונג איז די נאַטירלעכסטע און לעבעדיקסטע אַנטפּלעקונג פון דער פרייער פאַנטאַזיע, וואָס וואַקסט אַרויס גלייך פונם עמאָציאָנעלן באָדן. דאָס קומט אָבער ניט כּסדר פאָר.

מען דאַרף שטענדיק אָנצייכענען די אומשטענדן און באַדינגונגען, ביי וועלכע עס איז אויפגעקומען די זעלבסטדערציילונג. צי איז דאָס ניט געווען עפּעס אַ זייטיקע סיבה, אַ התעוררות מן הצד, אָדער אַן עמאָציע, וואָס איז געקומען אויסערלעך און צופעליק. האָט דאָס קינד דערציילט דער מוטער, דעם דערציער אָדער זיינע חברים, — איז די מורא פאַר עלטערן, אָדער דרך-ארץ, ערפורכט, דער ווונטש אויסצוצייכענען זיך אָדער צו באַרימען זיך פאַר די חברים, וכדומה, — דאָס אַלץ קאָן ביים קינד אַרויסרופן די אַרבעט פון זיין פאַנטאַזיע, וואָס זאָל פאַרקערפּערן עמאָציעס, וואָס זענען אים בעצם ניט אייגן. בכלל גערעדט, ווערט דער נאַטירלעכער גאַנג פון דער פאַנטאַזיע געענדערט חורך וועלכער עס

איז ווײַטיקער ווירקונג נאָר ביז אַ געוויסער גרענעץ, באַקומט באַשטימטע ניואַנסן, — ווײַט אָבער גייט עס ניט אַוועק פונעם עמאָציאָנעלן קוואַל. שטאַרק איז, למשל, צו אַ געוויסער צייט געווען די ווירקונג פון בײַראָן אויף פּושקינען, אָבער אויך דערמאָלט בלײַבט פּושקין אין זײַנע ווערק געטרײַ זײַן אייגענער ליבטיקער עמאָציאָנעלער ספערע, וואָס דרינגט אַפילו איבער גוואַלט אַרײַן אין זײַן שאַפונג. בנוגע צו קינדער-שאַפונג האָבן עס אונזערע עקספּערימענטן באַשטעטיקט.

ווי געזאָגט, איז די זעלבסטדערציילונג בײַם קינד אַן אָפּטע דערשײַנונג, אַן אויפמערקזאַמע באַציִונג צו דעם, ווען די אַרומיקע, למשל, זאָלן פּאָרזיכטיק און אומדירעקט אַזוי ווי אויפמונטערן עס, רופט אַרויס מער דעם חשק און אין אַ געוויסער מאָס אויך די פֿעיקייט פונעם קינד צו אַזעלכע דערציילונגען.

אויף אַזאַ אופן גייט די מעטאָדע פון זעלבסט-דערציילונגען די מעגלעכקייט צו אונטערזוכן די קינדער-פאַנטאַזיע אין איר דירעקטער און נאַטירלעכער אַנטפּלעקונג. און ווי עס האָבן דערוויזן אונזערע עקספּערימענטן, ווערן די פאַנטאַזיע - פּראָדוקטן, וואָס זענען געקומען דורך אָט דער מעטאָדע (און אויך דורך אַנדערע אונזערע מעטאָדן), אַרויסגערופן און באַשטימט פון די פאַרקערפּערטע עמאָציעס.

די דאָזיקע מעטאָדע האָט אָבער אירע נעגאַטיווע זײַטן. ערשטנס, זענען מיר אין רשות פון צופאַל, זאָל זײַן אַפילו זייער אַן אָפּטן. ווײַטער איז, וואָס עלטער עס ווערט דאָס קינד, אַלץ זעלטענער ווערט אָט די דערשײַנונג פון זעלבסטדערציילן. אויסער דעם, איז עס דאָך נאָר אַ באַאָבאַכטונגס - מעטאָדע, עס איז זייער ווייניק אין אונזער רשות אומצוענדערן די אומשטענדן, בײַ וועלכע אָט דער אַרט שאַפונג דערשײַנט. אָט די חסרונות זענען ממלא די אַנדערע אונטערזוכונגס - מעטאָדן, וואָס מיר ליינען פאָר.

2. **די מעטאָדע פון אומבאַגרענעצטער (פרייער) באַשטעל-דערציילונג.** די דאָזיקע מעטאָדע באַשטייט אין דעם, וואָס מען ליינט - פאָר

דעם קינד דערציילן וואָסער עס איז פון אים אַליין אויסגעטראַכטע מעשהלע, דערביי באַגרענעצט מען אים ניט מיט קיין באַשטימטער טעמע אָדער סיוזשעט. מען קאָן זיך אָמאָל פשוט ווענדן צום קינד: „דערצייל עפּעס אַן אינטערעסאַנטע זאַך". אַלנפאַלס האָרך דער פאָרשלאַג געמאַכט ווערן אין אַזאַ פאָרם און אין אַזאַ טאָן, אַז דעם קינד זאָל זיין קלאָר, וואָס איר ווילט פון אים.

דער פאָרשלאַג דאָ באַוועגט נאָר צום שאַפן, דער פאָרשלאַג איז אָבער בשום אופן נישט די סיבה פונם שאַפן (געקומען פון דער זייט און נישט פון די פנימיות פונם קינד, וואָלט דער פאָרשלאַג אַלס סיבה געווען אַן אומנאַטירלעכע). עס איז דאָך אַ געוויינטלעכע דערשיינונג, ווען, למשל, איינער, וואָס שטעלט צוזאַמען אַ ליטעראַרישן זאַמלבוך, ווענדט זיך מיט אַזאַ אומבאַגרעניצנדיקן פאָרשלאַג צום דיכטער. די דערשיינונג איז צופיל באַוווסט און פאַרשפּרייט צווישן די קינסטלער, אַז מען זאָל זיך דאָ נויטיקן נאָך אין ביישפּילן. די דערפאַרונג ווייזט, אַז קינדער רופן זיך גערן אָן אויף אַזאַ פאָרשלאַג, און זייערע דערציילונגען בלייבן דערביי דורכויס אומגעצוווּנגען און נאַטירלעך. אין דער דערפאַרונג איז אויך פעסטגעשטעלט, אַז אָט די דערציילונגען שפּיגלען אין זיך אָפּ די עמאָציאָנעלע פערזענלעכקייט פונם קינד.

דורך דער מעטאָדע באַקומען מיר שוין די מעגלעכקייט אַליין אַרויסצורופן די פרייע פאַנטאַזיע ביים קינד ביי פאַרשיידענע אומשטענדן, נישט צו ענדערן דערביי דעם פרייען און נאַטירלעכן כאַראַקטער פון דער שאַפונג. דאָ קאָנען מיר אָבער נאָך ניט האָבן קיין ווייפל, עס איז קענטיקע ווירקונג אויף די שאַפונגס-פאָרמען, אין גאַנצן זענען מיר דאָ אינם רשות פונם קינד. עס קומט אונדז צוהילף די פאָלגנדיקע מעטאָדע.

3. די מעטאָדע פון באַגרענעצטע (געבונדענע) באַשטעל-דערציילונגען.

אינם יסוד פון דער האָזיקער מעטאָדע ליגט די הנחה, אַז איינע און די זעלבע אויסערלעכע דערשיינונג שפּיגלט זיך פאַרשיידן אָפּ אינם באַוווסטזיין פון פאַרשיידענע מענטשן און ביי יעדערן רופט

עס ארויס די אינטואיטיווע ארבעט פון זיין פאנטאזיע, אפהענגיק פון זיין עמאציאנעלער אינדיווידועליטעט. יעדע דערשיינונג רופט ביי פארשיידענע מענטשן ארויס פארשיידענע עמאציעס. און זיי פון זייער זייט רופן שוין דירעקט ארויס געוויסע אסאציאציעס, ברענגען ארויס געשטאלטן און מאכן דערביי דעם גענעריקן אויסוואל. ביי אט דער מעטאדע ווערט דעם קינד פארגעלייגט צו דערציילן עפעס א מעשהלע אויף א געוויסער באשטימטער טעמע, אדער צו א בילד, וואס מען ווייזט אים, צי איבערוועלכער עס איז קאנקרעטער געשעעניש, — אלץ אזעלכע מאמענטן, וואס באגרענעצן נאר אין א געוויסער מאס די פארם און ריכטונג פון דער שאפונג, וואס פארשטאפן אבער בשום אופן נישט דעם עמאציאנעלן קוואל. אויך די שאפונג פונם דיכטער קומט אמאל פאר לויט א באגרענעצדיקן פארשלאג, דערביי ווערט בכלל נישט אומגעענדערט איר דירעקטער, איר נאטירלעכער כאראקטער. די גרויסע איטאליענישע קינסטלער (מיקעל אנדזשעלא און אנדערע) האבן א סך קונסטווערק געשאפן לויט באשטימטע — באגרענעצטע באשטעלונגען. דאס האט פושקין געגעבן גאגאלן נישט בלויז די טעמע, נאר אויך דעם סיוזשעט פון „רעוויזאר" און „טויטע נפשות". די דאזיקע טעמעס אבער האבן ביי גאגאלן לויט זיין עמאציאנעלער נאטור — ארויסגערופן זיינע, אים און נאר אים אייגנטלעכע עמאציאנעלע איבערלעבונגען, וואס האבן שוין אויף די באקומענע קונסטווערק ארויפגעלייגט דעם אייגנארטיקן גאגאל - שטעמפל פון זיין עמאציאנעלן שטייגער. אייגנטלעך איז ביי אט דער באגרענעצטער באשטעלונג ווייזט זיך נאך בולטער און קאנקרעטער ארויס דער באוווסטער פאקט, וואס די אייגענע סביבה איז די טעמע פון די פארשיידענע דיכטער פון דער תקופה, און אין דער אייגנארטיקער אנטוויקלונג פון דער טעמע ווייזט יעדער דיכטער ארויס זיין עמאציאנעלע אינדיווידועלע נאטור. אויך אונזערע עקספערימענטן האבן גאנץ קלאר באוויזן, אז דער באגרענעצטדיקער פארשלאג רופט ביים קינד ארויס די נאטירלעך - פרייע שאפונג, וואס אין איר דריקט זיך אויס ייי עמאציאנעלע אינדיווידואליטעט.

מיר קאָנען זאָגן, אַז די מעטאָדע פון באַגרענעצטער באַשטעלונג דעקט - אויף פאַר אונז מיט אַ באַזונדער בולטקייט די אינדיווידועלע וועלט פון דער שעפערישער פערזענלעכקייט. אויב ביי די ערשטע צוויי מעטאָדן קאָן מען דעם אונטערשייד אין כאַראַקטער און מהות פון דער שעפערישקייט ביי באַזונדערע יחידים דערקלערן אין אַ געוויסער מאָס מיט דעם אונטערשייד אין די מאָמענטאַנע שאַפונגס - סטימולן, באַווייזט אָבער דער מעטאָד פון באַגרענעצטער באַשטעלונג מיט קלאָרקייט, אַז איין און דערזעלבער סטימול רופט אַרויס ביי פאַרשיידענע פערזאָנען אינדיווידועל - פאַרשיידענע שעפערישע רעאַקציעס, און אין דעם טאָקע קומט צום אויסדרוק די עמאָציאָנעלע אינדיווידועלקייט פונם יחיד.

ביי דער דאָזיקער מעטאָדע קאָנען אונז שטיין צו דינסט, ווי געזאָגט, פאַרשיידענע אָנווענד - פאָרמען, — דהיינו: אַ באַשטימטע טעמע, אַ בילד, אַ קאָנקרעטע געשעעניש, אָדער סיטואַציע. די דאָזיקע אַלע באַשטעלונגס - אופנים רופן אַלץ אַרויס, ווי דאָס האָבן דערוויזן די אונטערזוכונגען, אַ נאַטירלעכע פרייע עמאָציאָנעלע שעפערישקייט; דאָך אונטערשיידן זיי זיך צווישן זיך אין פרט פון זייער „איינשרענקונגס - קראַפט", אויב מען קאָן זיך אַזוי אויסדריקן, אין פרט פון דער מאָס אָנשווילעכקייט, אָדער אין זייער כוח פון פאַנטאַזיע-אָנרעגונג און זייער אָנווענדיקייט. פאָרלייגן, למשל, אַ טעמע — איז לייכטער און באַקוועמער. עס האָט אין זיך מער עלאַסטישקייט און אויסוואַל - מעגלעכקייטן; אַקעגן ביים באַווייזן אַ בילד איז דאָ מער אָנשווילעכקייט, עס באַוועגט שטאַרקער און שטויסט צו שאַפונג. ווי עס זאָל נישט זיין, גיט אונז יעדער אָנווענד - אופן פון דער מעטאָדע אַן איגנאַרטיקן צוגאַנג צו דער שעפערישער פערזענלעכקייט, און דעריבער דאַרף מען נוצן דעם דאָזיקן מעטאָד מיט דער הילף פון אַלע אָנווענד - אופנים.

לעצטנס האָבן מיר ביי אונזערע אונטערזוכונגען אָנגעווענדט מיט אַ באַזונדערן דערפאָלג איניקע נייע מאָדיפיקאַציעס פונם מעטאָד פון באַגרענעצטער באַשטעלונג. אויסגעשפילט אויפן קלאַ-

ווי א פאָרהעלייִשמעסיק איינפאַכע זאַך (געוויינטלעך פלעגן מיר נוצן גרייגס קלענערע מוזיקאַלישע ווערק), האָבן מיר פאָרגע-לייגט דעם קינד, ער זאָל אונז דערציילן עפּעס א מעשהלע אין שייכות מיטן פאָרגעשפּילטן שטיק. האָט זיך ארויסגעוויזן, — און דאָס איז אויך געווען צו דערוואַרטן, — אַז איינער און דער זעלבער מוזיקאַלישער מאָטיוו רופט ארויס ביי יעדן קינד א פאַנ-טאַזיע - טעטיקייט, וועלכע איז כאַראַקטעריסטיש פאַר זיין עמאָ-ציאָנעלן פּרצוף. די דאָזיקע פעסטשטעלונג איז באַזונדערס בולט געוואָרן ביי מאַסן - פאָרשונגען, ווען מען האָט דאָס מוזיק-שטיק אויסגעפירט פאַר א סך קינדער און נאָך צוויי מאָל פאָרשפּילן פאָרגעלייגט יעדן קינד אָנשרייבן א וואָסער נישט איז מעשהלע אין שייכות מיטן פאָרגעשפּילטן. די באַקומענע, אויף דעם אופן, אַרבעטן פון פרייער פאַנטאַזיע, שטעלן פאָר א גאַלעריע קינדערי-שע עמאָציאָנעלע כאַראַקטערן. מען דאַרף דערצו באַמערקן, אַז די מוזיקאַלישע ווערק דאַרפן אַנטשפּרעכן דעם קינדס עלטער, זיין מוזיקאַלישער אויפנאַמספעיקייט און צוגרייטונג — גליי-כער איז דערביי אויספירן די זאַך צוויי מאָל.

פּדאי נאָך אָפּצושטעלן זיך אויף אַזאַ מאָדיפיקאַציע פונם מעטאָד, וועלכע מיר האָבן מיט דערפאָלג אָנגעווענדעט ביים אונ-טערזוכן קינדער, וואָס פאַרנעמען זיך מיט ריטמישער גימנאַסטיק און זענען וויפיל נישט איז באַקאַנט מיט אירע עלעמענטאַרע אי-בונגען: צום אָנהויב באַשרייבן מיר מינדליך א ריטמישן טאַנץ, דאַן לאָזן מיר עמיצן פון די קינדער אויספירן דעם זעלבן טאַנץ, און שפּעטער לייגן מיר פאָר יעדן פון זיי אָנצושרייבן א מעשהלע אין שייכות מיטן טאַנץ. און אויך דאָ, ווי אינם פריערדיקן פאַל, האָט זיך ארויסגעוויזן, אַז איינער און דערזעלבער טאַנץ רופט ארויס ביי יעדן קינד א פאַנטאַזיע - טעטיקייט, וואָס איז כאַראַקטעריס-טיש פאַר זיין עמאָציאָנעלער פּערזענלעכקייט. ביי מאַסן - פאָר-שונגען ווערט דער דאָזיקער מצב באַזונדער אָנשוילעך. עס איז איבעריק צוצוגעבן, אַז די דאָזיקע נייע מאָדיפיקאַציעס זיפענען ווייטע האָריזאָנטן פאַרן מעטאָד פון באַגרענעצטע דערציילבאַ-שטעלונגען.

מיר שטריכן אונטער דעם פרינציפיעלן און פאקטישן אונ-
טערשייד צווישן דער מעטאָדע פון באַגרענעצטע באַשטעל-רעדער-
ציילונגען און דער מעטאָדע פון שטעלן פראַגן, וואָס אין דעם
איז ביי פיל אייגנטלעך באַשטאַנען די מעטאָדע פון ווייזן בילדער
די קינדער. מיר ליגן נישט פאַר די קינדער צו באַשרייבן דאָס
באַטראַכטע בילד, אָדער אַרויסזאָגן דעם איינדרוק, וואָס דאָס
בילד האָט געמאַכט. אויסדריקן אין ווערטער די עמאָציאָנעלע
איבערלעבונגען איז אוממעגלעך נישט נאָר פאַרן קינד, נאָר אויך
פאַרן דערוואַקסענעם מענטשן: לויט איר עצם - טבע איז די עמאָ-
ציע נישט צום באַשרייבן. „עס איז קלאָר, זאָגט שולצע*), די דאָזי-
קע מעטאָדע טויג נישט. נעמט נאָר איבער די ממשלה דער וואָרט-
אַפּאַראַט, קערט אָוועק דער רגש... וועגן דעם מהות פון געפיל
דערוויסן מיר זיך גאָרנישט". אונזער מעטאָדע איז אָבער עכט
און ווירקלעך בלויז אין דער מאָס, אויף וויפיל דאָס בילד רופט-
אַרויס — און אונזערע עקספּערימענטן האָבן געוויזן, אַז ביי גע-
וויסע אומשטענדן רופט עס טאַקע אַרויס — די אַרבעט פון דער
פאַנטאַזיע, וואָס דורך אירע בילדער גיט זי בלוט און פלייש די

*) דאָס סאַראַקטעריזירט פּרינציפּיעל דעם אויסוואַל פון בילדער, וואָס
ווערן ביי אונזער מעטאָד פאָרגעלייגט דעם קינד ביי טעסט - פאָרשונג, צ. ב.
ביי ביגע, האָבן די בילדער אַן אייגנדייטיק אָפּגעשלאָסענעם אינהאַלט און
די קינדער דאַרפן אים „לייזן" אָדער טרעפן, אָדער פשוט פאַרשטיין און באַ-
שרייבן. דאָס איז בכן, אַ געפונדענע שעפערישקייט, זי איז אָפּהענגיק און
געפונדן פון אויסערלעכע פאַקטאָרן. און אַזוי ווי אַזעלכע בילדער רופן נישט
אַרויס ביי אַלע קינדער קיין נאַטירלעכן אינטערעס, דעריבער ווערט דאַ
אָפּט אויך די געפונדענע פאַנטאַזיע רעדוצירט צו אַ מעכאַנישער אויסטייטש-
אַרבעט; דאַקעגן, ביי אונזער מעטאָדע זענען די בילדער, לויט זייער פאָרם
און אינהאַלט, אַזוי פילבאַדייטיק פון זייער נאַטור אויס, אַז זיי רעגן אָן
בלויז דעם קינדס פרייע פאַנטאַזיע, זיי סטימולירן אים אויפצופאַסן די ביל-
דער אויף זיין אופן און פון זיך אַרויסצוגעבן זייער אינהאַלט. מיר האָבן
דאַ, הייסט עס, צו טון מיט דעם קינדס פרייער פאַנטאַזיע, דאָס פאָרגעליי-
גטע בילד איז פאַר אים בלויז אַ נאַטירלעכע אָנרעגונג.

עמאָציאָנעלע איבערלעבונגען. אַנדערש געזאָגט, אונזער מעטאָדע איז נישט אויסן צו פאַרהאַמערן דאָס געפיל אין דער פאַרשטע־לונג וועגן געפיל (וואָרום דאָס וואָרט איז די שפּראַך פון פאָר־שטעלונג און נישט פון געפילן), אונזער מעטאָדע וויל נאָר אַרויס־באַקומען דעם נאַטירלעכן אויסדרוק פון דער עמאָציע אין די פאַנטאַזיע - בילדער, וואָס פאַרקערפּערן זיי*).

דאָס בילד אָדער די טעמע, וואָס ווערט ביי אַט דער מעטאָדע פאָרגעלייגט, דאַרף לויטן אינהאַלט זיין פאַרן קינד קלאָר און פאַרשטענדלעך, צוגעפּאַסט צו זיין עלטער. אויסערדעם — מוז ביי אַט דער מעטאָדע, אַזוי ווי ביי דער פריערדיקער, דאָס קינד געוווי באַנעמען, וואָס מען וויל פון אים. לייגט עס פאָר דער לערער אָדער בכלל אַן „עלטערער", קאָן דאָס קינד אונטערטעניק און דיסציפּלינירט עם אויפנעמען זייער „ערנסט", און דעמאָלט וועט דאָס קינד מעשה גוטער תלמיד זען אייך געבן אַ שול - געגוייע באַשרייבונג, עס וועט וועלן אַ „גלאַנץ טון" מיט זיין באַישובטד־קייט, אָדער, לאָמיר זאָגן, פאָרמעלער פינקטלעכקייט. מיר קאָנען זיך דעמאָלט גרינג אָפּנאַרן און צורעכענען אַזאַ קינד, ווי דאָס טוט בינע, צום טיפּ פון „באַשרייבער", פון באַישובטע, אָדער פון די, וואָס האַלטן זיך ביי פאָרמעלע מאָמענטן. שולצע**) דער־ציילט, ווי אַזוי קינדער, וואָס האָבן גאַנץ טרוקן באַשריבן די בילדער, וואָס מען האָט זיי געוויזן, און זענען דעריבער שיער נישט אַריינגערעכנט געוואָרן אין דער קאַטעגאָריע פון „באַשריי־בער", האָבן באַלד אַרויסגעוויזן אַ זייער פרייע פאַנטאַזיע ביי פּאַסיקע אומשטענדן.

דער נישט קלאָר געמאַכטער אָדער נישט רעכט פאַרשטאַנע־נער פאָרשלאָג, די נישט - פּאַסיקע חדר - יאַנגלישע ערנסטקייט פונם אונטערגעזוכטן, וואָס קאָן זיין אַרויסגערופן אָדער גופא פון דעם, וואָס מאַכט דעם פאָרשלאָג, אָדער דורך זייטיקע סיבות (ערנסטער טאָן, שטרענגער פנים, די צייט פון לערנען, שול - סבי־

*) שולצע, די טעכניק פון פּסיכאָלאָגישן עקספּערימענט.

**) דאָרט גופא.

בה, ערפאַרסט פאַרן לערער, וואָס בינדט די פאַנטאַזיע). — דאָס אַלץ קאָן ברענגען דערצו, אַז דאָס קינד זאָל געבן בלויז אַ באַשרייבונג פונם געוויזענעם בילד, און פרייע פאַנטאַזיע זאָל זיך דאָרט נישט אַרויסווייזן. אַזעלכע פאַלן באַווייזן נאָר דאָס, אַז דאָ האָבן מיר ביים עקספּערימענט באַזונדערע אומשטענדן, וואָס שטערן דער פאַנטאַזיע צו אַנטפּלעקן זיך, אָבער בשום אופן נישט, אַז עס פעלט פאַנטאַזיע, אָדער אַז דאָס קינד געהערט צום באַשרייבער - טיפּ.

די פרייע פאַנטאַזיע איז בכלל מסוגל פאַרהאַלטן צו ווערן סיי ביים קינד, סיי ביים דערוואַקסענעם. ביים קינד איז עס ווייניקער צו מערקן. ביים ריכטער דערשיינט די באַגייסטערונג לפי ערך זעלטן, זי וואַקסט - אויף און ווערט אָפּגעשוואַכט און אָפּגעהאַלטן דורך פיל אינדיווידועל - באַשטימטע באַדינגונגען. עס איז. אַ שטייגער באַוווּסט, אַז ביי שילערן איז די באַגייסטערונג אויף אַ געוויסן אופן געווען פאַרבונדן מיט געוויסע אויפרעגונגען פונם חוש - הריח (דער ריח פון פוילע עפּל). ביי קינדער אָבער איז די באַגייסטערונג אַ מער באַשטענדיקע דערשיינונג, מאָמענטן, וואָס האַלטן זי אָפּ, זענען די ווייניקערע.

אָט אין די פאַלן, ווען מיר האָבן פאַר זיך אַ ריינע „באַשרייבונג", איז גענוג בלויז דערקלערן גוט דעם קינד דעם פאַרשלאָג אָדער פאַרלאַנג ווי געהעריק די נויט פאַסיקע ערנסטקייט, און די פרייע פאַנטאַזיע וועט ביים קינד דערשיינען.

די מעטאָדע פון באַגרענעצטע באַשטעל - דערציילונגען פאַלט אין אַ געוויסער מאָס צוזאַמען מיט איינציקע מעטאָדן פון בינע (די אויבן - דערמאָנטע מעטאָדע פון אויפזאַץ). אויסער - דעם שוין אויבן - אָנגעוויזענעם פּרינציפּיעלן און פּאַקטיש אונטערשייד, דאַרפן מיר בכלל געדענקען, אַז אונזערע מעטאָדן צייכענען זיך אויס נישט נאָר דורך זייער באַזונדער אופן צו קלייבן מאַטעריאַלן (דער ערשטער מאָמענט). נאָר דער עיקר דורך דעם אופן אויסצונוצן אָדער אויפצופאַסן דעם באַקומענעם מאַ - טעריאַל (דער צווייטער מאָמענט).

4. די מעטאָדע פון איבערדערציילן.

די מעטאָדע באַשטייט אָט אין וואָס: מען לייענט איבער דעם קינד וועלכע עס איז דערציילונג און מען ליגט אים פאָר איבער־צודערציילן. אָבער אויך זיין איינענעם שטייגער. אונזער דערפאַרונג האָט געוויזן, אַז אין די איבערדערציילונגען ווייזט זיך ביים קינד אַרויס זיין פרייע פאַנטאַזיע. פיל וואַרפט ער אַרויס, א סך גיט ער צו, א סך ווידער קאָמבינירט ער און גרופּירט עס איבער. און דאָס אַלץ איז געשטעמפּלט מיט די אייגנטלעכקייטן פון דער פּרייער פאַנטאַזיע, מיט וועלכער עס צייכנט זיך אויס זיין עמאָציאָנעלע נאַטור.

אַזאַ אַרט שאַפונג טרעפן מיר אויך ביי דיכטער. אַזוינע זענען, למשל, די שאַפונגען, וואָס זייער אינהאַלט זענען די ביבלישע מאָטיוון. אין אַזוינע איבערדיכטונגען זעען מיר די אמת פרייע שאַפונג, וואָס כאַראַקטעריזירט דעם עכטן מהות פונם דיכטער. אין פּושקינס „נביא" און אויך אין לערמאָנטאָווס „נביא" האָבן מיר דעם באַוווּסטן ביבלישן אינהאַלט, דער אינהאַלט איז אָבער אינדיווידועל פאַרשידן איבערגעדיכטעט און איבערגעפאַרעמט ביי פּושקינען און ביי לערמאָנטאָוון.

אייגנטלעך שליסט זיך אָט די מעטאָדע אָן צו דער פריערדיקער, וואָס רעכנט, אַז איין און דער זעלבער קרייז פון דערשיינונגען רופט ביי יעדן איינציקן קינד אַרויס א באַזונדער אייגנאַרטיקע עמאָציאָנעלע רעאַקציע, וואָס שפּיגלט זיך אָפּ אין די פאַנטאַזיע - בילדער. דאָס זעלבע ווערט אויך דער סיזשעט פון דער פאָרגעלייגטער דערציילונג שעפעריש ביים קינד איבערגעאַרבעט אויף אַן אייגנאַרטיק - אינדיווידועלן אופן לויטן מהות פון זיין עמאָציאָנעלער פערזענלעכקייט.

די דאָזיקע מעטאָדע, וואָס גיט די מעגלעכקייט צו פאַרגלייכן די איבערדערציילונג מיטן אָריגינאַל, ווייזט נאָך בולטער אַרויס די עמאָציאָנעלע אייגנאַרטיקייט פון קינד.

5. די מעטאָדע פון רעפּראָדוקטיווער דערציילונג. ביי דער דאָזיקער מעטאָדע לייענען מיר איבער דעם קינד עפּעס א דערציילונג, און אין איינעם טאָג (געווינטלעך אין א טאָג זעקס-זיבן) אַרום, ליגן מיר דעם קינד פאָר

צו דערמאָנען זיך די איבערגעלייענטע דערציילונג ווי מעגלעך פולער און גענויער. אונזערע עקספּערימענטן האָבן געוויזן, אַז יעדעס קינד ברענגט אַרויס דאָס איבערגעלייענטע אויף זיין אייגענעם שטייגער. ביי אַזאַ אויפשטעלן לאָזט דאָס קינד, פּונקט ווי ביים איבערדערציילן, געוויסע שטעלן דורך, אַ סך איז ער מוסיף, ווייטער קאָמבינירט ער אָריגינעל. און דאָס אַלץ שטאַמט אַרויס פון דעם קינדס עמאָציאָנעלע אייגנטימלעכקייטן.

דער אונטערשייד צווישן אָט דעם רעפּראָדוקטיוון אַרויס-ברענגען און די איבערדערציילונגען באַשטייט אין דעם, וואָס די איבערדערציילונגען ווערן איבערגעאַנדערשט אין אַ געוויסער מאָס באַוווסטזיניק, און ביים רעפּראָדוקטיוון אַרויסברענגען קומט עס פאָר אומבאַוווסט.

אונזערע עקספּערימענטן האָבן באַשטעטיקט די אויבן גע-בראַכטע און שוין פון פיל פּסיכאָלאָגן פעסטגעשטעלטע הנחה, אַז אינם רעפּראָדוקטיוון אויפשטעל ווערן שעפעריש איבערגעאַר-בעט די פריער אויפגענומענע עלעמענטן. די שאַפונג גופא איז דאָך די פאַרקערפּערונג פון די עמאָציאָנעלע איבערלעבונגען און באַשטרעבונגען.

6. די ערינערונגס-מעטאָדע. ביי דער דאָזיקער מעטאָדע פאָדערן מיר אויף דאָס קינד — צו דערציילן אונז אַ וועלכע עס איז ערינערונג אָדער אַזוי פשוט עפּעס אינ-טערעסאַנטעס אויס זיין פאַרגאַנגענהייט.

אונזערע אונטערזוכונגען האָבן מיט באַזונדערער בולטקייט באַ-וויזן, אַז אַזאַ מין ערינערונג שטעלט פאָר אַ שעפעריש-לע-בעדיקע אָפּשפּיגלונג פונם קינדס עמאָציאָנעלער פּערזענלעכקייט.

ערינערונג, אַזוי ווי רעפּראָדוקציע בכלל, שטעלט פאָר, ווי שוין אויבן געזאָגט, די שאַפונגס-טעטיקייט פון דער פאַנטאַ-זיע, — וואָס איז די פאַרקערפּערונג פון עמאָציאָנעלע איבערלע-בענישן. אָבער ביי ערינערונג האָבן מיר צו טון מיט צוויי מאָ-מענטן, וואָס זיינען צו דער כאַראַקטעריסטיק פון דער עמאָציאָ-נעלער פּערזענלעכקייט גאָר אינטערעסאַנט. דער ערשטער מאָ-מענט איז — דער אויסוואַל פון מאַטעריאַל. פונם גאַנצן אוצר

אײַנדרוקן, וואָס דאָס קינד האָט איבערגעלעבט אין זײַן פאַרגאַנגענהייט, קלײַבט ער אויס נאָר אַ באַשטימטן קרײַז פאָרשטעלונגען, וואָס זיי רעפּראָדוצירט ער אין זײַן ערינערונג. שוין דער אויסוואַל אַליין פון זײַן מאַטעריאַל דעקט פאַר אונז אויף די אַלגעמיינע ליניע פונם קינדס עמאָציאָנעלער טענדענץ — דער צענטער פון זײַן עמאָציאָנעלער געשפּאַנטקייט. דער צווייטער מאָמענט דאָס איז — די שעפערישע באַאַרבעטונג פונם אויסגעוויילטן מאַטעריאַל. טאַקע דער אויסגעקליבענער מאַטעריאַל ווערט באַאַרבעט אויפן אויבנאַנגעוויזענעם וועג: אַ סך זאַכן ווערן דורכגעלאָזן, אַ סך קומט צו, אַ סך זאַכן קאָמבינירן זיך אויף אַן אָריגינעלן אופן, — דערבײַ שטעלט דאָס אַלץ פאָר איין גאַנצן פּראָצעס פון עמאָציאָנעלער שעפערישקייט. די דאָזיקע צוויי מאָמענטן לאָזן זיך קירצער אַזוי פאָרמולירן: דער ערשטער מאָמענט באַשטייט *וואָס* צו דערמאָנען זיך, דער צווייטער — *ווי אַזוי* זיך צו דערמאָנען. קלאָר, אַז בײדע מאָמענטן כאַראַקטעריזירן דעם עמאָציאָנעלן פּרצוף פון קינד.

אייגנטלעך, שליסט זיך אָן די ערינערונגס־מעטאָדע — בעיקר מיט זײַן צווייטן מאָמענט — אין די אויבן באַשריבענע מעטאָדן, נעמלעך צו די מעטאָדן פון איבערדערציילן, און פון רעפּראָדוקטיוון דערציילן, וואָרום פּונקט ווי די לעצטע מעטאָדן, אַזוי שטעלט אויך די ערינערונגס־מעטאָדע פאָר די שעפערישע דורכאַרבעטונג פונם רעפּראָדוצירטן מאַטעריאַל. דער חילוק איז נאָר, וואָס בײַ די לעצטע מעטאָדן שטעלט צו דעם מאַטעריאַל צום רעפּראָדוצירן די בוך־דערציילונג, און בײַ דעם ערינערונגס־מעטאָד שטעלט צו דעם מאַטעריאַל — די דורכגעלעבטע פאַרגאַנגענהייט. אָבער דער דאָזיקער חילוק איז ביז גאָר וויכטיק סײַ פּרינציפּיעל, סײַ פּראַקטיש, שוין אָפּגערעדט, וואָס די ערינערונגס - מעטאָדע צום אונטערשייד פון די אַנדערע, אַנטהאַלט אין זיך דעם אויבן - דערמאָנטן ווערטפולן מאָמענט פון אויס - וואַל.

7. די מעטאָדע פון בילדער-אויס-וואַל. בײַ דעם מעטאָדע ליגן מיר פאָר דעם קינד צום אויס -

וואָל בילדלעך פון פאַרשידענעם כאַראַקטער און אינהאַלט, און בעטן אים צו דערציילן אונז אַ מעשהלע אין שייכות מיטן דורך אים אַליין אויסגעקליבענעם בילדל. אין דער אמתן איז עס די־זעלבע מעטאָדע פון באַגרענעצטער דערצייל - באַשטעלונג, נאָר — מיט דער הילף פון אַ בילדל; אָבער דאָ, אַזוי ווי ביי די פריערדי־קע מעטאָדן, קומט צו אַ נייער מאָמענט, נעמלעך דער מאָמענט פון אויסוואַל, און דאָס גיט צו דער דאָזיקער מעטאָדע אַ באַזונ־דער ווערטפולן פאַרציונג.

8. די מעטאָדע פון פריוויליקע אי־לוזיעס. כדי צו דערקלערן די דאָזיקע מעטאָדע, מוזן מיר זיך אָפּשטעלן אויף יענעם צושטאַנד פון באַוווסטזיין, וואָס דער פראַנצויזישער פּסיכאָלאָג סוריע רופט אָן — די פריוויליקע אי־לוזיע (אילוזיאָן וואָלאָנטער) און לאַנגע באַצייכנט עס אַלס באַ-וווסטזיניקע זעלבסט - אָפּנאַרונג. דאָס איז יענער נשמה-צושטאַנד ווען אַ געוויסע אויסערלעכע דערשיינונג נעמען מיר פריוויליק און באַוווסטזיניק אויף נישט נאָר אַזוי, ווי זי איז אין דער ווירק־לעכקייט, נאָר אויך ווי זי קומט פאַר אונז אינם שיין פון אונ־זערע שטימונגען. דערביי איז אָבער אונזער באַוווסטזיין אויך דורכגעדרונגען מיט דער אָביעקטיוו - ריכטיקער פאַרשטעלונג פון דער זאַך. ווען מיר נעמען, למשל, אויף דעם האַרבסט - רעגן, ווי הימל - טרערן, נעמען מיר פריוויליק און באַוווסטזיניק אויף דעם רעגן נישט נאָר אַזוי, ווי ער איז אין דער ווירקלעכקייט, נישט נאָר ווי אַ רעגן, נאָר אויך אַזוי ווי ער שטעלט זיך אונז פאָר אינם שיין פון דער טיפער אומעט - שטימונג, וואָס דער האַרבסט רופט אין אונז אַרויס, — אַזוי ווי הימל - טרערן; צוזאַמען אָבער מיט דער שיינבאַרער פאַרשטעלונג פון טרערן האָבן מיר פעסט אין אונזער באַוווסטזיין די אָביעקטיוו - ריכטיקע פאַרשטעלונג פון דעם אויפגענומענעם רעגן*).

די פריוויליקע אילוזיע האָט אַ געוואַלטיקע באַדייטונג פאַר אונזערע עסטעטישע איבערלעבונגען. גראָד ביי אָט דעם אַרט אי־

*) זע גראַס „דאָס זעעלענלעבען דעם קינדעס".

בערלעבונגען נעמען מיר אויף די אויסערלעכע דערשיינונגען ניט נאר אזוי, ווי זיי זענען און קומען פאר, נאר אויך אזוי ווי זיי שטעלן זיך אונז פאר אינם שיין פון די עסטעטישע עמאציעס. כמעט שטענדיק שפירן מיר די אויסנווייניקסטע וועלט ניט בלויז אזוי, ווי זי איז, נאר אויך אזוי, ווי זי ווייזט זיך פאר אונז אויבער די אדער יענע שטימונגען. אין מאמענטן פון פרייד איז פאר אונז די גאנצע וועלט ליכטיק און טוקט זיך אין שמחה, אין די מינוטן פון צער איז די זעלביקע וועלט געוויקלט אין חשכות און מרה-שחורה, און אזוי ווייטער.

אין דער פריוויליקער אילוזיע אנטפלעקט זיך די פרייע פאנטאזיע, וואס גיסט שעפעריש איבער די אויסערלעכע דערשיינונגען אינם פארב פון אונזערע שטימונגען. באנוצנדיק אונזערע שטענדיקע אויסדרוקן, דארפן מיר זאגן, אז אין דער פריוויליקער אילוזיע, אין אט די געשטאלטן פון די שעפערישע אומגעענדערטע אויסערלעכע דערשיינונגען, פערקערפערט עס די פרייע פאנטאזיע געוויסע עמאציאנעלע איבערלעבונגען.

ביי דערוואקסענע מענטשן ווערט די פריוויליקע אילוזיע, אזוי ווי די פרייע פאנטאזיע, פארווישט אדער זיי ווערן אריינגעשמויסן אין דער טיף פון אינטימלעכקייט דורך די אביעקטיוו-ריכטיקע פארשטעלונגען, וואס זיי דאמינירן און זענען דער עיקר אין דעם קאמף פאר אונזער עקזיסטענץ. ביים קינד אבער, ווי מיר האבן שוין אויבן באמערקט, שמעלצן זיך צוזאמען די וועלט פון פאנטאזיעס און די וועלט פון ווירקלעכקייט, וואס שטעלט זיך אים פאר אינם שיין פון זיינע אינעווייניקסטע עמאציעס, און די געשטאלטן פון דער פריוויליקער אילוזיע. און אט דאס לעצטע ווערט פון אונז אונטערזוכט דורך דער מעטאדע פון פריוויליקע אילוזיעס.

ביי אט דער מעטאדע ליגן מיר פאר דעם קינד, עס זאל דערציילן, ווי אזוי עס שטעלט זיך פאר די אדער יענע דערשיינונג פון דער אויסנווייניקסטער וועלט, ווי א שטיינער די וואלקן, דעם וואלד און אזוי ווייטער. אונזערע עקספערימענטן האבן באוויזן, אז די בילדער און געשטאלטן פון דער פריוויליקער אילוזיע שפיג-

לען אין זיך אָפּ, פּונקט ווי די בילדער און געשטאַלטן פון דער פריערער שאַפונג בכלל, די עמאָציאָנעלע איבערלעבונגען, וואָס זענען אין זיי פאַרווירקלעכט געוואָרן. ביי אַט דער מעטאָדע אָבער מוז דאָס קינד, ווי עס איז שוין געווען אָנגעוויזן בנוגע צו די אַנדערע מעטאָדן, וויסן אַקוראַט, וואָס מען וויל פון אים. עס מוזן אויך באַזייטיקט ווערן יענע אויבן אָנגעוויזענע אומשטענדן, וואָס שטערן דער אַנטפּלעקונג פון דער פריוואַטליקער אילוזיע, פּונקט אַזוי ווי זיי האַלטן אָפּ די אַנטפּלעקונג פון דער פריערער פאַנטאַזיע. ווען נישט, קאָן דאָס קינד, פאַרשטייט זיך, געבן אייך אַ טרוקענע באַשרייבונג און גאָר אומשולדיק קאָן ער אַזוי אַריין אין דער קאַטעגאָריע פונם אַזוי גערופענעם „באַשרייבער-טיפּ".

אַט די אַלע אונטערזוכונגס - מעטאָדן דאַרף מען אָנווענדן — ווי מיר האָבן עס געטון ביי אונזערע עקספּערימענטן — אויף צוויי־ערליי אופנים: 1) אין דער פאָרם פון איינצלנע אונטערזוכונגען, ווען איין קינד ווערט אונטערזוכט לויט די פאַרשיידענע מעטאָדן און עס ווערן געגליכן איינע צו די אַנדערע די פאַנטאַזיע - פּראָדוקטן, וואָס ווערן אַרויסגעבראַכט ביי פאַרשיידענע באַדינגונגען; 2) אין דער פאָרם פון מאַסן - אונטערזוכונגען, ווען לויט יעדער מעטאָדע ווערן אונטערזוכט פיל קינדער און עס ווערן דערביי געגליכן די פאַרשיידענע פאַנטאַזיע - פּראָדוקטן, וואָס האָבן זיך אַלע באַקומען ביי איינע און די זעלבע באַדינגונגען.

אַלץ, וואָס איז דאָ געזאָגט געוואָרן וועגן די פאַרשיידענע אונטערזוכונגס - מעטאָדן, וואָס מיר האָבן אויסגעאַרבעט, איז שייך נאָר צום ערשטן מאָמענט, צום אופן צו באַקומען דעם מאַטעריאַל, אַרויסברענגען די אַנטפּלעקונג פון דער פאַנטאַזיע. דער עיקר איז אָבער דער צווייטער מאָמענט, דאָס הייסט דער אופן אויפצופאַסן אָדער אויסצונוצן דעם באַקומענעם מאַטעריאַל. דער צווייטער מאָמענט ליגט אַרויף זיין שטעמפּל אויף איי[illegible]רשטן און ציכנט פאַר אים אָן באַשטימטע וועגן.

3

קינדער-פאַנטאַזיע אַלס שעפערישע שאַפונג

(כאַראַקטעריסטישע קינדער - מעשהלעך)

מיר האָבן געזאָגט: יעדע מעטאָדע צו אונטערזוכן די קינדער - פאַנטאַזיע האָט אין זיך צוויי גרונט - מאָמענטן: 1) ווי אַזוי דעם מאַטעריאַל צו באַקומען, און 2) ווי אַזוי אים אויפצוקלערן און אויסצונוצן. דעם ערשטן מאָמענט — ווי אַזוי די פּראָדוקטן פון דער פאַנטאַזיע אַרויסצוברענגען, האָבן מיר שוין דערקלערט. איצט ווילן מיר אויך קלאָר מאַכן די מעטאָדן, ווי אַזוי דאָס אַרויסגעבראַכטע, דאָס אַרויסבאַקומענע, צו אַנאַליזירן, ווי אַזוי די אַנטפּלעקונגען פון דער פאַנטאַזיע אויפצוטאַסן.

פריער אָבער עטוואָס וועגן דעם גאַנג פון דער עקספּערימענטאַלער אַרבעט גופא, וואָס מיר האָבן דורכגעמאַכט.

אינעם סעמינאַר פאַר קינדער - פּסיכאָלאָגיע און עקספּערימענטאַלער פּעדאַגאָגיק, וואָס איך בין געווען זיין גרינדער און אָנפירער, האָבן מיר מיט די תּלמידים געמאַכט לויט די אָנגעוויזענע מעטאָדן סיסטעמאַטישע אויספאָרשונגען פון דער קינדער-פאַנטאַזיע. די באַקומענע מאַטעריאַלן, די קינדערישע פאַנטאַזיעס, האָבן מיר באַטראַכט ווי די פאַרקערפּערונג פון שעפערישע איבערלעבונגען. נישט די פאָרמעלע אייגנאַרטיקייט פונם שאַפן האָט אונז דאָ אינטערעסירט — דאָס איז ביי אונז געווען דרך - אגב — נאָר דער אינהאַלט גופא. שוין די ערשטע מאַטעריאַלן האָבן אונז באַשיינפּערלעך באַוויזן, אַז אין אַ קינדס פאַנטאַזיע שפּיגלט זיך ריכטיק אָפּ זיין שעפעריש-אינטעלעקטועלע

פערזענלעכקייט. כדי צום מערסטן זיכער צו זיין אין דער אביעקטיווער ריכטיקייט פונם אויסטייטשן און אויפפאסן די פאנטאזיע, האב איך די ארבעט איינגעשטעלט אויף אזא אופן: די מאטעריאלן האבן מיר געקליבן — לויט די אנגעוויזענע מעטאדן — יעדערער באזונדער און זעלבסטשטענדיק. דאס רוב פון מיינע שילער זענען געווען לערערינס און דערציערינס, — אזוינע, וואס מיט קינדער האבן זיי שטענדיק צו טון. די געזאמלטע פאנטאזיעס האט באשריבן דאס אונטערגעזוכטע קינד אליין — אויב דאס קינד האט שוין „די פען אין דער האנט" — אדער דער אונטערזוכער — דער לערער. אויפן זעלבן בויגן איז אויך פארצייכנט געווארן דער נאמען פון קינד, זיין עלטער און דער טאג ווען די אונטערזוכונג איז אויסגעפירט געווארן. דערביי פלעגט מען ביים אנאליזירן האבן נישט ווייניקער פון צוויי פאנטאזיעס. ארויסבאקומענע לויט איינער און דער זעלבער מעטאדע. אין אונזער סעמינאר האט יעדער איינער געלייענט דאס, וואס ער האט געזאמלט און אויפן גרונד פון דער אנאליזירטער פאנטאזיע — און נ א ר אויף אט דעם גרונט (דאס קינד, דער שאפער איז פאר אלעמען געווען אומבאוווסט), האבן מיר פעסטגעשטעלט די סאציאל - קולטורעלע סביבה פונם קינד און דער עיקר דעם מהות פון זיין עמאציאנעלער פערזענלעכקייט. און ערשט נאכן אנאליז, האט אונז דעם קינדס דערציער צוגעשטעלט די נויטיק גענויע ביאגראפישע ידיעות, און אמאל האבן מיר זיך אויך דירעקט באקענט מיטן קינד. אויף אזא אופן האבן מיר פאקטיש געקאנט זיין אויף זיכער, אויף וויפיל אונזער אנאליז איז ריכטיק, אויף וויפיל עס שטימט מיט דער ווירקלעכקייט דער באגריף וועגן דעם קינדס עמאציאנעלע פערזענלעכקייט, וואס מיר האבן באקומען בלויז אויפן גרונט פונם אנאליז. קינדערישע פאנטאזיעס, געקליבענע דורך פארשיידענע מעטאדן, האבן מיר אויף אזא אופן אונטערזוכט. מען דארף זאגן, אז פאר דער גאנצער צייט, וואס מיר האבן געארבעט, האבן מיר נישט באגעגנט קיין קינדערישע פאנטאזיע — אויב זי איז נאר א פ ר י י ע — וואס זאל האבן דעם כאראקטער פון רעפראדוצירן און נאכמאכן, אין

רעם זינען, ווי מיטמאַן וויל עס האָבן. אדרבא, יעדע פאַנטאַזיע — אַן אויסנאַם! — ווייזט אַרויס די באַשטענדיקייט פונעם אַלגעמיינעם געזעץ, אַז יענע עמאָציעס, וואָס זענען דעם קינד אייגנטימלעך, אָדער וואָס עס האָט זיי דורכגעלעבט, אַנטפּלעקן און פאַרקערפּערן זיך אין די געשטאַלטן פון זיין פרייער פאַנטאַזיע, און אַט די געשטאַלטן זוייגן אין זיך אַריין די פיינסטע אייגנטימלעכקייטן, די איידעלסטע זייטן פון די פאַרקערפּערטע איבערגעלעבטע עמאָציעס, וואָס פאַר אַנדערע אונטערזוכונגס-מעטאָדן איז עס אוממעגלעך אויפצונעמען. דאָ זענען אויך נישט קיין אויסנאַם די אָרימע אָדער „בלייכע" פאַנטאַזיעס, וואָס זאָגן טאַקע עדות אויף די אָרימקייט און בלייכקייט פון די עמאָציעס, וואָס ווערן אין זיי נתגלה. פונקט אַזוי ווי די בלאַסע, בלוט-אָרימע פאַנטאַזיע פונעם קינסטלער שפּיגלט אָפּ די בלאַסקייט פון דער פאַרקערפּערטער קינסטלערישער עמאָציע. די לפי-ערך בלייכע און אַזוי ווי פון קאָפּ גענומענע געשטאַלט פון איליאַקע ביי גאָגאָלן רעדט טאַקע וועגן דעם, אַז די עמאָציע, וואָס גאָגאָל האָט דאָ געהאַט אַ כוונה צו פאַרקערפּערן, איז אין עצם בלאַס, פאַר גאָגאָלן נישט אייגנטימלעך, עס איז מער אַ זאַך אַן איינגערעדטע און עס שטעקן דאָ קאָפּ-כוונות.

אין משך פון אונזער אַרבעט האָבן זיך אַחוזערע אַנאַליז-מעטאָדן אַנטוויקלט און פאַרבעסערט. פאַרן צוטרעטן צו דערקלערן אַט די מעטאָדן וועלן מיר ברענגען אייניקע פאַנטאַזיעס פון צוויי קינדער און וועלן זיך דערביי דערווייל באַגנוגענען מיט אַן אויבנאויפיקן אַנאַליז. מיר נעמען דאָ בכיוון געוויינטלעכע קליינע, לפי-ערך „בלייכע" פאַנטאַזיעס, כדי צו באַווייזן קלאָר, אַז אפילו אַט די פאַנטאַזיעס און אפילו ביי אַן אויבנאויפיקן אַנאַליז אַנטפּלעקן אויך די אין זיי באַהאַלטענע עמאָציאָנעלע איבערלעבונגען.

דערציילונגען געזאַמלט דורך סימע יפה לויט דער מעטאָדע פון אומבאַגרענעצטע באַשטעל - דערציילונגען.

יוסף ל. 4 דריי פערטל יאָר. 17 נאָוועמבער 1918, קיעוו. דערציילט איז עס געוואָרן אויף רוסיש. מיר גיבן דאָ די יידישע איבערזעצונג.

,,איז אַמ געווען אַ שׂרפה און איך האָב אָנגעצונדן אַ שוועבעלע און אַלץ איז האָרט פאַרברענט געוואָרן, אַז דאָס הויז פאַרברענט געוואָרן, אַז דער הויף, אַז דער באַלעבאָס פאַרברענט געוואָרן און אַלץ. האָט ער מיך אָנגעהויבן בעטן, איך זאָל שוין פאַרלעשן די שוועבעלע און זאָל שוין אויפהערן די שׂרפה. איך האָב פאַרלאָשן די שוועבעלע, איז נישטאָ קיין שׂרפה. האָט ער מיר געזאָגט: אַ דאַנק יאָסקע, וואָס דו האָסט פאַרלאָשן און אַלץ.

14-טער פעברואַר 1919.

ביי מיר געווען איין שׂרפה. בין איך געפאָרן. האָט פערד גע-פאַלן, און געפאַלן דאָס פאָזשאַרנע - פערד און נאָכדעם האָט עס גענומען דעם מענטשן און אויפגעגעסן.

2-טער מערץ 1919.

איז געווען אַ יינגל. דערנאָך האָט אַ מענטש אים גע-זאָגט, ער זאָל פאָרן אויפן הימל נאָכדעם דאָס יינגל אַהער פון הימל (ווייזט מיט די הענט) נאָכדעם געקומען צו פאָרן צוריק צו זיך אַהיים און נאָכדעם איז ער אַוועקגעפאָרן צו זיך אין... אין.. מ... מאַ... מאַ... מאַמעריקע (אַמעריקע).

7-טער מערץ 1919.

זומער איז צו אונז געקומען צו פאָרן דער טאַטע פון ,,פליען'' און ווינטער איז ער אַוועקגעפאָרן צוריק. דער טאַטע האָט געבראַכט זיינע זאַכן און די זעק האָט ער דאָרט איבער-געלאָזט, און אונז האָט ער גאָרנישט געבראַכט. איך האָב גע-וואָלט, אַז דער טאַטע זאָל בלייבן. און איצטער איז ער אַוועק-געפאָרן ליגט לאַנג אַ דערהרגעטער.

דאָ האָט דאָס קינד צוגעגעבן ,,דאָס איז אַן אמתע''.

דערציילונגען געזאַמלטע דורך ס. יפה לויט דער מעטאָ-דע פון אומבאַגרענעצטע באַשטעל - דערציילונגען.

אידע יש. 4 יאָר 29-טען נאָוועמבער 1918 יאָר.

געווען איינמאָל צוויי קיסערינעס. זיי געווען שיינע שיינע. נאָכדעם איז געקומען צו זיי אַן אָרימאַן און געבעטן אַ קאָפּי-קע און זיי האָבן ניט געגעבן און ניט געגעבן. דערנאָך איז ע-

אוועקגעגאַנגען. דערנאָך האָבן די קינדער געזאָגט: לאָזט אונז אָפּ, דאָס איז אונזער טאַטע.

דערציילט אויף יידיש.

געווען איינמאָל אַ מומע, האָט זי געהאַט צוויי טעכטערלעך. איינמאָל איז די מומע אַרויס אין גאַס און די קינדערלעך זענען געבליבן און ווי די מומע איז אַוועק איז געקומען אַ וואָלף, און די מומע אַוועק מיטן וואָלף און דערנאָך איז די מומע אין דערהיים און געגעבן עסן און געפּאָרן אין פּיעוו קויפן עסן.

געווען אַמאָל אַ קליין אָרים מיידעלע און נאָך אַ גרויסע. זיי האָבן געלעבט איינאיינעם אויפן גאַס. לויפט אַ ווינט אַ שטאַרקער אַ שטאַרקער און נאָך אַ שטאַרקער. זיי איז געווען זייער קאַלט. זיי זענען געווען ניט גוט אָנגעטאָן, און, אָך, זוי עס איז זיי געווען קאַלט. און דערנאָך אַלע קינדער לויפן אַהיים ניבער און דערנאַכדעם אַ זונעלע אָנגעהויבן שיינען, איז געווען וואַרים.

דערציילט אויף רוסיש.

געווען אַמאָל אַ יונגע, יונגע באַרישניע. און זי האָט ניט געהאַט קיין קינדער. זי האָט זייער געוואָלט האָבן קינדער, האָט זי עס געזאָגט גאָט, און ער האָט איר אַ קינד געגעבן. דערנאָך האָט זי זיך מיט איר געשפּילט, זי אַריינגעלייגט אין אַ וואַרים בעטעלע, געגעבן איר מילך. שוין נאַכט. ביינאַכט איז געקומען אַ וואָלף און קלאַפּט, נאָר קיינער האָט אים ניט געעפנט. איז ער אַוועק. אין דער פרי איז אויפגעשטאַנען די מאַמעלע און ס'איז געקומען אַ גאַסט, איז אין שטוב גאָרנישט ניט געווען, איז די מאַמעלע אַוועקגעגאַנגען קויפן. און דאָ איז שוין געקומען דער וואָלף, האָט אויפגעגעסן דאָס מיידעלע. איז געקומען די מאַמע, נישטאָ דאָס טעכטערל, האָט זי געכאַפּט דעם וואָלף, אויפגעשניטן אים דעם בויך און געפונען דאָס מיידעלע און נאָכדעם זענען זיי אַוועקגעפאָרן אויף אַ דאַטשע.

שוין ביים אויבנאויפיקן אַנאַליז פון אָט די פאַנטאַזיעס זעט

מען די אינווייניקסטע איינגאַרטיקע וועלט פון יעדן קינד באַזונ־דער. ביי יוספן האָט איר געשטאַלטן אומגעוויינטלעכע, שטאַרקע, שאַרפע, פינסטער ־ בייזע (אליין געמאַכט אַ שרפה, ווו ס׳איז „אַי דאָס הויז פאַרברענט געוואָרן, אַי דער הויף״, „אַי דער באַלע־באָס פאַרברענט געוואָרן). „באַלעבאָס׳ — איז ביי קינדער אַ באַגריף מיט אַן אומבאַשטימטן אינהאַלט, צום מײַנסטן דאַרף עס אָבער באַדייטן אַ שטאַרקע, אַ מעכטיקע פּערזאָן. אָבער אין דער שרפה, וואָס יוסף האָט געמאַכט, איז „אַי דער באַלעבאָס״ פאַרברענט געוואָרן. דאָ טרעט שאַרף אַרויס דער באַשטימטער עגאָצענטריזם, אומעטום איז קענטיק דער אייגענער „איך״. דער הויפּט - העלד פון דער פאַנטאַזיע איז ער אַליין, יוסף. יוסף מאַכט די שרפה, און דעם פאַרברענטן „באַלעבאָס״ זעען מיר ווייטער אויף דער סצענע מיטן חסד פון יוספן טאַקע (אַט דאָס פרייע האַלטן זיך בנוגע צו פאַקטן אַן לאַנגע מחזקות איז כאַראַקטערים־טיש פאַרן פרייען אומגעצווונגענעם שאַפן פונם קינד פונקט אַזוי ווי עס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דער מיטאָלאָגישער שאַפונג). ער, דער „באַלעבאָס״ אַליין, בעט יאָסקען פאַרלעשן די שרפה און יאָסקע ווייזט מופתים: „פאַרלאָשן די שוועבעלע איז ניטאָ קיין שרפה״ און דער באַלעבאָס דאַנקט אים אַזוי מושבדיק ערנסט: „אַ דאַנק, יאָסקע, וואָס דו האָסט פאַרלאָשן״. אין זיין צווייטער פאַנטאַזיע, דערציילט כמעט אין דריי חדשים אַרום, באַגעגענען מיר ווידער די זעלבע כאַראַקטעריסטישע שטריכן. די געשטאַלטן זענען אומזעווינטלעכע, פינסטער־בייזע, און שאַרף רוקט זיך אַרויס דער אייגענער „איך״. ווייטער אַ שרפה, עס פאַלט דאָס „פאַזשאַרנע״ פערד, וואָס האָט גענומען און אויפגעגעסן אַ מענטשן״, און ער, יאָסקע פאַרט אַזוי גרולדיק אויף דער שרפה און בלייבט אומגערירט. אין דער דריטער פאַנטאַזיע האָבן מיר פאַר זיך ווייטער געשטאַלטן אומגעווינטלעכע, ווייטע, וואָס ציען און רופן ערגעץ, ווער ווייסט וווהין, און די גאַנצע פאַנטאַזיע איז פול מיט ניט ־ איינגעהאַלטענעם אימפּעט, מיט אומרויקע באַוועגונגען פון אַ צאַפּלדיקער נשמה.

די אַלע דריי פאַנטאַזיעס ביי פאַרשידענע צייטן און ביי

פאַרשיידענע אומשטענדן דערצייל‏ט, זענען אינעווייניק צוזאַמענגעפּונדן דורך דער אייגהייטלעכער עמאָציאָנעלער נאַטור, וואָס איז אין זיי פאַרקערפּערט — אין זיי אַלע אַנטפּלעקט זיך איין עמאָציאָנעלע נאַטור. וואָס איז אומרויִק־שטורמיש איז שוין אַזוי ווי אָנגעבראָכן, אַן גלייכגעוויכט, און בייז - כמורע אָנגערוקט..

צי שלאָגט אָט־אָ דער האַסטיקער עמאָציאָנעלער קוואַל פונם אינעווייניקסטן נשמה - באָדן (ירושה - אייגנשאַפטן), פון וועלכער עס איז מחלה, טעמפּעראַמענט אָדער פין דער אַרומיקער אומגינסטיקער סביבה?

די פינסטער ־ בייזע באַציונג פונם קינד צום אָרום, די צעשטערונגס - טענדענצן מיטן אַרויסרוקן דעם אייגענעם „איך", דאָס נישט פאַרמאָגן אין דער פאַנטאַזיע קיינע קינדישע ליכטיקע געשטאַלטן, — דאָס אַלץ זאָגט עדות הן אויפן חושכדיקן אָרום פונם קינד, הן אויף די איינגעבאָרענע אייגנשאַפטן פון אַן אומרויִקער נאַטור.

די שפּעטער דערציילטע פערטע פאַנטאַזיע ווייזט אונז ווירקלעך אָן, אַז דאָס פיר ־ יאָריקע קינד האָט שוין איבערגעלעבט דעם פאָטערס טויט, דערביי געדענקט דאָס קינד, אַז דער טאַטע „האָט אונז גאָרנישט געבראַכט", און עס פאַרגעסט עס נישט דעם פאַרשטאָרבענעם טאַטן. אויפן פערטן יאָר פון זיין לעבן איז, הייסט עס, דאָס קינד אַ יתום געבליבן. אָט דער פאַקט רעדט וועגן אַ שווערער לעבן, וואָס איז אָנגעשטאַנען פאַרן פיר־יאָריקן קינד. כאַראַקטעריסטיש איז דאָ די באַמערקונג פונם קינד גופא צו דער פערטער פאַנטאַזיע: „דאָס איז אַן אמתע". צו פיר יאָר ווייסט שוין דאָס קינד און שטרייכט אונטער דעם חילוק צווישן „אמתע" און „פאַנטאַזיע", צווישן „וואָרהייט און דיכטונג".

קינדער, אָפּגעהיטע, באַפרייטע פון דאגות, קאָנען זיך פריי לעבן אין דער וועלט פון זייערע דמיונות, וואָס גיסן זיך ביי זיי צוזאַמען מיט דער ווירקלעכקייט. קינדער אָבער פאַריתומטע, פאַרוואָרלאָזטע פילן באַלד דעם גרויסן - ריס צווישן „לעבן" און „דמיון". דאָס ערשטע שלאָגט דאָס צווייטע אויף שריט און

טריט. דער פּיר־יאָריקער יאָסקע איז שוין געווען ניכטער און זאָגט: „דאָס איז אַן אמתע״.

די ידיעות, וואָס עס האָט אונדז געגעבן דעם קינדס דערציִער פון אים און פון זיין לעבן, האָבן דערכּוים באַוויזן די ריכטיקייט פון דעם בילד, וואָס מיר האָבן זיך געווען אויפגעשטעלט ווענן זיין עמאָציאָנעלער פּערזענלעכקייט לויט אַנאַליז פון זיינע פאַנטאַזיעס.

גאַנץ אַנדערש איז עס מיט אידען. פון אירע אַלע פאַנטאַזיעס שלאָגט עס אָפּ מיט גליקלעכן פאַמיליען - לעבן, מיט דעם ליכטיקן אויג פון אַ מאַמען. עס איז דאָרט פאַרקערפּערט די צאַרטע ליבע צו דער מאַמען און דער צוטרוי צו אירע כּוחות. „און ווי די מאַמע איז אַוועק, איז געקומען דער וואָלף, האָט אויפגעגעסן דאָס מיידעלע״. קומט אָבער צוריק די מאַמע — און גיך און גרינג ווערט דאָס מיידעלע געראַטעוועט, און אַלע אירע באַגערן ווערן אויסגעפירט. אַזוי ווערט אויך אין די פאַנטאַזיעס פאַרקערפּערט די ליבע צו קינדער. שוין אין דער ערשטער פאַנטאַזיע שפּילן די קינדער אומת אַן אומפאַרשטענדלעכע, אָבער, אַ פּנים, זייער אַ שיינע און גוטע ראָלע, וואָס איז אויך געבונדן מיט דער ליבע צום פאָטער. אין דער פערטער פאַנטאַזיע איז די ליבע צו קינדער פאַרקערפּערט געוואָרן אין רייכע ליכטיקע געשטאַלטן און עס פילט זיך די וואַרעמקייט פון אַ צאַרטער נשמה. אויך אין דער דריטער פאַנטאַזיע ווייזט זיך אַרויס אין העלע געשטאַלטן איר־דעם מיטלייד און מיטגעפיל און איר צאַרטע ליבע צו קינדער. אין אירע לעצטע צוויי פאַנטאַזיעס איז צו באַמערקן אין איר ליבע צו קינדער אַ באַשטימטער ניואַנס פון מוטערלעכקייט: איר פאַרזאָרגטקייט, וואָס די קינדער איז קאַלט (דריטע פאַנטאַזיע), דאָס באַגערן פון דער „באַרישניע״ צו האָבן אַ קינד, וואָס מאַכט גיט איר, דאָס אַרומשרייבן ווייך און צאַרט, ווי די מאַמע גיט אַכטונג אויפן קינד. אַ גרויסע ליבשאַפט פילט זיך אויך צו „היים״ און היימלעכקייט, דאָס דריקט זיך אויך אויס אין אַ נאַאיווער ווירטשאַפטלעכקייט. דאָס אַלץ גיט אַ קאָמפּלעקס פון ווירטשאַפטלעך - מוטערלעכע עמאָציאָנעלע איבערלעבונגען, וואָס לויט אונ-

ערע עקספּערימענטן קומט ער אויף — אמת אינדיווידואַליזירט — ביי די מיידלעך זייער פרי. בכלל האָבן מיר אין אידעס פאַנטאַזיעס (פּונקט פאַרקערט, ווי אין יוספּס) געשטאַלטן רויקע, ליכטיקע, קינדיש - אידילישע. אַזעלכע זענען אַפילו די געשטאַלטן, וואָס זי נעמט פון די געהערטע מעשהלעך; דאָס קינד, הייסט עס, נעמט פון דאָס פרעמדע בלויז דאָס, וואָס עס איז צוגעפּאַסט צו זיינע עמאָציאָנעלע איבערלעבונגען (דער פּרינציפּ פון אויסוואַל ביים איבערנעמען). פּונקט פאַרקערט פון יאָסקעס שאַרפן סובּיעקטיוויזם — זענען אידעס געשטאַלטן דורכויס אָביעקטיווע, זי אַליין פיגורירט בכלל נישט אין אירע פאַנטאַזיעס. דאָ האָבן מיר די אָביעקטיווקייט פון אַ גייסט, וואָס איז רויק און לייטזעליק. אידעס מעשיות לאָזן זיך אויס מיט אַ גליקלעכן סוף. אויף אַזאַ אופן זענען אויך אידעס אַלע פאַנטאַזיעס דורכגעוועבט מיט דער איינהייטלעכקייט פון דער אין זיי פאַרקערפּערטער עמאָציאָנעלער נאַטור, וואָס אין איר גרונט ליגט דער קאָמפּלעקס פון ווירטשאַפטלעך - מוטערלעכע באַשטרעבונגען. אויך אָט די כאַראַקטעריסטיק, ווי אַלע אַנדערע, אַרויסבאַקומענע דורך אונזער אַנאַליז, האָט זיך אין גאַנצן באַשטעטיקט דורך די ידיעות, וואָס מיר האָבן שפּעטער באַקומען פון אידעס דערציער. און כאַראַקטעריסטיש איז דאָ איין קלייניקער פּרט: פון אירע פאַנטאַזיעס האָבן מיר אַרויסגעדרונגען, אַז אידען קומט - אויס צו ליידן דערפון, וואָס די מאַמע איז אָפט אין דערהיים נישטאָ, וואָרום אַזעלכע עמאָציאָנעלע איבערלעבונגען, וואָס זענען מיט דעם פאַקט געפּונדן, ווערן ביי איר פאַרקערפּערט אין קלאָרע געשטאַלטן: די מאַמע גייט אַוועק — קומט דאָס בייזע טרעפּעניש, די מאַמע קומט צוריק — און אַלדאָס ביז פאַרשווינדט. לאָזט זיך אויס, אַז אידעס מאַמע איז אַ גאַנצן טאָג פאַרנומען אויסער דער היים, דאָס קינד בלייבט אַליין און ליידט דערפון אָפט. לייד און פרייד פונם קינד, אַלע זיינע אינטימע איבערלעבונגען, שטימונגען און באַשטרעבונגען שפּיגלען זיך אין גאַנצן אָפּ אין זיינע פאַנטאַזיעס.

און ווען מיר הערן דאָ פון דעם ווירטשאַפטלעך - מוטער-

לעבן קאָמפּלעקס, מוזן מיר האָבן אין אויג דעם געזעץ, וואָס מיר האָבן איינגעשטעלט אין אונזערע עקספּערימענטן און וואָס ער איז שייך צו עמאָציאָנעלע קאָמפּלעקסן בכלל. לויט אָט דעם געזעץ קומט קיין עמאָציע נישט אויף איינם באַוווסטזיין איזאָלירט, אין איר ריינער געשטאַלט: יעדע עמאָציע רוקט אַרויס אַ גאַנצע רייע אַנדערע, מיט איר אָרגאַניש געבונדענע עמאָציאָנעלע איבערלעבונגען. איינם באַוווסטזיין ווערט די עמאָציע צוזאַמענגעפלאָכטן מיט נאָך עמאָציאָנעלע דערשיינונגען, וואָס זענען מיט איר באַהעפט. ווען דאָס אָדער יענס געפיל באַהערשט דעם מענטשן, איז אָט דאָס געפיל נישט דאָס איינציקסטע, נישט דער „חן - יחידי", עס האָט נאָר די אויבערהאַנט איינם קאָמפּלעקס פון די מיט דעם געבונדענע עמאָציאָנעלע איבערלעבונגען, דערביי ווערט אָט דאָס געפיל, אָט דער גרונט - טאָן פונם עמאָציאָנעלן לעבן, מאָדיפיצירט דורך די איבעריקע עמאָציאָנעלע דערשיינונגען, וואָס באַגלייטן דאָס. די אַלע עמאָציאָנעלע איבערלעבונגען, וואָס זענען געבונדן מיט מוטערלעכקייט, מאָדיפיצירן און גיבן באַשטימטע ניואַנסן דער צערטלעכקייט פון דער מוטער - פרוי. מיט געוויסע באַגרענצונגען און מיט באַזונדערער פאָרזיכטיקייט קאָנען מיר אָננעמען אָטאַ ווייניגערס מיינונג, וואָס טיילט - איין די פרויען אין צוויי טיפּן: פרוי - מוטער און פרוי - זונה, דאָ איז געשטעלט געוואָרן אַ כלל צו חריסט און צו בריט. פון אונזערע פילצאָליקע עקספּערימענטן האָבן מיר בלויז געזען, אַז איינם עמאָציאָנעלן לעבן פון די איינע — מיר רעדן דאָ וועגן מיידלעך — ווייזט זיך שוין פון דער פריער קינדהייט אַרויס דער ווירטשאַפטלעך - מוטערלעכער קאָמפּלעקס, און איינם עמאָציאָנעלן לעבן פון די אַנדערע טיילט זיך אויס — מיר וואָלטן עס אָנגערופן דער קאָקעט - שפּילעוודיקער קאָמפּלעקס. עס באַגעגענען זיך אָבער אויך געמישטע טיפּן און אַ גאַנצע רייע איבערגאַנגסשטופן. דאָ וועלן מיר זיך באַגעגענען מיט איין ביישפּיל פונם צווייטן טיפּ (האַרעליק), וואָס מיר וועלן דאָ אונטן ברענגען.

יאַסקע און אידע, קינדער פון איין עלטער, ווייזן אונז אין זייער מהות צוויי עמאָציאָנעלע קינדער - טיפּן: דעם אומהאַרמאָ-

ניש ביז - פינסטערן און דעם הארמאָניש - ליכטיקן. אונזערע עקספערימענטן האָבן געוויזן, אַז דאָס זענען די גרונט - טיפּן פון די עמאָציאָנעלע קינדער - נאַטורן. אויך אין דער פריער שאַפונג פון דערוואַקסענע, איבערהויפּט פון דיכטער, אַנטפּלעקן זיך אָט די צוויי גרונט - טיפּן: דער אומהארמאָנישער, ביז - פינסטערער און דער הארמאָניש - ליכטיקער. בייראָן און געטע, פּושקין און לערמאָנטאָוו — דאָס זענען קלאַסישע ביישפּילן פון אָט די צוויי טיפּן עמאָציאָנעלע נאַטורן.

מיר זעען דאָ וואָס - פאַר - אַ ראָלע עס קאָן שפּילן אונזער מעטאָדע ביים קלאַסיפיצירן די קינדער - כאַראַקטערן.

מיר ברענגען דאָ די פאַנטאַזיעס פון צוויי שוין עלטערע מיידלעך, וואָס געהערן אויך צו די אויבנאָנגעוויזענע פאַרשיי-דענע גרונט - טיפּן עמאָציאָנעלע נאַטורן, — מיט דעם חילוק נאָר, וואָס ביי הארעליקן — נישט אַזוי ווי ביי אידען — דאָמי-נירט דער קאָקעט - שפּילעוודיקער קאָמפּלעקס.

דערציילונג, געזאַמלט דורך ש. גרינשפּון, לויט דער מע-טאָדע פון אומבאַגרענעצטע באַשטעל-דערציילונגען.

פורמ... 7 אַ האַלב יאָר.

1)*) געווען אַמאָל אַ קיסר און אַ קיסרינע. האָבן זיי געהאַ: אַ קליין מיידעלע. זאָגט דער קיסר: פיר אָפּ דאָס מיידעלע אין וואַלד. ביי זיי איז געווען אַ יונגל. האָט דאָס יונגל גענומען אַ שטריק און איז אַוועק מיט איר אין וואַלד און האָט געוואָלט צובינדן צו אַ בוים דאָס מיידעלע. איז האָט זי אַנטגעהויבן שטעלן זיך אויף די קניען און האָט געבעטן: לאָז מיך אָפּ, ער האָט זי אונטערגעשטעלט ביים בוים און איז אַליין אַנטלאָפן. ער איז געקומען א היים און זאָגט: „איך האָב ז' שוין פאַר-פירט אין וואַלד און צוגעבונדן צו אַ בוים מיט אַ שטריק". און דאָס מיידעלע יויינט, וויינט, זעט זי, דאָרט גייט אַן אַל-טיטשקע און פרעגט: „וואָס וויינסטו?" — „מיך האָט אַ יונגל פאַרפירט אין וואַלד, אונטערגעשטעלט ביים בוים", און די אַל-

*) דערציילט אויף רוסיש.

טיטשקע האָט זי גענומען און אָפּגעפירט צו זיך אַהיים.

---

2. געווען אַמאָל אַ קיסר און אַ קיסרינע. זיי האָבן געהאַט אַ זון. איינמאָל זאָגט די קיסרינע: „קום, מיר וועלן זיך שפּאַצירן גיין. ("מיר וועלן זיך ערגעץ באַהאַלטן"). זי האָט געבוירן אַ שלעכטע טאָכטער און זי איז אַנטלאָפן. און דער זון איז אַנטלאָפן צו דער לבנהס שוועסטער. דער זון איז אַזוי לאַנג נישט געווען. שוין צען יאָר אַוועק און ער איז נישטאָ. ער זאָגט: „איך וועל גיין אַהיים, וועל איך אַ קוק טון, וואָס דאָרט טוט זיך". און דאָרט איז געזעסן אַ מכשפה און האָט געשפּילט אויף אַ גיטאַרע. איז אַרויסגעלאָפן אַ מיידעלע און זאָגט: „גיב די גיטאַרע" זי האָט גענומען די גיטאַרע און איז אַנטלאָפן. אויף אַ וואָגן זיך געזעצט און איז אַוועקגעפאָרן. דאָרט איז אַ באַרג, אַ גרויסער באַרג. דערנאָך האָט זי געזאָגט דעם זון: „קום, איך וועל דיך אַפּוואַשן" — און האָט אים אויפגעגעסן.

נישט פאַרטיפט אין קיין גענויען אַנאַליז, זעען מיר אָבער קלאָר, אַז אין די ביידע פאַנטאַזיעס פאַרקערפּערן די געשטאַלטן פון - פינסטערע עמאָציאָנעלע איבערלעבונגען. דערביי באַמערקט זיך (באַזונדערס אין דער צווייטער דערציילונג) אַ מין פינסטערער פּלאַנעטער, וואָס זאָגט עדות וועגן אַ טיפן בראָך אין דער קינדערישער נשמה. אויסער דעם, ווייזן די דערציילונגען, אַז די נשמה - טראַגעדיע איז פאַרבונדן מיט דער אַרומיקער סביבה, וואָס דריקט און באַשווערט און איז פיינטלעך. די ביאָגראַפישע ידיעות און די דירעקטע נאָענטסטע באַקאַנטשאַפט מיטן קינד און מיט זיין אַרט לעבן האָבן פולקאָם איינגעשטימט מיט אַלץ, וואָס מיר האָבן אַרויסגעבראַכט דורך אונזער אַנאַליז.

האַרעלעק 7 אַ האַלב יאָר

1)*) אַמאָל איז אַ מיידעלע אַוועק זיך פון דער היים

---

*) דערציילט אויף רוסיש.

שפּאַצירן. באַגעגנט זי אַ גרויסן, אַ גרויסן ריז. ער זאָגט: „קום מיט מיר". זאָגט זי: „איך האָב פאַר דיר מורא. די מאַמע האָט מיר נישט געהייסן צוגיין". זאָגט ער: „איך וועל דיך אָפּפירן אַהיים, האָב נישט קיין מורא". זי איז אַוועק מיט אים אין וואַלד. ער זאָגט: „רייס אָן שוועמלעך, נישט האָב קיין מורא". — „רייס אַליין אָן, מיר טוען די הענט וויי". — „נו טאָ קום, איך וועל דיך אָפּפירן אַהיים". איז ער מיט איר אַוועקגעגאַנגען. האָבן זיי באַגעגנט נאָך אַ מיידעלע... (די מעשה רייסט זיך איבער, ווייל מען האָט אין מיטן איבערגעשלאָגן).

---

2) דער ווינטער און דער פרילינג.

עס שטרייט דער ווינטער, דער פרילינג און די זון. דער פרילינג זאָגט: ווינטער, גיי אַוועק. דו האָסט אָנגעמוטשעט מענטשן מיטן פראָסט. גענוג שוין מוטשען מענטשן און גוטע חיות. דער ווינטער זאָגט: „ניין, איך וועל נישט אַוועקגיין". האָט גענומען שניי און באַשאָטן דעם פרילינג. די זון האָט מיט די הענט (ס'הייסט מיט די שטראַלן) אָנגעהויבן פאַרטרייבן דעם שניי, און דער שניי איז צעגאַנגען. און דערנאָך האָבן זון מיטן פרילינג אַרויסגעטריבן דעם ווינטער.

און אָט די דערציילונגען שפּיגלט זיך קלאָר אָפּ די שטיפּעריש־ליכטיקע נאַטור פונם קינד, דערביי פון דער ערשטער דערציילונג קוקט אַרויס דער קאָקעט - שפּילעוודיקער קאָמפּלעקס. און קיין פרטים פון גענויעם אַנאַליז וועלן מיר דאָ נישט אַריין.

איך האָב שוין געזאָגט, אַז כדי צו זיין זיכער אין דער אָביעקטיווער ריכטיקייט פון אונדזער אַנאַליז, פלעגן מיר נעמען פאַנטאַזיעס פון קינדער, וואָס זענען דער אווידיטאָריע געווען אומבאַקאַנט. צוליב דעם זעלבן צוועק, צוליב קאָנטראָלירן די ריכטיקייט פון אונדזער מעטאָדע האָבן מיר אין אונדזער סעמינאַר־אַרבעט צייטנווייז אויסגענוצט נאָך אַזאַ מיטל: מיר האָבן דעם סעמינאַר פריער באַקענט מיטן מהות פון פאַרשיידענע קינדער, און נאָכדעם האָבן מיר געלייענט זייערע פאַנטאַזיע - שאַפונגען, נישט

אָנצורופן דערביי דעם שאַפער, דעם אויטאָר, און האָבן פאַרגעליינט דעם סעמינאַר אויפן גרונט פון אונזער מעטאָדע צו באַשטימען, וועמען פון די כאַראַקטעריזירטע קינדער געהערן וועלכע מעשיות. אויך אַט די עקספּערימענטן האָבן באַשטעטיקט די ריכטיקייט פון אונזער מעטאָדע. איך וועל זיך דאָ דערלויבן ברענגען די כאַראַקטעריסטיק פון צוויי יינגלעך און נאָכדעם וועל איך איבערגעבן זייערע פאַנטאַזיעס, נישט צו באַצייכענען דערביי דעם נאָמען פונם אויטאָר. און זאָל דער לייענער אַליין באַשליסן — וועמען עס געהערט.

אַט די צוויי יינגלעך — ברידער, דערצויגענע ביי זייערע עלטערן אין גלייכע באַדינגונגען, — האָבן זיך אָבער אונטערגעשיידעט איינער פונם אַנדערן מיט זייערע כאַראַקטערן און פערזענלעכע אייגנטימלעכקייטן. מישע, אַ יינגל פון אַ יאָר זעקס, איז אַנטוויקלט האַרמאָניש סיי פיזיש, סיי גייסטיק. אַ בליענדיקער, אַ פרישער, מיט ליכטיקע אויגן, האָט ער די גלייכמעסיקע אַנטוויקלונג פון זיינע פיזישע און גייסטיקע פעיקייטן. מילד, צערטלעך — איז ער אָבער אויך פול מיט קינדיש-שפּילעוודיקער העזהדיקער דרייסטקייט. צאַרט, צייטנווייז פאַרחלומט, איז ער לעבנסלוסטיק, רירעוודיק און שטיפעריש. זיין ברודער באָריע, וואָס איז מיט אַ יאָר עלטער פון אים, ליידט פון אַ באַשטימטער מחלה (עקסודאַטיווע דיאַטעז). אַ בלייכער, אַ דאַרער, מיט שוואַרצע רעדער אונטער די אויגן, איז ער נערוועז, ווערט אויפגערעגט, צייטנווייז איז ער שטורמיש-העפטיק אין זיינע שטיפעריין. אין זיין פאַרהאַלטן זיך צו זיינע חברים, צו דערוואַקסענע, איז אָפט צו באַמערקן אַ פאַרביסנקייט, שטענדיק איז ער נוטה „אָפּצוטון אַ שפּיצל". אָבער גוט דערצויגן, איז באָריע פאַרט אין אַ געוויסער מאָס דיסציפּלינירט און קאָן זיך צווימען אין זיין שטורמישער העפטיקייט.

איצט וועלן מיר ברענגען די פאַנטאַזיעס פון אַט די קינדער, געזאַמלט לויט דער מעטאָדע פון אומבאַגרענעצטע באַשטעל-דערציילונגען, — און זאָל דער לעזער אַליין זאָגן, וועמען געהערט. זאָלן מיר זיך אָן איבעריק מאָל איבערצייגן, אַז די פאַנטאַזיע וויקלט אין זיך דאָס עמאָציאָנעלע לעבן פון דער פערזענלעכ-

קייט און איז נישט בלויז „רעפראדוקטיוו נאכמאכעריש“.

---

1. *) געווען אמאל א יינגל. ער האט זייער ליב געהאט ארומצוגיין שפאצירן און באזונדער האט ער ליב געהאט צו גליטשן זיך אויף „קאנקעס“ — ביז שפעט אין דער נאכט. אז ער איז געקומען אהיים, האבן אים די עלטערן געשלאגן. איז דאס יינגל אין כעס געווארן און איז אנטלאפן פון דער היים. דאס יינגל איז אוועקגעפארן מיטן צוג קיין קיעוו. אבער אויפן וועג האט ער זיך דערוווסט, אז דער צוג גייט אויף דער מלחמה. דאס יינגל איז אין דער גיך אראפגעשפרונגען אויפן וואקזאל אין באכמאטש און איז אוועקגעפארן מיט אן אנדער צוג קיין קיעוו. דארט האט ער „גולאיעט“ (געהוליעט) „גולאייעט“, „גולאיעט“. די עלטערן האבן אים געזוכט, האבן זיך דערוווסט און זענען געקומען קיין קיעוו. דאס יינגל האט די עלטערן געפירט אזוי אין א „בודקע“, און דארטן האבן זיי גזלנים דערהרגעט. דעמאלט האט מען דעם יינגל געכאפט און מען האט אים דערפאר דערהרגעט.

2) אמאל איז געווען א זיידע מיט א באבע. האבן זיי נישט געהאט קיין קינדער. וואס זשע טוט מען? זענען זיי אוועק אין וואלד, האבן זיך געמאכט א יינגעלע פון שניי. די זון איז אויפגעגאנגען — דער שניי איז צעגאנגען און דאס יינגעלע איז ארויסגעשפרונגען. דאס יינגעלע האט זיך געשפילט אין וואלד. פלוצים זענען אויף אים אנגעפאלן וועלף. דאס יינגל האט גענומען א שטעקן און האט זיי אוועקגעטריבן. האבן די וועלף אנגעהויבן וואיען. דאס יינגל האט אוועקגעווארפן דעם שטעקן, כדי צו פארשטעלן די אויערן, און די וועלף זענען דעמאלט בכיוון ווידער אנגעפאלן. דאס יינגל האט געכאפט דעם שטעקן און האט זיי דערהרגעט. איז געקומען א ליב, א גרויסער, א שיינער, א שיינער... דאס יינגעלע שפילט זיך מיט אים, און איינע די אנדערע האבן זיך אזוי ליב באקומען. דאס יינגעלע איז אוועק

---

*) דערציילט אויף רוסיש.

מיטן לייב אין שטאָט, און דאָרט זענען מענטשן אָנגעפאַלן אויף אים דעם לייב. דעם יינגל איז געוואָרן א בזיון, האָט ער זיך גע-שטעלט אויף צו פריער (דאָס קינד שטעלט אויס דערביי די פיס און די הענט, מאָלט אויס דאָס האַלטן זיך פונם יינגעלע, וואָס פאַרטיידיקט דעם לייב) און האָט זיך אַזוי איינגעשטעלט פאַרן לייב. דערנאָך איז ער מיט אים אוועק אַהיים, האָט אים מכבד געווען מיט ביר, איז עס איבערן באָרד גערונען און אין מויל ניט אָנגעקומען.

ווי געזאָגט, ווערן די קינדער דערציִיגן ביי אַלץ אייגנע אומ-שטענדן, לייענען און הערן אפילו די זעלביקע מעשהלעך. אָבער יעדער נעמט פון דאָרטן בלויז די געשטאַלטן, וואָס פאַסטן זיך בעסער זיין עמאָציאָנעלער פערזענלעכקייט. די געשטאַלטן ענדערט דאָס קינד אום און קאָמבינירט זיי אויף זיין אייגענעם שטייגער. עס ווירקט באַשטימט דער פרינציפ פון אויסוואַל ביים איבערנעמען און נאָכמאַכן.

4

אויפקלערונגס-פרינציפן פון דער קינדער-פאנטאזיע

אויב דער אויבנאויפיקער אנאליז האט באוויזן, אז די פרייע פאנטאזיע איז שטענדיק די פארקערפערונג פון דער עמאציאנעלער פערזענלעכקייט, האט דער מער געניטער און טיפערער אנאליז אין די ווייטערדיקע עקספערימענטאלע אונטערזוכונגען אויפגעדעקט דעם אינעווייניקסטן מעכאניזם, די וועגן און מיטלען, וואס עס פארמאגט די פאנטאזיע ביי איר פארקערפערן די עמאציעס*). און דא באקומען מיר די פאלגנדיקע פרינציפן, לויט וועלכע מיר דארפן אנאליזירן די פאנטאזיע.

---

*) אונזערע פארשונגען אונטערשיידן זיך פון פסיכאאנאליז מעטאדיש און אינהאלטלעך. ווען דער פסיכא-אנאליז זוכט ארויסצוטייטשן „פארבארגענע" מאטיוון און איגנארירט די אוממיטלבארע דערפארונג, האלטן מיר זיך אויך דא אין דער פאנטאזיע-פארשונג ביים „אפענעם" אינהאלט אין איינשטימונג מיט דער אינערלעכער דערפארונג. ווען לויט דעם פסיכא-אנאליז דאמינירן ביים מענטשן בלויז אומבאוווסטע פרימיטיווע אינסטינקטן, זענען לויט אונזער פארשונג די פאנטאזיע און די דורך איר פארקערפערטע געפילן פילגעשטאלטיק, וואס האבן צוזאמען מיט פרימיטיווע אינסטינקטן אויך אורשפרינגלעך שעפערישע אינטימע כחות. אט די אינטימע שעפערישע כחות בילדן עס גראד דאס אייגנטלעך מענטשלעכע, זיך פארויס אנטוויקלענדיקע, וועזן. די פארשונג פון קינדער-פאנטאזיע שטיצט אזוי ארום און דערגענצט ארגאניש די אויבנבאשריבענע פארשונג פון חלום און שפיל (זע אויבן 1טער טייל, קאפ. 4 און 2-טער טייל, קאפ. 5).

1. דער אויסוואַל פון די געשטאַלטן. דאָס איז אין אַ געוויסער מאָס דער ערשטער טריט, דער ערשטער אַקט אויפן שעפערישן וועג פון דער פאַנטאַזיע. נישט „איבערגעחזרט" ווערט דאָס דורכגעלעבטע, נאָר פונם פריער איבערגעלעבטן ווערן אויסגעקליבן בילדער און געשטאַלטן, צוגעפאַסטע צו דער עמאָציע, וואָס רופט אַרויס די שאַפונג. שוין אַט דער אויסוואַל אַליין כאַראַקטעריזירט די פאַנטאַזיע. יעדער געשטאַלט גופא פאַרמאָגט אַן עמאָציאָנעל-ספעציפישן אינהאַלט. אויך ביי דערוואַקסענע, דערהויפט ביי דיכטער, כאַראַקטעריזירט שוין דער אויסוואַל פונם סיוזשעט, פונם אַרום, פון די העלדן, די ריכטונג פון זייער עמאָציאָנעלן שאַפן. גאָגאָלס „טויטע נפשות" און „רעוויזאָר" — צי איז שוין פאַר זיי נישט כאַראַקטעריסטיש דער אויסוואַל פון די געשטאַלטן? אויך אין די אויבן געבראַכטע פאַנטאַזיעס האָבן מיר ביי דעם נישט שטאַנדהאַפטיק-אומרויקן יאַסקען — אַן אויסוואַל פון געשטאַלטן שטאַרקע, אומגעוויינטליכע, ווייטע, אָנגערוקט-טונקעלע, און ביי דער האַרמאָניש-ליכטיקער אידען — אַן אויסוואַל פון געשטאַלטן ליכטיקע, אידיילישע. יעדע עמאָציע געפינט זיך איר אויסדרוק אין באַשטימטע געשטאַלטן, און דעריבער כאַראַקטעריזירט דער געשטאַלטן-אויסוואַל די עמאָציאָנעלע פערזענלעכקייט, וואָס איז אין דער פאַנטאַזיע פאַרווירקלעכט.

2. די קאָמבינאַציע פון געשטאַלטן (די קאָמפּאָזיציע). די געשטאַלטן דריקן אויס דעם עמאָציאָנעלן מהות נישט בלויז דורך זייער אינהאַלט, נאָר אויך דורך דער אָרט, ווי אַזוי זיי ווערן איינגעשטעלט: צי זענען זיי האַרמאָניש צוזאַמענגעשטעלט אָדער אין דער שייכות צווישן זיי איז צו מערקן אַ דיסאָנאַנס; זענען זיי צוזאַמענגעבונדן נאַטירלעך אָדער אומנאַטירלעך; פליסן זיי רויק-נאָרמאַל, אָדער שטורמיש-העפטיק; שטייגן זיי אין דער הייך אָדער זיי נידערן אַראָפּ לויט דער קראַפט און אינטענסיווקייט פון די עמאָציאָנעלע איבערלעבונגען, וואָס זיי פאַרבאַהאַלטן אין זיך; צי זענען די געשטאַלטן איינע די אַנדערע ממלא, ברענגען איינע די צווייטע צו גלייכגעוויכט, פאַרשטאַרקן, אָדער פאַרקערט, — דאָס אַלץ באַשטימט דעם עמאָציאָנעלן צו-

שטאַנד. אַמאָל זענען די געשטאַלטן גופא אַזוי ווי נייטראַלע. קומט אָבער האַרמאָניע אָדער דיסאָנאַנס, געוויסע מיני אויפשטעלן די געשטאַלטן — און אָט דאָס, דער סדר, אָט די שייכות דריקט אויס אַ באַשטימטן עמאָציאָנעלן צושטאַנד. די געשטאַלטן - איינאָרדנונג פילט-אָן מיט געוויסן אינהאַלט די געשטאַלטן גופא.

3. די לירישע באַפאַרבונג. די געשטאַלטן דריקן ניט אויס שטענדיק די עמאָציעס אָביעקטיוו דורך זייער אינהאַלט אָדער דורכן סדר, ווי אַזוי זיי זענען אויפגעשטעלט. גאַנץ אָפט ווערן זיי נאָך דערפילט אָדער אינגאַנצן אָנגעפילט דורך אַ סוביעקטיווער באַפאַרבונג. לויט זייער אייגענעם אינהאַלט גופא, שוין צוגעגעבן אָהער אויך זייער צוזאַמענהאַנג, זייער סדר, — פאַרקערפערן די אויסגעווילטע געשטאַלטן נישט גענוג די עמאָציע, וואָס זוכט זיי נאָך דערפאַר צו „באַפאַרבן". די לירישע באַפאַרבונג קאָן קומען אויף פאַרשידענערליי אופנים. אַמאָל דינט דערצו דער עפיטעט, וואָס באַגלייט די געשטאַלט, ווי צום ביישפיל: „אַ שרעקלעכער, אַזאַ שרעקלעכער דונער". אָפט האָבן מיר די לירישע באַפאַרבונג דורכן איבערחזרן דאָס וואָרט אין באַנוצן עס אין זיין צערטלעכער פאָרם. „זיי זענען געווען שיינע, שיינע (אידעס ערשטע פאַנטאַזיע), אָדער אין אידעס באַשרייבונג די השגחה איבערן קינד: „דערנאָך האָט זי זיך מיט איר געשפילט, זי אַריינגעלייגט אין אַ וואַרעם בעטעלע".

מיר מיינען, פאַרשטייט זיך, נישט אויסשעפן אַלע וועגן פון לירישער באַפאַרבונג. די מעשה איז, וואָס דער חשבון פירט זיך דאָ אפילו נישט באַוווסטזיניק.

4. דער לירישער אויסדרוק. כדי די געשטאַלטן זאָלן צום בעסטן און צום שטאַרקסטן אויסדריקן די פאַרקערפערטע עמאָציע, איז מען נאָך צו זיי אַמאָל מוסיף דעם דירעקטן אויסדרוק פון די סוביעקטיווע איבערלעבונגען. אויב ביי דער לירישער באַפאַרבונג זענען די סוביעקטיווע מאָמענטן אַזוי ווי צוזאַמענגעגאָסן מיט די געשטאַלטן, זעצן זיך אָפ אויף די געשטאַלטן, ווי זייער באַפאַרבונג, זענען אָבער די לירישע אויסדריקן מער זעלבסטשטענדיק, זענען אַזוי ווי אָפגעטיילט פון די געשטאַלטן.

פארשטארקן זיי אדער זענען זיי ממלא. אין אידעס פאנטאזיע באגעגענען מיר דעם לירישן אויסדרוק: „אך, אך, ווי עס איז געוועזן פאלט" (דריטע פאנטאזיע).

5. סוביעקטיוויזם און אביעקטיוויזם.

דאס זענען צוויי פארשידענע שאפונגס - ריכטונגען, וואס שטאמען ארויס פון דער פארשידענער טבע פון דער עמאציאנעלער פערזענלעכקייט. די אביעקטיווע ריכטונג פון שאפונג האבן מיר דאן, ווען די עמאציעס ווערן אינגאנצן פארקערפערט אין געשטאלטן, וואס האבן זייער אייגן לעבן אינגאנצן אפגעזונדערט פון דעם „איך", פונם סוביעקט. די עמאציע, די נשמה פון די געשטאלטן, איז דא אינגאנצן אביעקטיווירט אין די געשטאלטן, וואס זענען איינגעשלאסן אין זייער אייגענער זעלבסטשטענדיקער וועלט. די סוביעקטיווע שאפונג האבן מיר דאן, ווען די געשטאלטן, וואס פארקערפערן די עמאציע, זענען געבונדן מיטן „איך", וואס נישט נאר ער דרינגט דורך די געשטאלטן, נאר אפטמאל פיגורירט ער אליין דירעקט, און נישט זעלטן איז ער דער צענטער פון דער שאפונג. ווי בעוווסט, איז די אביעקטיווע שאפונג איינגנטימלעך די הארמאניש - רויקע נאטורן, און די סוביעקטיווע — איז, פארקערט, איינגנטלעך די אומרויקע, שטורמיש - העפטיקע נאטורן, וואס ביי זיי איז איבערמאסיק אנטוויקלט דאס געפיל פון זייער „איך". פון זייער פערזענלעכקייט. אט, למשל, אין יאסקעס פאנטאזיעס פיגורירט שטענדיק זיין „איך", וואס דרינגט דורך די אנדערע געשטאלטן און פאסט זיי צו זיך צו. פארקערט, אידעס פאנטאזיעס צייכענען זיך אויס מיט זייער אביעקטיווקייט.

6. דער אלגעמיינער מאטיוו. אין יעדן ווערק, אין יעדן פראדוקט פון דער פאנטאזיע, באגעגענען מיר פארשיידענע געשטאלטן, וואס זויגן אין זיך אריין די געהעריק - פארשיידענע עמאציעס. דאס ווערק אין גאנצן איז אבער נישט דער סכום פון די אלע באזונדערע געשטאלטן, וואס גייען אין דעם אריין, — אדרבא, די אלע באזונדערע געשטאלטן ווערן דורך איין אלגעמיינעם מאטיוו, דורך איין „אידייע" פאראייניקט צו איין ארגאניש-גאנצער זאך. אין יעדן ווערק האבן מיר א צענטראל געשטאלט

אדער א קאמפלעקס פון געשטאלטן, וואס גיט דעם טאן און כא־ראקטער דעם גאנצן ווערק, וואס דרינגט דורך און שליסט איין די באזונדערע געשטאלטן אין איין ארגאנישער איינהייט. אט אין דער איינגעשאפט פון דער פאנטאזיע אנטפלעקט זיך פולשטענדיק — די איינגעשאפט פון דער עמאציאנעלער ספערע, וואס ווערט פון דער פאנטאזיע פארקערפערט. אין דער עמאציאנעלער ספערע האבן מיר אויך פארשידענע באזונדערע עמאציעס, וואס ווערן אבער דורך איין אלגעמיינעם עמאציאנעלן מאטיוו פאראייניקט אין איין ארגאנישער איינהייט. אויך ביים דיכטער האט יעדעס קונסט־ווערק זיין אלגעמיינעם מאטיוו, די צענטראלע אידייע, דעם העלד, — און דאס שאפט פון די באזונדערע געשטאלטן צוזאמען עטוואס ארגאנישעס.

און פארמאגט נישט דאס קונסט־ווערק קיין אלגעמיינעם מאטיוו, אדער איז אט דער מאטיוו אינעווייניק געשפאלטן, דאן האבן מיר פאר זיך א נישט גענוג ציטיק קינסטלערישע איבערלעבונג אדער די דיסאציאציע — די שפאלטונג פון דער פערזענלעכקייט.

אויך יעדעס ווערק פון דער קינדער־פאנטאזיע האט דעם אלגעמיינעם מאטיוו, די „אידייע". בלויז ביי פסיכיש־קראנקע קינדער האבן מיר באגעגנט פאנטאזיעס*), וואס דארט זענען אנגעווארפן איינציקע געשטאלטן, נישט פאראייניקטע דורך קיין אלגעמיינעם מאטיוו. בכלל באקענען אונז די באזונדערע געשטאלטן איינס ווערק פונם קינדס פאנטאזיע מיט דער פיל־ און פארשידנארטיקייט פונם קינדס עמאציאנעלן לעבן, אבער צוליב דער כאראקטעריסטיק פון דער עמאציאנעלער פערזענלעכקייט דארפן מיר ארויסבאקומען דעם אלגעמיינעם מאטיוו, וואס פאראייניקט די באזונדערע געשטאלטן, די אידייע, וואס פארקערפערט אין זיך דאס אלגעמיינע, דאס צענטראלע פון די עמאציאנעלע איבערלעבונגען.

7. ד ע ר ע נ ד ג י ל ט י ק ע ר מ א ט י ו ו. דאס איז א באזונדער אופן, ווי אזוי עס ווייזט זיך ארויס דער לכתחילה

*) זע מיין בוך „פסיכאלאגיע פון אינטימען קינדער־לעבן", טייל 4.

באַהאַלטענער אַלגעמיינער שאַפונגס - מאָטיוו. איינס גאַנג, איינס דינאַמישן פּראָצעס פונם עמאָציאָנעלן לעבן, באַגעגענען זיך, שטויסן זיך צוזאַמען, ראַנגלען זיך צווישן אַנאַנד, פאַרשיידענע אָפטמאָל קעגנזעצלעכע עמאָציאָנעלע איבערלעבונגען, און אָט דאָס געראַנגל פאַרענדיקט זיך מיטן נצחון פון איין באַשטימטער עמאָ-ציע, און מיט דעם, וואָס זי באַקומט די אויבערהאַנט, צייכנט זי זיך אויס ווי די מער שטאַרקע, גרונטלעכע און כאַראַקטעריסטישע פאַר דער פערזענלעכקייט. דער מענטש, למשל, שטייט פאַר אַ נסיון, עס שטויסן זיך אין אים צוזאַמען פאַרשיידענע עמאָציאָנעלע אי-בערלעבונגען, עס קעמפן, למשל, צווישן זיך דאָס פליכט - געפיל מיט דער לאַקונדיקער לוסט. אויב עס האָט, סוף-כל-סוף, גובר גע-ווען דאָס געפיל פון פליכט, ווייזט עס, אַז אָט דאָס געפיל איז ביי אָט דער פערזאָן דער גרונטלעכער און דער הערשנדיקער. זיין ממ-שלה אָבער, וואָס איז פריער געווען פאַרבאַהאַלטן און פאַרדעקט דורך די אַנטקעגנקומענע קעגנזעצלעכע עמאָציעס, האָט זיך ערשט אַרויסגעוויזן אין דעם ענדגילטיקן מאָטיוו. פונקט אַזוי באַגעגענען מיר אין די ווערק פון דער קינדער-פאַנטאַזיע, וואָס פאַרקערפּערן געוויסע עמאָציעס, דאָס צוזאַמענטרעפן פון פאַרשיידענע אָדער קעגנזעצלעכע געשטאַלטן און גובר איז איין מאָטיוו, און ער איז דעריבער דער לכתחילה באַהאַלטענער, אָבער אין אמתן דער גרונט - מאָטיוו, דער ענדגילטיקער שאַפונגס - מאָטיוו. אין דער באַרימטער ניינטער סימפאָניע בעטהאָווענס באַגעגענען מיר גע-שטאַלטן פון אומעט, טרויער און יאוש. די שלום - אַקאָרדן רעדן אָבער פון שמחה און פרייד, פון ליכט און שיין. אָט דער ענד-מאָ-טיוו ווייזט טאַקע, אַז ער איז דער מאָטיוו, וואָס דאָמינירט איבער דעם אַלגעמיינעם שאַפונגס - מאָטיוו. אין גאָגאָלס ווערק: „ווי אַזוי עס האָבן זיך צעקריגט איוואַן איוואַנאָוויטש און איוואַן ניקיפאָ-ראָוויטש'' שפּריצט עס לכתחילה מיט געשטאַלטן פון געלעכטער און לוסטיקייט, און צוזאַמען מיטן אויטאָר זענען מיר גרייט צו לאַכן, לאַכן פון גאַנצן האַרצן. עס פאַרענדיקט זיך אָבער מיט אַן אַקאָרד פון אומענדלעכן אומעט „אַך, ווי אומעטיק, מיינע הערן, עס איז צו לעבן אויף דער וועלט''. און אָט דאָס איז דער אַלגע-

מיינער מאָטיוו („געלעכטער דורך טרערן”) פון דער גאָגאָל־של-
פּונג. אונזערע פיל עקספּערימענטן האָבן באַוויזן, אַז אויך אין די
ווערק פון דער קינדער - פאַנטאַזיע איז דער שלום - איקאָרד אָדער
דער ענד - מאָטיוו אין עצם דער גרונט - מאָטיוו פון דער שאַפונג.
פּסיכאָלאָגיש ליגט דער חילוק צווישן דעם ענדגילטיקן און צווישן
דעם אַלגעמיינעם מאָטיוו שוין אין דעם פאַקט גופא, וואָס אויף אַ
צייט ווערט דאָך פאָרט דער ענדגילטיקער מאָטיוו אונטערגעדריקט
אָדער ער בלייבט פאַרבאַהאַלטן מחמת די איבריקע עמאָציאָנעלע
מאָטיוון. דאָס באַטייט, אַז די איבעריקע מאָטיוון, וואָס די בכורה
גיבן זיי טאַקי סוף־כל־סוף אָפּ דעם ענדגילטיקן, האָבן פאָרט זאַפט
און קראַפט אין דער נשמה און קאָנען אויף אַ צייט דעם גרונט-
מאָטיוו אונטערדריקן. דער מענטש, למשל, וואָס איז „אינסטינק-
טיוו” אַן ערלעכער, וועט דורכגיין פאַרביי „פרעמדס”, וואָס ליגט
אויף הפקר, און וועט גאָרנישט האָבן קיינע „מחשבות
אויב אָבער דאָס הפקרדיקע ליגן שטעלט דעם מענטשן פאַר אַ נסיון
און וועקט אין אים שלעכטע רעיונות און בייזן ווילן, איז כאָטש
עס וועט סוף־כל־סוף גובר זיין דאָס ערלעך - געזעצלעכע, איז שוין
אָבער פאָרט קענטיק, אַז דאָס אומערלעכע איז שוין דער נשמה ניט
פרעמד, און אפשר וואָלט עס אפילו געקאָנט ווערן ביי אַנדערע אומ-
שטענדן דער ענדגילטיקער מאָטיוו.

דאָס געזאָגטע האָט אַ גרויסע פּסיכאָלאָגישע באַדייטונג. איינע
און די זעלבע דערשיינונג קאָן אַרויסרופן פאַרשיידענע קעגנזעצ-
לעכע עמאָציאָנעלע איבערלעבונגען. יענע פון די איבערלעבונגען,
וואָס זענען מער פרעמד דער נשמה, טראָגן זיך בלויז ווי אַ בליץ
דורך איינם באַוווסטזיין און ווערן באַלד פאַרשוווּנדן אין דער ספער-
רע פון אומבאַוווסטזיין. די אַנדערע פון זיי, וואָס זענען דער נשמה
מער נאָענט, בלייבן לענגער איינם באַוווסטזיין; זיי לאָזן אָבער די
הערשאַפט איבער פאַר דעם מאָטיוו, וואָס ער איז דער נשמה צום
מערסטן נאָענט, און ער איז דאָס דער גרונט - מאָטיוו, דער ענדגיל-
טיקער, דער ווירקנדיקער. געוויינטלעך משפּטן מיר דעם מענטשן
לויט „זיינע מעשים”, לויט די ענדגילטיקע און ווירקנדיקע מאָ-

טיוון פון זיין עמאָציאָנעלער פּערזענלעכקייט; מיר דאַרפן אָבער אויך האָבן אין אויג די איבעריקע בייגעקומענע עמאָציאָנעלע מאָטיוון, וואָס די מדרגה פון זייער שטאַרקייט אין דער נשמה קאָן מען מעסטן מיט דער מאָס ענערגיע, וואָס מען דאַרף פאַרליִרן אום זיי גובר צו זיין.

די אויבן דערמאָנטע סימפּאַטיע בעטהאָווענס באַווייזט אונז, אַז בעטהאָווען געהערט כלל נישט צו יענע נאַטורן, וואָס „ווייסן ניט פון קיין צער'', פאַרקערט, די מאָטיוון פון צער און טרויער, כאָטש זיי ווערן באַזיגט דורכן מאָטיוו פון ליכט און שיין, זענען אָבער גענוג שטאַרק אין דער בעטהאָווען - נשמה און זענען בכוח אַרויסצורופן אַ פּיינלעכן קאַמף.

ובכן, דאַרפן מיר אין דער קינדער - פאַנטאַזיע זיך רעכענען דער עיקר מיטן ענדגילטיקן מאָטיוו, מיטן גרונט - מאָטיוו, וואָס ער דאָמינירט עס אינעם עמאָציאָנעלן לעבן, מיר דאַרפן אָבער אויך האָבן אין זינען די אַנדערע נאָענטע מאָטיוון.

8. דער פּרינציפּ פון פּעריאָדישקייט.

דאָ מיינען מיר פריער פון אַלץ דעם באַקאַנטן ביאָגענעטישן געזעץ, לויט וועלכן עס קומט אויס, אַז יעדער איינציקער מאַכט דורך אַ קיצור פונם גאַנצן אַנטוויקלונגס- וועג, וואָס די גאַנצע מענטשהייט איז דורכגעגאַנגען (די אָנטאָגענעטישע אַנטוויקלונג איז דער קיצור פון דער פילאָגענעטישער אַנטוויקלונג). נישט אָפּגעשטעלט זיך גענוי אויף אָט דעם געזעץ, וואָס וועגן אים ווערן אַזוי פיל ויכּוחים געפירט, שטרייכן מיר אונטער די באַדייטונג, וואָס ער האָט אַזוי אָדער אַנדערש ביים אויספאָרשן דאָס נשמה - לעבן פון קינד. דערביי אָבער מוזן מיר געדענקען, אַז דאָס קינד, אין וואָס פאַר אַ תקופה מיר זאָלן עס נישט נעמען, ווי דאָס ווייזט ריכטיק אָן מייַמאַן, איז אַ געמישטער פּראָדוקט, פון זיין אייגענער אַנטוויקלונג און פון דער דערציִונג, דערביי קאָן דער ביאָגענעטישער גרונט-געזעץ זיך אַנטפּלעקן נאָר אויף אַזוי פיל, אויף וויפיל די דערציִונג האַלט אים נישט אָפּ און ווירקט נישט אויפן גאַנג פון דער אַנטוויקלונג. אויסער דעם, איז דער אַנטוויקלונגס - וועג פון דער מענטשהייט (באַזונדער אין די פּאַרהיסטאָרישע צייטן) נאָך נישט

אין גאנצן פעסטגעשטעלט דורך דער וויסנשאפט, און ווידער האבן פארשיידענע ראסן און פעלקער דורכגעמאכט פארשיידענע וועגן*). דערפון נעמען זיך פארשיידענע שוועריקייטן און חילוקי - דעות, ווען עס קומט געטרוי איינצושטעלן די פאראלעלן צווישן דער אנטוויקלונג פונם קינד און פון דער מענטשהייט. די ווירקונג פון אט דעם געזעץ אויפן קינד קאן זיך דעריבער פאר אונז נישט ארויסווייזן אין איר ריינער און קלארער געשטאלט. אין אלגעמיין אבער און ווען מיר ווענדן אים אן פארזיכטיק, באלויכט אונז דער געזעץ מיט א נייער שיין די קינדער - פסיכאלאגיע. און גיט אונז, דער עיקר, די מעגלעכקייט צו אריענטירן זיך אין דעם פארפלאנטערטן אנטוויקלונגס - לאבירינט פון דער קינדער-נשמה.

באזונדער קלאר ווייזט זיך עס ארויס ביים אונטערזוכן די עמאציאנעלע ספערע פונם קינד. די פרימיטיווע רויבערישע עמאציעס, וואס זענען אייגנטימלעך דעם קינד אין א באשטימטער קינדהייטס - תקופה, ביז - טונקעלע אינסטינקטן און נטיות, דאס געזעצמעסיקע אויפקומען און דאס בהדרגהדיקע צעוואקסן זיך פון העכערע פארמען פון עמאציאנעלן לעבן, — דאס אלץ וואלט אוממעגלעך געווען צו דערקלערן אן דער הילף פון דעם ביאגענעטישן גרונט-געזעץ. ביי דער בעסטער דערציונג קאן דאס עמאציאנעלע לעבן נישט איבערגיין יענע גרענעץ, וואס אט דער עלטער, אט די קינדהייטס - תקופה האט פארן קינד געשטעלט. דערשטיקן איבער געוואלט די נאטירלעך - פרימיטיווע עמאציעס פון די פארשיידענע קינדהייטס - תקופות הייסט אזוי גוט, ווי מאכן פון קינד „זקנים”, און דאס קאן מאכן אין דער נשמה א געוואלט - ריס, צומאל אן איינביקן, און צעשעדיקן די פערזענלעכקייט. די נאטירלעך-פרימיטיווע עמאציעס, וואס זענען אין דער געהעריקער צייט נישט אויסגעלעבט געווארן, דריקן דאס גאנצע לעבן אויף דער נשמה און העלפן דער אנטוויקלונג פון פארשיידענע פסיכאפאטישע מאמענטן. וויסן מיר דאך, אז די אלטע שולן פון א געוויסן טיפ, וואס האבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער סיסטעמאטישן אונטערדריקן די נא-

*) זע משעמבערלען „דאס קינד”.

טירלעך - פרימיטיווע עמאָציעס פון דער קינדהייט, האָבן אויף זייערע תּלמידים געליינט זייער שווערן שטעמפּל, און דאָס רוב פון אַט די תּלמידים האָבן שוין אויף שטענדיק פאַרלאָרן זייער גלייכגעוויכט.

אָבער אויספאָרשן די אַנטוויקלונג פונעם עמאָציאָנעלן לעבן, ווי אויספאָרשן דאָס עמאָציאָנעלע לעבן בכלל, איז מעגלעך, ווי מיר האָבן שוין אויבן געזאָגט*), נאָר דורכן אויספאָרשן די פאַנטאַזיע, אין וועלכער די עמאָציעס ווערן אָביעקטיווירט. די אַלערליי עמאָציעס ווערן דאָך פאַרקערפּערט אין די געשטאַלטן פון דער פאַנטאַזיע. און ווען די אָדער יענע עמאָציעס ווערן ביסלעכווייז אויסגעלעבט, ווען זיי הויבן זיך אָן אויסצולעשן, ווערט עס אָפּגעשטעמפּלט אויף די געשטאַלטן, וואָס אַט די עמאָציעס אַנטפּלעקן זיך אין זיי. די קלענסטע ניואַנסן, די קלענסטע ענדערונג אינעם עמאָציאָנעלן לעבן נעמט די פאַנטאַזיע אויף און אָביעקטיווירט זיי. און אינעם פּרט פון אויספאָרשן די אַנטוויקלונג פונעם עמאָציאָנעלן לעבן דעקט די קינדער - פאַנטאַזיע אויף גאַנץ נייע האָריזאָנטן. די רעזולטאַטן פון אונזערע עקספּערימענטן אין דעם פּרט וועלן מיר געבן באַזונדער.

איצט אָבער באַצייכענען מיר דעם פּרינציפּ פון פּעריאָדישקייט, וואָס מיר קאָנסטאַטירן ביים זשנטערזוכן די פאַנטאַזיע. דער פּרינציפּ באַטייט, אַז אַ סך עמאָציעס ווערן צו געוויסן עלטער צייטיק און נאָך דעם הויבן זיי אָן ביסלעכווייז זיך אויסצולעשן. דאָס ווערט פולשטענדיק באַשטעטיקט און אַנטפּלעקט זיך שאַרף אין די אומענדערונגען פון ליידנשאַפטן, אינטערעסן, נייגונגען פאַר דער גאַנצער צייט פונעם מענטשנס לעבן. מער פון אַלץ טרעט אָבער בולט אַרויס אין דער קינדהייט, אין יענער צייט, ווען דער וווּקס און אַנטוויקלונג גייט צום שטאַרקסטן. יעדע נייע אַנטוויקלונגס-מדרגה ענדערט אום די עמאָציאָנעלע ספערע פונעם קינד, די איינע עמאָציעס קומען אָפּ, די אַנדערע קומען צו. און איינציקע ראַלטן אין אַנטוויקלען זיך און צייטיק ווערן און עס ענדערט זיך זייער כאַ-

*) זע קאַפּיטל 1 און 2.

ראַקטער, ריכטונג און שטאַרקייט. אַ באַזונדער זינען און באַדײַטונג באַקומט דער פּרינציפּ פֿון פּעריאָדישקייט אין צוזאַמענהאַנג מיטן ביאָגענעטישן גרונט - געזעץ: די פּרימיטיווע עמאָציעס גייען געשווינד דורך בײַ נאָרמאַלע קינדער; אויפֿגעקומען אין אַ באַשטימטן פּעריאָד, ווערן זיי שפּעטער אין גאַנצן אויסגעלאָשן אָדער פֿון גרונט אויס אומגעבויט.

דער פּרינציפּ פֿון פּעריאָדישקייט באַצייכנט דעם וועג פֿון דעם קינדס עמאָציאָנעלן לעבן פֿון די נידעריקע - פּרימיטיווע ביז די העכער פֿאַרצווײַגטע פֿאָרמען, פֿון די פּרימיטיוו-ביאָלאָגישע ביז די העכסט סאָציאַל - מאָראַלישע. אין באַשטימטע תקופֿות פֿון די קינדער-יאָרן פֿאַרקערפּערן די געשטאַלטן פֿון דער פֿאַנטאַזיע גראָד די פּרימיטיווע עמאָציעס, וואָס גייען באַלד פֿאַרבײַ: דאָס צוזאַמענלעבן מיט ווילדע חיות, אָדער פּרימיטיוו - בערישע צוזאַמענשטויסן מיט זיי (זע, למשל, אויבן די פֿאַנטאַזיעס פֿון יאָסקען און אירען), מעשׂיות מיט גזלנים, מיט ריזן, וואָס זענען זיך נוקם, מיט מכשפֿות און אַזוי ווײַטער. אָט די אַלע געשטאַלטן ווערן מיט דער צײַט אַלץ בלאַסער און שוואַכער און פֿאַרגייען אין גאַנצן צוזאַמען מיט די עמאָציעס, וואָס האָבן זיי פֿון זיך אַרויסגעבראַכט.

די תקופֿות פֿונעם עמאָציאָנעלן לעבן זענען אָבער נישט שאַרף פֿונאַנדערגעטיילט איינע פֿון דער אַנדערער. אָן קיינע פֿעסטע מחיצות גייט איין פּעריאָד אַריבער אינעם אַנדערן, עס גייט - אויף די העכערע עמאָציע, ווען עס פֿאַרגייט נאָך נישט, אָדער פֿאַרגייט נאָך נישט אינגאַנצן, די עמאָציע פֿון דער פֿריערדיקער אָדער אַפֿילו פֿון די פֿריערדיקע תקופֿות. זייער שאַרף צייכנט זיך אָן אָט די אייגנשאַפֿט אין דער קינדער-פֿאַנטאַזיע.

די עמאָציעס, וואָס האַלטן שוין בײַם אויסלעבן זיך, זענען לכתּחילה נאָך גענוג פֿעסט אין דעם קינדס נשמה, און די געשטאַלטן, וואָס ווערן דורך זיי אַרויסגעבראַכט, קאָנען נאָך דערשײַנען ווי דער אַלגעמײַנער מאָטיוו פֿון דער פֿאַנטאַזיע. די עמאָציעס אָבער, וואָס קומען ערשט אויף, הייבן זיך ערשט אָן צו אַנטוויקלען, און די געשטאַלטן, וואָס פֿאַרקערפּערן זיי, ווערן פֿאַרשלונגען און דערטרונקען אינעם אַלגעמײַנעם מאָטיוו פֿון געשטאַלטן, וואָס

זייער מאַכט ווערט שוין אונטערגעגראָבן, אָבער דערווייל הערשן זיי נאָך אינם קינדס נשמה. צוזאַמען אָבער מיטן וווּקס און אַנטוויקלונג פון די העכערע עמאָציעס באַקומען אויך מער מאַכט די געשטאַלטן, וואָס פאַרקערפּערן זיי, און זיי טרעטן אַרויס תחילת, ווי דער ענדגילטיקער און שפּעטער ווי דער אַלגעמיינער מאָטיוו פון דער פאַנטאַזיע, וווּ עס בלייבן נאָך אויף לאַנג שפּורן און אָפּקלאַנגען פון די אָפּגעלעבטע עמאָציעס.

וואָס באַגאַבטער עס איז דאָס קינד, וואָס גינסטיקער פאַר זיין אַנטוויקלונג עס איז די דערציונג און די סביבה, אַלץ גיכער און גרינגער ווערן ביי דעם אויסגעלעבט די פּרימיטיווע עמאָציעס און אַלץ פריער קומען ביי דעם אויף און ווערן צייטיק די עמאָציעס פון דער העכערער מדרגה. אויך אַזאַ קינד אָבער גייט דורך אין זיין אַנטוויקלונג אַלע עטאַפּן פונם עמאָציאָנעלן לעבן, און זאָל עס אפילו פאַרקומען לפי ערך גאַנץ געשווינד.

ובכן, גיט אונדז דער פּרינציפּ פון פּעריאָדישקייט די מעגלעכקייט, בעת מיר אונטערזוכן די פאַנטאַזיע, אויסצופאָרשן דעם אַנטוויקלונגס - גאַנג פון דעם עמאָציאָנעלן לעבן פונם קינד, די בחינה פון זיין עמאָציאָנעלער באַגאַבטקייט און אויך צו באַשטימען, אויף וואָס פאַר אַ מדרגה האַלט דאָס קינד אין זיין אַנטוויקלונג צו דעם מאָמענט, ווען מיר באַטראַכטן און אונטערזוכן עס.

9. ד ע ר פּ ר י נ צ י פּ פ ו ן פ אַ ר ט ר ע ט ו נ ג. ביי אונדזערע אונטערזוכונגען באַגעגענען מיר זיך גאַנץ אָפט מיט דער קאָמפּליצירטער דערשיינונג פון פאַרטרעטונג. אַן עמאָציע, וואָס איז ערשט געבוירן אָדער, ריכטיקער, וואָס האַלט ערשט ביים געבוירן ווערן, ווערט פאַרטראָטן דורך אַ צווייטער קרובהשער, ענלעכער אָדער מחמת וואָס נאָנטער עמאָציע, און די ערשטע ווערט אין איר אַזוי צו זאָגן באַהאַלטענערהייט אויסגעלעבט. בכלל גענומען, איז די עלאַסטישע, אָן אַ סוף ווייכע נאַטור פון דער עמאָציע אַזאַ, אַז זי ווערט צוליב דעם פאַרשידנאַרטיק, אומבאַמערקלעך פאַרענדערלעך. ביי פאַרשידענע מענטשן און ביי איינעם און דעם זעלבן מענטשן אין פאַרשידענע מאָמענטן — אַנטפּלעקט זיך די זעלבע עמאָציע אויף אַן אַ סוף פאַרשידנאַרטיקע אופנים און פאָרמען.

אָבער אין אַזעלכע פֿאַלן האָבן מיר עס צו טון נאָר מיט דער פֿיל־געשטאַלטיקייט פֿון איינער און דער זעלבער עמאָציע. ווי פֿאַרשיידנאַרטיק, למשל, עס זאָל זיך נישט אַרויסווייזן דאָס געפֿיל פֿון ליבע, בלייבט זי אַלץ ליבע - געפֿיל. מיט אַנדערע ווערטער: פֿאַרענדערלעך אין געוויסע גרענעצן, ענדערט אָבער נישט די געגעבענע עמאָציע איר ספּעציפֿישן אינהאַלט און באַזונדערע פֿיזיאָנאָמיע. אָבער אַן אמת ווונדער פֿון פֿאַרענדערלעכקייט הויבט זיך אָן דעמאָלט, ווען די געגעבענע עמאָציע, דאַכט זיך — אין גאַנצן אַ געענדערטע און פֿאַרטראָטן דורך אַ צווייטער, פֿאַרלירט דאָך נישט דעם אינדיווידועלן מהות פֿון איר לכתחילהדיקן זײַן. נאָך מער: די פֿאַרטראָטענע עמאָציע זעצט נישט נאָר פֿאָר איר באַהאַלטענע עקזיסטענץ, נאָר זי שפּייזט עס און טרייבט אָן די איר־פֿאַרטרעטנדיקע עמאָציע, כּדי זיך, ענדלעך, אין איר אויסצולעבן. מיר באַגעגענען דאָ באמת פּאַראַדאָקסאַלע פֿאָרמען פֿון עמאָציאָנעלן זײַן.

אַ פּינפּיליקע פּרוּוו ווײַסט אָפּט צו שעצן הויך דעם האַס פֿון אַ מאַנסביל, ווײַל דער דאָזיקער האַס געבוירט גאָר אָפּט אַ— ליבע; די לעצטע איז טאַקע, אייגנטלעך, די סיבה און די טרייבקראַפֿט פֿון יענעם האַס. פֿאַרוואָס, למשל, רעדט אַזוי אָפּט און ענערגיש שלעכטס אָט יענער מאַן וועגן אַ גאַר פֿרעמדער פֿאַר אים פֿרוי? פֿאַרוואָס ווײַל זײַן שנאה נישט אָפּטרעטן און איז אַזוי אײַנגעגעסן? אויב איר פֿאַרמאָגט אַ פּסיכאָלאָגישן חוש, וועט דאָס פֿאַר אײַך נישט זײַן קיין אומדערוואַרטע זאַך, ווען מיט דער צײַט וועט זיך די דאָזיקע שנאה, ווי עס פּאַסירט טאַקע אין אַ סך פֿאַלן, — פֿאַרוואַנדלען אין אַ הייסע צערטלעכקייט. פֿאַרוואָס באַליידיקט פֿיל מענטשן דאָס שטרענגע, האַרטע, שלאָג־רייד פֿון אָט דעם בייזן גאַליקן מאַן, — און אײַך באַצויבערט עס גאָר? ווײַל איר האָט מיט אײַער חוש דערשמעקט די באַהאַלטענע „שפּרונגשײַנע" פֿון זײַן שטרענגקייט, וואָס איר קוואַל איז די צערטלעכקייט פֿון אַ לעבעדיק האַרץ. אָט דאָס זענען בײַשפּילן פֿון איינפֿאַכסטע פֿאָרמען פֿון פֿאַרטרעטונג, וואָס זענען אָפּט אויס צו זײַן ביז גאָר פֿאַרוויקלט.

מאַנכעס מאָל גייט צו די דאָזיקע פאַרטרעטונג אין ליכט פון באַוווסטזיין, פאַר וועלכן עס בלייבן נישט פאַרבאָרגן די וועגן און אומוועגן פון דער פאַרטרעטונג. מיט גרעסערער אָדער קלענערער קלאָרקייט — דערקענט דאָן דער מענטש אַליין — אין די געהיימניספולע טיפענישן פון זיין פאַרטרעטונגס - איבערלעבענישן — די פאַרבאָרגן - ווירקנדיקע קראַפט פון דער פאַרטראָטענער איבערלעבעניש.

ווען אַ פאָטער באַשטראָפט זיין זון, איז אַפילו אין דער טיפעניש פון צאָרן - אַפעקט, מערסטנטייל, צו דערכאַפּן דאָס פאָטערלעכע צערטלעכקייט - געפיל, וואָס ליגט אין גרונט פונם אַפעקט.

אָפט ווידער קומט פאָר די פאַרטרעטונג אומבאַוווסט, אָדער גאָר די באַוווסטזיניקע פאַרטרעטונג ווערט שטאַרק קאָמפּליצירט און טרעט אַריבער די גרענעצן פון באַוווסטזיין. דאַמאָלט געשעט אַז דער מענטש אַליין פאַרשטייט נישט און קען נישט דעם מהות פון דער איבערגעלעבטער עמאָציע. נאָר מיט דער הילף פון אַ טיפּ פסיכאָלאָגישן אַריינקוק געלינגט עס אַמאָל אויפצודעקן די פאַרבאָרגענע קראַפט פון דער פאַרטראָטענער עמאָציע.

מען דאַרף אונטערשיידן צווישן פאַרטרעטונג און נאַטירלעכן בייט פון די עמאָציעס. ווען איין עמאָציע פאַרבייט אַ צווייטע, דאַמאָלס באַהאַלט די פאַרבייטנדיקע עמאָציע בלויז אַ המשך-פאַרבינדונג מיט דער ביזאַהעריקער עמאָציע. אָקעגן אָבער ביי פאַרטרעטונג — לעבט זיך איין עמאָציע אויס אין דער אַנדערער, הגם יענע איז גאָר דער היפּוך פון איר. אמת, עס איז אַמאָל שווער אונטערצושיידן צווישן אַ פאַרטרעטונג און אַ נאָרמאַלן עמאָציע - בייט; מוז טאַקע דערפאַר די פסיכאָלאָגישע אויספאָרשונג פון דער פאַרטרעטונג געמאַכט ווערן מיט באַזונדערס פיין-פיליקער פאָרזיכטיקייט.

פאַרטרעטונג — דאָס איז אַ ווייט פאַרשפּרייטע דערשיינונג אין אונזער עמאָציאָנעלער ספערע, און לויט איר נאַטור נאָך באַזיצט זי אַ צופּאַסונגס - כאַראַקטער. ווען די עמאָציע שטויסט זיך אָן אויף אַ שטערונג ביי איר אַנטוויקלונג, דאַמאָלסט פאַרווירקלעכט זי איר פונקציע, אויסנוצנדיק איר אומגעהויערע עלאַסטיש-

קיט, מיט דער הילף פון פאַרטרעטונג אָדער פאַרוואַנדלונג. אַזוי, למשל, טרעפט אַמאָל, אַז די ליבע שטויסט זיך אָן אויף מניעות מצד דער אויסערלעכער אָדער אינערלעכער סביבה פון דער פּערזענלעכקייט; דאַמאָלסט פאַרווירקלעכט זי איר פאַרבאָרגענע פונקציע אין דער פאָרם פון פריינטשאַפט. אַזאַ מין פאַרטרעטונגס-פריינטשאַפט, פונקט ווי יעטוועדע פאַרטראָטענע איבערלעבעניש, קאָן זיין אַ באַוווסטע אָדער אומבאַוווסטע אַנטפּלעקונג פון דער פאַרטראָטענער ליבע.

אין אַנדערש מאָל ווערט די פאַרטרעטונג אַרויסגערופן דורך דער נאַטירלעכער באַוועגונג פון די עמאָציעס אויף דער ליניע פון גרעסטער צופּאַסעוודיקייט. א דאַנק זיין דערציונג און אַ דאַנק די דווערנדיקע איינפלוסן פון דער סביבה, באַקומט דער דערוואַקסענער מאַן פעסטע פעיקייטן און נטיות צו עמאָציעס פון אַ באַשטימטן מין און כאַראַקטער. יעדע אַנדערע נישט געוויינטלעכע עמאָציע פאַרווירקלעכט דאַן איר פונקציע מיט דער הילף פון פאַרטרעטונג, אָדער זי פאַרוואַנדלט זיך אין איינע פון יענע עמאָציאַנעלע פאָרמען, וואָס אַנטשפּרעכן יאָ דעם סוביעקטס עמאָציע־געוווינהייטן. אַזוי קאָן ביים רעליגיעזן מענטשן זיין ליבע אָננעמען אַ רעליגיעזן כאַראַקטער, און ביי פיל מיסטיקער פאַרווירקלעכט די שאַרפע עראָטיק איר פונקציע אין אַנטשפּרעכנדיקע מיסטישע עקסצעסן.

ווי באַקאַנט, באַהויפּטעט פרוידס אַרויסשטויס - טעאָריע, דאָס די אַרויסשטויסונג פון אַן איבערלעבעניש, הויפּטזעכלעך פון אַ פּרימיטיוו - סעקסועלער נייגונג, איז די סיבה פון איר פאַרטרעטונג, וועלכע נעמט אָפּט אָן אַ פּאַטאָלאָגישן כאַראַקטער. נישט פאַרנעמענדיק זיך דאָ מיטן איבערגעבן און קריטיקירן פרוידס טעאָריע, מוזן מיר פעסטשטעלן פאָלגנדעס: די אַרויסשטויסונגס-טעאָריע דעקט נאָר אויף, ווי עס איז אויבן דערוויזן, איינע פון די פילצאָליקע סיבות פון דער פאַרטרעטונג, וועלכע האָט בכלל אַזאַ גרויסן ווערט אויך אין נאָרמאַלן גייסטיקן לעבן און איז באַקאַנט יעדן מענטשן פון זיין אייגענער דערפאַרונג.

די פאַרטרעטונגס - דערשיינונג, פונקט ווי אַלע אַנדערע דער-

שיינונגען, פון דער עמאָציאָנעלער ספערע, לאָזט זיך אויספאָרשן, ווי אויבן דערוויזן, נאָר מיטן וועג פון פאָרשן די פאַנטאַזיע, וואָס אָביעקטיווירט איר עמאָציאָנעלע פערזענלעכקייט.

און דאָס שטודירן פון דער קינדער־פאַנטאַזיע באַווייזט, אַז געוויסע פאָרשטעלונגען האָבן אַן אַלגעמיינעם און שטענדיקן כאַראַקטער. אונזערע אונטערזוכונגען, למשל, האָבן באַוויזן, אַז די עמאָציאָנעלע איבערלעבונגען פון גרויזאַמקייט טרעטן אויף ביי באַשטימטע באַדינגונגען אַלס פאָרטרעטער פון אומנאָרמאַלע סאַדיסטיש - סעקסועלע איבערלעבענישן. די דאָזיקע פאָרשטעלונגען האָבן כמעט אַן אַלגעמיינעם און שטענדיקן כאַראַקטער, נאָר זעלטן ווערן זיי אַרויסגערופן דורך וועלכע עס איז אַנדערע באַדינגונגען פון אינדיווידועלן כאַראַקטער.

אַ סך ווידער פאָרשטעלונגען האָבן גראַד אַן אינדיווידועלן כאַראַקטער און זענען אונטערגעוואָרפן די אייגנהייטן פון טעמפּעראַמענט כאַראַקטער, דערציונג און סביבה. און טאַקע צו אָט די אייגנהייטן פּאַסט זיך עס צו די עמאָציע, און זי פאַרווירקלעכט איר פונקציע אויפן וועג פון פאָרשטעלונג אָדער פאַרוואַנדלונג, אין פאָרמען, וואָס אַנטשפּרעכן די דאָזיקע אייגנהייטן.

אַזוי אַרום עפנט אויף פאַר אונז דער פּרינציפּ פון פאָרשטעלונג דעם גראַד און כאַראַקטער פון דער פאַרענדערלעכקייט ביי דער עמאָציאָנעלער נאַטור, די וועגן און מיטלען פון איר צופּאַסעוודיקייט און די אינערלעכע נאַטור פון איר פאַרשיידנאַרטיקייט*).

---

*) די ווייטערע אויספירונגען און אַנווענדונגען פון די באַשריבענע מעטאָדן ביי נאָרמאַלע און אומנאָרמאַלע קינדער זענען אויספירלעך באַשריבן אין דעם אויבן־דערמאָנטן בוך: „די פּסיכאָלאָגיע פון אינטימען קינדער־לעבן", 4 טיילן, בערלין, 1926, פאַרלאַג שוועטשקאַ.

אַנהאַנג

סכעמע פאַר דער פאַנטאַזיע-פאָרשונג פון קינדער

א) אונטערזוכונגס - מעטאָדן:

1) די מעטאָדע פון זעלבסט־דערציילונג:

א) פאַר דערציער

ב) פאַר חברים

2) די מעטאָדע פון אומבאַגרענעצטער באַשטעל - דערציילונג.

3) די מעטאָדע פון באַגרעניצטער באַשטעל-דערציילונג:

א) בילד

ב) טעמע

ג) קאָנקרעטע געשעעניש

ד) מוזיקאַלישער מאָטיוו

ה) ריטמישער טאַנץ.

4) די מעטאָדע פון איבערדערציילונג

5) די מעטאָדע פון רעפּראָדוקטיווער דערציילונג

6) די ערינערונגס - מעטאָדע

7) די מעטאָדע פון בילדער - אויסוואַל

8) די מעטאָדע פון פריוווילִיקע אילוזיעס

אַלע מעטאָדן קאָנען דורכגעפירט ווערן אויף צוויי אופנים:

1) איינצל - אונטערזוכונג

2) מאַסן - אונטערזוכונג

ב) אויפקלערונגס - פּרינציפּן:

1) דער אויסוואַל פון בילדער

2) די קאָמבינאַציע פון בילדער

3) די לירישע פאַרבונג

4) דער לירישער אויסדרוק

5) סוביעקטיוויזם און אָביעקטיוויזם

6) דער אַלגעמיינער מאָטיוו

7) דער ענד - מאָטיוו

8) דער פּרינציפּ פון פּעריאָדישקייט

9) דער פּרינציפּ פון פאַרטרעטונג.

פערטער טייל

1

שפּיל און רו

ביז אויף היינטיקן טאָג איז דער שפּיל געבליבן א טונקל און א וואונדערלעך פּראָבלעם, ביי אַלע פעלקער, אויף אַלע קולטור שטופן, אין יעדן עלטער בילדן שפּיל און אַרבעט דעם לעבנסדרימ פון מענטשן און זענען ביידע גלייך אוממײַדלעך. אזא אוניווערסאַלע דערשיינונג האָט דאָך ביז־אַהער נאָך נישט געפונען אין דער וויסנשאַפט, וועלכע ס׳איז איינשטימיקע אָפּשאַצונג. אוי כאָטש דער שפּיל רופט שטענדיק אַרויס אַן עמאָציאָנעלן אימפּעט, איז דאָך נאָך גאָר ווייניק געפאָרשט די פאַרבינדונג צווישן שפּיל און געפילס־לעבן, ווי אויך די שייכות צווישן שפּיל און נערוואָזיטעט. ביי די אַלע טעאָריעס איז דער עצם־אינהאַלט פון די אומציילִיק פאַרשידענע שפּילן געבליבן ווייניק אויפגעקלערט. דערין באַשטייט טאַקע די אויפגאַבע פון דער עקספּעדיציע־מעטאָדע, וואָס וויל אַריינדרינגען אין דעם קאָנקרעטן אינהאַלט און אין די רעאַלע עמאָציאָנעלע טיפּעניש פון שפּיל ביי נאָרמאַלע און נערוועזע מענטשן. ווענדן מיר זיך גלייך צו די ערשטע גרונט־פאַקטן פון שפּיל.

אויף וויפל די באַדייטונג פון אַרבעט פאַר דעם מענטשנס עקזיסטענץ־קאַמף איז קלאָר און פאַרשטענדלעך, אויף אַזוי פיל איז אומקלאָר די באַדייטונג פון שפּיל. צוליב וואָס אָדער פאַרוואָס שפּילט מען און נאָך מיט אַזא אימפּעט? אין משך פון יאָרהונדערטן זענען אַנטשטאַנען פיל טעאָריעס, וואָס יעדע פון זיי זוכט אַרויסצוגעפינען דעם „נוצן" אָדער די באַדייטונג פון שפּיל. דערמאָנען מיר נאָך אייניקע טעאָריעס. לויט ספּענסער איז דער שפּיל א מין אַקטיווע באַפרייונג פאַר דעם ענערגיע־איבערפלוס.

לויט דער פאַרשפּרייטער טעאָריע פון גראָס האָט דער שפּיל אַ פאָרבאַרייטנדיקע באַדייטונג פאַר דער אַרבעט (ווי די רעפּעטיציעס אין טעאַטער פאַר דער פאָרשטעלונג), ווייל אין שפּיל ווערן פרייטרענירט לעבנס־וויכטיקע אָרגאַנען און פונקציעס. שוין די פאַרשיידנקייט אַליין פון אַזעלכע און ענלעכע אַנדערע טעאָריעס באַווייזט, אויף וויפיל די באַדייטונג פון שפּיל איז אומקלאָר פּראָבלעמאַטיש און מוז ערשט אַרויסגעפונען ווערן. מיר באַצייכנען אַזעלכע שפּיל־טעאָריעס אַלס „חיסר״־טעאָריעס *), ווייל לויט זייערע אויספירונגען איז שפּיל ווייניקער באַדייטנדיק ווי אַרבעט. זיין באַדייטונג איז יעדנפאַלס ווייניקער זיכער און זיין פונקציע איז אונטערגעאָרדנט צו דער אַרבעט. ביי פיל פּעדאַגאָגן הערשט אַפילו די מיינונג, אַז שפּיל און פאַנטאַזיע ביי קינדער זענען נישט מער ווי אַ רעפּראָדוקטיווע נאָכמאַכונג פון האַנדלונגען און סיטואַציעס ביי דערוואַקסענע **). די חיסר - טעאָריע שטימט אָבער זייער ווייניק מיט דער ווירקלעכקייט. ווענדן מיר זיך צו דעם ערשטן גרונט־פאַקט פון שפּיל.

ס'איז אַן אויפפאַלנדיקער פאַקט, וואָס נישט די זיכער „נוצלעכע״ אַרבעט, נאָר גראָד דער שפּיל רופט אַרויס ביי מענטשן און ביי חיות אַ פאַרכאַפנדיקע ליידנשאַפט, אַן אורשפּרינגלעכע לעבנספרייד, אַ דורכדרינגענדיקע אויפגעוועקטקייט. ביי דער באַאָבאַכטונג פון נאַטירלעכן שפּיל ביי קינדער און דערוואַקסענע איז אָט דער אויפוועקנדיקער שפּיל־אימפּעט דער ערשטער אויפפאַלנדיקער גרונט־פאַקט. וואָס מער מען ווערט אויפגעוועקט דורך דעם שפּיל, אַלץ מער איז מען מונטער און אָנגערעגט פאַר אַרבעט און עקזיסטענ־

*) זע אויבן, ערשטע טייל, קאַפּ. 1.

**) „די פאַנטאַזיע ־ טעטיקייט פונם יוגנט ־ לעבן, זאָגט מיימאַן, איז הויפּטזעכלעך אַ רעפּראָדוקטיווע און נאָכמאַכנדיקע — זיין באַלעבונג פון דער אויסערער וועלט, די געשיכטן, וואָס ער פירט־אויס מיט האַלץ־קלעצלעך און ליאַלקעס, זענען איבערחזרונגען פון האַנדלונגען און סיטואַציעס, וואָס ער האָט באַאָבאַכטעט ביי דערוואַקסענע״ („עקספּערימענטאַלע פּעדאַגאָגיק״, פאָרלעזונג 7)

קאמף. נעמט מען צו ביי קינד און דערוואקסענע אויף א לאנגע צייט יעדע מעגלעכקייט פון שפיל, ווערט אפגעשוואכט די א־בעטס פרייד, די קאמף־לוסטיקייט. מען קאן עס אזוי פארמולירן: *דער שפיל וועקט דעם אורשפרינגלעכן לעבנס־דראנג, וואס איז די וויטאלע טרייב־קראפט פאר ארבעט און עקזיסטענץ־קאמף.* ס׳איז דער דיאגנאזישער קאמפלעקס, ד. ה. יענע אום־געטיילטע אור־כוחות, וואס בילדן דעם אורשפרינגלעכן און אַרויס־טרייבנדיקן לעבנס־דראנג. ווי אזוי אבער וועקט דער שפיל דעם לעבנס־דראנג?

מאכן מיר א שריט ווייטער און ווענדן זיך צו ווייטערע גרונט־פאקטן.

דער שפיל איז פארבונדן מיט דער רו־צייט, ווען דער מענטש איז פרייער פון מוז־ארבעט פארן עקזיסטענץ־קאמף. וואס מער מ׳האט פרייע צייט, אלץ מער קאן מען שפילן. פריווילעגירטע קלאסן, וואס האבן ווייניקער נויט צו ארבעטן, האבן מער פרייע צייט און קאנען מער שפילן (סאציאלער אונטערשייד). די קינדער־יארן, ווען מ׳איז נאך נישט פארנומען מיט זעלבסטשטענדיקער ארבעט, זענען דער נאטירלעכער פעריאד פון שפיל. וואס עלטער מ׳ווערט, אלץ מער מוז מען זעלבשטענדיק ארבעטן און אלץ ווייניקער האט מען רו־צייט פאר שפיל (ביאלאגישער אונטערשייד). אויך דער זעלביקער מענטש וועט אין די לענגערע רו־צייט און יום־טובים ארויסווייזן א שטארקערע נייגונג צום שפיל, ווי אין די קורצע רו־אוונטן נאך דעם טאג ארבעט (לעבנסשטייגערישער אונ־טערשייד). וואס גרעסער ס׳איז די רו־צייט, אלץ מער איז מען אויפגעלייגט צו שפילן, אלץ מער וויל מען אויספילן די „ליידיקע" צייט מיט אנגענעמער שפיל־צעשטרייונג, כדי צו „פארטרייבן" די לאנגווייל *).

---

*) ווי חלומות זענען פארבונדן מיט דער שלאף ־ רו אזוי זענען שפילן פארבונדן מיט דער וואכער רו־צייט. כאטש מ׳קאן טרוימען אויף דער וואך און שפילנדיק ארבעטן, אבער בלויז אין שלאף קאן מען איבערלעבן „רוי־

די פארבינדונג צווישן רו און שפיל פירט אונז צו א ווייטערן גרונט־פאקט. אין דער ארבעט טוט דער מענטש, וואס ער מוז לויט צוועק און פאדערונג פון דער אנפאסונג. אין דער רו־צייט אבער טוט דער מענטש, וואס אים גלוסט זיך לויט זיינע אינערלעכע ליידנשאפטן. דער פיזישער ארבעטער, למשל, קאן אין דער רו־צייט זיך צעשטרייען דורך אן „אינטערעסאנט'' בוך, ווי דער געלערנטער (דער „קאפ''־ארבעטער) וועט זיך פארנאכט צעשטרייען דורך ספארטלעכע פיזישע איבונגען. אין ביידע פאלן ווערן באפרידיקט געפילן, וואס זענען געווען אונטערדריקט בשעת דער ארבעט. אבער דער פיזישער ארבעטער קאן זיך אין דער רו־צייט צעשטרייען אויך דורך פיזישע ספארט־שפילן, ווי דער געלערנטער קאן פארנאכט אפרוען אויף א בוך פון שיינער ליטעראטור. דא ווערט אין פלוג פארגעזעצט אין דער רו־צייט די פיזישע אדער גייסטיקע טעטיקייט, ס'קומט אבער אין אזא פארם און אין אזא אופן, ווי ס'גלוסט זיך דעם מענטשן לויט זיינע ליידנשאפטן. די שפיל־צעשטרייונג איז אויף דעם אופן אזא טעטיקייט (אדער אזא פארם פון טעטיקייט), וואס באפרידיקט דעם מענטשנס געפילן (אין אונזער אפהאנדלונג האבן די ווערטער „געפיל'', „ליידנשאפט'' די זעלביקע באדייטונג). ביי פארשיידענע מענטשן, ווי אויך ביים זעלביקן מענטשן אין פארשיידענע צייטן זענען די ליידנשאפטן פארשיידן. אפהענגיק פון כאראקטער און סיטואציע — וועט דער מענטש אין פרייער צייט באזוכן טעאטער, א געזעלשאפטלעכע פארזאמלונג, געניסן פרייע אונטערהאלטונג אין א טיר־געזעלשאפט, וועט שפילן אין קארטן א. אז. וו. פאר יעדער שפיל־צעשטרייונג זענען כאראקטעריסטיש צוויי מאמענטן: ערשטנס, דאס פרייהייטס־באוווסטזיין, דאס פילן די מעגלעכקייט אויסצוווילן א באשעפטיקונג לויט אייגענעם גלוסטן, דער עצם־

נע" חלומות אן ארײנמיש פון גלייכצייטיקער וואכקייט, ווי אויך בלויז אין דער רו־צייט קאנען מיר באאבאכטן מער „ריינע" שפילן אן צומיש פון פיל ארבעט־עלעמענטן (גאנץ „ריינע" שפילן קומען נישט פאר, ווי מיר וועלן זען אין דריטן קאפיטל).

פאקט פון קאנען לאזן די אינטימע לײדנשאפטן קומען צום אויסדריק — אט די שפּיל־פרייהייט נעמט־אראפּ די אנפּאסונג־קייטן פונם לעבנס־דראנג און לאקט אים צום פרייען אויפשוואונג *). דאס אונטערשיידט דעם נארמאלן שפּיל פונם צוואנג־שפּיל ביי די פארשיידענע אזארט־שפּילן, ווו דער מענטש האט שוין נישט קיין אויסוואל־פרייהייט און ווערט פארכאפּט קעגן זיין איר־גענעם ווילן **). צווייטנס, די שוין־אויסגעווײלטע שפּיל־טעטיקייט לויט די אינטימע לײדנשאפטן, וואס דריקן־אויס דעם מענטשנס לעבנס־דראנג. *מ'קאן אויף דעם אופן דעם שפּיל דעפינירן אלס א פריי־טעטיקייט, וואס איז נישט באגרענעצט דורך אנפּאסונגס־צוועקן, נאר וויל רעאליזירן דעם מענטשנס לײדנשאפטן און דורך דעם וועקן דעם אורשפּרינגלעכן לעבנס־דראנג.* דער שפּיל איז ווי די טעאטער־דיכטונג, אן עמאציאנעלע שאפונג, וואס דריקט־אויס געפילן דורך האנדלונגען.

אנטקעגן דער פריער־דערמאנטער טעאריע פון גראס וועגן שפּיל אלס פארבארייטונג צו ארבעט (ווי אויך אנטקעגן אנדערע ענלעכע חיסר־טעאריעס) האט דער שפּיל לויט דעם געזאגטן א זעלבשטענדיקע באדייטונג פאר דער אנטוויקלונג פון דער שעפּערישער פערזענלעכקייט, פון דער גאנצער פּסיכישער שפּאנקראפט.

דער אונטערשייד פון ארבעט און שפּיל באשטייט דערפאר נישט אין דער טעטיקייט גופא. איינע און די זעלביקע טעטיקייט קאן זיין ארבעט אדער שפּיל, אפּהענגיק פון דעם, צי זי דינט דער אנפּאסונג אדער איז א פרייער אויסדרוק פון אינטימע געפילן ***).

*) ווי די פּראצעדור פון שלאפן־גיין פארן שלאף, אזוי זענען עס פאר דעם שפּיל די איינפירנדיקע מאמענטן, דאס זיך־צום־שפּילן־גרייט־פילן, א מין ערב־שפּיל.

**) זע ווייטער, קאפּ. 5.

***) אט איז, למשל, א כאראקטעריסטישער פאל. א יונג מיידל, א ביורא־

די אַלע ביזאַהעריקע דעפיניציעס פון שפּיל האָבן גענומען וויניק אין אַכט די אָרגאַנישע פאַרבינדונג צווישן שפּיל און געפיל און דורכדעם האָט מען אין אַ גרויסער מאָס פאַרשלאָסן זיך דעם פאַר־שונגס־וועג, סיי צו שפּיל, סיי צו געפילס־לעבן. מיר האָבן שוין אויבן (2 טייל) עקספּערימענטעל באַוויזן, אויף וויפיל דער קינדער שפּיל דריקט־אויס אָביעקטיוו די אינטימע געפילן.

דאָס פריער־געזאָגטע קאָן אַזוי פאָרמולירט ווערן: 1) די רו־צייט איז נישט בלויז אַן אויפהערן פון אַרבעט, אַ פּאַסיווער צושטאַנד, נאָר אַ פּעריאָד פון שפּיל־טעטיקייט, אַן אַקטיווער צו־שטאַנד פון געפילס־רעאַליזירונג אין פרייע שפּילן. די רו־צייט איז נישט קיין וויניקער־זיין, נאָר אַן אַנדערש־זיין פון דער פּער־זענלעכקייט*); 2) אין דער אַרבעט אַנטפּלעקט זיך דער מענטש בלויז אין די ראַמען פון מעגלעכער אַנפּאַסונג, אָבער אין די פרייע שפּילן קאָן דער מענטש אומבאַגרעניצט רעאַליזירן זיינע אינטימע געפילן. דער שפּיל איז דורכויס אַ פרייע טעטיקייט, וואָס פאַרווירקלעכט דעם מענטשנס געפילן**). און דערפאַר

אַרבעטערין, באַנוצט איר חודש־וואַקאַציע, וואָס זי לאָזט איר עלטערע קראַנ־קע שוועסטער, אַז אָרעמע קרעמערין, אַוועקפאָרן זיך היילן, און אַליין שטעלט זי זיך אויף יענערס אָרט אַרבעטן אין קראָם אויף אַ גאַנצן חודש. נאָך אַזאַ חודש־וואַקאַציע פילט זי זיך דערהויבן און אָפּגעפרישט, ווייל די קראָם־אַרבעט איז געווען אַ פרייוויליקע טעטיקייט, וואָס האָט באַפרידיקט איר הייסע ליבע צו איר שוועסטער און איר מאָראַליש געפיל, אויך איר שטענדיקן מו־טערלעכן חשק זיך מקריב צו זיין פאַר נאָנטע מענטשן.

*) די מאָדערנע פיזיאָלאָגישע און קלינישע פאָרשונגען האָבן עס באַוויזן בנוגע דעם שלאָף, וועלכער איז, ווי די רו אויף דער וואָך, אַן אַקטיווער צושטאַנד, אַן אַנדערש־זיין (זע אויבן 1 טייל, קאַפּ. 2).

**) בנוגע שפּילן, ווי בנוגע חלומות, שטעלן מיר אויף, בהסכם מיט די פאַקטן, די „געפילס־רעאַליזירונג"־טעאָריע, אַנשטאָט פרוידס „ווונטש־ערפי־לונג"־טעאָריע. נעמט מען אָן, לויט פרויד, אַז שפּילן און חלומות דריקן־אויס דעם מענטשנס ווונטש, מוז מען ממילא די אומצייליקע טראַגיש־טרויע־ריקע (אָדער נאָר אומגעלומפּערטע) שפּילן און חלומות שפּעקולאַטיוו „אויס־

קאָן ערשט אין פרייע שפּילן זיך אַנטפּלעקן די פּערזענלעכקייט אין איר אומבאַגרעניצטער עכטקייט. דער שפּיל, וואָס פילט־אויס די רו־צייט, איז אויף דעם אופן אַ מער־זיין, אַ גאַנצער־זיין פון דער פּערזענלעכקייט; 3) אויף וויפיל דער שפּיל איז פאַרבונדן מיט דער רו־צייט, קאָן מען טאַקע אין דער רו־צייט אַמשאַרפסטן באַ־אָבאַכטן די ווירקונג פון שפּיל און שפּיללאָזיקייט.

טייטשן" און מיט גוואַלט אַרויסדרינגען אַ מין „פאַרבאָרגענעם" אינהאַלט. נעמט מען אָבער אַן אונזער אויפפאַסונג אַז שפּיל און חלום דריקן־אויס (יעדער אויף זיין שטייגער) דעם מענטשנס געפילן, קאָנען מיר פאַרגלייכן די שפּילן און די חלומות זיין פאַרשיידן (לוסטיקע און טרויעריקע, פרימיטיווע און שעפערישע). ווי פאַרשיידן ס'זענען די געפילן, וואָס באַהערשן דעם מענטשן אין פאַרשיידענע צייטן און צושטאַנדן (זע אויבן 1 טייל, קאַפּ. 3 און 4, פאַרגלייך „צייטשריפט פיר פסיכאָ־אַנאַליטישע פּעדאַגאָגיק", 6 יאַרג., נומער 5—6, מאַי—יוני 1932).

2

לאַנגווייל און נערוועזיטעט

דאָס טונקעלע וועזן פון שפּיל קאָן נאָך געניוער און קאַנ־
ידעטער אויפגעקלערט ווערן דורך דער אויספאָל־מעטאָדע, ד. ה.
דורכדעם, וואָס מיר וועלן באָאַבאַכטן, צי און וועלכע פּסיכישע
שטערונגען ס׳אַנטשטייען ביים מענטשן, ווען ער האָט נישט די
מעגלעכקייט פון שפּיל. ס׳איז קורץ געזאָגט, די פאָרשונג פון
שפּיללאָזיקייט. ווענדן מיר זיך ווייטער צו גרונט־פאַקטן.

אין דער רו־צייט פאַרנעמט זיך דער מענטש מיט האַנדלונגס־
שפּיל אָדער פאַנטאַזיע־שפּיל, ד. ה. מיט שפּילן געשאַפן דורך
האַנדלונגען אָדער פאַנטאַזיע־טעטיקייט (ספּאָרטלעכע און געזעל־
שאַפטלעכע שפּילן, טאַנץ, באַליבטע באַשעפטיקונג, אָדער פאַנ־
טאַזיע פאַרבאַפנדיק טעאַטער, קינאָ, טרוימען אין דער וואָך א. אַז.
ו.). ווען אין משך פון א לאַנגער צייט האָט דער מענטש נישט
קיין געלעגנהייט פאַר האַנדלונגס־שפּיל אָדער פאַנטאַזיע־שפּיל,
ווען ער האָט נישט מיט וואָס אויסצופילן זיין „ליידיקע" צייט —
קומט ער אין דעם פיינלעכן צושטאַנד פון לאַנגווייל.

מ׳האָט נאָך ביזאַהער ווייניק געפאָרשט די שייכות צווישן
לאַנגווייל און נערוועזישקייט. אָבער יעדער איינער קאָן באָאָב־
אַכטן אויף זיך און אויף אַנדערע די אויפפאַלנדיקע פאַקטן פון
לאַנגווייל *). דער מענטש פילט זיך א י נ ע ר ל ע ך פּ ו ס ט,
אויך די גאַנצע אַרומיקע ווירקלעכקייט זעט אים אויס פּוסט,
פאַרבלאָז און גרוי — דאָס כאַראַקטעריסטישע פּוסטקייט־געפיל.
דער מענטש ווייסט נישט וואָס צו טון מיט דער „ליידיקער"

*) מיר האָבן שוין אויבן (טייל II קאַפּ. 5) באַשריבן די ווירקונג פון
לאַנגווייל ביי קינדער. דאָ באַשרייבן מיר די דאָזיקע ווירקונג ביי דערוואַקסענע,
דערביי ווערט דאָ דאָס פּראָבלעם פון לאַנגווייל אַריינגעגלידערט און באַלויכטן
אין דעם נייעם מאַטעריאַל פון שפּיל - פאָרשונג.

יט, ער ווייסט נישט ווו זיך אהינצוטון. ער פילט זיך „איבע־
ריק", אדער די גאנצע וועלט זעט אים אויס איבערפליסיק זינ־
לאז — דאס באקאנטע געפיל פון „איבעריק־זיין". דער אזוי־
גערופענער מינדערווערטיקייט־קאמפלעקס, וואס ווערט אויספיר־
לעך באהאנדלט פון אדלערס אינדיווידואל־פסיכאלאגיע, איז בלויז
א רעזולטאט פון דער לאנגווייל, פון דעם נישט וויסן ווו זיך
אהינצוטון. אזוי לאנג ווי דער מענטש האט אינטערעסאנטע פאר־
נעמענדיקע טעטיקייט, פילט ער זיך אויף „זיין" פלאץ. דאס געפיל
פון „פוסטקייט" און איבעריקייט פירט פון איין זייט צום פ ע־
ס י מ י ז ם פון לאנגווייל, פון דער אנדער זייט צו פארשמאכ־
טער בענקונג נאך געוויסע אוואנטורעס און שטארקע איבערלע־
בענישן, אויף וויפיל דער שפיל וועקט (ווי אויבן דערקלערט)
דעם אורשפרינגלעכן לעבנס־דראנג, די דיאניזיש־פארפלייצנדיקע
לעבנס־פרייד, אויף אזויפיל איז דאס אויספעלן פון שפיל, די
לאנגווייל, אן אונטערדריקונג פון לעבנס־דראנג, א נישט־אויסגע־
לעבט־זיין, אן אפגעלאזנקייט, ס'ווערט פארמינערט די פסיכישע
שפאנקראפט, די איניציאטיוו — ס'קומט די נייגונג צו פ א־
ט א ל י ז ם.

אין דער וועלט־ליטעראטור, ספעציעל אין דער רוסישער, זע־
נען באשריבן געווארן פארשיידענע טיפן פון „איבעריקע"
מענטשן, ווי בייראנס „טשאלד האראלד", פושקינס „אניעגין",
לערמאנטאווס „פעטשארין" א. ד. גל. די אלע געשילדערטע טיפן
געהערן צום פריווילעגירטן קלאס, וואס האבן א גרויסן איבערפלוס
פון „לוידיקער" צייט און ביי דער אומגינסטיקער קולטור־סיטו־
אציע האבן זיי נישט מיט וואס די ליידיקע צייט אויסצופילן. ווי
„שטורמישע נאטורן" (זע ווייטער קאפ. 4) ווייזן זיי ארויס זייער
שארף די באשריבענע סימפטאמען פון לאנגווייל. זיי קאנען זיך
קיין ארט נישט געפינען, פילן שארף די „פוסטקייט" פון לעבן,
לעכצן נאך אוואנטורעס, קאמף און שטארקע איבערלעבענישן א. א.
וו. דאס כאראקטעריסטישע אבער פאר דעם בייראניזם איז, וואס דא
ווערט דאס פיינלעכע געפיל פארטיפט ביז צו טראגישקייט, און
דער „פעסימיזם" ביז צו א גאנצער וועלט־אנשויונג („וועלט־

שמערץ״). די אומצופרידנקייט דערהויבט זיך צו אַ פּראָטעסט קעגן דער „לײדיקער״ וועלט און דער אוואַנטוריזם ביז צו אַק־טיוון קאַמף מיט דער אָפּנאַרערישער סביבה („טראַגישע פּאָזע״ און קעמפערישע האַלטונג). אַט די אינהאַלטסרייכע אַקטיווע טראַ־גישקייט גופא דעקט די פּוסטקייט פון דער לאַנגווייל און קאָן ביי גינסטיקע אומשטענדן ווערן פּראָדוקטיוו. אַט אַזוי האָט דער בייראָניזם אין ליטעראַטור און אין לעבן גהאַט אַ געוואַלטיקע סטימולירנדיקע באַדייטונג. ביי די מייסטע נעראָטיקער געפינט מען אייניקע שטריכן פון בייראָנישן קאָמפּלעקס (טראַגישע פּאָזע, טראָץ, פּעסימיזם א. ד. גל.), וועלכער האָט אָבער ביים נעראָטיקער אַ דעסטרוקטיוו־פּרימיטיוון כאַראַקטער.

וואָס אינטענסיווער די לאַנגווייל, אַלץ אומדערטרעגלעכער קאָן ווערן די פּוסטקייט. אָפּהענגיק פון נאַטור, דערציונג און סי־טואַציע — זוכט דער מענטש אימפּולסיוו אויסצופילן אָט די פּוסטקייט — דורך אַלקאָהאָל, אַזאַרט־שפּיל, פּרימיטיווע ליידנ־שאַפטלעכע אוואַנטורעס, עראָטישע עקסצעסן, קאָמפּענסאַטאָרי־שער אָנאָניזם ביי קינדער, עראָטישע אויסשרייטונגען ביי דער־וואַקסענע. ווען דער מענטש איז מאָראַליש צו־עמפּינדלעך, קאָן ער אימפּולסיוו דעקן די פּוסטקייט דורך :עראָטישע שטערונגען: איז דאָך די נעראָטישע שטערונג נישט קיין אָרגאַנישע, עכטע, נאָר אַ פאָרגעשטעלטע (פּסיכאָגענע) אַ „געשפּילטע״ שטערונג. צום אונטערשייד פון נאָרמאַלן שפּיל קומט דאָ די געשפּילטע שטערונג ווי אַ צוואַנג קעגן דעם ווילן און איז פּרימיטיוו דעגראַדירנדיס (זע אונטן קאַפּ. 5). דער נעוראָז איז אַ פּרימי־טיווער צוואַנג־שפּיל, וואָס קומט דורך דעם אויספּעלן פון נאַטירלעכן שפּיל.

מיר וועלן דאָ :אַנץ קורץ באַשרייבן אייניקע כאַראַקטעריס־טישע פאַלן *).

---

*) די דאָזיקע, ווי נאָך אַנדערע ענלעכע, פאַלן זענען מעז אויספירלעך באַשריבן איז מיין בוך „דער וועג צום מענטש״ (קאַפּ. 3), און אין דעם זשורנאַל „מענטש־וויסנשאַפט״. העפט 1—8, ניו־יאָרק, 1931.

הערמאַן, אַן ענערגישער געשעפטסמאַן, פאַרדינט מיטאַמאָל אַ גרויסע סומע געלט. ליקווידירט ער זיינע געשעפטן, באַזעצט זיך אין אַ שיינער ווילע אין רייכן פערטל פון שטאָט און פירט אַ פאַרגניגנט לעבן. ער האָט אָבער צופיל „לוידיקע" צייט, וואָס ער האָט נישט ווי געהעריק מיט וואָס אויסצופילן. דאָס לעבן זעט אים אויס „פרעסנא", אומגעזאַלצן. ער באַקומט אַ „שלעכטן" שלאָף, באַווייזט אַלץ מער פאַרשיידענע נערוואַטישע שטערונגען. ערשט ווען ער קערט (אויף אונזער באַראַטונג) צוריק צו זיין פריערדיקער, אים־אינטערעסירנדיקער אַרבעט, פאַרשווינדן פאַמעלעך די נערוואַטישע סימפטאָמען. ס'ווערט דאָ באַזייטיקט די הויפּט־סיבה, נעמלעך דער איבערפלוס פון „לוידיקער" צייט אָדער די קראַנקמאַכנדע לאַנגווייל *).

און אָט איז אַ צווייטער פאַל:

אַנני, אַ 12־יאָריק מיידל, זייער טעמפּעראַמענטפול, ווערט אַוועקגעשיקט אין אַ געשלאָסענעם פענסיאָן, וווּ זי האָט ווייניקער געלעגנהייט פאַר שפּיל־ און באַוועגונגס־פרייהייט. זי באַקלאָגט זיך אין אירע בריוו צו די עלטערן, אַז דאָס לעבן אין פענסיאָן איז „גרוי און לאַנגווייליק, ווי דער טויט". זי באַקומט שלעכטן אַפּעטיט, אומרויקן שלאָף, ווערט אומדיסציפּלינירט, באַלד הויבט זי אָן שטאַרק אַנאָנירן, ס'קומט צו ערוואַטישע עקסצעסן. אויף אונזער באַראַטונג איז זי געקומען צוריק אין נאָרמאַלער שול, וווּ זי האָט ווידער באַקומען געלעגנהייט פאַר שפּיל און פרייע באַוועגונג. אויך האָבן מיר, אויף איר הייסן ווונטש, געלאָזט איר געבן שטונדן פאַר טאַנץ, ריטמישער גימנאַסטיק און

*) אַן ענלעכער פאַל ווערט דראַמאַטיש געשילדערט פון שלום אַש אין זיין ראָמאַן „דאָס לעבן פון משה חיים לעדערער". דער העלד, אַ ריידגעוואַרענער געשעפטסמאַן, גייט אַוועק אויף דער עלטער פון זיינע געשעפטן, כדי צו לעבן פאַר זיך. דער ראָמאַן שילדערט, ווי די „לוידיק"־געוואָרענע צייט טרייבט דעם נאָך ענערגישן געשעפטסמאַן אין דעם נערוואַטישן צושטאַנד פון דעפּרעסיע און אומרו, ביז ער לויפט אימפּולסיוו... צוריק צו זיין פריערדיקער אַרבעט.

גליטש־שיך־לויפן. אויך דאָ זענען אינגיכן פאַרשוווּנדן די קרענק־לעכע דערשיינונגען.

ביי מאַנכע נעווראָזן זענען די באַציונגען, ווי מיר וועלן ווייטער זען, פיל קאָמפּליצירטער, אַזוי, אַז ערשט נאָך אַן אַלזייטיקער באַטראַכטונג געפינט מען די פאַרבינדונג צווישן לאַנגווייל און נעראָז.

ס'איז כדאי צו דערמאָנען אַ כאַראַקטעריסטישן פאַל פון „ערנסטע" קינדער. אַ 9־יאָריק מיידעלע, זייער לעבהאַפט, אַן איינציק קינד, האָט אין דער היים זייער ווייניק געלעגנהייט פאַר קינדער־שפּיל. די עלטערן פאַרברענגען מיט דעם מיידעלע זייער פיל און „ערנסט", באַנעמען זיך מיט איר ווי מיט זייערס אַ גליכן. דאָס דערמוטיקט דאָס מיידעלע צו שטענדיק „קלוגער" האַלטונג, צו דער „געהויבענער" פּאָזיציע פון אַ גלייכשטייענדיקן פאַמיל־יען־מיטגליד. אָבער דער אומאויסגעלעבטער שפּיל־דראַנג ברענגט אָפּט די דעפּרעסיע און די פיינלעכע פּוסטקייט פון לאַנגווייל, דאָס זיך־נישט־קאָנען־אויסלעבן רופט־אַרויס דאָס געפיל פון אונטער־דריקונג, פון געשטערט זיין, פון פאַטאַלן אומגליק. ס'קומען צייטנווייז מאָמענטן פון שטאַרקער אויפרעגונג, דעפּרעסיע און וויינען אָן געוויינגדער סיבה. אָט זענען דער חלום און פאַנטאַזיע פון קינד.

צוויי חלומות*)

1) אין קינדער־צימער קומט אַ גרויס ברוין פערד און טראַמפּלט מיט די קאָפּיטעס, וואָס זענען האַרט ווי שטיין און גרויס ווי אַ קיך־טיש. ער צעטרעט מיט די קאָפּיטעס אַלץ, וואָס ער זעט אַרום זיך אין קינדער־צימער, אויך די שפּיל־זאַכן, וואָס דער שניידער־מאַן האָט געבראַכט.

2) אין גאָרטן גייט אַ גרויסער ברוינער בער, ער ברומט אַזוי שרעקלעך, אַז מ'מוז מורא האָבן. ער פרעסט אויף אַלעס, וואָס וואַקסט אין גאָרטן און וואָס מיר האָבן דאָך אַזוי ליב, ער פרעסט ביז אויף די וואָרצלען. אויך די גוטע יאַגדעס און אַפילו

*) די געבראַכטע חלומות און פאַנטאַזיע זענען איבערזעצט פון דייטש.

דעם קאַרשן־בוים — דאָ מוז מען זייער וויינען *).

די געשיכטע פון דעם קליינעם קיזלשטיין

(לויט דער מעטאָדע פון זעלבסטדערציילונג)

אמאל איז געווען א קליינער קיזלשטיין, מיט וואונדערבארע ווייסע און רויטע פונקטן — ער איז געלעגן אויף דעם באדן פון א פלוס אין מיטן וואלד. בסדר ווינטשט ער זיך פון דארט אוועקצוגיין און איבערלעבן עפּיס שיינעס און ריכטיקעס. איינמאל קומט א קליין יינגל צום פלוס און פליעסקעט דארט מיט די נאקעטע פיס אין וואסער. דער קליינער שטיין איז געווארן אויפגערעגט, ער האט געהאפט, אז דאס יינגל וועט אים געפינען און וועט אים נעמען אהיים, ווייל ער איז דאך אזוי שיין. דאן קאן ער זיכער עטוואס איבערלעבן. מיטאמאל בוקט זיך דאס יינגל, הויבט אויף דעם שטיין און לייגט אים אריין אין קעשענע. דער שטיין האט זיך זייער דערשראקן, — ס'איז געווען אזוי היים און פינסטער אין קעשענע — ער האט אויפגעציטערט און געקלערט, אז אין פלוס איז שוין געווען פיל, פיל שענער. דאס יינגל איז געלאפן שנעל אהיים און אנידערגעשטעלט דעם שטיין אויפן פענסטער. דאן האט ער דעם שטיין פארגעסן. דער קליינער קיזלשטיין איז געווארן טרויעריק, ער קוקט אין פענסטער אראפ צום שיינעם גארטן, ער וויינט, ווייל ער האט גרויסע בענקשאפט צום פלוס אין וואלד. מיטאמאל קומט דאס מיידל אויפרוימען דעם צימער, עפנט דאס פענסטער אוןווארפט דעם שיינעם שטיין אראפ אין גארטן. דער קיזלשטיין איז אריינגעפאלן אין א וואונדערשיינע בלום, אריין אין רעכטן מיטן פון אירע ווייכע בלעטער, וואו ער איז געלעגן אזוי ווארעם און געמיטלעך, ווי אין א בעטל. ער איז געווארן זייער גליקלעך און האט מער גארנישט מורא. דאך פאלן־אראפ די בלומענבלעטער, ווארום די ליבע זון האט א גאנצן טאג געשיינט. דער ארימער קליינער שטיין פאלט־אראפ אויף דער ערד און ליגט דארט טרויעריק און אליין. ער האפט, אז דאס יינגל וועט זיך אן אים

---

*) די דאזיקע צוויי חלומות קומען זייער אפט פאר ביים מיידעלע בלויז אין פארשיידענע וואריאציעס.

דערמאָנען, וועט אים גיין זוכן און וועט אים דאָן געפֿינען. דאָך די מוטער פֿונם יינגל, וואָס איז געקומען אין גאָרטן שנײַדן דאָס ווילדע גראָז, דערזעט דעם שטיין און, ווײַל זי קאָן אים נישט געברויכן, האָט זי אָט דעם וווּנדערשיינעם און בראַוון קליינעם קיזלשטיין, וועלכער האָט דאָך רויטע און ווײַסע פּונקטען, אַריבערגעוואָרפֿן איבער דעם גאָרטן־טויער אויף דער גאַס. דאָרט פֿאָרן אַזויפֿיל אויטאָס און וואָגנס, און דאָס איז דאָך אויך פֿאַר אַ קליינעם שטיין זייער געפֿערלעך. איז דאָס אַלץ נישט פֿורכטבאַר טרויעריק? ס'איז אַ גאַנץ אמתע געשיכטע און אייגנטלעך מוז מען איבער דעם זייער וויינען.

אין חלום, ווי אין פֿאַנטאַזיע, קומט צום בילדלעכן אויסדרוק דער אונטערדריקטער שפּיל־דראַנג, די אָפּגעשראָקנקייט, דאָס געשטערט־זײַן. אין חלום צושטערט מען אירע שפּיל־זאַכן, אירע ליבע געוויקסן; אין דער פֿאַנטאַזיע וויל אומזיסט דער קליינער קיזלשטיין איבערלעבן „עפּעס שיינעס און ריכטיקעס" — ער ווערט בסדר געשטערט און געשליידערט. אין חלום, ווי אין פֿאַנטאַזיע, דערזעלביקער שלוס־מאָטיוו: „דאָ מוז מען זייער וויינען" *).

פֿאַרגלייכנדיקע פֿאָרשונגען באַווײַזן, אַז דער שפּיל־באַדאַרף אָדער די עמפּפֿינדלעכקייט צום אויספּעלן פֿון שפּיל איז בײַ יעדן מענטשן לויט גראַד און כאַראַקטער אינדיווידועל פֿאַרשיידן און איז אָפּהענגיק פֿון נאַטור, עלטער און דערציונג. דאָס טעמפּעראַמענטפֿולע מיידעלע אין פּענסיאָן האָט שאַרפֿער רעאַגירט אויף דאָס „גרויע" פּענסיאָן־לעבן, ווי אירע חברטעס, אירע שפּיל־אינטערעסן זענען אַנדערע, ווי בײַם דערמאָנטן געוועזענעם סוחר. עלטערע רויקע מענטשן רעאַגירן אַנדערש, ווי יונגע לעבנספֿולע נאַטורן. די, וואָס זענען געוווינט צו אַ רייצפֿולן לעבן, קאָנען שווערער אַריבערטראָגן אַ רעלאַטיוו „גרויען" לעבנס־שטייגער. דערמאָנען מיר קורץ אַ כאַראַקטעריסטישן פֿאַל. אַ גרויס־שטאָטיקער סוחר, אַ מיטל־יאָריקער לעב־מענטש, מוז געשעפֿטלעך אַריבער־

---

*) פֿאַרגלייך דעם חלום און פֿאַנטאַזיע פֿון אַן אַנדער קינד, וואָס מיר האָבן געבראַכט אויבן אין דעם 1 טייל, קאַפּ. 8.

פאַרן פון דער גרויסער שטאָט אין אַ קליינער פּראָווינץ. ער קאָן
דאָ שווער פאַרטראָגן דאָס „מאָנאָטאָנע'' קליינשטעטלדיקע לעבן.
ס'איז אים זייער לאַנגווייליק, ער הויבט אָן טרינקען און ווערט
פאַמעלעך אַן אַלקאָהאָליקער. אין אַנדערע ענלעכע פאַלן קומט עס
צום אַזאַרטשפיל אין קאָרטן. מיר באַצייכנען דעם
אינדיווידועלן שפּיל־באַדאַרף פון
מענטשן אַלס זיין „שפּיל־קוואַטיענט''.

די פאַרבינדונג צווישן „לײַדיקער'' רו און נערוועזיטעט
האָבן מיר אין אַן אַנדער אָרט באַצייכנט אַלס פּאַראַדאָקסאַלע רו
דערשיינונג, ווייל ס'זעט־אויס אויפן ערשטן בליק פּאַראַדאָקסאַל,
אַז גראָד די איבעריקע רו מאַכט דעם מענטשן קרענקלעך איבער־
שפּאַנט אָדער נערוועז. דאָ קומט באַזונדער אין באַטראַכט די
אינדיווידועלע פאַרשיידנקייט פון דעם שפּיל־באַדאַרף. די שפּילן
וואָס פאַרכאַפּן לייכטזיניקע מענטשן, קאָנען זיין לאַנגווייליק פאַר
ערנסטע מענטשן, מ'קאָן נישט פאַרטרייבן די לאַנגווייל מיט
שפּילן, וואָס זענען פאַר דעם מענטשן אינדיווידועל נישט אינטע־
רעסאַנט אָדער נאָר ווידערלעך. מיר קאָנען דערפאַר גענויער אויס־
דריקן דעם דערמאָנטן זאַץ*), אַז נעמלעך די „אינדיווידועל־לײַ־
דיקע'' רו מאַכט דעם מענטשן נערוועז.

ביי קלינישער פאָרשונג פון נערוועזע מענטשן, האָט די
מענטש־וויסנשאַפט פעסטגעשטעלט די אַזוי־גערופענע נערוועז־
טעט פון רו־צייטן און ימים־טובים, וואָס מ'קאָן פּראַקטיש
פאַרשן אויף צוויי אופנים. פון איין זייט, קאָן מען אין דער לעבנס־
געשיכטע פון אַ נערוועזן מענטשן געפינען דורך גענויער פאָרשונג
די אינדיווידועל־לײַדיקע רו אַלס סיבה פון דער נערוועזער שטע־
רונג. פון דער אַנדער זייט, ווערן ביי דעם שוין־נערוועזן מענטש־
זיינע שטערונגען באַזונדערס פאַרשאַרפט גראָד אין רו־צייטן און
יום־טובים**). מיט אַנדערע ווערטער, די לײַדיקע רו־צייט קאָן

---

*) פאַרגלייך אונזערע אויספירונגען בנוגע דעם „לײַדיקן'' שלאָף, וואָס
מיר האָבן דערקלערט אויבן, I טייל, 1 און 2 קאַפּ.

**) אָט איז אַ כאַראַקטעריסטישער פאַל. אַ מיטליאָריקער געשעפטסמאַן

אַרויסרופֿן אָדער פֿאַרשטאַרקן נערוועזע סימפּטאָמען, אויף וויפֿיל זי ברענגט צום אויסדרוק אָדער צום שאַרפֿערן אויסדרוק די קראַנק־מאַכנדיקע „לײַדיקייט״ פֿונם מענטשנס לעבן.

מיר וועלן איצט קלאָר און איינפֿאַך פֿאַרשטיין, אַז קינדער, וואָס מוזן נאָך נישט זעלבסטשטענדיק אַרבעטן און האָבן פֿיל פֿרײַע צײַט, ווײַזן אַרויס באַזונדער שאַרף די אָרגאַנישע פֿאַרבינ־דונג צווישן רו און שפּיל, ווי אויך צווישן שפּיללאָזיקייט און נערוועזישקייט. קינדער־מעשהלע און קינדער־שפּיל (פֿאַנטאַזיע־שפּיל און האַנדלונג־שפּיל) זענען וועזן און אינהאַלט פֿון דעם קינדס רו. אונזערע פֿאָרשונגען (זע אויבן, 2 טייל) האָבן באַוויזן, אַז ווען אַ פֿיזיש געזונט קינד שפּילט נישט, איז עס אַן ערנסטער סימפּטאָם פֿון נערוועזישקייט. אָדער דאָס קינד שפּילט נישט, ווײַל ס׳איז נערוועז (ד. ה. איז שוין פֿון פֿריער באַזעצט דורך דעם נער־וועזן צוואַנג־שפּיל) און קאָן זיך דערפֿאַר נישט אַרײַנלעבן אין דער נאָרמאַלער שפּיל־געזעלשאַפֿט. אָדער דאָס קינד איז נעראַטיש, ווײַל ס׳איז איינזאַם, אָן קינדער־געזעלשאַפֿט, און האָט נישט די געלעגנהייט צו שפּילען. דאָ זעען מיר די פֿאַרבינדונג צווישן איינ־זאַמקייט, שפּיללאָזיקייט און נערוועזישקייט.

מ׳קאָן עס אַזוי פֿאָרמולירן. די איינזאַמקייט איז גינסטיק פֿאַר דער אַנטוויקלונג פֿון קראַנקמאַכנדיקער לאַנגווײַל, ווײַל מ׳פֿאַר־לירט דערבײַ די געלעגנהייט פֿאַר קאָלעקטיווע האַנדלונגס־שפּילן, ווי אויך די אָנרעגונגען פֿון געזעלשאַפֿטס־לעבן פֿאַר דעם פֿאַנ־טאַזיע־שפּיל. ווען דער מענטש אָבער איז פֿעיק און געניינט דורך זעלבסט־קאָנצענטראַציע פֿאַרכאַפּט ווערן דורך דעם שפּיל פֿון דער

וואָס לײַדט פֿון שטאַרקער דעפּרעסיע און צוואַנגס־מורא, באַשרײַבט אין זײַן טאָג־בוך זײַן איבערלעבעניש פֿון זונטיק: „מאַנטיק פֿיל איך זיך, ווי נאָך אַ קראַנקהייט. די איבערלעבעניש פֿון זונטיק, פֿון מײַן רו־טאָג (ער האַלט אַ קראַם) לײַטערן מײַן נשמה אין שרעקלעכע לײַדן. כ׳ווער פֿאַרכאַפּט פֿון אַ מין גלײַכגילטיקייט און פֿיל זיך גײַסטיק אויסגעמאַטערט. מײַן באַציונג צו זיך אַליין איז אַ קאַלטע און אַזוי צו זאָגן אַ פֿילאָזאָפֿישע. כ׳פֿיל זיך ווי פֿון אַ שטורעם אויסגעשעפּט און שוואַך...״

פרייער פאנטאזיע אין דער ריכטונג פון זיינע אינטימע ליידנשאפטן, ווי, למשל, ביי רעליגיעזער, קינסטלערישער און סתם־טרוימערישער קאנצענטראציע, קאן די איינזאמקייט ווערן א גינסטיקער פאקטאר, וואס שיצט די געווינטשטע קאנצענטראציע קעגן אפלענקונגען פון דרויסן. אט אזוי האבן רעליגיעזע טרוימער און מיסטיקער געזוכט תמיד „התבודדות" (א מין פרייוויליקע איינזאמקייט), ווי קינסטלער און פארליבטע זענען אפט גענייגט אוועקצוגיין „אין זיך", טרוימען אין דעם אייגענעם אינטימען ווינקל. קורץ אויסגעדריקט: ווען די עמאציאנעל־טרוימערישע איינזאמקייט קאן זיין גייסטיק פראדוקטיוו, פירט אבער די „ליידיקע" איינזאמקייט צום נעווראז.

ביאלאגיש באטראכט, איז דער שפיל פאר דעם פסיכישן לעבן ווי די וויטאמינען פאר דעם קערפערלעכן לעבן. ווען פארשיידענע נארונג־שטאפן ברענגען דעם קערפער ענערגיע און בוי־מאטעריאל, זענען די וויטאמינען, לויט שערמאנס אויסדרוק, דער „צינד־פונק" פון קערפערלעכן לעבן. ביים אויספעלן פון וויטאמינען („אוויטאמינאז") קומט עס צו סקארבוט און אנדערע ענלעכע קראנקהייטן. דאס זעלבע איז אויך בנוגע דעם פסיכישן לעבן. ווען די „נוצלעכע" ארבעט באפרידיקט די קאנקרעטע אנפאסונגס־באדערפענישן, איז דער שפיל א „צינד־פונק", א וועקער פונם אורשפרינגלעכן לעבנס־דראנג. ביי דער לאנגוויל, ד. ה. ביים אויספעלן פון שפיל־צושטרייונג, ווערט אפגעשוואכט דער לעבנס־דראנג און ס'קומט צום נעווראז. דער שפיל איז אויף דעם אופן א פסיכישער וויטאמין און דער נעווראז איז א פסיכישער סקארבוט. דא האבן מיר נישט בלויז אן אנאלאגיע נאר אן אלגעמיינע ביאלאגישע ניי־אריענטירונג, וואס זעט און פארשט אין יעדער לעבנס־סטרוקטור (א פיזיאלאגישע, א פסיכאלאגישע, אדער א סאציאלע) די וויכטיקייט פון „בלויז" סטימולירנדיקע אדער צינדנדיקע ווירקונגען *).

*) די לערע פון פסיכישע וויטאמינען איז אויספירלעך באשריבן אינם

מיר קאָנען נאָך עטוואָס גענויער באַשרייבן דעם פּראָצעס פון קראַנקמאַכנדיקער לאַנגווייל. ס'ווערט ביי דער לאַנגווייל אַזוי אָפּגעשוואַכט דער לעבנס־דראַנג, די פּסיכישע שפּאַן־קראַפט, אַז דער מענטש קאָן נישט מער באַהערשן די פריער גוט באַהערשטע שעדלעכע דיספּאָזיציעס. די דאָזיקע ווערן אימפּולסיוו נאָך מער פאַרשטאַרקט און „אויסגענוצט", כדי צו דעקן די אינערלעכע ליידיקייט. די פריער גוט אונטערדריקטע פּרימיטיווע אָדער אַנטי־סאָציאַלע נייגונגען וואַקסן אויס צו אומבאַהערשבאַרע ליידנשאַפטן, קרענקלעכע דיספּאָזיציעס וואַקסן אויס צו נערוועזע סימפּטאָמען. **דער דורכברוך פון אַזוי־גערופענע „אונטערדריקטע ווונטשן", וואָס ווערט אויספירלעך באַהאַנדלט אין דער פּסיכאָאַנאַליז, איז אַ רעזולטאַט פון דער ליידיקייט ביי דער לאַנגווייל.**

דער אָרגאַניזירנדיקער מענטשלעכער ווילן „אונטערדריקט" פּרימיטיווע ליידנשאַפט און קרענקלעכע דיספּאָזיציעס, וואָס זענען שעדלעך פאַר זיין אַנטוויקלונג. אין דער רו־צייט פאַרנעמט זיך דער מענטש מיט פּראָדוקטיווע שפּילן, וואָס מאַכן אַ וועג פאַר שעפערישע געפילן מיט זייער אורשפּרינגלעכן לעבנס־דראַנג. די פּסיכישע נאַטור, ווי די פיזישע, פאַרטראָגט אָבער נישט קיין פּוסטקייט. און ביי דער לאַנגווייל, ווען ס'פעלן אויס פּראָדוקטיווע שפּילן, רייסן זיך דורך אין דער „ליידיקער" צייט די אונטערדריקטע נייגונגען צו דעסטרוקטיווע שפּילן פון נעווראָז און מאָראַלישער דעגענעראַציע — ווי וואַסער שפּרינגט־אויף אין דער הויך אין אַ לופט־ליידיקער רער.

פון „דער וועג צום מענטש". איז דער פאַרלינגנדיקער אָפּהאַנדלונג ווערט נאָך געמאַכט אַ שריט ווייטער. נעמלעך די פּסיכאָלאָגישע און קלינישע פאַרבינדונג צווישן שפּיל און פּסיכישן צושטאַנד.

3

שפּיל—אַרבעט—באַלאַנס

כאָטש אַרבעט און שפּיל זענען אַלגעמיין באַקאַנטע דערשיי־נונגען, דאָך איז עס פאַר אַלע טעאָריעס פון שפּיל אַ גרויסע שווע־ריקייט צו פאָרמולירן אין קלאָרע באַגריפן דעם אונטערשייד צווישן שפּיל און אַרבעט. וואָס פאַר אַן אייגנשאַפט מ'זאָל נישט אַרויסשטעלן ווי כאַראַקטעריסטיש פאַר שפּיל, געפינט מען דאָך וועלכע ס'איז אָנדייטונג פון אָט דער אייגנשאַפט אויך אין דער אַרבעט. ביי גענויער פאָרשונג ווייזט זיך טאַקע אַרויס, אַז בלויז טעאָרעטיש, געדאַנקלעך, קאָן מען פּרובירן שפּיל און אַרבעט שאַרף פונאַנדערצוטיילן. אין דערווירקלעכקייט אָבער דורכדרינ־גען זיי אָרגאַניש איינער דעם אַנדערן — „ריינער” שפּיל אָדער „ריינע” אַרבעט איז פּאַקטיש גאָר ניט פאַראַן.

יעדע אַרבעט האָט אירע שפּיל - עלעמענטן, ד. ה. אַזוינע עלעמענטן, וואָס זענען נישט דירעקט „נוצלעך” אָדער ווערן נישט אָנגעווענדעט צוליב נוצן, נאָר זיי זענען לוסט - פול, „אינ־טערעסאַנט”, זיי אַמוזירן און וועקן דעם חשק צו אַרבעט (פּסי־כישער וויטאַמין). קודם - כל, האָט יעדע אַרבעט איר אייגענעם ריטם. אפילו ביי דער סאַמע איינפאַכער פיזישער אַרבעט, ווערן די שטענדיק זיך איבערחזרנדיקע באַוועגונגען און האַנדלונגען דורכגעפירט מיט דער נאַטירלעכער ריטמישקייט, וואָס באַלעבט די איינטאָניקייט פון דער אַרבעט. אויך ברענגט יעדע אַרבעט די סטימולירנדיקע שאַפונגס - אַמביציע פון אויפטו, פון פּלאַן - דורכפירונג, פון מאַטעריאַל - באַהערשונג. אויף וויפיל די אַר־בעט איז קאָלעקטיוו. אויף אַזויפיל האָט זי נאָך די שפּיל - אַמ־ביציע פון קאָנקורענץ. אַן איינטאָניקע אַרבעט, אָן וועלכן ס'איז

מינימום פון ריטם און שאַפונגס - פרייד, קאָן ווערן אומדער - טרעגלעך „לאַנגווייליק", מעג זי אויך זיין ווי גוט - באַצאָלט, אחוץ דעם האָט יעדע איינציקע אַרבעט אירע אייגענע, פאַר איר אליין כאַראַקטעריסטישע, שפיל - עלעמענטן. אין מסחר, למשל, זענען עס: אַ געוויסע ריזיקאַלישקייט, די שפיל - קאָמבינאַציע פון קויף און פאַרקויף ביי פאַרשיידענע קאָניונקטורן, סוחרישער אַזאַרט און אונטערנעמערישע לײַדנשאַפט א. אַ. וו. אָדער אין וויסנשאַפטלעכער אַרבעט זענען עס: די רייצנדיקע נייגיר, דער גייעג נאָך דעם פאַרבאָרגענעם, די לאָקנדיקע אַנטדעקער - גלאָריע, די אָן - פניותדיקע ליבע צום אמת, דער אינטריגירנדיקער קאַמף מיט שוועריקייטן, שאַפונגס - האָריזאָנט א. ד. גל. מ'קאָן **אויף דעם אופן ביי יעדער אַרבעט אונטער־שיידן אַלגעמיינע און ספעציעלע שפיל - עלעמענטן:** די ערשטע זענען פאַראַן אין יעדער אַרבעט (ריטם, שאַפונגס - פרייד א. אַ.), די אַנדערע זענען ספעציפיש פאַר יעדער איינצלנער אַרבעט.

יעדער מענטש אָבער, ווי שוין אויבן (קאַפּ. 2) דערקלערט, האָט זיין אייגענעם אינדיווידועל - באַשטימטן שפיל - באַדאַרף (שפיל-קוואָטיענט). וואָס מער די אַרבעט אַנטשפּרעכט דעם אינדיווידו-עלן שפיל - באַדאַרף, אַלס גרעסער איז די שפיל - אייגנשאַפט פון דער אַרבעט. ביים באַגאַבטן מוזיקער, למשל, איז די פּראָפעסיע פון אַ דיריזשאָר אין אַן אָרקעסטער ניט נאָר אַ נוצלעכע, פּרנסה־ברייגענדיקע, אַרבעט, נאָר צום גרויסן טייל איז זי פאַר אים גלייכצייטיק אַ שפיל, ד. ה. זי איז לוסט - פול, זי רעאַליזירט זיין אינטימע לײַדנשאַפט און וועקט אורשפּרינגלעכע לעבנס - פרייד (פסיכישער וויטאַמין). ווי אַן אַנגעשטעלטער דיריזשאָר מוז ער אָפט שפילן וואָס, ווען און ווי מ'פאַרלאַנגט פון אים (אַרבעט - צוואַנג), דאָך בלייבט ער דערביי אין דער באַליבטער ספערע פון מוזיק און די אַרבעט האָט שטענדיק פאַר אים אַ גרויסן פּראָצענט פון לוסט - פולע שפיל - עלעמענטן. ווען אָבער דער מוזיקער איז געצוווּנגען צו פאַרנעמען זיך מיט מסחר, מעג אים די מסחר - אַרבעט ברייגען פּרנסה, קאָן די דאָזיקע אַרבעט זיין פאַר אים פרעמד

און לאַנגווײַליק. דער אונטערנעמערישער סוחר וועט אָבער אין דער זעלביקער אַרבעט (אַחוץ דעם נוצן פון פּרנסה) געניסן אירע גאַנצע פילפאַרביקע שפּיל - אײַנגעשאַפט. ס'גייט אָבער נאָך פיל ווייטער. וואָס מער די אַרבעט האָט פאַרן מענטשן אינדיווידועלע שפּיל - אײַנשאַפטן, אַלץ מער וועט אָט די „אינטערעסאַנטע" אַר-בעט אַרויסרופן שעפערישע פאַנטאַזיע און אַרבעט - לוסט — דער מענטש וועט אַרבעטן מער און פּראָדוקטיווער, דער נוצן פון דער אַרבעט וועט דורכדעם זײַן אַלץ גרעסער. מ'קאָן עס אַזוי פאָרמו-לירן: דער „נוצן" פון דער אַרבעט איז אין געוויסע גרעניצן אָפּהענגיק פון אירע שפּיל-אײַנשאַפטן. די דיפערענץ צווישן דעם מענטשנס שפּיל-קוואַטיענט און דער פּראָפעסיאָנעלער באַשעפטיקונג מאַכט אויס דעם „דעפיציט", די אינערלעכע לײדיקייט, וואָס דער מענטש זוכט צו דעקן דורך אַנטשפּרעכנדיקע שפּיל - טעטיקייט אין די רו-צײַטן — אין די אָוונטן און יום-טובים.

פון דער אַנדער זײַט, האָט יעדער שפּיל זײַנע אַרבעט - עלע-מענטן, ד. ה. אַזוינע עלעמענטן, וואָס זענען ניט לוסט - פול און ניט סטימולירנדיק, נאָר זענען אָנשטרענגענדיק און ווערן געשעצט צוליב זייער נוצן. ספּאָרטלעכע, סאָציאַלע און עסטעטישע שפּילן ווערן געזוכט ניט נאָר צוליב זייער שפּיל-צעשטרייאונג, נאָר אויך צוליב זייער וויכטיקן „נוצן" פאַר דער אַנטוויקלונג פון די פיזי-שע, סאָציאַלע און עסטעטישע פעיקייטן. דער רום פון אַ גלאַנץ - רעקאָרד, דער פּרייז - געווין בײַ קאָנקורסן, דער געלט - געווין בײַ קאָרטן א. ד.ג.ל. — אָט די אַלע פּראַקטיש - נוצלעכע עלעמענטן ווערן דער אָביעקט פון שפּיל - אַמביציע און אַזאַרט. ווען בײַ דער אַרבעט איז די טעטיקייט באַגרעניצט דורך דער רעאַלער פאָ-דערונג און צוועק פון דער אַרבעט, איז אָבער דער שפּיל אַ פרײַע, מער נאַטירלעכע טעטיקייט, פון אָרגאַנען און פונקציעס, וואָס ווערן דורכדעם פולשטענדיקער טרענירט און אַנטוויקלט — אַנט-וויקלונגס - נוצן. אַחוץ דעם האָט יעדער שפּיל זײַן אייגענע קאָנסטרוקציע און פאַרלאַנגט אַ געוויס קענען, אַ געשיקטקייט, וואָס מוז „אויסגעלערנט" ווערן — אויסלערנונגס - נוצן. וואָס העכער

און שעפערישער דער שפיל, אלץ גרעסער איז זיין ארבעט - עלעמענט, ד. ה. אלץ מער מוז מען אויסלערנען און אלץ גרעסער איז זיין נוצן פאר דעם מענטשנס אנטוויקלונג. מ׳קאן ביי יערן שפיל אונטערשיידן אלגעמיינע און ספעציעלע ארבעט-עלעמענטן. די ערשטע זענען כאראקטעריסטיש פאר יעדן שפיל, די אנדערע זענען ספעציפיש פאר דעם איינצלנעם שפיל.

אויך דא ווייזט זיך ארויס די ווירקונג פונם אינדיווידועלן שפיל - באדארף. קינדער - שפילן, למשל, זענען צו „נאאיוו" און עלעמענטאר פאר דערוואקסענע, די צעשטרייונגס - שפילן פון לייכטזיניקע לעב - מענטשן קאנען אויסזען „נאריש" און פוסט פאר ערנסטע וויסנשאפטלער אדער טיפע שטימונגס - מענטשן. די אינהאלטלעכקייט און קאמפליצירטקייט פון שפיל מוזן אנטשפרעכן דעם מענטשנס אנטוויקלונג. וואס מער דער שפיל פארמאגט אינדיווידועל פאסנדיקע ארבעט - עלעמענטן, אלץ מער ווערט ער באפרידיקן דעם מענטשנס שפיל - דראנג. **דער עפעקט פון יעדן שפיל איז אפהענגיק פון זיינע אנטשפרעכנדיקע ארבעט-עלעמענטן.** *)

*) אין צוזאמענהאנג דערמיט שטייט די דערשיינונג פון ריטמישער זעלבסט - רעגולירונג, וואס קומט פאר צווישן ארבעט און שפיל. ווי צווישן שלאף און וואך - זיין. שלאפט מען א געוויסע צייט, כאפט מען זיך אויף פון זיך אליין: איז מען א געוויסע צייט וואך, ווערט מען פון זיך אליין שלעפעריק: די צייט - גרענעצן פון שלאף און וואך - זיין זענען אין אלגעמיין פארבונדן מיט דעם ריטם פון טאג און נאכט: דאס זעלבע איז אויך בנוגע ארבעט און שפיל: ארבעט מען א געוויסע צייט, בענקט מען נאך רו און שפיל (די ביידע זענען דאך צווישן זיך פארבונדן): שפילט מען א נע - היסע צייט, באקומט מען חשק צו ארבעט. די צייט - גרעניצן פון שפיל און ארבעט זענען ביי יעדע' געזעלשאפט פארבונדן מיט א באשטימטן צייט־ ריטם (ארבעט - טאג און רו - אוונט, פעריאדישע רו - טעג און יום־טובים). ס׳קומט אוים, אז שפיל און ארבעט דערמעגלעכן און וועקן איינער דעם אנדערן: וואס מער מ׳ארבעט, אלץ מער רייפט דער שפיל - דראנג; וואס מער

דער באלאנס פון שפיל - עלעמענטן (פסיכישע וויטאמינען)
ביי יעדן מענטשן מוז זיך, לויט דעם געזאגטן, באציען אויף דעם
גאנצן לעבנס - שטייגער — סיי אויף דער שפיל - מעגלעכקייט פון
דער רו - צייט, סיי אויף די שפיל - עלעמענטן פון דער טאג-אר-
בעט — ארבעט - שפיל - באלאנס. ווען די טאג - ארבעט איז ,,אינ-
טערעסאנט" און פארכאפט דעם מענטשן, קאן ער לייכטער בא -
הערשן די ,,ליידיקע" רו - צייט אין אוונט. אדער, פארקערט, אן
אינטערעסאנטע פארכאפנדיקע שפיל - טעטיקייט אין דער רו-צייט
(אין די אוונטן און יום - טובים) קאן אויפמונטערן דעם מענטשן
נאך א מעכאניסטיש לאנגווייליקער טאג - ארבעט. ווען אבער דער
גאנצער לעבנס - שטייגער קאן ניט באפרידיקן דעם אינדיווידועל
נויטיקן שפיל - באדארף — קומט א ,,דעפיציט", אן אינערלעכע
ליידיקייט. אט דער דעפיציט קומט אביעקטיוו צום אויסדרוק אין
שפיל - רעאקציעס פון פארשיידענעם גראד און כאראקטער: —
פון פיינלעכער לאנגווייליקייט ביז צו נערוואטישע, אלקאהאלישע און
אנדערע פרימיטיווע אויסברוכן.

ביי דער באהאנדלונג פון נערוועזע מענטשן מוז מען דער-
פאר מעטאדיש ארויסגעפינען און אויסגלייכן דעם קראנקמאכנ-
דיקן דעפיציט אין דעם מענטשנס ארבעט - שפיל - באלאנס, ד.
ה. דעם דיסאנאנס צווישן דעם מענטשנס שפיל - קוואטיענט און
די שפיל - עלעמענטן פון דעם גאנצן לעבנס - שטייגער.

מיר וועלן דא ברענגען א כאראקטעריסטישן פאל.

לואיזע, 38 יאר אלט, אונפארהייראט, קערפערלעך געזונט.
מיט א יאר צוריק איז זי אנגעקומען אין לאנד, ניט דא פריוואט-
שטונדן אויף פרעמדע שפראכן. די לעצטע חדשים האט זי באקו-
מען א פיינלעך הויט - בייסעניש אויפן גאנצן קערפער (באזונדערס
אויפן אויבערשטן טייל). זי מוז אלע ווײלע קראצן די בייסנדיקע

מ'שפילט, אלץ מער וואקסט די ארבעט = לוסט. די דאזיקע דיאלעקטישע פאר-
בינדונג קאן נאך שארפער אויסגעדריקט ווערן: אין דער ארבעט
רייסט דער שפיל־דראנג און אין דעם שפיל
רייסט די ארבעט = לוסט.

הויט, וואָס ווערט דורך דעם נאָך שמערצלעכער. דאָס הויט - ליידן לאָזט זי ניט רוען, שטערט אַלץ מער איר שלאָף און איר אַרבעט - פעיקייט. אין געזעלשאַפט קאָן זי ניט באַהערשן דעם דראַנג צו קראַצן די בייסנדיקע הויט, וואָס מאַכט זי סאָציאַל אוממעגלעך. די מעדיצינישע אונטערזוכונג האָט ניט געפונען קיין אָרגאַנישע סבות, מ'האָט עס דיאַגנאָסטיצירט אַלס „נערוועזע הויט - בייסן" (פרורידיטוס נערוואָזוס). זי האָט אַלע מאָל געהאַט אַ זייער צאַרטע עמפינדלעכע הויט, נאָר איצט האָט אָט די עמפינדלעכקייט דערגרייכט די גרייצטקייט פון נערוועזן הויט - בייסן.

ביי נאָענטער אונטערזוכונג האָט זיך אָט - וואָס אַרויסגעוויזן: יאָרן-לאַנג האָט זי זיך ליידנשאַפטלעך באַשעפטיקט מיט שול - אַרבעט און פעדאַגאָגישע שטודיעס, האָט אַרויסגעגעבן אייגענע לער - ביכער. אָנקומענדיק אין נייעם לאַנד, האָט זי געמוזט אויפגעבן איר פריערדיקע ליידנשאַפט - אַרבעט און פאַרנעמען זיך מיט צופעליקע פריוואַט - שטונדן, וואָס זענען פאַר איר „לאַנגווייליס", „ניט אינטערעסאַנט". דער דעפיציט פון לאַנגווייליקן לעבנס - שטייגער ווערט דאָ דינאַמיש געדעקט דורך דעם פרימיטיוון צוואַנג - שפיל פון דער הויט - נעווראָז. די שטענדיקע עמפינדלעכקייט פון דער הויט ווערט דאָ, לויט דעם אויבן (קאַפ. 2) באַשריבענעם פראָצעס, פאַרשטאַרקט און „אויסגענוצט".

אַלס ראַדיקאַל הייל - מיטל האָבן מיר רעקאָמענדירט צו ענדערן אַנטשפרעכנדיק דעם לעבנס - שטייגער. מיט אייניקע אָנשטרענגונגען איז איר געלונגען אין - גיכן צו גרינדן אַ געוויסע וויסנשאַפטלעכע אונטערנעמונג, וואָס האָט איר געגעבן נייע געלעגנהייט פאַר ליידנשאַפטלעכער וויסנשאַפטס - אַרבעט. אין משך פון אַ קורצער צייט נאָכדעם איז ביי איר פאַמעלעך פאַרשוווּנדן דאָס הויט - ליידן.

אַן ענלעכער פאַל איז מיר באַריכטעט געוואָרן דורך ד"ר פען (באָסטאָן). אַן איטאַליענישער יונגערמאַן, פריער אַ מוזיקער, איצט דורך נויט, אַן אַרבעטער אין פאַבריק, האָט געליטן פון רעמזעלביקן הויט - נעווראָז (נערוועזע הויט - בייסעניש). ער

איז געשיקט געווארן צום כירורג, ד״ר פען, פאר א קליינער אפע־ראציע, מיט דער האפנונג צו באקומען דורכדעם א דערלייכטערונג. אבער ניט די אפעראציע, ניט אנדערע היילמיטלען האבן געהאלפן. די געצווונגענע אונטערברעכונג פון זיין מוזיקאלישן באַרוף האט אים בארויבט זיינע אינדיווידועלע שפיל־עלעמענטן (פסיכישע וויטאמינען) און ארויסגערופן דעם קראנקמאכנדיקן שפיל־דעפיציט (פסיכישן סקארבוט).

4

אויסנאם-מענטשן און אויסנאם-נאטורן

אונטער אים — א פלוס, העלער ווי דער הימל,
איבער אים — א גאלדענער זונען - שטראל,
און ער, דער אומרו, זוכט א שטורעם,
גלייך ווי אין שטורעם איז די רו!

(לערמאנטאוו).

די אינדיווידועלע פארשיידנקייט פון שפיל - באדארף (דער שפיל - קוואטיענט) ביי יעדן מענטשן, דערקלערט אונז, ווי שוין אויבן באמערקט, פארוואס איין און דער זעלביקער לעבנס - שטייגער קאן מאכן איינעם צופרידן און גליקלעך, און ביים אנדערן ארויסרופן א קראנקמאכנדיקע ליידיקייט. אין יעדער סאציאלער גרופע איז דער אנגענומענער לעבנס - שטייגער באַרעכנט אויף דעם דורכשניטלעכן שפיל - באדארף און זיינע נארמאלע אינדיווידועלע דיפערענצן. דער פרייער אויסוואל פון פראפעסיע און פארוויילונג לאזט יעדן מענטשן זיך אריינפאסן אין דעם אנגענומענעם לעבנס - שטייגער לויט זיין אייגענעם שפיל - קוואטיענט. דער דאזיקער לעבנס - שטייגער וועט אבער ארויסרופן א שווערן דעפיציט אין יענע פאלן, ווען דער שפיל באדארף איז צו ווייט איבער דעם דורכשניט. דאס זענען די אויסנאם - מענטשן און די אויסנאם - נאטורן, וואס מיר וועלן קורץ כאראקטעריזירן.

1) איינציקע מענטשן האבן פון נאטור אזא הויכן לעבנס - דראנג אדער שפיל - באדארף, וואס קען ניט באפרידיקט ווערן דורך דעם אנגענומענעם אדער פראקטיש מעגלעכן לעבנס שטייגער, וועלכער איז פאר זיי דערפאר לאנגווייליק און „פוסט". ווען זיי קאנען ניט אויספילן די פוסטקייט דורך פראדוקטיווער שפיל-

טעטיקייט, זוכן זיי אימפּולסיוו דעם אויסוועג אין דעסטרוקטיווע צוואַנג - שפּילן פון נערוועזישקייט און מאָראַלישער דעגענעראַציע. זיי קאָנען זיך אָבער באַפרייען פון אָט דער נויט - זינגליש בײַ דער ערשטער מעגלעכקייט פון גײַסטיקן פּראָדוקטיוון אײַפ - שוהונג. דאָס זענען אויסנאַם - מענטשן, וואָס מ׳רופט אין לעבן „שטורמישע נאַטורן”, „לײַדנשאַפטס - מענטשן” א. א. וו.

אַזוינע נאַטורן ווײַזן זיך שוין אָפט אַרויס אין די קינדער - יאָרן. צווישן די אַזוי גערופענע „אומדיסציפּלינירטע” און מאָראַליש - דעפעקטיווע קינדער. אין דער שולע געפינען מיר זייער אָפט גראָד אַזוינע שטורמישע נאַטורן מיט זייער א הויכן שפּיל - דראַנג, וואָס די שולע קאָן ניט באַפרידיקן (די שולע איז דאָך אויך באַרעכנט אויף דעם „נאָרמאַלן” שפּיל - באַדאַרף פון די מייסטע קינדער), און דערפאַר זוכן זיי אימפּולסיוו צו לעשן דעם אומגעשטילטן לעבנס - דראַנג אין פאַרשיידענע דעסטרוקטיווע שפּילן (אָפּהענגיק פון נאַטור און דערציונג) — און נעראָטישער אויפרעגונג, אין קרענקלעכער באַוועגלעכקייט, אין צו - להכעיס׳- דיקע האַנדלונגען און מאָראַלישע אויסשרײַטונגען.*) שוין אין דער שולע קאָן מען מאַכן די באַאָבאַכטונג, אַז ווען מ׳געפינט

*) בײַ אייניקע קינדער פון אָט דער קאַטעגאָריע טרעפן מיר דאָס בעט - נעצן בײַנאַכט, וואָס קומט ווי אַן אימפּולסיווע נאַכט - „אוואַנטורע”, ווי אַן אַלגעמיין אויפרעגנדיקע „געשעעניש”, וואָס ווערט אַרויסגערופן דורך דעם אומבאַפרידיקטן שפּיל - דראַנג, דורך דער פאַרשמאַכטקייט נאָך שטאַרקע אי - בערלעבענישן. דאָסזעלביקע איז אויך בנוגע דעם אָנאַניזם, וואָס קומט בײַ סעקסועל דיספּאָנירטע קינדער, באַזונדערס אין מאָמענטן פון פיינלעכער לאַנגווייל אָדער קריטישע אויסנאַם - צושטאַנדן (זע אונטן), ווי א שטאַרק אויפרעגנדיקער געשלעכטס - שפּיל (ניט זעלטן קומט אָנאַניזם צוזאַמען מיט אומווילקירלעכן שתנה = לאָזן). ס׳איז שוין נענוג באַקאַנט, אַז צעשטרייענדיקע באַוועגונג - שפּילן (האַנדלונגס - שפּילן) זענען דער בעסטער מיטל געגן אָנאַניזם. זיי גיבן אַ פּראָדוקטיוון אויסוועג פאַר דעם אָנאַניסטיש פאַרקריפּלטן שפּיל - דראַנג. די דאָזיקע שפּילן מוזן אָבער באַפרידיקן דעם אינדיווידועלן, ווען אויך צו גרויסן, שפּיל - באַדאַרף פון קינד.

פאר אזא קינד א פאסנדיקע פירער - ראָלע אָדער א פארכאפנדיקע שפּיל - טעטיקייט. קען ער אָפט מיט גרויס דערפאָלג אויסווירקן פּראָדוקטיוו זיין גרויסן לעבנס - דראַנג, וואָס האָט פריער געמוזט זוכן א פּרימיטיוון גוויט - אויסגאַנג.*)

אין צייטן פון רעוואָלוציע, מלחמה, רעליגיעזע באוועגונגען און בכלל סאָציאַלן אויפשוואונג טרעפן מיר אָפט אין די ערשטע רייען נעראָטיקער און טונקעלע אוואַנטוריסטען, טאַקע דערפאַר, וואָס די שטורמישע צייט פון מאַסן - אויפשוואונג לאָזט זיי גע - זעלשאַפטלעך - פּראָדוקטיוו אויסלעבן דעם אומגעווייִנטלעכן לע-בנס - דראַנג, וואָס האָט פריער געמוזט אימפּולסיוו פארקריפּלט ווערן. מיר וועלן איצט באַשרייבן א כאַראַקטעריסטישן פאַל.

געאָרג, א צוועלף - יעריק ייִנגל, מיט א הייסער נאַטור און רייכער פאַנטאַזיע, לערנט זיך שלעכט אין שול, איז אומדיסציפּלי-נירט, די לערער קאָנען מיט אים ניט אויסקומען, גלייכצייטיק איז ער אָבער ביי די שול - חברים א באַליבטער פירער. זיינע לימודים און זיין אויפפירונג ווערן ערגער פון חודש צו חודש. ענדלעך שליסט מען אים אויס פון שול (אין זעקסטן קלאַס). שוין א צוואַנ-

*) ביי א געוויסער קאַטעגאָריע פון אזוינע קינדער קאַן דער גרויסער לעבנס - דראַנג האָבן א גאַנץ ספּעציעלע ריכטונג אָדער באַגאַבונג. ס'זענען פאַראַן, למשל, קינדער, וואָס האָבן ספּעציעל אזא גרויסן וואַנדער - דראַנג (וואַנדער - קינדער), אז זיי קאָנען נישט פארטראָגן די לאַנגוויל פון זיצן אויף איין אָרט. זיי לויפן אוועק פון דער שולע, פון דער היים, מ'טרעפט זיי אָפט אויף וווייטע באַן - סטאַציעס, מ'קערט זיי אום צוריק מיט געוואַלד אהיים. מ'קאָן אָבער זעלטן באַהערשן אָט די ווילדע וואַנדער - זוכט און ס'קומט צו טראַגישע קאָנפליקטן. אין אייניקע ערטער אין ענגלאַנד פלעגט מען אזוינע קינדער אָפּגעבן אין א באַוועגלעכער מאַטראָסן - שולע אויף גיי-ענדיקע שיפן. אויף דעם אופן געפינט מען א פּראָדוקטיווע אויסווירקונג פאַר דעם צו גרויסן וואַנדער = אינסטינקט, וואָס אין דער נאָרמאַלער שולע וואָלט ער געקענט האָבן א דעסטרוקטיוון אויסוווּקס. דאָסזעלביקע איז אויך בנוגע אַלע אַנדערע מעגלעכע ריכטונגען און באַגאַבונגען פון אַן איבערנאָרמאַל גרויסן לעבנס - דראַנג.

ציק - יעריקער בחור, לאָזט ער זיך אַריין אין אַזאַרט - שפּיל מיט קאָרטן, מאַכט אַלערליי שווערע שווינדלערייען, כדי צו באַקומען געלט אויף זיין אַזאַרט - שפּיל. שפּעטער קומען נאָך צו עראָטישע עקסצעסן. אַלע פּרוּוון (מצד עלטערן, דערציִער) אויף אים איינצווווירקן געלינגען ניט. אויפן 26-טן לעבנס - יאָר, ווען ס'ברעכט אויס די וועלט - מלחמה, גייט ער אַליין פריַיוויליק אויפן פראָנט. דאָרט האָט ער ווי מיטאַמאָל אויפגעוואַכט. זיינע צו - גרויסע ליידנשאַפטן באַקומען ערשט איצט אַ מעגלעכקייט פון סאָציאַלער אויסווירקונג. דאָרט ווייזט ער אַרויס גרויסע פעיקייט און העלדישקייט. ער ווערט עטלעכע מאָל פאַרוווּנדעט, און נאָך יעדער היילונג רייסט ער זיך אויפן פראָנט. ער באַקומט אַלץ גרעסערע אויסצייכנונגען. נאָך דער איבערקערעניש שטעלט ער זיך אָן דער שפּיץ פון אַ לינקער אַרמיי - אָפּטיילונג, ווייזט אַרויס דערשטוינלעכע אָרגאַניזאַטאָרישע פעיקייטן, און גיכן ווערט ער אַ באַרימטער קאָמאַנדיר. איצט שפּילט ער זייער זעלטן אין קאָרטן, ער איז אינגאַנצן פאַרכאַפּט פון זיין זודיקער טעטיקייט.

אין אַזוינע און ענלעכע אַנדערע פאַלן זעען מיר, אַז ווען דער לעבנס - דראַנג קאָן ניט שטייגן אין דער הויך איבער דאָס געווינלעכע ניוואָ, זינקט ער אין דער טיף אונטער דעם ניוואָ, פון וואַנען ער קאָן זיך ווידער אויפהויבן ביי דער ערשטער מעגלעכקייט פון אויפשוואונג. ס'זענען פאַראַן, הייסט עס, צוויי פאָרמען פונר אורשפּרינגלעכן לעבנס - דראַנג: אַ שעפערישע, צו העכערער אַנטוויקלונג פירנדיקע אָדער אַ דעסטרוקטיווע, צו נידעריקער (פּרימיטיווער) אַנטוויקלונג ציענדיקע קראַפט. ביידע פאָרמען זענען גלייך אורשפּרינגלעך, זענען אָבער דינאַמיש מיטאַנאַנדער פאַרבונדן און דריקן זיך אויס אין פּראָדוקטיווע און דעסטרוקטיווע שפּילן (זע פאָלגנדיקן קאַפּיטל).

2) ס'קאָנען אין לעבן פון יעדן מענטשן פאָרקומען פסיכישע אויסנאַם - צושטאַנדן — עקסטאַטישע, טראַגישע אָדער בכלל טיף דערשיטערנדיקע אינטימע איבערלעבענישן. די דאָזיקע העכערן צייטווייליק דעם מענטשנס לעבנס - דראַנג אָדער זיין שפּיל - באַדאַרף, וואָס קאָן דורכדעם אַ לאַנגע צייט ניש באַפרי-

דיקט ווערן דורך דעם געוויינטלעכן אָדער פּראַקטיש מעגלעכן לע-
בנס - שטייגער. אויך דאָ קומט פאָר דאָסזעלביקע: ווען דער
גרויס געוואָרענער לעבנס - דראַנג האָט ניט די מעגלעכקייט זיך
אויסצווירקן גייסטיק פּראָדוקטיוו, זוכט ער אימפּולסיוו זיין אויס-
גאַנג אין דעסטרוקטיווע שפּילן פון נעוראָז אָדער מאָראַלישער דע-
גענעראַציע. די באַאָבאַכטונגען לאָזן אונטערשיידן פאָלגנדיקע
אויסנאַם - צושטאַנדן.

א) קריטישער אויסנאַם - צושטאַנד. אין
קריטישע לעבנס - מאָמענטן, ביי אַ גרויסן אומגליק אָדער שווערע
דערשיטערונגען, זוכט דער מענטש אינסטינקטיוו דורך נייע אָדער
גרעסערע שפּיל - ווירקונגען צו פאַרשטאַרקן דעם לעבנס - דראַנג
און דורכדעם באַקומען כוח אַריבערצוטראָגן די גרויסע ליידן.
אַזוי לויפן פיל מענטשן בשעת אַ נשמה - אומגליק — זיין רעלי-
גיעזישקייט, „אין פאָלק", אויפן פראָנט, אין רעוואָלוציע, אין
געזעלשאַפטס - אַרבעט א. דגל. ווי אַ שפּיל ווערט אַזאַ טעטיקייט
געמאַכט ניט אַזוי צוליב נוצן אָדער אָנפּאַסונג, נאָר כדי צו באַ-
פרידיקן אינטימע ליידנשאַפטן און דורכדעם שטאַרקן דעם לע -
בנס - אימפּעט אָדער די פּסיכישע ווידערשטאַנד - קראַפט. ביים
אויספעלן פון אַזאַ פּראָדוקטיווער שפּיל - טעטיקייט פילט מען אַ
זייער פיינלעכע פּוסטקייט, וואָס ווערט אימפּולסיוו געדעקט דורך
נעוראָז אָדער מאָראַלישער דעגענעראַציע. אַזוי קאָן מען אין פאַר-
צווייפלטער נשמה - נויט אָנהויבן טרינקען, אַריינלאָזן זיך אין
קאָרטן, אָדער אַנדערע באַטויבנדיקע פּרימיטיווע ליידנשאַפטן.
מיר באַצייכענען אָט דעם אויסנאַם - צושטאַנד ווי אַ „קריטישן".
ווייל ער קומט דורך אַ קריזיס פון נשמה - לעבן.

ב) עקסטאַטישער אויסנאַם - צושטאַנד.
ביים אויפפלאַקערן פון אַן אינטים געפיל, ווי, למשל, ביים פאַר-
ליבטן, ביים פאַרכאַפּטן רעוואָלוציאָנער אָדער אינטים רעליגיעזן
מענטשן, קומט דער מענטש אין אַן עקסטאַטישן אויסנאַם - צו-
שטאַנד, ווען דער לעבנס - דראַנג אָדער שפּיל - קוואָטיענט זענען
זייער געהעכערט. דער פאַרליבטער. וואָס האָט פריער לאַנגע יאָרן
געלעבט אָן ליבע, קאָן זיך אָבער איצט גאָרניט צעשיידן מיט זיין

געליבטער, ווי דער רעוואלוציאנער אדער רעליגיעזער מענטש זע־ען שטענדיק פארבאפט מיט זייער לײדנשאפט. נאך א צעשיידונג מיט דער געליבטער זעט אלץ אויס לאנגווייליק, „גרוי", „פוסט". דער פארליבטער ווערט געמאטערט פון טיפער בענקשאפט. ווען די בענקשאפט ווערט זייער טיף, קאן עס קומען צו א קריטישן צו־שטאנד. אזוי זענען אויך, למשל, אין צייטן פון רעוואלוציע די פאלקס - מאסן עקסטאטיש — זייער לעבנס - דראנג איז געהויבן און זיי לעכצן נאך גרויסע געשעענישן און ראדיקאלע ענ־דערונגען. קאנטראסטן און מיטלמעסיקע רעפארמען זעען אויס דאמאלס גרוי און נישטיק.

ג) איבערגאנגס - צושטאנד. נאך דעם אויסלעשן זיך פון אינטימער לײדנשאפט, נאך א שטורמישער איבערלעבע־ניש, קאן זיך דער נאר - וואס געהעכערטער לעבנס - דראנג ניט אומקערן באלד צום פריערדיקן טאג - טעגלעכן לעבן. אין דער ערשטער איבערגאנגס - צייט פילט דער מענטש פיינלעכע פוסט־קייט. דאס איז דער „קאצנ־יאמער" נאך א גערויש - פולער שמחה, דאס דעפרעסיווע געפיל פון ליידיקייט נאך א פארגאנגע־נער ליבע, נאך א גרויסער פארכאפנדיקער פייערלעכקייט. אט איז אזא פאל: אן ארים געשעפטס - מיידל פון פראווינץ פארט אויף עטלעכע חדשים אין דער הויפט - שטאט צו איר רייכן פעטער. דארט פארברענגט זי זייער פריילעך, איבערראשט און אנטציקט פון וואונדערלעכן גלאנץ און נייע איבערלעבענישן. ווען זי קערט אין עטלעכע חדשים ארום צוריק אין איר ארימער היים, זעט איר דארט אלץ אויס זייער קליינלעך און גרוי. זי באקומט אויף א גע־וויסע צייט (א בערגאנגס - צייט) שווערע היסטערישע סימפטא־מען, ביז זי געוווינט זיך ווידער איין מיט איר פריערדיקן לעבנס־שטייגער.

דאס אויבן געזאגטע קאן קורץ אזוי פארמולירט ווערן: ביי אויסנאם - מענטשן ווי אין אויסנאם - צו־שטאנדן ביי יעדן מענטשן, קאן דאס אייספעלן פון נייע אדער שטארקערע שפיל־עלעמענטן פירן צו א קראנקמאכנדיקער פיטטקייט.

5

פריי-שפּיל און צוואַנג-שפּיל

(דער טראַגישער גענוס און די דריי פאָרמען פון באַוווּסטזיין)

די שפּיל - פרייהייט, ד. ה. דאָס געפיל פון פרייהייט, וואָס מ'האָט ביים שפּיל, ווייזט זיך אַרויס ווי אַ וויכטיקער שליסל צו דער פּסיכאָלאָגיע פון שפּיל. ביי די סאַמע פאַרשידענע פאַלן, האָבן מיר געזען, האָט זיך באַשטעטיקט די דעפיניציע פון שפּיל אַלס אַ פרייע טעטיקייט, וואָס באַפרידיקט דעם מענטשנס געפילן. די שפּיל - פרייהייט איז אינערלעך פאַרבונדן מיט דער געפיל-באַפרידיקונג פון שפּיל. איז אַ שפּיל געצוווּנגען, ד. ה. אומבאַגערט, קעגן די געפילן, איז ער אַ לעסטיקע טעטיקייט און האָט שוין מיט שפּיל, מיט לוסטיקער געפיל - באַפרידיקונג, ניט צו טון. אין דער ווירקלעכקייט אָבער זענען פאַראַן ביי יעדן מענטש אַזוינע געפילן, וואָס זייערע אַנטשפּרעכנדיקע שפּילן פאַרוואַנדלען זיך אין אַ מין צוואַנג און פאַראַליזירן דעם מענטשנס פרייען ווילן, כאָטש די דאָזיקע שפּילן האָבן נאָך (אין די מאָמענטן פון שפּיל) אַן אילוזיע פון פרייהייט. אַזוינע שפּילן מוזן אויסגעטיילט ווערן אין אַ באַזונדער קאַטעגאָריע פון צוואַנג - שפּילן. אין דער הינזיכט איז אינטערעסאַנט צו באַאָבאַכטן גענויער די דערשיינונגען פון שפּיל - פרייהייט.

די שפּיל - פרייהייט קומט צוערשט אין דער מעגלעכקייט פון פרייען שפּיל - אויסוואַל, אין דעם באַוווּסטזיין צו קאָנען טון וואָס ס'גלוסט זיך — ווען ביי דער אַרבעט קאָן מען טון בלויז וואָס מ'מוז לויט דער פאָדערונג פון צופּאַסונג. אָבער אויך דערנאָכדעם ביים שוין אויסגעוויילטן שפּיל האָט מען פרייהייט - באַוווּסטזיין, נעמלעך דאָס באַוווּסטזיין פון קאָנען שפּילן ווי מ'וויל און וויפיל מ'וויל. אַ פליכט - אַרבעט מוז מען מאַכן בהסכם מיט

די רעאַלע פאָדערונגען און מ'האָט צו דערפירן די אַרבעט ביז צו א באַשטימטן צוועק, אָבער א שפּיל - טעטיקייט קאָן מען פאַר-מירן לויט אייגענעם גלוסטן און אויפהערן לויט באַגער. קורץ פאָרמולירט: ביים שפּיל האָט מען אַחוץ פרייהייט פון אויסוואַל, אויך די פרייהייט פון מאָדיפיקאַציע און איבעררייס. דאָס איז דער אונטערשייד צווישן נאָרמאַלן שפּיל און אַזאַרט - שפּיל. וואָס ביים לעצטן איז מען אַזוי פאַרכאַפּט, אַז מען פאַרלירט די ווילנס-פרייהייט צו ענדערן און איבעררייסן דעם שפּיל. אין משך פון דער צייט (ד. ה. פון פיל ווידערהאָלטן שפּיל) ציט עס דעם אַזאַרט - שפּילער צום שפּיל ווי מיט אַן אומבאַצווינגבאַרן צוואַנג, און ער פאַרלירט אַזוי - אַרום אויך די פרייהייט פון שפּיל - אויסוואַל. ס'איז דערזעלביקער אונטערשייד ווי צווישן נאָרמאַלן שלאָף און נאַרקאָטישן שלאָף (דורך כלאָראָפאָרם און דגל.) וואָס ביים לעצטן פאַרלירט מען די וועקבאַרקייט, ד. ה. די פעיקייט דורך לייכטע רייצן אויפגעוועקט צו ווערן צום קלאָרן וואַך - באַוווסט-זיין. פון דעם נאַרקאָטישן שלאָף קאָן מען בלויז דורך זייער שטאַרקע רייצן אויפגעוועקט ווערן, אָבער אויך דאַמאָלס איז מען נאָך באַטויבט און מען קומט ניט צום קלאָרן וואַך - באַוווסטזיין אַזוי לאַנג ווי דאָס נאַרקאָטישע מיטל צירקולירט אין בלוט.* דער אַזאַרט - שפּיל איז א צוואַנג - שפּיל, ווי דער נאַרקאָטישע שלאָף איז א צוואַנג - שלאָף.

פיל וויכטיקער איז אָבער דער פאַרגלייך פון אַזאַרט-שפּיל מיט דער ווירקונג פון דער אַזוי - גערופענער היפּנאָטיקא, ווי אַל-קאָהאָל, מאָרפיום און דגל. די דאָזיקע מיטלען ברענגען ארויס דעם מענטשן, ווי דער שלאָף, פונם קלאָרן וואַך - באַוווסטזיין, אָבער גלייכצייטיק ברענגען זיי, ווי דער אַזאַרט - שפּיל, א פאַרכאַפּנדיקע לוסט - פולע פאַרווײַלונג. ספּעציעל דער גענוס פון אַלקאָהאָל איז ביי פיל מענטשן אין דער רו - צייט די שטאַרקסטע שפּיל - פאַר-ווײַלונג**). האָט מען אָבער שוין איינגענומען א באַשטימטע ראָ-

*) זע אויבן, ערשטן טייל, קאַפּ. 2.

**) פאַקטיש איז אין דער געזעלשאַפט דער ווײַן א שטענדיקער באַ-גלייטער פון אַלע פעסטלעכקייטן און פאַרווײַלונגען ביי רעליגיעזע פעסט-

ע פון אלקאהאל אדער מארפיום, פארלירט מען, ווי ביים אזארט-
שפיל, די שליטה צו ענדערן אדער איבערצוריסן די ווירקונג,
אזוי לאנג ווי מ'האט זיך ניט אויסגעניכטערט. אויך דא, ווי ביים
אזארט - שפיל, פארלירט מען אין משך פון דער צייט (פון פיל
מאל טרינקען) די פרייהייט פון אויסוואל, אויף וויפיל ס'ציט
עם מענטשן, ווי מיט אן אומבאהערשבארן צוואנג צו אלקאהאל
אדער מארפיום. מ'קאן איצט קורץ פארמולירן: דער גע-
וס פון אלקאהאל (אדער מארפיום און דגל.)
ווי דער אזארט-שפיל, געהערן צו דער קא-
טעגאריע פון צוואנג-שפילן. ס'איז דא כאראקטע-
יסטיש א מין צויבער - קרייז: פון איין זייט איז דער גענוס
אדער די לוסט - געפילן אזוי פארבאפנדיק, אז מ'קאן אנטקעגן זיי
ט ביישטיין, ווי קעגן א צוואנג; פון דער אנדער זייט, איז דער
וואנג דא אזוי געוואלטיק און עלעמענטאר, אז מ'האט א שטארקן
ענוס דעם צוואנג צו באפרידיקן.

די צוואנג - שפילן ווייזן ארויס פיל פאראדאקסאלע אייגנ-
אפטן, וואס מ'קאן קורץ אזוי כאראקטעריזירן: 1) ווען געוויינט-
עכער שפיל - גענוס איז פארבונדן מיט אפרו און באפרייונג פון
רבעט - צוואנג אדער אנפאסונג - צוואנג, איז דא דער שפיל - גע-
ים גופא א צוואנג. 2) וואס מער מ'פארנעמט זיך מיט צוואנג -
שפילן (ווי אזארט - שפיל אין קארטן, אלקאהאליזם, מארפיניזם
און דגל.), אלץ גרעסערע און געפערליכערעליידן ברענגען זיי דעם
מענטשן און דאך ווערט גלייכצייטיק אלץ גרעסער זייער צוינגענדי-
קע קראפט. ס'באקומט זיך דאס דערשטוינלעך טראגישע בילד
פון א מענטשן, וואס גייט מיט שטענדיק וואקסנדיקן זעלבסט -
צוואנג און שטענדיק וואקסנדיקע לוסט און לייד, — צו דער
אייגענער פארניכטונג. דער פארלארענער קארטן - שפילער, וואס
האט דורך דעם שפיל פארלארן קאריערע און פארמעגן און וואס
איז שוין געזעסן עטלעכע מאל אין געפענגעניש פאר שווינדלע-
רייען צו באקומען געלט אויף קארטן; דער לוסט - פארב־עבער ,

―――――

בקייטן האט דער וויין אפילו באקומען א סימבאלישע באדייטונג

וואָס איז שוין ניט איין מאָל געשטאַנען אין געריכט פאַר דער דראָונג פון טויט - שטראָף, דער אַלקאָהאָליקער אָדער מאָרפיניסט, וואָס טראָגן אויף זייערע פּנימער אַלע שאַרפערע סימנים פון אָרגאַנישער צעפאַלנקייט — גייען זיי דען ניט אָט די אַלע פאַר אונזערע אויגן מיט בלינד וואַקסנדיקן „שוואַרצן" אימפּעט, געהעצט דורך אַלע גרעסערע לוסט און ליידן, צום אייגענעם אונטערגאַנג. 3) די צוואַנג - שפּילן, ווי שפּילן איבערהויפּט, וועקן אַן אורשפּרינגלעכן לעבנס - דראַנג, אָבער אַ נעגאַטיוון, אַ צעשטערישן, וואָס ברענגט טויט און אונטערגאַנג. מיט אַנדערע ווערטער, ס'ווערן געוועקט דאָ אור - כּוחות, אָבער ניט קיין שעפערישע, נאָר פּרימיטיווע, דעסטרוקטיווע. מ'קאָן דערפאַר באַצייכענען די צוואַנג - שפּילן, ווי פּרימיטיוו-דעסטרוקטיווע שפּילן, צום אונטערשייד פון די פּראָדוקטיווע פריי - שפּילן, וואָס וועקן די שעפערישע אור - כּוחות פון דער פערזענלעכקייט. די ביידע אַרטן פון געפילן (אָדער כּוחות), די דעסטרוקטיווע און די שעפערישע, קומען ניט אַרויס איינע פון די אַנדערע, נאָר יעדע פון די ביידע אַרטן איז אור - שפּרינגלעך און אויטאָנאָם, זיי זענען אָבער דינאַמיש צווישן אַנאַנד פאַרבונדן אין דער פליסנדיקן נשמה - לעבן.

דאָס לעצט כאַראַקטעריסטישע פאַר דעם צוואַנג - שפּיל איז, וואָס, ניט קוקנדיק אויף די וואַקסנדיקע צוואַנג, ליידן און געפאַר, האָט מען אָבער בשעת דעם שפּיל גופא דאָס סוביעקטיווע געפיל, די אילוזיע פון שפּיל - פרייהייט און אויפלעבנדיקן שפּיל - אימפּעט. דער קאָרטן - שפּילער, בשעת דעם אַזאַרט, דער אַלקאָהאָליקער בשעת דער שכּרות, אָדער דער מאָרפיניסט אין מאָמענטן פון טראַנס, אָדער דער לוסט - פאַרברעכער אין די אַפעקט מאָמענטן פון אָנגריף — האָבן דאָס געפיל פון אומגעצוימטער פרייד און „פרייען" אויסברויז פון כּוחות. ווען די ליידן ווערן צו גרויס, געניסט מען די פאַרכאַפּנדיקע שפּאַנונג פון ליידן, די געהויבנקייט און טראַגעדיע. דער צוואַנגס - שפּיל אַנטוויקלט זיך צו אַ ליידנס - שפּיל. ס'זענען פאַראַן צוויי פאַר-

מען פון ליידנס - שפּיל. אָדער די טראַגישע פּאָזע מיט אויפברוי-
זנדיקן פּראָטעסט און „וועלט - שמערץ", די אומפּארשעמטע פריי-
הייט פון א ניט - האָבן - מער - וואָס - צו - פאַרלירן, — דאָס
זענען די אַגרעסיווע אַלקאָהאָליקער אָדער די ראָמאַנטיש - אַוואַנ-
טוריסטישע אַזאַרט - שפּילער (אַגרעסיווע פאָרם). אָדער דער
אומפּעט פון געפּאַלנקייט און שטומער פאַרצווייפלונג, די רירנדי-
קע קינדלעכע אומבאַהאָלפנקייט פון א זיך - זינקען - לאָזן (פּאַ-
סיווע פאָרם) *). אָט אַזוי שילדערט דאָסטאָיעווסקי (אינם בוך
„פאַרברעכן און שטראָף") אין דעם מאָנאָלאָג פון דעם שכורן
מאַרמאַלאַדאָוו די גרענצנלאָזע געפאַלנקייט, מיט וועלכער ס'פאַר-
גליגיעט זיך דער געזונקענער שכור אין זיין ווענדונג צו געטלע-
כער גנאָד.

מיר האָבן אויבן שוין געזען (קאַפּ. 2), אַז ווען דער מענטש
איז ניט צופרידנלעך פאַר אַזאַרט-שפּיל, אַלקאָהאָל אָדער לוסט-
פאַרברעכן, קאָן די אומדערטרעגלעכע פּוסטקייט פון לאַנגווייל
אויסגעפילט ווערן דורך דעם נעווראָז, וועלכער איז פון אָנהויב אָן
גלייכצייטיק אי א ליידנס-שפּיל, אי א צוואַנגס-שפּיל. דאָס נעוראָ-
טישע ליידן איז דאָך נישט קיין עכטעס, אָרגאַנישעס, נאָר א פאַר-

*) אייגנטלעך האָבן די מייסטע שפּילן אַן עלעמענט פון ליידן־ ווי די
איבערווינדונג פון „שטערונגען" אָדער די „שווערע" דערגרייכונגען אין
ספּאָרטלעכע שפּילן, אַזוי איז אין די מייסטע שפּילן די פעיקייט אריבערצו־
טראָגן ליידן אָדער די אויפּרעגנדיקע גרייטקייט צו ריזיקירן און צו פאַרלירן
א לוסט־ברייננגענדיקער שפּיל־עלעמענט. דאָס ליידן קאָן האָבן זיין אייגענע טראַ־
גישע שיינהייט, שאַפט אפּט א מין לירישע פייערלעכקייט, די מוזיק פון טרוי־
ער. אָט ווי טשעכאָוו שילדערט (אין דער דערציילונג „שונאים") די שטומע
ליידן פון די עלטערן אַרום דעם בעטל פון זייער נאָר־וואָס געשטאָרבענעם
איינציקן קינד: „אין דער אַלגעמיינער דערשטאַרונג, אין דער פּאָזע פון דער
מוטער, אין דער גלייכגילטיקייט פונם פאָטערס פּנים, איז געלעגן עטוואָס
צוציענדיקס און רירנדיקס, יענע פיינע, קוים באַשטימבאַרע, שיינקייט פון
מענטשלעכע ליידן, וועלכע מ'וועט זיך ניט אַזוי גיך אויסלערנען צו פאַרשטיין
און באַשרייבן און וועלכע מ'קאָן איבערגעבן, דוכט זיך, נאָר די מוזיק אַליין".

געשטעלטעם (פסיכאָגען), אַ „געשפּילטעם". ווי אַ ליידנס - שפּיל, דעקט דער נעווראָז די לייזיקייט פון לאַנגווייל דורך דער פאַר - כאַפּנדיקער שפּאַנונג פון געשפּילטע קערפּער - ליידן. ווי ביים צוואַנג - שפּיל, האָט מען אויך ניט ביים נעווראָז די פריַיהייט פון אויסוואַל, פון ענדערן און איבעררייסן. דאָס נעווראָטישע ליידנס - שפּיל האָט אויך צוויי פאָרמען: די אַגרעסיווע אויפרעגנדיקע היס - טעריע מיט איר טעאַטראַלישקייט און אַרויסרופנדיקער פּאָזע, די אַלע אַנדערע ביזאַרן-סטיש געפאַרבטע וואַריאַציעס פון נעווו - ראָז (אַגרעסיווע פאָרם) אָדער די דעפּרעסיווע אין זיך געווענדעטע נעראָזן (פּאַסיווע פאָרם).

דאָס געזאָגטע קאָן קורץ פאָרמולירט ווערן: 1) ס'זענען פאַראַן פאַרשיידענע אַרטן פון צוואַנג - שפּילן — די נעראָטישע, די טאָקסישע (ד. ה. דורך דער ווירקונג פון גיפטן ווי אַלקאָהאָל, מאָרפיום און דגל.), די מאָראַלישע (אַזאַרט-שפּיל, לוסט-פאַר - ברעכן), 2) יעדע אַרט צוואַנג - שפּיל וועקט אויף איר שטייגער אַן אורשפּרינגלעך צעשטערערישן לעבנס - דראַנג.

גאַנץ קעגנזעצלעך זענען די פריי - שפּילן, ווי די ספּאָרט - לעכע, געזעלשאַפטלעכע, עסטעטישע און רעליגיעזע שפּילן. דאָ האָט מען די גאַנצע שפּיל - פריַיהייט — די פריַיהייט פון אויס - וואַל, פון מאָדיפיקאַציע און איבעררייס. די דאָזיקע שפּילן, יעדער אויף זיין אופן, באַפרידיקן די שעפערישע געפילן פון דעם מענטשן און ברייגען אים אויף אַ מער העכערן אַנטוויקלונגס - ניוואָ ווי אין טאָג-טעגלעכן לעבן — פּראָדוקטיווע שפּילן. דאָ קאָ - נען מיר באַאָבאַכטן אַ וווּנדערלעכע איינשאַפט. אַזוינע געפילן (און די זיי אַנטשפּרעכנדיקע שפּילן) ווי, למשל, סאָציאַלע און עסטעטישע, האָבן אין זייער נאַטור גופא אַן אָרגאַניזירנדיקע, אויפבויענדיקע טענדענץ. וואָס שטאַרקער ס'וואַקסן אַזוינע גע - פילן, אַלץ שטאַרקער וואַקסן גלייכצייטיק זייערע רעגולירנדיקע אויפבוי-טענדענצן. ס'איז ווי דער רייטער אויפן פערד — וואָס העכער ס'הויבט זיך דאָס פערד, אַלץ העכער איז דער רייטער. וואָס עקסטאַטישער ס'זענען די פּראָדוקטיווע שפּילן, אַלץ מער ווערט גלייכצייטיק אויפגעוועקט דער שעפערישער ווילן, אַלץ מע -

האָט מען דערביי דאָס געפיל פון פרייהייט און באַפרייונג. לאָזט מען זיך, למשל, אין אַ וואַלס-טאַנץ מיט אַ שטאַרק פאַרכאַפּנדיקן שווונג, מוז מען גלייכצייטיק פאַרשאַרפן אַנטשפּרעכנדיק די פעיקייט דורך ריטם און טאַקט אַלע ווילע דעם שיער זיך ניט פאַרלירנדיקן שווונג צו רעגולירן. ס'קומט אויס די ווונדערלעכע און דאָך נאַטירלעכע באַציונג — אַז וואָס מער די פּראָדוקטיווע שפּילן באַהערשן דעם שפּילער, אַלץ מער לאָזן זיי זיך פונם שפּילער באַהערשן. נאָך באַדייטנדיקער זענען די אַנדערע אייגנשאַפטן פון פּראָדוקטיווע שפּילן: 1) די פּראָדוקטיווע שפּילן האָבן פאַרשיידענע גראַדן פון פּראָדוקטיוויטעט — אָנהייבנדיק פון איינפאַכע פיזישע איבונגען, וואָס אַנטוויקלען באַשטימטע אָרגאַנען אָדער פונקציעס, ביז צו קינסטלערישער און רעליגיעזער אינספּיראַציע, וואָס פאַרווירקלעכן שעפערישע ליידנשאַפטן און מאָנומענטאַלע ווערק. וואָס גרעסער די פּראָדוקטיווישקייט פון שפּיל, אַלץ גרעסער ווערן גלייכצייטיק די אָנשטרענגונג און די פרייד פון דערגרייכונג. ריטמישע גימנאַסטיק און קאָמפּליצירטער ספּאָרט, למשל, פאַרלאַנגען מער אָנשטרענגונג און גיבן גרעסערע פרייד פון דערגרייכונג, ווי איינפאַכע פיזישע איבונגען; אַ קינסטלערישע מוזיקאַלישע אָפּער מער ווי אַ וווּלגאַרע שונד-מוזיק. ביי קינסטלערישער און רעליגיעזער אינספּיראַציע, ווי אין אויסנאַם-צושטאַנדן ביי יעדן מענטשן, דערגרייכט עס ביז „שאַפונגס-ליידן'' און „שאַפונגס-עקסטאַז'', וואָס פירן מיט אומבאַזיגבאַרן אימפּעט צום אויפשוווּנג און רעאַליזירונג פון דער שעפערישער פּערזענלעכקייט. 2) שאַפונג געהערט (ווי שוין אין אַן אַנדער אָרט *) דערקלערט) צו דער קאַטעגאָריע פון אינטימע פּראָצעסן, ביי וועלכע מ'האָט נעמלעך אוממיטלבאַר דאָס געפיל פון אינערלעכקייט. אין קעגנזאַץ צום מעכאַנישן אָדער צום געוווינהייטס-שאַבלאָן, איז די שאַפונג דורכויס אייגנאַרטיק און דריקט אויס דאָס אינערלעכסטע וועזן פון דער פּערזענלעכקייט. אויף וויפיל פּראָדוקטיווע שפּילן ווערן שאַפונגס-פּראָצעסן, ווערן זיי איבערגעלעבט ווי אינטימע —

*) זע אויבן ערשטן טייל, קאַפּ. 7.

אינטימע שפּילן *). 3) די פריי - שפּילן וועקן אַן אורשפּרינגלעכן לעבנס-דראַנג, אָבער (צום אונטערשייד פון צוואַנג - שפּילן) אַ פּאָזיטיוון, אַ שעפערישן, וואָס ברענגט וווּקס און אויפשוואונג פון דער פּערזענלעכקייט.

די פּראָדוקטיווע און דעסטרוקטיווע שפּילן זענען דינאַמיש צווישן זיך פאַרבונדן. ביים אויספעלן פון אינדיווידועל נויטווענדיקע שפּילן, ווי שוין אויבן דערקלערט, ווערט ניט גענוג אַקטיווירט קיין לעבנס-דראַנג און ס'אַנטשטייט אַ „דעפיציט" פון פּסיכישער שפּאַנונג. ווען דער מענטש האָט ניט קיין געלעגנהייט פאַר פּראָדוקטיווע שפּילן, זוכט ער אימפּולסיוו צו דעקן דעם „דעפיציט" דורך דעסטרוקטיווע צוואַנג-שפּילן. אָפּהענגיק פון נאַטור, דערציונג און סיטואַציע — וועט עס ביים מענטשן קומען צו נעראַטישע, טאַקסישע אָדער מאָראַלישע צוואַנג - שפּילן. אין דעם אויבן באַשריבענעם (קאַפּ. 3) פאַל פון לואיזע האָבן מיר קלאָר געזען, ווי דער דעפיציט פונם ליידיק-געוואָרענעם לעבן ווערט געדעקט דורך דעם הויט-נעוראָז, אָדער אין דעם פאַל פון געאָר (קאַפּ. 4) — דורך מאָראַלישע צוואַנג-שפּילן (אַזאַרט-שפּיל און עראָטישע עקסצעסן).

איצט וועלן מיר מאַכן נאָך אַן אַנטשיידנדיקע באַאָבאַכטו פון דער שפּיל-פרייהייט.

די געבונדנקייט פון דער אַרבעט דורך רעאַלע באַדינגונגען און אַרבעט - צוועק מאַכט די אַרבעט „ערנסט", ד. ה. מ'מוז ביי דער אַרבעט אויפפּאַסן און באַהאַנדלען דערשיינונגען לויט זייער אייגענער געזעצמעסיקייט. יעדע אילוזיע אָדער קאַפּריז איז שעדלעך. ס'איז די פּראַקטישע פאַנטאַזיע, וואָס איז פאַרבונדן מיט דער צופּאַסונג. דאָס ערנסטע אַרבעט - באַוווּסטזיין איז דאָס נאָרמאַלע באַוווּסטזיין פון רעאַלער שטרענגער געזעצמעסיקייט, פון אַן „אַזוי-און - ניט - אַנדערש" - באַציונג. אין שפּיל - באַוווּסטזיין אָבע-

*) מיר האָבן שוין אויבן (טייל 1, קאַפּ. 6) באַשריבן די באַדייטונג פון פרייער פּערזענלעכער איניציאַטיוו ביי די סאַמע פּאַרכאַפּנדיקע אינטימע איבערלעבענישן.

קאָן מען אויפפאַסן און באַהאַנדלען דערשיינונגען לויט אייגענעם גלוסטן. ס'איז די פרייע פאַנטאַזיע, וואָס געשטאַלטעט די וועלט לויט אייגענע געפילן. ווען אַ קאַץ כאַפּט אַ מויז, למשל, מוז זי גענוי אויפפאַסן די רעאַלע דערשיינונג פון דער מויז און אירע באַוועגונגען, כדי צו קענען מאַכן די געהעריקע פאַנג־באַוועגונגען. ווען די קאַץ שפּילט אָבער מיט אַ בײַנדל ווי מיט אַ מויז — קאָן זי זיך פאָרשטעלן, וואָס פאַר אַ מויז זי וויל און ווי זי וויל. דאָס שפּיל־באַוווּסטזיין איז אַ פריי באַוווּסטזיין פון „ניט־מוזן", פון „אַזוי־אָדער־אַנדערש"־באַציונג. ס'זענען פאַראַן צוויי פאָרמען פון שפּיל־באַוווּסטזיין — דאָס פּרימיטיווע באַוווּסטזיין פון צוואַנג־שפּילן, און דאָס שעפערישע פון פריי־שפּילן. מיר שלאָגן דאָ אַרויס די חיסר־טעאָריע*) פון איר לעצטער פּאָזיציע, נעמלעך די פּסיכאָ־אַנאַליטישע באַהויפּטונג, אַז אין שפּיל, ווי אין חלום, דריקט זיך אויס דאָס „אומבאַוווּסטע". אין דער ווירקלעכקייט אָבער האָבן מיר אין שפּיל ניט ווייניקער־באַוווּסטזיין, נאָר אַן אַנדער־באַוווּסטזיין. דער אַלקאָהאָליקער אין מאָמענט פון שכּורע־לוסטיקייט, דער פאַרכאַפּטער אַזאַרט־שפּילער, דער אויפגערעגטער נעוראָטיקער, דער קינסטלער אין מאָמענטן פון עקסטאַז — יעדער האָט זיין אייגענעם שפּיל־באַוווּסטזיין, וואָס זעט די דערשיינונגען אין דעם ליכט פון זיינע פּרימיטיווע אָדער שעפערישע געפילן.

דער גאַנצער לעבנס־שטייגער באַשטייט, הייסט דאָס, פון דריי הויפּט־עלעמענטן — אַרבעט, פּראָדוקטיווע און דעסטרוקטיווע שפּילן, וואָס צוזאַמען בילדן זיי דעם נאַטירלעכן ריטם פון מענטשלעכער טעטיקייט — דעם אַרבעט־שפּיל־באַלאַנס. אָט די דריי עלעמענטן, וואָס זענען לויט זייער נאַטור און ווירקונג דורכויס פאַרשיידן, דרינגען דורך אָבער אָרגאַניש איינע די אַנדערע. מיר האָבן שוין אויבן געזען (קאַפּ. 3), אַז יעדע אַרבעט האָט אירע

*) זע אויבן קאַפּ. 1, אויך אויבן דעם ערשטן טייל, קאַפּ. 2.

שפיל - עלעמענטן, און יעדער שפיל — זיינע ארבעט - עלעמענטן. אויך די פראָדוקטיווע און דעסטרוקטיווע שפילן זענען, ווי שוין אויבן דערקלערט, דינאַמיש פאַרבונדן אין דעם שטענדיק פליסנדיקן פסיכישן לעבן.*)

די דריי פאַרשיידענע עלעמענטן פון לעבנס - שטייגער און זייער פאַרשיידענע באַוווסטזיין - פאָרמען שפיגלען אָפּ די פאַרשיידענע אַרטן פון פסיכישן לעבן. אין דער אַרבעט קומט צום אויסדרוק דאָס „ערנסטע" ניכטערע נאָרמאַל - באַוווסטזיין, וואָס דענקט ראַציאָנעל און האַנדלט צוועקמעסיק לויט די רעאַלע באַדינגונגען און צוועק פון דער אַרבעט. אינם שפיל - באַוווסטזיין קימט צום אויסדרוק דאָס עמאָציאָנעלע אָדער „ספערישע" לעבן, ווו מ'דענקט אינטואיטיוו און מ'האַנדלט אימפולסיוו לויט די אייגענע געפילן. ס'זענען אָבער פאַראַן, ווי שוין אויבן דערקלערט, צוויי אירשפּרינגלעך - פאַרשיידענע אַרטן פון געפילן, — נעמלעך שעפעריש - אינטימע און פרימיטיוו - דעסטרוקטיווע געפילן, וואָס געפינען זייער אַנטשפּרעכנדיקן אויסדרוק אין פראָדוקטיווע פריי - שפילן און דעסטרוקטיווע צוואַנג - שפילן. די אַלע דריי אַרטן פון פסיכישן לעבן — דאָס נאָרמאַל - באַוווסטזיין, דאָס שעפערישע און פרימיטיוו-ספערישע לעבן — זענען דורכויס אויטאָנאָמע אור - כוחות, זענען

*) ס'זענען פאַראַן איבערגאַנגס - פאָרמען, ווי אויך געמישטע פאָרמען, פון שעפערישע און פרימיטיווע שפילן. דאָס דאַרף אָבער ניט פאַרטונקלען דעם וועזנטלעכן אונטערשייד צווישן די ביידע אַרטן פון שפילן. די „איבערחזרונג"-טעאָריע פון סטענלי האָל און די „צעשטרייונגס" - טעאָריע פון פּאַטריק פאַרגלייכן דעם שפיל מיט דער טעטיקייט פון אונזערע פרימיטיווע אור - עלטערן, צו וועלכע דער מענטש קערט זיך אום „צוריק" אין צייטן פון רו. ביידע טעאָריעס זעען בלויז די פרימיטיווע שפילן. זיי איגנאָרירן אָבער די פּראָדוקטיווע שפילן און זייערע שעפערישע עלעמענטן, וואָס פירן דעם מענטשן ניט „צוריק", נאָר פאָרויס צו ניי - שאַפונגען. (זע אויבן, צווייטן טייל, קאַפּ. 5, באַמערקונג).

אבער אלע ארגאניש פארבונדן און בילדן צוזאמען די פילגעשטאלטיקע איינהייט פון דער פערזענלעכקייט.*)

מיר באקומען איצט א טיפערן אריינבליק אין דאס פסיכישע וועזן פון שפיל. דאס ערנסטע ארבעט-באוווסטזיין אדער דאס נארמאל-באוווסטזיין הערשט אינם טאג-טעגלעכן לעבנס-קאמף, ווו ס'איז נויטיק א ראדיקאל צוועקמעסיק פארהאלטן. נאר ווי שטארק ס'זאל ניט זיין דאס נארמאל-באוווסטזיין, ווי ניכטער א מענטש זאל ניט זיין — האט אבער יעדער זיין אייגענעם עמאציאנעלן ספערישן דראנג, א געוויסן מינימום פון פרייע גלוסטעניש, וואס איז לויט גראד און כאראקטער אינדיווידועל פארשידן (ספערישער קוואטיענט). פסיכישע וויטאמינען אדער שפיל-עלעמענטן

*) ביי היינטיקן טאג קאן מען אונטערשיידן דריי פארשיידענע אויפפאסונגען פון פסיכישן לעבן. די רעליגיעז-מעטאפיזישע פסיכאלאגיע נייגט צו א מין פסיכאלאגישן פלאטאניזם, וואס רעדוצירט דאס גאנצע פסיכישע לעבן אויף די „העכערע", אינטים שעפערישע כוחות. אין קעגנזאץ צו דעם ברענגט דער פסיכא-אנאליז א מין אומגעקערטן פלאטאניזם, וואס וויל פארקערט ארויספירן די גאנצע פסיכישע וועלט פון די „נידריקע", ספעריש-פרימיטיווע אינסטינקטן. די עקספערימענטאלע פסיכאלאגיע זעט און פארשט הויפטזעכלעך דאס געוויינלעכע ניכטערע נשמה-לעבן. דאס נארמאל-באוווסטזיין, און באאכטעט ווייניק דאס עמאציאנעל-ספערישע לעבן. די אלע דריי אנשויונגען ווידערשפרעכן דער אוממיטלבארער דערפארונג און בלויז דורך שפעקולאטיווע אויסטייטשונגען פאראיינזייטיקן זיי דאגמאטיש דאס פילארטיקע פסיכישע לעבן. אונזער מענטש-וויסנשאפטלעכע אויפפאסונג אבער שטימט מיט דער אלגעמיינער אוממיטלבארער דערפארונג, קאנסטאטירט און פארשט אביעקטיוו די דריי געגעבענע ארטן פון פסיכישן לעבן, וואס יעדע פון זיי איז דורכויס אויטאנאם, און אלע צוזאמען פארבינדן זיך ארגאניש אין דער פילזייטיקער גאנצקייט פון דער פערזענלעכקייט. נאר די שעפערישע כוחות בילדן דאס פערזענלעך-אייגנארטיקע, דאס „אינטימע" וועזן פון דעם געשיכטע-שאפנדיקן אדער, ווייניקסטנס, געשיכטע-מיטמאכנדיקן מענטשן. (זע מיין בוך „דער וועג צום מענטש", קאפ. 6 — 7).

זענען אזוינע איבערלעבענישן, וואָס וועקן און באַפרידיקן דעם ספּעריש‌ן דראַנג פון מענטשן. אזוי זוכט יעדער מענטש דורך פּאַסנדיקן אויסוואַל פון פּראָפעסיע און פאַרווייַלונג אויסצובאַלאַנסירן זייַן עמאָציאָנעל - ספּעריש לעבן. ווען אָבער דער פאַקטישער לעבנס - שטייגער לאָזט ניט באַפרידיקן דעם אינדיווידועלן ספּערישן דראַנג אויף אַן אינטים - פּראָדוקטיוון אופן, ווען דורך דעם אויספעלן פון אינדיווידועל - פּאַסנדיקע שפּילן (פּסיכישע וויטאַמינען) אַנטשטייט די פּוסטקייט פון לאַנגווייל, זוכט דער מענטש אימפּולסיוו דעם אויסגאַנג אין פּרימיטיוו - דעסטרוקטיווע ליידנשאַפטן, און ער ווערט באַהערשט פון די אַנטשפּרעכנדיקע נאַרקאָטישע, טאָקסישע אָדער מאָראַלישע צוואַנג - שפּילן. דער מענטש קאָן זיך אָבער באַפרייען פון זייַן נויט - זינקעניש ביי דער ערשטער מעגלעכקייט פון אַ ספּעריש - אינטימען אויפשוואונג, ווי מיר האָבן עס, למשל, געזען אין דעם אויבן באַשריבענעם (קאַפּ. 4) פאַל מיט נעאָרג. נעווראָז אָדער פּסיכישע סקאָרבוט איז, הייסט דאָס, דער דינאַמישע אויסדרוק פון אַ ספּערישן „דעפיציט”, וואָס קומט דורך דעם כראָנישן אויספעלן פון פּראָדוקטיווע שפּיל - מעגלעכקייטן.

6

די פארשונגס - מעטאדן פון שפיל און נערוועזישקייט

אויף וויפיל דער שפיל איז א פרייע טעטיקייט, וואס רעאליזירט דעם מענטשנס געפילן, קאנען די שפילן אין יעדן איינצלנעם פאל דינען אלס שליסל צו דערקענען די אין זיי אנטפלעקטע געפילן. מיר האבן עס אין אן אנדער ארט *) טאקע געקאנט עקספערימענטעל באווייזן אויף דעם קינדער - שפיל, ווי דורך דעם אינהאלט פון איינצלנע קינדער -שפילן קאן מען אין יעדן קאנקרעטן פאל באשטימען דאס געפילס - לעבן פון די באטרעפנדיקע קינדער.

איצט ווילן מיר אנצייכענען די מעטאדן צו פארשן דעם שפיל-קוואטיענט, ד. ה. דאס אינדיווידועלע שפיל - באדערפעניש פון מענטשן אדער זיין עמפינדלעכקייט צום אויספעלן פון שפיל. די דאזיקע מעטאדן דארפן אונז אויפדעקן די נאטירלעכע פראדוקטיווע טענדענצן, ווי אויך די קראנקמאכנדיקע אפווייכונגען פון שפיל-לעבן, וואס דריקן זיך אויס אין נערוועזישקייט און מאראלישער דעגענעראציע.

מיר האבן אויבן געזען, אז דער שפיל איז אן אויסדרוק פון עמאציאנעל - ספערישן לעבן. אין דער ארבעט לעבן מיר ווי מ'מוז לויט פאדערונג פון דער נויטיקער אנפאסונג, אין דעם שפיל אבער לעבן מיר לויט אייגענעם גלוסטן; דארט ווירקט דאס לעבנס - צו-

---

*) זע אויבן, צווייטן טייל, קאפ. 6.

געפאסטע נאָרמאַל - באַוווּסטזיין, דאָ ווירקט דאָס אינטימע און פּרימיטיווע ספּעריש - עמאָציאָנעלע לעבן. אונטערזוכן דאָס שפּיל-לעבן הייסט דאָסזעלביקע וואָס אונטערזוכן דאָס ספּערישע לעבן.

דער שפּיל - דראַנג ווייזט זיך אַרויס ביי יעדן מענטשן אין די שפּילן פון דער רו - צייט און אין די שפּיל - עלעמענטן פון דער טאָג - אַרבעט. באַהערשנדיק איז אָבער דער שפּיל - דראַנג ביי אויס-נאַם - מענטשן, ווי אויך ביי יעדן מענטשן אין אויסנאַם - צייטן. אָט די אַלע מאָמענטן, ווען ס'אַנטפּלעקט זיך דאָס שפּיל - לעבן, ווערן אויסגענוצט פון פאַרשיידענע מעטאָדן, כּדי צו באַאָבאַכטן דאָס דאָזיקע שפּיל - לעבן.

יעדער מענטש האָט, ווי געזאָגט, זיין אייגענעם שפּיל - קיוואַ-טיענט. אויף פאַרשיידענע עלטער - שטופן, ביי פאַרשיידענע נאַ - טורן, אין פאַרשיידענע קולטור - סביבות און סאָציאַלע שיכטן — וועט דאָס שפּיל - לעבן האָבן אַנטשפּרעכנד פאַרשיידענע ריכטונג, כאַראַקטער און אינהאַלט. די מעטאָדן מוזן דערפאַר זיין אַזוינע, וואָס לאָזן באַאָבאַכטן דעם מענטשן אין זיין אָרגאַנישער אייננאַרט און אין זיין רעאַלער פאַרבינדונג מיט דער סאָציאַל - קולטורעלער סביבה.

די דאָזיקע מעטאָדן זענען פאָלגנדיקע *):

1) די ביאָגראַפישע מעטאָדע — קאָן אָנגע-ווענדט ווערן אין צוויי אופנים. די אויטאָביאָגראַפיע, ווען דער מענטש אַליין באַשרייבט זיינע דערפאַרונגען און איינערלעכע וואַנד-לונגען, אויך די ביאָגראַפיע, צונויפגעשטעלט פון נאָענטע מענטשן, וואָס קאָנען אָביעקטיוו באַשרייבן די פאַקטישע געשעענישן.

די אָביעקטיווע ביאָגראַפיע ווייזט אונז, אויב און אויף וויפיל דער מענטש האָט זיך געקאָנט איינלעבן און אויסלעבן אין דעם מעגלעכן לעבנס - שטייגער. מיר דערוויסן זיך פון דער ביאָגראַפיע, צי האָט דער מענטש שוין אין די קינדער - יאָרן זיך געקענט איינ-

*) די פאָלגנדיקע מעטאָדן זענען טיילווייז באַשריבן אין מיין בוך „דער וועג צום מענטש" (קאַפּ. 7); דאָ ווערן זיי אָבער דערגענצט און פאַרטיפט לויט די נייע שפּיל - פאָרשונגען.

לעבן מיט דעם נארמאלן שול - שטייגער, וועלכן בארוף האט דער
מענטש געזוכט און וועלכן האט ער פאקטיש געמוזט אויסוויילן, צי
איז ער צופרידן, „אינטערעסירט“ מיט זיין ארבעט אדער די דאזיקע
איז אים לאנגווייליק און רופט ארויס א געפיל פון ליידיקייט (ד. ה.
די ארבעט האט ניט גענוג אינדיווידועל - נויטיקע שפיל - עלע -
מענטן). מיר קאנען אין דער ביאגראפיע ווייטער זען, צי דער מענטש
האט געשטרעבט צו אנטוויקלען זיין בארוף אין דער ליניע פון ריזי-
קאליש שפילערישער הויך - שפאנונג אדער אין דער ליניע פון רוי-
קער זיכערקייט, צי האט עס אפט געצויגן דעם מענטשן „מיט גע-
וואלד“ פון דעם טאג - טעגלעכן לעבן אין די „זייטיקע“ וועגן פון
„שטארקע איבערלעבענישן“ אדער זיין שפיל - דראנג אנטשפרעכט
דעם מעגלעכן לעבנס - שטייגער. די ביאגראפישע מעטאדע ווייזט,
הייסט דאס, אין אלגעמיין דעם שפיל - קוואטיענט, ווי אויך די
שפיל - עלעמענטן, וואס באשטימען אויף א געוויסן אופן דעם אויס-
יואל און דעם כאראקטער פון דעם בארופלעכן לעבנס - שטייגער
גופא.

2) איינזאמקייט און געזעליקייט. אויף ווי -
פיל איינזאמקייט פירט מייסטנס צו דער נערוועזער מאכנדיקער לאנג-
ווייל *), אויף אזוי פיל ברענגט געזעלשאפטלעכקייט געלעגנהייט
פאר פראדוקטיוון צייט - פארטרייב. וואס גרעסער דער שפיל - קווא-
טיענט פון מענטשן, אלץ גרעסער זענען זיינע נייגונגען צו געזעל -
שאפטלעכן פארקער. געזעלשאפטלעכקייט איז אויף דעם אופן א גע-
וויסער מאסשטאב פונם שפיל - קוואטיענט. פאמיליע, קרובים,
פריינט, צוגעהעריקייט צו געזעלשאפטלעכע ארגאניזאציעס — דאס
זענען אלץ פארשיידענע קוועלן פון סטימולירנדיקער געזעלשאפט-
לעכקייט. מיר מוזן דערפאר ביי דער אונטערזוכונג זיך דערוויסן, צי
האט דער מענטש פאמיליע, רעגולערע באציונגען מיט קרובים און
פריינט, צי איז ער אן אקטיווער מיטגליד פון א פאליטישער פאר-
טיי, א רעליגיעזער, קולטורעלער אדער פראפעסיאנעלער געמיינ -
שאפט. ביים נערוועזן מענטשן וועלן מיר אפט געפינען, אז ער איז

*) זע אויבן קאפ. 2.

פּאָליטיש אומפּאַרטייאיש, רעליגיעז נייטראַל, קולטורעל אומדיפערענט, קעגן פאַמיליע און פריינט איז ער אויך פאַרביסן אָפּגעשלאָסן. ס'איז דאָ איינס פון די צוויי: אָדער דער מענטש איז נערוועז, ווייל ער איז איינזאַם און האָט ווייניק געלעגנהייט פאַר פּראָדוקטיווער אויסלעבונג פונם שפּילערישן לעבנס־דראַנג, אָדער דער מענטש איז איינזאַם, ווייל ער איז נערוועז (ד. ה. ער איז שוין פון פריער באַזעצט דורך דעם נעראָטישן צוואַנג־שפּיל) און קאָן זיך דעריבער ניט אַריינפּאַסן אין דער געזעלשאַפט. אָבער אויך אין דעם לעצטן פאַל קאָן די איינזאַמקייט פאַרשטאַרקן די נערוועזע סימפּטאָמען. מיט אַנדערע ווערטער, **די איינזאַמקייט קאָן אַרויסרופן אָדער פאַרשטאַרקן די נערוועזישקייט.** ווי מיר זעען, ווייזט די מעטאָדע פון געזעליקייט דעם שפּיל־קוואָטיענט פון מענטשן, ווי אויך זיינע רעאַלע שפּיל־מעגלעכקייטן.

3) **די מעטאָדע פון רו־צייטן און יום־טובים.** מיר האָבן אויבן (קאַפּ. 1) געזען, אַז דער שפּיל איז פאַרבונדן מיט דער רו־צייט, ווען דער מענטש איז פריי פון זיין טעגלעכער מוז־אַרבעט און קאָן לעבן לויט זיין אייגענער שפּיל־גלוסטעניש. מיר מוזן דערפאַר פאָרשן דעם מענטשנס אויפפירונג אין יום־טובים, ווען ס'אַנטפּלעקט זיך דער ספּערישער אָדער שפּילערישער דראַנג פון מענטשן. לויפט דאַמאָלס דער מענטש אין טעאַטער, אין שול, אויף אַ קאָנצערט, געזעלשאַפטלעכע פאַרזאַמלונגען אָדער איז וויין־שטוב צו אַלקאָהאָל און קאָרטן־שפּיל, זוכט ער פּרימיטיוו־אָרגיאַסטישע אָדער גייסטיק־פּראָדוקטיווע שפּילן. ס'איז שוין אין אַלגעמיין וויכטיק צו וויסן, אויב און ווי שטאַרק דער מענטש האָט גערן יום־טובים. ביי אייניקע מענטשן איז דער שפּיל־קוואָטיענט אַזוי קליין, אַז ער ווערט שוין באַפרידיקט אין דער געוויינטלעכער טאָג־טעגלעכער אַרבעט. אַזוינע מענטשן ווייכן אויס די „אומנויטיקע" יום־טובים, וואָס זיי פילן אויס מיט וואָכעדיקער אַרבעט. ביי אַנדערע מענטשן, פאַרקערט, איז דער שפּיל־קוואָטיענט אַזוי גרויס (ווי, למשל, אייניקע ליידנשאַפטלעכע אונטערנעמער, באַגייסטערטע פּאָליטיקער, רעליגיעזע עקסטאַטיקער א. ד. גל.), אַז אויך די טאָג־טעגלעכע אַרבעט איז אַ ליידנשאַפטס־

אַרבעט מיט פאַרכאַפּנדיקער הויך - שפּאַנונג. פאַר אַזוינע מענטשן איז זייער אַרבעט גופא אַ שטענדיקער יום - טוב, און אַ רו - טאָג איז פאַר זיי „לאַנגווײליק און פּוסט". צווישן אָט די בײדע פּאָליוסן געפינט זיך די שטופּן - ריי פון די מייסטע מענטשן, וואָס זוכן אין די רו - צייטן און יום - טובים צו פאַרווירקלעכן דורך שפּיל זייערע גלוסטעניש און געפילן, וואָס קאָנען ניט גענוג באַפרידיקט ווערן ביי דער טאָג - טעגלעכער מוז - אַרבעט. ס'קומט דאָ צום אויסדרוק דער אויבן באַשריבענער (קאַפּ. 3) אַרבעט - שפּיל - באַלאַנס: וואָס לאַנגווײליקער און אָנשטרענגנדיקער ס'איז די טאָג - אַרבעט, אַלץ מער וויל מען זיך אויפמונטערן דורך שפּיל - פאַרווײלונג אין דער רו - צייט. אין דעם אַרבעט - שפּיל - באַלאַנס זענען יום - טובים ענג פאַרבונדן מיט דעם וואָכעדיקן לעבנס - שטייגער און דערפאַר מוז די מעטאָדע פון יום - טובים דורכגעפירט ווערן אין צוזאַמענהאַנג מיט דער ביאָגראַפישער מעטאָדע, וואָס באַווייזט די אַנטוויקלונג און כאַראַקטער פון דעם לעבנס - שטייגער בכלל. ווי בנוגע דער איינזאַמקייט, אַזוי האָבן מיר אויבן (קאַפּ. 2) געזען, אַז אויך די „לײדיקע" רו קאָן אַרויסרופן אָדער פאַרשטאַרקן די נערוועזישקייט. די מעטאָדע פון יום - טובים לאָזט אונז, הייסט דאָס, באַאָבאַכטן דעם מענטשנס שפּיל - קוואָטיענט, ווי אויך דעם אַרבעט - שפּיל - באַלאַנס פון זיין רעאַלן לעבנס - שטייגער.

4) שלאָף און נאַכט - חלומות. די חלומות, האָבן מיר אויבן *) געזען, זענען די שפּילן פון מענטשן אין צייט פון שלאָף - רו. ווי שפּילן בכלל, ווייזן אויך חלומות די אינטענסיווקייט און דעם כאַראַקטער פון דעם מענטשנס שפּיל - דראַנג. דאָ האָט מען פעסטצושטעלן, צי חלומט דער מענטש אָפט און אינטענסיוו אָדער זעלטן און ווייניק, צי האָט ער פּרימיטיוו - דעפּרימירנדיקע אָדער אינטים -דערהויבנדיקע חלומות**). ס'איז בכלל

*) זע ערשטן טייל, קאַפּ. 1.

**) זע ערשטן טייל, קאַפּ. 3 און 4

אויך וויכטיק צו וויסן דעם כאַראַקטער פונם מענטשנס שלאָף. ביי איייניקע מענטשן איז דער לעבנס - דראַנג אַזוי נידעריק און אומ־אויפגעוועקט, אַז זיי האָבן ניט קיין חשק צו שלאָף אָדער זיי זענען שטענדיק פאַרשלאָפן (די אָפטע שלאָפלאָזיקייט אָדער דער אַפּאַטיש דעפּרימירנדיקער שלאָף פון אַ פוילן, לײַדיקגייערישן לעבן). ביי אַנדערע מענטשן, פאַרקערט, איז דער לעבנס - דראַנג אַזוי געוואַלטיק אויפגעוועקט, זיי זענען אַזוי פאַרכאַפּט פון פּרימיטיווע אָדער שעפערישע לײַדנשאַפטן, אַז זיי נעמט ניט קיין שלאָף, ווי, למשל, ביים נערוואַטישן צוואַנג - שפּיל פון נערוועזע מענטשן (די נערוועזע שלאָפלאָזיקייט) אָדער ביי עקסטאַטיש - שעפערישע איבערלעבענישן (דאָס וואַך - זיין פון עקסטאַטיקער *), די אָפטע שלאָפלאָזיקייט ביי גליקלעך פאַרליבטע א. ד. גל.). צווישן אָט די ביידע עקסטרעמען פאַ־ליופן געפינט זיך די שטופנדריי פון די מיסטע מענטשן, וואָס ווילן דורך דעם פריי - פאַרטרוימטן שלאָף זיך אָפּפרישן פון די אָנשטרענגענדיקע טאָג־מאַטערנישן. אויך דאָ ווײַזט זיך אַרויס **), אַז דער „לײַדיקער" שלאָף, ווי די לײַדיקע רו, קאָן מאַכן דעם מענטש נערוועז אָדער נערוועזער. ווי מיר זעען, קאָן אונז די מעטאָדע פון שלאָף און נאַכט - חלומות געבן אַ טיפן אַריינבליק אין דער אינטימער נאַטור פון דעם מענטשנס שפּיל - לעבן.

5) אויסנאַם - צושטאַנדן און שטימונגען (דורכברוך). ביי פאַרשיידענע אויסנאַם - צושטאַנדן האָבן מיר אויבן (קאַפּ. 4) געזען, קאָן ביי יעדן מענטשן פאָרקומען אַ דורכברוך פון אינטימע אָדער פּרימיטיווע לײַדנשאַפטן, וואָס ברענגען אַ נייעם אָדער העכערן שפּיל - דראַנג. יעדעס געפיל (ליבע, האַס, נקמה א. ד. גל.) קאָן ***) ביי געוויסע תנאים זיך אינערלעך פאַרטיפן, פאַמעלעך אָדער פּלוצים אויפפלאַקערן און אַרויסרופן ביים

*) עדיסאָן, למשל, פלעגט זייער אָפט ביי פאַרכאַפּנדיקער אַרבעט פּיל נעכט נאָכאַנאַנד ניט פאַרזוכן קיין טעם פון שלאָף.

**) זע ערשטן טייל, קאַפּ. 1 און 3.

***) זע ערשטן טייל, קאַפּ. 8 און דאָס בוך „דער וועג צום מענטש" קאַפּ 6.

מענטשן אויסנאם־צושטאנדן פון ספעריש־עמאָציאָנעלן לעבן. דער מענטש ווערט ווי „מיט געוואלט" אָפּגעריסן פון שטענדיקן לעבנס־שטייגער צו אינטימע אָדער פרימיטיווע שפּיל־ליידנשאפטן. מיר דארפן זיך דערוויסן, ווי אָפּט און אויף וועלכן אופן דער מענטש האָט דורכגעמאכט אויסנאם־צושטאנדן, צי און ווי אזוי איז דער מענטש פארכאפּט געוואָרן פון אומבאהערשבארע ליידנשאפטן, ווי ליבע, האס, אייפערזוכט א. דגל. ווייניקער אויפפאלנדיקע, אָבער אָפּטערע אויסנאם־צושטאנדן זענען די שטימונגען. די דאָזיקע קומען אָפּט פון זיך אליין, ווי א דורכברוך, און קאָנען זיין צווייערליי: פרימיטיוו־דעפרימירנדיקע אָדער אינטים־דערהויבנדיקע. די שטימונג פון פרייד און דערהויבנקייט אָדער, פארקערט, פון דעפרעסיע און געפאלנקייט זענען כאראקטעריסטישע אויסדריקן פון דעם פּראָדוקטיוו־דערהויבענעם אָדער נעראָטיש פארשמאכטן לעבנס־דראנג. ס'איז דערפאר וויכטיק צו פארצייכענען, ווי אָפּט און אויף וועלכן אופן ס'קומען פאר ביים מענטשן פארשיידענע כאראקטעריסטישע שטימונגען.

6) ע ר י נ ע ר ו נ ג. ביי דער פריערער מעטאָדע פון דורכברוך האָבן מיר צו טון מיט סיסטעמאטישע באשרייבונגען פון אויסנאם־צושטאנדן און שטימונגען. ביי דער ערינערונג־מעטאָדע לייגן מיר פאר דעם מענטשן צו באשרייבן אונז פון זיין פארגאנגענהייט א וועלכע ס'איז איבערלעבעניש, וואָס האָט אים מיט אָמאָל ארויסגעפירט פונם טאָג־טעגלעכן אין אן אומגעווינטלעכן נשמה־צושטאנד. ביי דער ערינערונגס־מעטאָדע זענען צוויי מאָמענטן וויכטיק פאר דער פארשונג. דער ערשטער מאָמענט איז דער אויסוואל — פון אלע איבערגעלעבטע אויסנאם־צושטאנדן כאפּט אויף די ערינערונג בלויז איינעם א באשטימטן. אט דער אויסוואל ווייזט שוין אויף א געוויסן אופן די צענטראלע ליניע פון ספעריש־עמאָציאָנעלן דראנג. דער צווייטער מאָמענט איז די ב א א ר ב ע ט ו נ ג — ווי אזוי איז דער מענטש איצט תופס און באשרייבט די אַמאָליקע איבערלעבעניש, וויפיל פארמאָגט ער נאָך איצט פארבן, שפּאנונגען און בילדער פאר יענעם פיקסירטן אויסנאם־צושטאנד מיט זיין געהעכערטן שפּיל־דראנג. קורץ אויסגעדריקט: אן וואָס

און ווי אזוי קאָן דער מענטש זיך ספּעריש דערמאָנען.

7) פ ר י י ע פ אַ נ ט אַ ז י ע. אין דעם נאָרמאַל ־ באַוווסטזיין אָדער אין דעם ערנסטן אַרבעט ־ באַוווסטזיין ווירקט די פּראַקטישע פאַנטאַזיע, וואָס איז פאַרבונדן מיט דעם צופּאַסונגס ־ לעבן (געבונדענע פאַנטאַזיע), אין דעם ספּערישן שפּיל ־ באַוווסטזיין אָבער ווירקט די פרייע פאַנטאַזיע *), וואָס איז אומבאַגרענעצט דורך דער צופּאַסונג און רעאַליזירט פריי אין בילדער אונזערע געפילן. מיר האָבן שוין אויבן (קאַפּ. 1) דערמאָנט, אַז ס'זענען פאַראַן צוויי קאַטעגאָריעס פון שפּיל: האַנדלונג ־ שפּיל און פאַנטאַזיע־שפּיל. ווען דער מענטש אין דער רו ־ צייט האָט ניט קיין געלעגנהייט פאַר האַנדלונג ־ שפּיל, לאָזט דער מענטש שפּילן זיין פאַנטאַזיע אין פאַרכאַפּנדיקע וואַך ־ טרוימעריען. אָבער ניט נאָר אין דער רו ־ צייט, נאָר אויך בשעת דער סאַמע ערנסטער אַרבעט קאָן יעדע ווײַלע אַ שפּיל ־ טון די פרייע פאַנטאַזיע. אפילו בשעת שטרענגער דענק ־ אַרבעט קאָנען צווישן איין געדאַנק און דעם צווייטן (אָדער אפילו הינטער דעם געדאַנק גופא) אַ בליץ טון פרייע שטימונגס ־ בילדער.

מיר האָבן שוין אין אַן אַנדער אָרט **) דערקלערט די אייגנשאַפט פון דער פרייער פאַנטאַזיע צו דערשיינען אין צוויי פאָרמען: אין דער אָ ר ג אַ נ י ז י ר ט ע ר פ אָ ר ם, ווי אַ דערציילונג אָדער מעשהלע, ווו איינצלנע בילדער זענען פאַרייניקט און אָפּגעשלאָסן דורך אַ הויפּט ־ מאָטיוו, אויך אין אַן א ו מ אָ ר ג אַ נ י ז י ר ט ע ר פ אָ ר ם, ווו לויזע פאַנטאַזיע ־ בילדער פליסן פריי אין אַ ריטמישער באַוואַליע, וואָס שפּיגלט אָפּ דעם ריטם פון פליסנדיקן עמאָציאָנעלן לעבן. מיר קאָנען דערפאַר אָנווענדן די מעטאָדע פון פרייער פאַנטאַזיע אויף דריי אופנים: א) מיר לייגן פאָר דעם מענטשן צו באַשרייבן די דערציילונגען אָדער מעשהלעך, אויך די אומאָרגאַניזירטע פליסנדיקע פאַנטאַזיע ־ בילדער און וואַך ־ טרוימעריען, וואָס

*) זע אויבן דריטן טייל, קאַפּ. 1.

**) זע ערשטן טייל, קאַפּ. 8.

באהערשן דעם מענטשן אין פארשיידענע צייטן *). דא האבן מ
די פרייע פאנטאזיע פון מענטשן לויט זיין ערינערונג (בשעת דער
אונטערזוכונג), וואס האט ווי די ערינערונגס ־ מעטאדע בכלל, זיין
באשטימטע באדייטונג. ב) מיר לייגן פאר דעם מענטשן אנצו ־
שרייבן אן אויסגעטראכטע דערציילונג אדער מעשהלע, וואס קומט
אים ארויף אויף זיין פרייער פאנטאזיע. דער אויסוואל פון די ביל־
דער און זייער קאמבינאציע אין דער דערציילונג, דער סיוזשעט,
דער מאטיוו און די אינערלעכע שפאנונג — דאס אלץ קאן געבן א
טיפן ארייננבליק אין דעם פרייען פאנטאזיע ־ שפיל פון מענטשן.
אט די מעטאדע איז לייכט אנצווענדן ביי קינדער. ג) מיר ברענגען
דעם מענטשן אין באדינגונגען, וואס זענען גינסטיק פאר דער ריט־
מיש ־ פליסנדיקער אומארגאניזירטער פרייער פאנטאזיע. דער
מענטש זיצט זיך פריי אין א שטול אדער ליגט זיך גאר אויף א סא־
פע, אין פולער אנטשפאנונג, פארמאכט די אויגן, לאזט אומגע־
שטערט שפילן די פרייע פאנטאזיע און דערציילט כסדר די פריי
ארויפקומענדיקע פאנטאזיע ־ בילדער. דער אונטערזוכער פראטא־
קאלירט גענוי דאס דערציילטע. די פריי פליסנדיקע פאנטאזיע־ביל־
דער שפיגלען אפ אנטשפרעכנדיק דעם אומגעשטערטן פלוס פון
געפילס ־ לעבן. אט די מעטאדע (אין פסיכא ־ אנאליז הייסט זי די
מעטאדע פון פרייע אסאציאציעס) איז לייכט אנצווענדן ביי די
מייסטע דערוואקסענע, אין צוזאמענהאנג, פארשטייט זיך, מיט די
אנדערע אויבן באשריבענע מעטאדן.

די פארשיידענע אנווענדונגען פון דער מעטאדע פון פרייער
פאנטאזיע לאזט אונז דערקענען ספעציעל דעם כאראקטער פון דעם
מענטשנס פאנטאזיע ־ שפילן. אין אלגעמיין אבער שפיגלט אפ די
פרייע פאנטאזיע אין בילדער דאס ספעריש ־ עמאציאנעלע שפיל־
לעבן — פון דער דערהויבענער אימפעטיקער פרייד ביז אראפ צו
דער פארצווייפלטער נערוועז ־ מאכנדיקער לעבנס ־ פוסטקייט.

*) זע אויבן צווייטן טייל.

סכעמאַ פון מעטאָדן צו פאָרשן דאָס שפּיל-לעבן.

1) די ביאָגראַפישע מעטאָדע.
2) איינזאַמקייט און געזעליקייט.
3) רו־צייטן און יום־טובים.
4) שלאָף און נאַכט־חלומות.
5) אויסנאַם־צושטאַנדן און שטימונגען (דורכבּרוך).
6) ערינערונג.
7) פרייע פאַנטאַזיע.
   א) ערינערונגס־פאַנטאַזיע.
   ב) באַשטעל־דערציילונגען.
   ג) אומאָרגאַניזירטע פרייע פאַנטאַזיעס.

7

ארגיע און עקסטאַז

(פּראָיעקט פון אַ פּסיכאָלאָגישער נאַכט-עקספּעדיציע)

אויףביידע זייטן פון טאָג - טעגלעכן נאָרמאַלן נשמה-לעבן,
אין צוויי קעגנזעצלעכע און דאָך זיך באַריהרנדיקע פּאָליוסן, געפי-
נען זיך דער עקסטאַז און די אָרגיע. ווונדערלעך ווי זיי זענען, וועקן
זיי ווייניק אונזער נייגיריקייט. אויך די פּסיכאָלאָגיע האָט זיי נאָך
ווייניק געפאָרשט. ס'ווייזט זיך דאָ אַרויס די נאַטור פון די מייסט-
מענטשן, וואָס באַזעצן זיך אין לענדער מיט אַ מעסיקן קלימאַט, או-
ווייסן ווייניק וועגן די ווייט - ווייטע זון - באַגליטע טראָפּישע לענ-
דער אָדער די אייז - באַדעקטע ערד - טיילן — כאָטש איין אַטמאָ-
ספּערע נעמט אַרום אַלע ערד - טיילן, און די ווינט - שטורעמס או-
וואַסער - שטראָמען פון יענע ווייט - ווייטע ערטער ווירקן אויף דע-
לופט, וואָס מיר אָטעמען דאָ אין די מעסיקע לענדער. אַזוי פאַר-
נעמט זיך אויך די פּסיכאָלאָגיע הויפּטזעכלעך מיט דעם נאָרמאַל-
נשמה - לעבן *) און פאָרשט ווייניק יענע כלומרשט ווייט - ווייט-
אינטים הייסע נשמה - לענדער, ווי אָרגיע און עקסטאַז. אָבער וויי-

---

*) ספּעציעל די עקספּערימענטאַלע פּסיכאָלאָגיע פאַרנעמט זיך הויפּטזעכ-
לעך מיט עלעמענטאַרע פּסיכישע דערשיינונגען, וואָס זענען צוגענגלעך פאַר
עקספּערימענט און לאַבאָראַטאָרישער באַאָבאַכטונג. דער פּסיכאָ - אַנאַליז פאַר-
נעמט זיך, אַנשטאָט מיט אָביעקטיווער באַאָבאַכטונג, מיט דאָגמאַטישער אויס-
טייטשונג, וואָס וויל אַריינקוועטשן דאָס גאַנצע נשמה - לעבן אין פּרימיטיווער
ערגטיק.

און זעלטן ווי אָט די בײדע זאָלן ניט אויסזען — ווירקן זיי דאָך אויף אונזערע שטימונגען און געפילן, אויף דעם גאַנצן גורל פון אונזער פּסיכישן לעבן. אין דער הינזיכט האָבן מיר שוין אויבן באַשריבן פאַרשיידענע אויפקלערנדיקע פאַקטן. איצט ווילן מיר מאַכן אַ מין פּראָבע ־ עקספּעדיציע אין דעם גרויס ־ שטאָטישן נאַכט ־ לעבן. גראָד אין דער פינסטערער נאַכט ־ שטילקייט (לויט דער אויבן באַשריבענער (קאַפּ. 6) מעטאָדע פון רו ־ צייט *) אַנטפּלעקט זיך דאָס געהיימע לעבן פון אָרגיע און עקסטאַז. אונזער פּראָבע ־ עקספּעדיציע וועט אויפכאַפּן נאָר די אַלגעמיין באַקאַנטע און סאַמע טיפּישע דערשיינונגען פון נאַכט ־ לעבן, וואָס וועלן דעם גאַנצן ענין קלאָר און איינפאַך אויפקלערן. אַחוץ דעם וועט עס דינען אַלס אויס ־ גאַנגס ־ פּונקט פאַר דעם פּראָיעקט פון אַ גרויסער פּסיכישער נאַכט־עקספּעדיציע, וואָס זאָל זיין טעכניש און וויסנשאַפטלעך באַוואָפנט **), כדי מעטאָדיש אויפצוכאַפּן די גראַנדיעזע נשמה ־ לענדער

*) די נאַכט ־ עקספּעדיציע באַנוצט די מעטאָדע פון רו ־ צייטן, ווי אויך די מעטאָדע פון שלאָף און נאַכט ־ חלומות, לויט וועלכע מ׳פאַרשט דאָס שפּיל־לעבן אין צייטן פון וואַך ־ רו אָדער שלאָף ־ רו, וואָס די ערשטע איז פאַרבונדן מיט שפּיל און די צווייטע מיט חלומות אָדער פאַנטאַזיע ־ שפּיל (זע קאַפּ. 1 און קאַפּ. 6). פאַרשטייט זיך, אַז די עקספּעדיציע באַנוצט לויט באַדאַרף אַלע אַנדערע מעטאָדן פון שפּיל ־ פאַרשונג. (קאַפּ. 6).

**) אונטער דער לייטונג פון אַ געשולטן פּסיכיאַטרישן שפּיל ־ פאַרשער מוזן אין אַזאַ עקספּעדיציע נעמען אָנטייל פּסיכיאַטערן, פּסיכאָלאָגן, אַלגעמיינע מעדיציינער, קרימינאָלאָגן, פּאָליציייאישע שטאַט ־ קענער, סאָציאַל ־ סטאַטיסטיקער און היגיעניסטן. די נאַכט ־ עקספּעדיציע מוז געפירט ווערן אין פאַרשיידענע שטעט, ווי אויך אין דערזעלביקער שטאָט אין פאַרשיידענע צייטן. פאַרשטייט זיך, אַז אַזאַ נאַכט ־ עקספּעדיציע מוז געניסן די הילף און קאָנטראָל פון אַנטשפּרעכנדיקע מלוכהשע אָדער געזעלשאַפטלעכע אָרגאַנען.

די פאַרשונגס ־ עקספּעדיציע מוז מיט אַלע מיטלען אויסמיידן סוביעקטיווע „איינדריקן”, נאָר זי מוז שטרענג אָביעקטיוו באַאָבאַכטן רעאַלע האַנדלונגען, סיטואַציעס און אויסדריקן (זע מיין בוך „דער וועג צום מענטש”, קאַפּ. 2 און קאַפּ. 7)

פון ארגיע און עקסטאז, די אונטערוועלט און אויבערוועלט פון אונזער פסיכישן לעבן, וועלכע זענען אזוי ווייט - ווייט און דאך אזוי ענג פארבונדן מיט אונזער שיקזאל. מיר וועלן נאר א פריער גאנץ קורץ דעפינירן די באגריפן פון ארגיע און עקסטאז.

אויף וויפיל דער שפיל איז א פרייע טעטיקייט, וואס דינט ניט דער צופאסונג, נאר פארווירקלעכט דעם מענטשנס לײדנשאפטן, אויף אזוי פיל זענען ארגיע און עקסטאז צוויי קעגנזעצלעכע עקסטרעמען פון דער אומבאגרענעצטער שפיל - פרייד. אין דער ארגיע, וואס איז פארבונדן מיט אלקאהאלישע און עראטישע עקסצעסן, בושעוען פרימיטיווע לײדנשאפטן, וואס שעדיקן די לעבנס - פעיקייט פון מענטשן און מאכן אים ביאלאגיש מינדערווערטיגער ווי אין טאג - טעגלעכן לעבן. אין דעם עקסטאז אבער, וואס איז פארבונדן מיט אן אינערלעכן אויפשטייג, ווירקן שעפערישע לײדנשאפטן, וואס מאכן דעם מענטשן פראדוקטיווער און ברענגען אים אויף א שעפעריש העכערער שטופע ווי דאס טאג - טעגלעכע לעבן. די ארגיע שלעפט מענטשן אין דער נידער, ווען דער עקסטאז ציהט צו שעפערישער הויכקייט. בײדע לאזן ניט די געזעלשאפט שטיין אויף איין ארט און ציען זי אנטאגאניסטיש — בארג - ארויף אדער בארג - אראפ. נאך אן ארגיע פון צעיושעטע פרימיטיווע לײדנשאפטן פילט זיך דער מענטש אפגעשוואכט, האט דאס געפיל פון אינערלעכער צעלאזנקייט, צעפאלנקייט און געפאלנקייט. נאך אן עקסטאטישן פראצעס אבער פילט זיך דער מענטש דערהויבן און באַרייכערט, קאנצענטרירט און פאראינערלעכט („אינטים”). אט אזוי פאסירט עס אפט, אז ערשט א געוויסע צייט נאך א פארווײלונג, ווען דער פארבלענדנדיקער גלאנץ און מאמענטאלע רייצונג פארגייען, דערפילט מען ערשט די אייגנטלעך צעשטערערישע אדער גוטטועדיקע ווירקונג פון דער פארווײלונג. מיר באצייכענען עס אלס נאכווירקונגס-מעטאדע, ווען מ׳קאן לויט דער נאכווירקונג אורטיילן, צי האט מען געהאט א פרימיטיווע אדער אן אינטימע איבערלעבעניש.

איצט מאכן מיר א וויטערן שריט און באטראכטן עטוואס

גענויער דאָס באַקאַנטע גרויס־שטאָטישע נאַכט־לעבן.

ווען מען גייט אַרויס נאָך אַ האַלבער נאַכט אין דער גרויסער שטאָט, קאָן מען צוערשט זען, אַז די פענסטער אין די מייסטע הייזער זענען פינסטער. מ׳הערט דאָרט נישט קיין גערוישיקע באַוועגונג, קיין הויכע שטימען — נאָרמאַלע מענטשן שלאָפן איצט אין דער הערשנדיקער נאַכט־רו. אָבער נישט אַלע מענטשן אין שטאָט שלאָפן איצט אין דער נאַכט. צוזאַמען מיט דער זוכנדיקער פּאָליציי־וואַך קומען מיר אַריין אין אַ באַהאַלטענעם נאַכט־קלוב. דאָרט זיצן פיל מענטשן און שפּילן דורך דער נאַכט אין קאָרטן — דער פאַרשמאַכטער אַזאַרט־שפּיל רעדט אַרויס פון זייערע אומרויִקע באַוועגונגען און דעם פיבער־גלאַנץ אין די אויגן. ערגעץ אין אַ רייכן עלעגאַנטן רעסטאָראַן טראָגן זיך פון אַ ווייטן זאַל ברוינדיקע קולות. אַ ציגיינער־כאָר זינגט דאָרט אין דעם אָנגעפּאַקטן זאַל, ווו מענער און פרויען טרינקען אָן אויפהער און לאָזן זיך וואַלגערן אין שיכּורער צעיושעטער לוסטיקייט. אין די זייטיקע טונקעלע גאַסן ווימלט די אומגעצוימטע פּראָסטיטוציע, און אין איינעם פון די אָרימע נאַכט־לאָקאַלן, ווו די לופט איז געדיכט פון טאַבאַקרויך און קולות פון אַלערליי שכּורע מענטשן, קומט פאָר אַן אָנפאַל אָדער אַ בלוטיק געשלעג פון צעווילדעוועטע באַנדיטן. אין איין אָרט זאַמלען זיך קאָקאַיניסטן אויף זייער גיפטיקער שיכּרות. און ערגעץ ווו אָן אַ זייט געפינט זיך אַ שאַנד־הויז מיט פעסט צוגעמאַכטע לאָדנס, ווו ס׳בושעווען אומפאַרשעמטע עראָטישע עקסצעסן. אין אַזוינע און ענלעכע אַנדערע וואַריאַציעס רודערן אין דער נאַכט די אָרגיאַסטיש פּרימיטיווע ליידנשאַפטן פון פאַרכאַפּטע אומרויִקע מענטשן. אויף מאָרגן נאָך אַזעלכע נאַכט־אָרגיעס וועלן זיך די מייסטע פון זיי פילן דערשעפּט, דעפּרימירט אָדער אינערלעך צעבראָכן.

אָבער אין דערזעלביקער נאַכט קומט פאָר, למשל, אין דערזעלביקער שטאָט אין אַ באַהאַלטענעם הויז אַ פאַרזאַמלונג פון אַ געהיימער אָרגאַניזאַציע פון פאַרפאָלגטע פרייהייטס־קעמפער, וואָס שטעלן איין זייער לעבן, נוצן אויס יעדע מינוט פון דער נאַכט און שפּינען אויס זייערע טרוימערישע אַמביציעס. מאַנכע קינסט־

לער און וויסנשאַפטלער ווערן אינספּירירט פון דער טיפער נאַכט־שטילקייט, און אין עקסטאַטישע שאַפונגס־לײַדן מייסטערן זיי זייערע נייע ווערק *). ערגעץ ווו זיצן וויסנס־דורשטיקע יונגע־לייט, פול מיט שטרעבן און אַמביציע און לערנען פאַרשמאַכט דורך דער נאַכט (פאַרכאַפּטע נאַכט־לערנער). דאָ און דאָרט בלאַנקען אַרום פאַרליבטע, איינזאַמע טרוימער, וואָס קאָנען נישט שלאָפן פון טיפער בענקשאַפט. אין פאַרשיידענע געבעט־הייזער וואַכן אויף רעליגיעזע מענטשן און ווערן פאַרכאַפּט פון אַ הייסן נאַרט־געבעט, צווישן זיי שטייען שטענדיק אויף דער וואַך די מיסטיקער, וואָס הערן פאַרגאַפט די סודות פון דער נאַכט **). אין אַלע אַזוינע פאַלן ווירקן גראָד אין דער נאַכט די עקסטאַטיש־שעפערישע ליידנשאַפטן פון אינטים פאַרשמאַכטע מענטשן. אויף מאָרגן נאָך אַזאַ עקסטאַטישער נאַכט וועלן זיי זיך פילן דערהויבן און באַרייכערט.

ס'באַקומט זיך אין פלוג אַזאַ מין כאַראַקטעריסטיש בילד פון נאַכט־לעבן: די מייסטע מענטשן פון שטאָט. די נאָרמאַלע בירגער, שלאָפן אין דער נאַכט־רו, ווען איניקע טיילן פון דער באַפעלקער־

*) פיל קינסטלער, ווי, למשל, באַלזאַק, דאָסטאָיעווסקי א. אַ., פלעגן אַרבעטן מייסטנס ביינאַכט, דאָסזעלביקע איז אויך בנוגע וויסנשאַפטלער. עדיסאָן, למשל, פלעגט ביי זיינע דערפינדונגען אַרבעטן פיל נעכט נאָכאַנאַנד. אין אַל געמיין אָבער ווערן קינסטלער און וויסנשאַפטלער אינספּירירט דורך דער נאַכט־רו, ווען מ'נעמט אַראָפּ דעם צוואַנג פון טאָג־אַרבעט און מ'קאָן לאָזן ריידן די שטימע פון אינטימע שעפערישע געפילן. אייניקע ליבן די טיפע נאַכט־שטונדע, אַנדערע די פריע פאַרטאָג־שטונדע.

**) אין אַלע ציימן פלעגט די נאַכט אַרויסרופן ביי געוויסע רעליגיעזע מענטשן און מיסטיקער אַ טיפע באַגייסטערונג. דאָס רעליגיעזע נאַכט־וואַכן האָט אַפילו באַקומען אַ גרויסע סימבאָלישע באַדייטונג. ס'איז פאַר אַלע ציימן כאַראַקטעריסטיש דער תהילים־אויסדרוק: „אַלע גאָטעס קנעכט, וואָס שטייען דורך די נעכט אין גאָטעס הויז”. אויך ביי רעליגיעזע מענטשן באַמערקן מיר, אַז אייניקע זענען מער גענייגט צו דער נאָך אַ האַלבער־נאַכט־תפילה, אַנדערע צו דעם פריסטן פאַרטאָג־געבעט.

רונג וואָכן ערשט רעכט אויף פּאַר אָרגיע אָדער פּאַר עקסטאַז. אויב אַזוי, — זענען דען נישט אָרגיע און עקסטאַז אַ דערשיינונג פון אַ מינדערהייט מענטשן, פון ווייטיקע אויסנאַם־נאַטורן?

מיר מאַכן אַ אַנטשיידענדן שריט ווייטער און מיר לאָזן זיך באַאָבאַכטן אַקאָרשט די שלאָפעדיקע. מיר וועלן איבערראַשט דערזען, אַז זעלטן ווער עס האָט אַ רויקן, „נייטראַלן" שלאָף. פון איין זייט וועלן מיר באַאָבאַכטן, אַז פיל מענטשן וואַרפן זיך אומרויק אין שלאָף, אָטעמען שווער און אַנגסטלעך, מאַנכע ריידן פון שלאָף, קריצן מיט די ציינער, זיפצן, שרייען, וויינען. אייניקע מאַטערן זיך די גאַנצע נאַכט אין שלאָפלאָזיקייט און ווערן ערשט פּאַרטאָג קוים אַנטשלאָפן, אַנדערע כאַפּן זיך אויף אַלע ווײַלע אין גרויס אומרו. דאָס איז אַן אויפגערעגטער און אויפרעגנדיקער שלאָף, נאָך וועלכן די מייסטן שטייען אויף אינדערפרי מידע און דעפּרימירטע. פון דער אַנדערער זייט וועלן מיר זען, פאַרקערט, אַז פיל שלאָפן אין אַ רויקער פאַרגניגטער פּאָזע, אָטעמען לייכט און פריי, ווי אין שטילער פאַרגאַפטקייט רירן זיי זעלטן מיט אַ גליד, מאַנכע שמייכלען פון שלאָף, וויברירן עקסטאַטיש מיט די גלידער. נאָך אַזאַ שלאָף פילן זיך די מייסטע מענטשן פריש און מונטער. די ביינאַכט־שלאָפנדיקע דערציילן אויף מאָרגן וועגן זייערע נאַכטחלומות — ווער ס'געדענקט מער, ווער ווייניקער אָדער גאָרנישט. אין אַלגעמיין אָבער זעען מיר אויך אין די נאַכט־חלומות צוויי עקסטרעמען: מאַנכע האָבן דעפּרימירנדיקע אָרגיאַסטיש־פּרימיטיווע חלומות און אַנדערע, פאַרקערט, האָבן דערהויבנדיקע עקסטאַטיש שעפערישע. דיזאָזיקע מענטשן קאָנען אַרויסווייזן ענלעכע עקסטרעמען אויך בײַטאָג, אויף דער וואָך, אין זייערע פאַנטאַזיעס און שטימונגען, וואָס קאָנען זיין פּרימיטיווע דעגראַדירנדיקע אָדער, פאַרקערט, אינטים־דערהויבנדיקע. מיט אַנדערע ווערטער, די ביינאַכט־שלאָפנדיקע מענטשן מאַכן דורך אין זייערע נאַכט־חלומות און טאָג־שטימונגען ענלעכע עקסטרעמען, ווי די אָרגיעס און עקסטאַזן פון די שלאַפלאָזע אויסנאַם־מענטשן אין פאַרשיידענע עקן פון שטאָט.

אין היסטאָרישע אויסנאַם - צייטן פון גרויסע מאַסן - באַוועַ-
גונגען וועלן נישט נאָר די ביינאַכט שלאָפנדיקע „נאָרמאַלע" ביר-
גער, נאָר גראָד יענע נעווראָטיקער און אוואַנטוריסטן, יענע אייביק
פאַרשמאַכטע, זיך אָפּט די ערשטע ציען צו די שלאָנעדיקע
קוואַלן פון דער מאַסן - באַוועגונג. אָבער אויך אין געוויינטלעכע
צייטן קאָן יעדער פון די ביינאַכט שלאָפנדיקע קומען דורך דער-
שיטערנדיקע איבערלעבענישן אין אַ קריטישן צושטאַנד (זע קאַפּ.
4), ווען ער וועט פאַרלירן דעם שלאָף און וועט, לויט כאַראַקטער
און סיטואַציע, זוכן פאַרגעסנקייט אין אָרגיע אָדער עקסטאַז. אַזוי
קאָן, פאַרקערט, יעדער פון די „געפאַלענע" נאַכט - בומלער זיך
באַפרייען פון דער נויט - זינקעניש ביי דער ערשטער מעגלעכקייט
פון פראָדוקטיוון אויפשוווּנג.

מ'קאָן דאָס געזאָגטע אַזוי פאָרמולירן: אַ) די אָרגיאַסטיש-
פּרימיטיווע און די עקסטאַטיש - אינטימע לײדנשאַפטן געפינען
מיר שטענדיק ביי אויסנאַם - מענטשן, אָדער ביי געוויינטלעכע
מענטשן אין אויסנאַם - צושטאַנדן, אויך אין די חלומות און שטי-
מונגען אין טאָג - טעגלעכן לעבן; ב) די אָרגיאַסטישע און עק-
סטאַטישע שפּילן צוזאַמען מיט דעם טאָג - טעגלעכן לעבן געפינען
זיך אין אַ דינאַמישער פאַרבינדונג: אנטשטייט אַ „פוסטקייט"
אינם טאָג - טעגלעכן לעבן, טרייבט עס דעם מענטשן אין דער ני-
דער צו דער פּרימיטיווער אָרגיע, ווען ער האָט נישט קיין מעגלעכ-
קייט פאַר אינטים - עקסטאַטישע שפּילן.

8

באהאנדלונג פון שפיל און נערוועזישקייט

(שפיל - היילונג און שפיל - היגיענע).

ביי דער באהאנדלונג פון נערוועזישקייט שטויסט מען זיך אן נישט זעלטן אויף אזא וואונדערלעכן פאקט. נאכדעם ווי מען האט באזייטיקט די ארויסגעפונענע אורזאכע פון דער נערוועזישקייט, בלייבט דאך אין פיל פאלן די נערוועזישקייט הארטנעקיק באשטיין. נאך מער, ס'פאסירט מאנכמאל, אז נאך א געוויסן דערפאלג ביים אנהויב פון באהאנדלונג, ווערט דערנאכדעם מיט אמאל די נערוועזישקייט „ווידער" פארשלימערט און דער פאציענט וויינטיקער צוגעבונדן פאר דער באהאנדלונג. אינ'ם פסיכא - אנאליז האט מען עם באצייכנט אלס דערשיינונג פון „ווידערשטאנד", ד. ה. די נערוועזישקייט שטעלט ארויס א מין ווידערשטאנד אנטקעגן דער היילנדיקער באהאנדלונג. די אויבן באשריבענע שפיל - פארשונג אבער קאן אונז דערקלערן זייער איינפאך אט דעם „ווידערשטאנד" און געבן אונז דערביי א מער זיכערן וועג פאר דער באהאנדלונג.

מיר האבן אויבן ביי פארשידענע פאלן געזען סיי די אלגעמיינע אורזאכע, סיי דעם ספעציעלן כאראקטער פון דער נערוועזישקייט. ווען דער לעבנס - שטייגער גיט נישט קיין געלעגנהייט פאר פראדוקטיווער אויסווירקונג פון דעם אינדיווידועלן שפיל-דראנג, קומט עס צו א דעפיציט אינם ארבעט - שפיל - באלאנס, וואס קאן דערגיין ביז צו א נערוועז - מאכנדיקער פוסטקייט. דאס איז די אלגעמיינע אורזאכע פון נערוועזישקייט. האט זיך אבער דערביי די

נערוועזישקייט אַרויסגעוויזן (קאַפּ. 5) ווי אַ צוואַנג - שפּיל און לײַדנס - שפּיל, וואָס פּילט אויס, הייסט דאָס, די פּוסטקייט דורך פאַרכאַפּנדיקע לײַדן און וואָס נעמט אָפּ דערבײַ די פרייהייט פון אויסוואַל, מאָדיפיקאַציע און איבעררײַס. מיט אַנדערע ווערטער, איז שוין איינמאָל אַנטשטאַנען די נערוועזישקייט, האָט זי איר אייגענעם צוואַנג, און ווען מ'באַזייטיקט די אורזאַכע פון אָט דער נערוועזישקייט, מוז מען גלייכצייטיק נאָך גובר זיין איר שוין אַרויפגעזעצטן צוואַנג. מיר וועלן עס נאָך טיפער און קאָנקרעטער פאַרשטיין ביים טאָקסישן צוואַנג - שפּיל, נעמלעך ביים מאָרפיניזם.

ביים מאָרפיניזם, ווי ביים אַלקאָהאָליזם א. ד. גל., וועט מען אַלעמאָל געפינען אַן אורזאַכע, וואָס האָט דעם מענטשן דערצו געבראַכט. נעמען מיר אַן איינפאַך בײַשפּיל. ווען אַ מענטש לײַדט פון גאַל־שטיינער, קאָן ער ביי אַ שווערן אָנפאַל געצווונגען ווערן דורך די גרויסע שמערצן אײַנצונעמען מאָרפיע. ווען די אָנפאַלן קומען אָפט פאָר און יעדעס מאָל מוז דער מענטש געברויכן מאָרפיע, ווערט ער נישט ווילנדיק מיט דער צייט אַ מאָרפיניסט. דאָס הייסט, אַז די באַטויבנדיקע מאָרפיע - פאַרהיילונג איז געוואָרן פאַר אים אַ צוואַנג - שפּיל און אַ לײַדנס - שפּיל, פון וואָס ער קאָן זיך נאָרנישט אָפּזאָגן. פאַרשטייט זיך, אַז מ'מוז באַזייטיקן די אורזאַכע, ד. ה. די גאַל - שטיינער - אָנפאַלן, וואָס צווינגען דעם מענטשן צום מאָרפיע - געברויך, אָבער אַפילו ווען מ'האָט אָט די אורזאַכע באַזייטיקט, בלײַבט דאָך דער מאָרפיניזם, אָט די צווינגענדיקע געוווינהייט צום מאָרפיע־געברויך, וואָס מוז פאַר זיך געהיילט ווערן דורך אַ ספּעציעלער אַנטוווינונגס - קוראַציע („אַנטוווינונג - קור"). דאָס זעלביקע איז אויך בנוגע אַלקאָהאָליזם, אַזאַרט - שפּיל, לוסט־פאַרברעכן (טאָקסישע און מאָראַלישע צוואַנג - שפּילן). אויך ביי דער נערוועזישקייט, ד. ה. ביים נעראָטישן צוואַנג - שפּיל, ווי ביי יעדן אַנדערן צוואַנג - שפּיל, צו וועלכן דער מענטש קומט דורך אַ דעפּיציט פון אַ לײַדיקן אָדער לײַדיק־געוואָרענעם לעבן, ווערט דאָס נערוועזע לײַדן אַ צוואַנג - געוווינהייט, וואָס מוז פאַר זיך געהיילט ווערן. מ'קאָן עס קורץ אַזוי פאָרמולירן. די היילונג פון נערוועזיש־

קייט מוז פאַרקומען גלייכצייטיק אין צוויי ריכטונגען: א) איבער־זויגן דעם אַרויפגעזעצטן צוואַנג פונם נערוועזן לײדן (באַפרייענ־דיקע היילונג — אַנטוווינונגס ־ קור), ב) באַזייטיקן די אורזאַכע, נעמלעך דעם קראַנק־מאַכנדיקן דעפיציט (אורזאַכלעכע היילונג). מיר וועלן גאַנץ קורץ די צוויי ריכטונגען באַשרייבן באַזונדער.

א) באַפרייענדיקע היילונג (אַנטוווינונגס*)־קור).

יעדער צוואַנג ־ שפּיל האָט זיין אייגנעם אופן פון צוואַנג און מוז דערפאַר ספּעציעל באַהאַנדלט ווערן. ביי טאָקסישע צוואַנג־שפּילן, ווי מאָרפיניזם א. ד. גל., קומט עס דורך אַ פיזישן פאַקטאָר, נעמלעך דורך דעם גיפט, וואָס האָט אַן אָרגאַנישע ווירקונג און רופט אַרויס אַ קערפּערלעכע צוואַנג ־ געוווינהייט. נעמט מען צו, למשל, ביים מאָרפיניסט די מעגלעכקייט פון מאָרפיע ־ געברויך — קומט עס צו פיזישע לײדן, ביז צו אַ קערפּערלעכן צוזאַמענברוך — פיזישע רעאַקציע. ביי מאָראַלישע צוואַנג ־ שפּילן, ווי אַזאַרט־שפּיל און לוסט ־ פאַרברעכן, קומט עס דורך קאָלעקטיווע האַנד ־ לונגען נעמלעך שפּיל ־ האַנדלונג אָדער לוסט ־ האַנדלונג מיט אַ צווייטער פּערזאָן. איזאָלירט מען דעם אַזאַרט ־ שפּילער פון יעדער שפּיל ־ מעגלעכקייט — קומט עס צו פּסיכישע לײדן און דעפּרעסיע, ביז צו אַ פּסיכישן צוזאַמענברוך — פּסיכישע רעאַקציע. אויך די נערוועזישקייט איז נישט קיין עכט אָרגאַניש לײדן, נאָר אַ פאָרגעשטעלטעס (פּסיכאָגע־נעס), געשפּילטעס — ס'איז דאָ אויך אַ פּסיכישער צוואַנג. די נער־וועזישקייט אונטערשיידט זיך אָבער פון אַלע אַנדערע צוואַנג־שפּילן. ביי יענע איז דער צוואַנג פאַרבונדן מיט אַ דרויסנדיקן פאַקטאָר, ווי דאָס גיפט ביי טאָקסישער, און קאָלעקטיווער האַנד־לונג ביי מאָראַלישע צוואַנג ־ שפּילן (שפּיל ־ פּאַרטנער, לוסט־אָביעקט); דאָס נערוועזישע לײדן ווערט אָבער צוואַנגהאַפט גע־שפּילט דורך דעם מענטשן גופא, ס'איז אַ זעלבסט ־ צוואַנג פון געפיל און פאַנטאַזיע. די היילנדיקע אָפּגעוווינונג וועט דערפאַר ביי דער נערוועזישקייט זיין פאַרשיידן, ווי ביי די אַנדערע צוואַנג־

---

*) אין דעם קאַפּיטל וועלן די ווערטער „אַנטוווינונג” און „אָפּגעווויי־נונג” באַדייטן דאָס זעלביקע.

שפּילן.

דאָס געזאָגטע דערקלערט אונז די פֿאַרשידענע אַנווענדונג פֿון די צוויי מעטאָדן פֿון אָפּגעווינונג: די אָפּשוואַכונג פֿון דער צוואַנג - לײַדנשאַפֿט דורך אומאַקטיווישקייט און די נייטראַליזירונג דורך דערציִונג פֿון אַ קעגן - לײַדנשאַפֿט. מ'קאָן נעמלעך אײַנשליסן אויף אַ לאַנגער צײַט, ווען ס'איז מעגלעכקייט אַ לײַדנשאַפֿט צו וועקן און צו באַפֿרידיקן — ביז די דאָזיקע ווערט דורך אומאַקטיווישקייט אַלץ מער אָפּגעשוואַכט און אַטראָפֿירט (אַטראָפֿיע דורך אומאַקטיווישקייט). אַט אַזוי איזאָלירט מען דעם מאָרפֿיניסט אויף אַ לאַנגער צײַט פֿון מאָרפֿיע - געברויך — ביז די צווינגענדיקע מאָרפֿיע - געוווינהייט ווערט דורך אומאַקטיווישקייט באַדײַטנד אַטראָפֿירט. די מעטאָדע פֿון אָפּשוואַכונג קאָן מען אָנווענדן נאָר בײַ יענע צוואַנג - שפּילן, וואָס זייער צוואַנג - פֿאַקטאָר איז אַ דרויסנדיקער און קאָן מיט גוואַלט באַזײַטיקט ווערן פֿון מענטשן. בײַ דער נערוועזישקייט אָבער, וואָס איז אַ זעלבסט-צוואַנג, מוז מען אָנווענדן דעם צווייטן וועג פֿון אָפּגעוווינונג, ד. ה. די נייטראַליזירונג פֿון דער צוואַנג - לײַדנשאַפֿט דורך דער דערציִונג פֿון קעגן - לײַדנשאַפֿטן (נייטראַליזירונג דורך קעגנזאַץ). מיר וועלן דאָ קורץ באַשרײַבן די וויכטיקע מאָמענטן בײַ אַזאַ באַהאַנדלונג פֿון נערוועזישקייט.

1) די פֿאַרויס - באַקעמפֿונג פֿונעם ווידערשטאַנד. ס'איז זייער כאַראַקטעריסטיש דער אינערלעכער קאָנפֿליקט בײַ יעדן צוואַנג-שפּיל. אין די צווישנצײַטן פֿון אויסניכטערונג בײַם מאָרפֿיניסט, אַלקאָהאָליקער א. ד. גל., דערזעט דער מענטש אָפּט די וואַקסנדיקע געפֿאַרן און לײַדן פֿון זײַן שפּיל, און מיט דעם גאַנצן אינסטינקט פֿון זעלבסט-דערהאַלטונג וויל ער זיך ראַטעווען פֿון אונטערגאַנג. ס'שטייט אים אָבער אין וועג די אַזוי צווינגענדיקע שפּיל - לײַדנשאַפֿט. דער מענטש ראַנגלט זיך אינעם שווערן אינערלעכן קאָנפֿליקט. אַט אַזוי גייט דער מאָרפֿיניסט צום דאָקטאָר זיך היילן פֿון מאָרפֿיניזם, אָבער ווי נאָר מ'נעמט אָפּ אַ לענגערע צײַט דעם מאָרפֿיע - גענוס, אַזוי ווײַזט אַרויס דער זעלביקער אַ שטורמישן ווידערשטאַנד דורך דער אויפֿגעוואַכטער צוואַנג

ליידנשאַפט. דער דאָקטאָר מוז דערפאַר פאָרויס וואָרנען דעם מאָרפיניסט וועגן דעם סטיכיש - קומענדיקן ווידערשטאַנד, און מיט דעם הסכם פון פּאַציענט אים אָפּשליסן אויף אַ לענגערע צייט, כּדי גוואַלטזאַם צו ברעכן דעם ווידערשטאַנד.

נאָך אויפפאַלנדיקער איז עס ביי דער נערוועזישקייט דער קאָנפליקט צווישן דעם וועלן - זיך - היילן און דעם זעלבסט־צוואַנג פון דעם נעראַטישן ליידן, ווייל אָט דער זעלבסט - צוואַנג לאָזט נישט דעם מענטשן וועלן זיך צעשיידן מיט דער נערוועזישקייט. ס'איז אַ קאָנפליקט צווישן דעם באַפרייונגס - ווילן און דעם נעראַטישן צוואַנג - ווילן.

אָט אַזוי גייט דער נעראַטיקער צום דאָקטאָר זיך היילן, אָבער ווי נאָר די באַהאַנדלונג טוט זיך אַ נעם אַלץ האַרטער פאַר דער נערוועזישקייט און די סימפּטאָמען פאַרבעסערן זיך, ווייזט ער אָפּט אַרויס אַ סטיכישן ווידערשטאַנד פונ'ם (דורך דער באַהאַנדלונג געשטערטן) צוואַנג - ליידן. דער פּאַציענט ווערט סקעפּטיש, שפּאָטיש, אפילו אויפגערעגט קעגן דאָקטאָר. אויך דאָ מוז דער דאָקטאָר נאָך פאַר דער באַהאַנדלונג וואָרנען דעם פּאַציענט קעגן אַ נאַטירלעך קומענדיקן ווידערשטאַנד און ראָטן אים, ער זאָל זיך אַליין פאַרפליכטן אויף אַ לאַנג - טערמיניקער באַהאַנדלונג לויט ווירקונג און באַדאַרף. דערקלערנדיק דעם פּאַציענט דעם כאַראַקטער פונם קומענדיקן ווידערשטאַנד, מאַכט מען אים אינערלעך גרייט און באַוואָפנט אַנטקעגן דעם. דאָס איז שוין אַ וויכטיקער שריט צו שטאַרקן דעם באַפרייונגס - ווילן.

2) מעטאָדיש אינטימע באַהאַנדלונג. נישט אַריינגייענדיק אין פּרטים פון דער הייל - טעכניק, וועלן מיר נאָר אָנמערקן די הויפּט - שטריכן. די באַהאַנדלונג מוז זיין נישט צופעליק, נאָר רעגולער מעטאָדיש, 3—4 מאָל אַ וואָך, יעדן טאָג 1/2 — 3/4 שטונדע, אין משך פון אַ לענגערער צייט, וואָס ווערט באַשטימט לויט דער אינטענסיווקייט פונם ליידן און כאַראַקטער פון פּערזאָן. די מעטאָדישע איבערחזרונג פון די באַהאַנדלונגען שאַפט קעגן - געוווינטהייטן צום צוואַנג - ליידן. ס'ווערט באַנוצט ביי דער באַהאַנדלונג די אויבן - דערמאָנטע פאָרשונגס - מעטאָדן, צוויש־

זיי אויך די מעטאָדע פון אומאָרגאַניזירטער פרייער פאַנטאַזיע (זע
אויבן קאַפּ. 6). דורך אויפקלערנדיקער באַרירונג מיט דער פרייע־
פאַנטאַזיע, חלומות און אַלע אַנדערע אינטימע איבערלעבענישן אין
צוזאַמענהאַנג מיט די נערוועזע סימפּטאָמען, קומט מען אַלץ מער
אין אַן אינטימען קאָנטאַקט מיטן פּאַציענט. דאָס אינטימע באַ־
וווסטזיניק־מאַכן פון די סטיכישע צוואַנג־פּראָצעסן, די בהדרגה־
דיקע איינאיבונג פון זעלבסט־דערקענטניש אויף דעם מאַטעריאַל
פון אייגענע איבערלעבענישן, די וואַקסנדיקע אָריענטירונג אין
זעלבסט־אַריינמישונג אין דער אייגענער נשמה־ווירטשאַפט —
אַט די אַלע פּראָצעסן זענען בלויז הילפס־מיטלען צו וועקן און
טרענירן אויף אַן אינטימען אופן די רעגולירנדיקע כוחות פון דער
פּערזענלעכקייט, וואָס נייטראַליזירן די נעראָטישע צוואַנג־לייד־
שאַפטן.

ב) אורזאַכלעכע היילונג.

גלייכצייטיק מיט דער באַפרייונג פונם נערוועזן צוואַנג דאַרף
מען מעטאָדיש באַזייטיקן די אורזאַכע פון נערוועזישקייט, ד. ה.
אויסגלייכן דעם נערוועז־מאַכנדיקן דעפיציט פון דעם ליידיקן
אָדער ליידיק־געוואָרענעם לעבן. אַזאַ היילנדיקע באַהאַנדלונג קען
דורכגעפירט ווערן אויף פאָלגנדיקע אופנים.

1) היילנדיקע און היגיענישע ענדערונג
פונם לעבנס־שטייגער. כדי אויסצוגלייכן דעם דעפי־
ציט פון דעם מענטשנס אַרבעט־שפּיל־באַלאַנס (זע קאַפּ. 3), מוז
מען לויט קאָנקרעטער מעגלעכקייט ענדערן דעם לעבנס־שטייגער
דורך אַריינפירונג פון אַ נייעם אָדער גרעסערן פּראָדוקט וון שפּיל־
אינהאַלט. ס'איז קודם־כל דער אויסגלייך צווישן באַרוף און ניי־
גונג, צווישן דער טאָג־אַרבעט און דעם נאַטירלעכן „אינטערעס".
נאָכדעם, ווי מ'האָט פעסטגעשטעלט דעם שפּיל־קוואָטיענט פונם
מענטשן, דאַרף מען אים אָנווייזן, אַז ער זאָל זיך אויסוויילן אַזאַ
באַרוף אָדער אַזאַ פאָרם פון זיין פרייערדיקן באַרוף, וואָס זאָל אים
זיין „אינטערעסאַנט", וואָס זאָל באַפרידיקן דעם מינימום פון זיין
שפּיל־דראַנג. מיר האָבן אויבן (קאַפּ. 3) געוויזן ביי לואיזען, אַז

אירע שווערע נערוועזע סימפּטאָמען זענען פּאַמעלעך פֿאַרשווּנדן, ווען זי האָט אויף אונזער פֿאָרשלאָג זיך באַמיט אויפֿצונעמען די פאַר איר „אינטערעסאַנטע" באַרוף - אַרבעט. אין איניקע פֿאַלן אַבער איז נויטיק צו ענדערן נישט די טאָג - אַרבעט, נאָר די רו - צייט. דער מענטש מוז האָבן (לויט דעם אַרויסגעפֿונענעם שפּיל - וואָטיענט) אַנטשפּרעכנדיק גענוג רו - צייט און יום - טובים, און אין די דאָזיקע רו - צייטן דאַרף ער קאָנען פֿריי פֿאַרווירקלעכן זייע פּראָדוקטיווע שפּיל - מעגלעכקייטן. אָט אַזוי האָבן מיר אויבן (קאַפּ. 1) געזען ביי אַנני, אַז אירע נערוועזע סימפּטאָמען האָבן אָכגעלאָזן, ווען זי האָט באַקומען די נאָרמאַלע פֿרייהייט און מעגלעכקייט פֿון שפּיל אין די רו - צייטן. דאָס איז די פּסיכאָ - היגיעַנישע און היילנדיקע באַדייטונג פֿון די רו - צייטן און יום־טובים, וואָס גיבן נישט נאָר פֿיזישע רו, נאָר אויך די לעבנס - וויכטיקע מעגלעכקייט אויסצווירקן דעם אינדיווידועלן ספּעריש שפּיל־דראַנג, וואָס אַ נישט קאָן ער אימפּולסיוו פֿאַרקריפּלט ווערן אין פּרימיטיוון צוואַנג - שפּיל.

ביי פֿאַרשיידענע אויסנאַם - צושטאַנדן, אין קריטישע מאָמענטן פֿון גרויסן אומגליק אָדער אַנטוישונג, ווען עס קומט צו ערוועזער נויט - אויסווירקונג פֿונם צייטווייליק פֿאַרגרעסערטן שפּיל - דראַנג (זע אויבן קאַפּ. 4), מוז מען אויף אַ באַשטימטע צייט ענדערן דעם לעבנס - שטייגער לויט דעם פֿאַרגרעסערטן שפּיל - באַדאַרף. אין אַזוינע מאָמענטן שטרעבן פֿיל מענטשן צו רייזן און סביבה - בייטן; אַנדערע זוכן פֿאַרשטאַרקטע רעליגיעזע אָדער עסטעטישע איבערלעבענישן, ווייל דאָס אַלץ ברענגט נייע שפּיל־שפּאַנונגען, וואָס קאָנען שטאַרקן דעם קריטיש געדריקטן לעבנס־דראַנג. לויט דעם כאַראַקטער פֿון מענטשן און זיין איצטיקן צושטאַנד, מוז מען מעטאָדיש אַריינציען אָדער פֿאַרשטאַרקן אינדיווידועל מעגלעכע שפּיל - פֿאַקטאָרן, וואָס זאָלן אויספֿילן דעם פֿאַרגרעסערטן שפּיל - דראַנג אין משך פֿון דער איבערגאַנג - צייט (זע אונטן).

די פֿראַגע פֿון לעבנס - שטייגער, פֿון דעם אַרבעט - שפּיל - באַלאַנס, איז וויכטיק נישט נאָר פֿאַר דער היילונג, נאָר אויך ביי

דער פאַרהיטונג פון נערוועזישקייט. ביי דער פסיכאָ - טעכנישער באַרוף - באַראַטונג מוז מען נעמען אין באַטראַכט נישט נאָר דעם מענטשנס פעיקייטן, נאָר אויך דעם גראַד און כאַראַקטער פון זיין שפּיל - דראַנג, וואָס לאָזט זיך אונטערזוכן לויט די פריער (קאַפּ. 6) אָנגעגעבענע מעטאָדן. די דערציונג און די זעלבסט-דערציונג מוזן זאָרגן נישט נאָר פאַר דער צופּאַסונגס - פעיִקייט פון מענטשן, נאָר אויך פאַר פּראָדוקטיווער שפּיל - אויסווירקונג, וואָס פאַרהיט די נערוועזע פאַרקריפּלונג פונם לעבנס - דראַנג.

2) שפּיל - פאַקטאָרן. ווען מ'קאָן נישט ענדערן דעם לעבנס -שטייגער, קאָן מען אויסגלייכן דעם נערוועז - מאַכנדיקן דעפיציט דורך דער אַריינפירונג אָדער פאַרשטאַרקונג פון אַזוינע שפּיל - פאַקטאָרן, וואָס לאָזן זיך פאַרבינדן מיט דעם אומענדער־לעכן לעבנס - שטייגער. אונטער שפּיל - פאַקטאָרן פאַרשטייען מיר אַזוינע איינדריקן, וואָס רופן אַרויס אַ שטימונגספולן פאַנטאַזיע־שפּיל. יעדע נאַטור, יעדער עלטער, יעדער קולטור - צושטאַנד האָט זיין אינדיווידועלן שפּיל - באַדאַרף, ווי אויך זיינע אייגענע שפּיל־פאַקטאָרן. אַ שיינע פרילינג - לאַנדשאַפט וועט אַרויסרופן פאַנטאַז־יע - שפּיל ביים קינסטלער מער ווי ביים באַשעפטיקטן סוחר (נאַ־טור - אונטערשייד); אַ שיינע פרויען - געשטאַלט וועט גיכער ווירקן אויף אַ יונגן מענטשן, ווי אויף אַן עלטערן (עלטער - אונטערשייד), אַ פאַרביי־ייענדיקע רעליגיעזע פּראָצעסיע וועט גיכער ווירקן אויף דעם פרומען מענטשן, ווי אויף דעם פריידענקער (גייסטיק-קול־טורעלער אונטערשייד).

מיר אונטערשיידן אינדיווידועלע און אַלגעמיינע שפּיל - פאַק־טאָרן. די ערשטע זענען אַזוינע, וואָס זענען פאַרבונדן מיט דער אינדיווידועלער דערפאַרונג פון מענטשן (ווי היימאַט - קלאַנגען, אַ ליבעס - בריוו א. ד. גל.), די אַנדערע זענען אַזוינע, וואָס רופן אַרויס פאַנטאַזיע - שפּיל אַלגעמיין ביי פיל מענטשן, ווי, למשל, קינסטלערישע און רעליגיעזע איינדריקן. באַזונדערס וויכטיק איז צו אונטערשיידן צווישן אומווילנדיק - נאַטירלעכע און ווילנדיק־פרייע שפּיל - פאַקטאָרן. די ערשטע קומען תמיד (ווי. למשל, אַ ליי־בעס - שטימונג אָדער אַ קינסטלערישע באַגייסטערונג) ביי באַ־

שטימטע באַדינגונגען און זענען ווייניק אָפּהענגיק פונם פרייען ווילן. זיי קומען אומווילנדיק, אָפט אויך אומגעריכט. אָבער דער מענטש קאָן לויט איינענעם ווונטש לאָזן ווערן זיין פאַנטאַזיע־שפּיל דורך אַ שיינע לאַנדשאַפט, אַ מעלאָדיע, אַ געבעט א. ד. גל.

ווי די שפּילן בכלל, אַזוי טיילן זיך די שפּיל־פאַקטאָרן אין פּראָדוקטיוו־אינטימע און דעסטרוקטיוו־פּרימיטיווע, ד. ה. אין אַזעלכע וואָס ווערן שעפערישאינטימע אָדער פּרימיטיוו דעגראַדירנדיקע איבערלעבענישן. אַ פרילינג־זון, אַ בלויער הימל, בלומען, האַרמאָנישע קלאַנגען א. ד. גל. ווערן מייסטנס אינטים־דערהויבנדיקע שטימונגען. אַ האַרבסט־רעגן, אָפּגעוועלקטע בלעטער, דער אָנבליק פון אַ חורבה א. ד. גל. קאָנען ביי אייניקע מענטשן אַרויסרופן דעפּרעסיווע שטימונגען. אין פּריוואַט־לעבן באַנוצן זיך מענטשן שטענדיק מיט דער ווירקונג פון שפּיל־פאַקטאָרן. ביי אַ שמחה אָדער ביי אַ טרויער זוכט מען דורך אַלערליי אַנטשפּרעכנדיקע דעקאָראַציעס און צערעמאָניעס אַרויסרופן פריילעכע אָדער טרויעריקע שטימונגס־בילדער.

אונטערזוכנדיק דעם מענטשנס שפּיל־קוואַטיענט לויט די פריער (קאַפּ. 6) אָנגעגעבענע מעטאָדן, קאָן מען פעסטשטעלן זיינע אינדיווידועלע און אַלגעמיינע שפּיל־פאַקטאָרן. די היילנדיקע באַהאַנדלונג מוז דאָסמאָל מעטאָדיש אַריינפירן אָדער פאַרשטאַרקן די צוגעפּאַסטע פּראָדוקטיוו־אינטימע שפּיל־פאַקטאָרן און אויף דעם אופן דעקן דעם נערוועז־מאַכנדיקן דעפיציט פון דעם לעבנס־שטייגער.

דורך ענדערונג פון לעבנס־שטייגער און שפּיל־פאַקטאָרן זוכט מען צו היילן דעם מענטשן דורך דער ווירקונג פון סביבה־עלעמענטן. מ'קאָן אָבער אויך היילן דעם מענטשן דורך דעם, וואָס כ'ר ווען אים מעטאָדיש פאַרהעלפן צו געפינען און אויסצונוצן די איינענע אינערלעכע גרייטקייטן (פּאָטענצן) צו עקסטאַטיש־פּראָדוקטיוון אינטימען אויפשוונג. דאָס זענען די אַזוי - גערופענע מעטאָדן פון „ספעריש - אינטימער קאָנסטעלאַציע" און „פּסיכישער הייל - עקספּעדיציע", וואָס מיר האָבן אין אַן אַנדער אָרט

אויספירלעך באשריבן *).

ענדלעך מוז אונטערשטראָכן ווערן, אַז דער עצם פאַקט פון דער פּסיכישער באַהאַנדלונג ביים דאָקטאָר האָט זעלבסט אַן איינגענע היילנדיקע ווירקונג, אויף וויפיל די דאָזיקע באַהאַנדלונג ווערט אינטערעסאַנט פאַרן פאַציענט און באַקומט פאַר אים דעם רייץ פון אַ פּראָדוקטיוון שפּיל. יעדע ריכטיקע פּסיכישע באַהאַנדלונג האָט אין זיך גופא פּראָדוקטיווע שפּיל - עלעמענטן, ווי: דער אויפגעוועקטער נייגיר פונם פאַציענט צו זיין אייגענעם נשמה - לעבן, דער שעקאווער פּראָצעס פון פאַמעלעך אויפדעקן און באַזייטיקן די סיבות פונם ליידן, די געמיינזאַמע ראַנגלעניש מיט דעם ווידערשטאַנד, די צונעמענדיקע פאַרטרוילעכקייט און דער וואַקסנדיקער אינטערעס צו די נייע, אָפט איבערראַשנדיקע אויפקלערונגען בשעת דער חדשים - לאַנגער באַהאַנדלונג. דערצו קומען נאָך דער פּערזענלעכער איינפלוס פון דאָקטאָר און די אַרומיקע פאַרטרוילעכע אַטמאָספערע, וואָס קען מאַכן די באַהאַנדלונג אַלץ מער אינטערעסאַנט. ס'איז ווי ביי דער גימנאַסטיק, וואָס אחוץ דעם ווירקלעכן נוצן פאַר דער פיזישער אַנטוויקלונג, איז די גימנאַסטיק זעלבסט אַ צוציענדיקער שפּיל. יעדע פּסיכישע באַהאַנדלונג וועט האָבן אַ טיפערע קאָנסטרוקטיווע היילנדיקע ווירקונג, וואָס מער די באַהאַנדלונג גופא וועט באַקומען דעם נאַטירלעכן רייץ פון אַ פּראָדוקטיוון שפּיל. אַזאַ באַהאַנדלונג קאָן שוין אַן און פאַר זיך דעקן דעם „דעפיציט" פון לעבנס - דראַנג און ברענגען דורכדעם מיט זיך גופא דעם נייעם וועג פאַר היילונג און אויפשוואונג.

*) „דער וועג צום מענטש", קאַפּ. 9

9

דער אינטימער שפּיל-אידעאַל אין דערציונג און סאָציאַלן לעבן

דער פרייער אויסוואַל פון פּראָפעסיע און פּאַרוויילונג וואָלט געקאָנט געבן יעדן מענטשן די מעגלעכקייט צו פּאַרווירקלעכן זיין אָרגאַנישן שפּיל־באַדאַרף אין די ראַמען פון דעם סאָציאַל־אָנגענו־מענעם לעבנס־שטייגער. אָבער יעדע סאָציאַלע אָרדנונג, וואָס איז געבויט אויף אומגלייכקייט און אונטערדריקונג, באַגרענעצט דעם פרייען אַרבעט־שפּיל־אויסוואַל און שאַפט דורכדעם ערנסטע פּראָ־בלעמען פאַר דער פּסיכישער פאָלקס־געזונטקייט. אָט די ווירקונג פון סאָציאַלער אומגלייכקייט מאַכט דורך היסטאָריש צוויי פאַר־שיידענע סטאַדיעס.

צוערשט ברייננגט יעדע סאָציאַלע אונטערדריקונג פון גרופּ און קלאַסן אַ שווערן „דעפיציט'' אינעם שפּיל־אַרבעט־באַלאַנס סיי ביי די פּריווילעגירטע, סיי ביי די אונטערדריקטע. די פּריווילעגיר־טע האָבן ווייניקער צו אַרבעטן און צו זאָרגן, האָבן דורכדעם אַן איבערפלוס פון „לײדיקער'' רו־צייט, וואָס, ביים אויספעלן פון פּראָדוקטיווע שפּילן, טרייבט עס צו נערוועזישקייט און מאָראַלי־שע אויסשרייטונגען. דאָס איז די באַקאַנטע דעקאַדענץ פון די פּריווילעגירטע קלאַסן. די אונטערדריקטע זענען, פאַרקערט, איבער־לעסטיקט פון אַרבעט און זאָרגן, האָבן צו ווייניק רו־צייט, כּדי צו באַפרידיקן וועלכן ס'איז מינימום פון אינדיווידועלן שפּיל־דראַנג, וואָס ווערט ביי אומגינסטיקע באַדינגונגען אימפּולסיוו געדעקט דורך געוואַלד, אַלקאָהאָלישע און מאָראַלישע עקסצעסן. ווען די

פריווילעגירטע זוכן, ווי מ'דריקט זיך אויס אין פיל שפראַכן, צו „דערמאָרדן" די איבעריקע צייט, ווערן די אונטערדריקטע דערשלאָגן דורך דער מיט אַרבעט און זאָרגן איבערלאָדענער צייט.

ענלעכע רעזולטאַטן ברענגט די אומגלייכקייט פון דער פרוי. די בירגערלעכע פרוי, וואָס האָט (אין פאַרגלייך מיטן מאַן) ווייניקער אַרבעט־מעגלעכקייטן, האָט אַן איבערפלוס פון „ליידיקער צייט", אַ דעפיציט פון ניט אויסגעלעבטן לעבנס־דראַנג, וואָס ווערט געדעקט דורך נערוועזישקייט, ספּעציעל דורך היסטעריע. דערפאַר באַגעגנט מען טאַקע די היסטעריע אַזוי אָפט צווישן פרויען. ניט די גלייכבאַרעכטיקונג, נאָר די גלייכבאַשעפטיקונג פון דער פרוי וואָלט איר געהאָלפן פּראָדוקטיוו אויסצופילן די נערוועז־ (אָדער היסטעריש־) מאַכנדיקע ליידיקייט. די פּראָלעטאַרישע פרוי, פאַרקערט, איז איבערלעסטיקט פון מער איינטאָניקער פיזישער אַרבעט און נאָגנדיקע שטוב־זאָרגן, זי האָט ווייניק פרייע צייט און געלעגנהייט צו באַפרידיקן וועלכן ס'איז מינימום פון אויפמונטערנדיקן שפּיל־באַדאַרף. איז דער אומאויסגעלעבטער שפּיל־דראַנג ביי דער פרוי צו גרויס, קאָן ער אימפּולסיוו געפינען דעם אויסגאַנג אין נערוועזישקייט, אַלקאָהאָליזם און פּראָסטיטוציע. די פּראָלעטאַרישע פרוי טראָגט די טאָפּלטע אונטערדריקונג — פון איר געשלעכט און פון איר קלאַס.

פון גרויסער וויכטיקייט איז אָבער די צווייטע סטאַדיע אין דער ווירקונג פון סאָציאַלער אומגלייכקייט. אין משך פון דער צייט ווערט ביי דעם אונטערדריקטן קלאַס אָדער פאָלק אַלץ מער אַנטוויקלט אַ שטאַרקע קאַמף־באַוועגונג, וואָס פאַרבינדט די איינצלנע מיטגלידער דורך געמיינזאַמע קאַמף־אינטערעסן און רופט אַרויס אַ טיפן קאָלעקטיוו־באַוווסטזיין (קלאַסן־באַוווסטזיין, נאַציאָנאַל־באַוווסטזיין). ס'קומט דאָ פאָר אַ צווייפאַכער פּראָצעס. פון איין זייט, איז דער קאָלעקטיווער קאַמף פון אונטערדריקטע אַ קאַמף פאַר סאָציאַלער גלייכהייט און גערעכטיקייט, דורכדעם דריקט אויס דער קאַמף סאָציאַל־עטישע געפילן. פון דער אַנדער זייט, ווערט אָט דער קאַמף אַרויסגערופן און דיקטירט דורך די עקזיסטענץ־אינטערעסן פון יעדן איינצלנעם קאָלעקטיוו־מיטגליד. דער

באפרייונגס־אידעאל איז, הייסט דאס, ניט נאר נוצלעך און נויטיק פאר דער פריוואטער עקזיסטענץ, נאר האט אויך גליכצייטיק א דערהויבנדיקן סאציאל־פראגרעסיוון כאראקטער. ס׳גייט אבער נאך פיל ווייטער. דער קאמף אנטקעגן דער באשטייענדיקער ארדנונג רופט ארויס א שטארקן ווידערשטאנד ביי דער הערשנדיקער גרופע. דער קאמף צופלאקערט זיך אלץ מער, די ליידנשאפטן ווערן אלץ מער פארשארפט און פארטיפט. ס׳קומט ארויס אויף דעם אופן ניט נאר אן „ערנסטער״ ארבעט־אידעאל, לויט פראגראם, איבערצייגונג אדער פליכט, וואס איז ראציאנעל און בארירט ווייניק דאס עמאציאנעלע לעבן, נאר ס׳איז גלייכצייטיק א ליידנשאפטס־אידעאל, א פראדוקטיווער שפיל־אידעאל, אויף וויפיל מיר האבן דא, ווי ביי יעדן שפיל, א לוסט־פולע טעטיקייט צו רעאליזירן איינענע געפילן.

יעדעס געפיל לאזט זיך, ווי מיר האבן אין אן אנדער ארט דערקלערט *), אויסלעבן אין צוויי ריכטונגען — דורך צוועקמעסיקע האנדלונגען נאך אויסן (מאטארישער אויסדרוק) אדער דורך טרוימעריש־עמאציאנעלער פארטיפונג נאך אינעווייניק (אינטימער אויסדרוק). ווען מ׳קאן ניט אויסלעבן א געפיל מאטאריש נאך אויסן, זוכט דאס געפיל זיך אויסצווירקן אינטים־עמאציאנעל. אזוי זעען מיר, אז דורך דעם ווידערשטאנד ווערט די איינגעהאלטענע סאציאלע קאמף־ליידנשאפט אלץ מער פארינערלעכט און פארטיפט ביז זי דערגרייכט די שטופע פון אינטימישקייט. דער באפרייונגס־אידעאל ווערט דער „אינטימער״ טרוים, דער אינערלעכסטער לעבנס־ווונטש פונם אונטערדריקטן קאלעקטיוו. מיר טרעפן דא אלע סימפטאמען פון אינטימישקייט **). אחוץ דעם כאראקטעריסטישן געפיל פון אינערלעכקייט, ווערט דער באפרייונגס־אידעאל „שיקזאלהאפט״ פארן גאנצן קאלעקטיוו, וואס שטעלט זיך ניט אפ אין קאמף פאר די גרעסטע קרבנות. דער אידעאל וועקט עקסטאטישן קאמף־אימפעט, זיין דורכפאל טראגט פארן גאנצן קאלעקטיוו א טראגישן כאראקטער, און ווערט איבערגעלעבט ווי א

*) זע מיין בוך „דער וועג צום מענטש״, קאפ. 6.

**) זע אויבן, ערשטן טייל, קאפ. 6.

„פינסטערע" רעאקציע. ווי יעדעס אינטים־געפיל, קאן אויך די אינטימע סאציאלע פרייהייטס־שטרעבונג אינערלעך־געהיים וואקסן און קומען ווי פלוצים צום „דורכברוך" אין דער פאליטישער אדער סאציאלער רעוואלוציע (דורכברוך־דערשיטערונג).

מיר זעען אויף דעם אופן, אז גראד ביי די אונטערדריקטע אנטשטייט אן אינטימער שפיל־אידעאל מיט פראדוקטיווער עקסטאטישער הויך־שפאנונג. דאס געזאגטע לאזט זיך בנוגע אונזער צייט אזוי אנווענדן, אויף וויפיל די שארפע סאציאלע אומגלייכקייט פון דער קאפיטאליסטישער צייט ברענגט א דעפיציט פון לעבנס־הנאה און שאפט דורכדעם א נערוועזן יארהונדערט, אויף אזוי פיל ברענגען די דורכדעם אנטשטייענדיקע באפרייונגס־באוועגונגען (אדער די אינטים־וואקסנדיקע פרייהייטס־אידעאלן) פון פאלק און קלאס דעם היילנדיקן שפיל־אימפעט פון סאציאל־פראדוקטיווע ליידנשאפטן. אחוץ דעם, דורך דער פרייהייט פון געדאנק און געוויסן קאנען אנטשפרעכנדיק באגאבטע מענטשן אנטוויקלען אינטים וואקסנדיקע אידעאלן פון וויסנשאפטלעכער, קינסטלערישער און רעליגיעזער דערגרייכונג. קורץ אויסגעדריקט: *דער אינטימער שפיל־אידעאל (סיי פון סאציאלער באפרייונג, סיי פון גייסטיקער דערגרייכונג) איז א גרויסער פאקטאר פון פסיכישער פאלקס־געזונטקייט, אויף וויפיל ער לאזט דעקן דעם קראנק־מאכנדיקן דעפיציט פונם ארבעט־שפיל־באלאנס.*

ביי דער באהאנדלונג פון נערוועזע מענטשן איז עס אויפפאלנדיק דער פאקט, אז נערוועזע מענטשן האבן ניט קיין אינטימען אידעאל. זיי זענען „אומפארטייאיש" אדער פאסיווע מיטגלידער פון א וועלכער ס'איז פארטיי. זיי זענען אינדיפערענט, סקעפטיש אדער פאסיוו־געניסעריש בנוגע צו פארשיידענע גייסטיקע געביטן. זיי האבן ניט קיין אינטים פארכאפנדיקן אידעאל. ס'איז דא איינס פון די צוויי: אדער זיי זענען נערוועז, ווייל זיי האבן ניט קיין שום אינטימען אידעאל און האבן דערפאר ניט מיט וואס אויסצופילן די „ליידיקייט" פון לעבן, אדער זיי האבן ניט קיין אינטימע אידעאלן,

ווײַל זײ זענען נערװעז, ד. ה. זײ זענען שױן פֿון פֿריער באַזעצט דורך דעם נעראָטישן צװאַנג־שפּיל. אָבער אויך אינם לעצטן פֿאַל װערט די נערװעזישקייט דורך דער עמאָציאָנעל־גײסטיקער אָרימקייט נאָך מער פֿאַרטיפֿט, װי בנוגע דער אײנזאַמקייט *), קאָן מען אויך דאָ זאָגן: דאָס אויספֿעלן פֿון אינטימע אידעאַלן קאָן אַרויסרופֿן אָדער פֿאַרשטאַרקן נערװעזע סימפּטאָמען.

דאָס געזאָגטע דערקלערט אונז די פּסיכאָ־היגיענישע באַדײטונג פֿון אַן אינטימען אידעאַל אין דער דערציִונג. אַ רעליגיעזע, נאַציאָנאַלע אָדער סאָציאַליסטישע שולע, יעדע לויט איר ריכטונג, מוז הויפּטזעכלעך שטרעבן צו אַנטװיקלען בײַ די קינדער אַן אינטים פֿאַרכאַפּנדיקן אידעאַל אָדער גלויבן, װאָס קאָן אַליין פֿאַרהעלפֿן דעם מענטשן שעפֿעריש אויסצולעבן דעם אָרגאַנישן שפּילדראַנג. מיר אונטערשטרייכן דאָ דעם אויבן באַשריבענעם אונטערשייד צװישן אַ ראַציאָנעלן אידעאַל, געבויט אויף איבערצייגונג, פֿליכט און רגילות, און אַן אינטימען לײדנשאַפֿטס־אידעאַל, פֿאַרקניפּט מיט דעם מענטשנס שיקזאַל. אַ „נייטראַלע” װעלטלעכע שול, װאָס אַנטװיקלט ניט קיין אינטימען לײדנשאַפֿטס־אידעאַל, לאָזט דאָס קינד אומבאַװאָפֿנט אַנטקעגן װעלכן ס'איז קריזיס פֿון אַ לײדיקן אָדער לײדיק־װערנדיקן לעבן.

אויך בנוגע דעם דערװאַקסענעם קאָן מען בכלל זאָגן: װאָס „אינטימער” דער מענטש איז פֿאַרכאַפּט מיט סאָציאַלן, נאַציאָנאַלן, רעליגיעזן אָדער װעלכן ס'איז אַנדערן אידעאַל, אַלץ מער קאָן דער מענטש שעפֿעריש פֿאַרהיטן און היילן װעלכע ס'איז קראַנקמאַכנדיקע לעבנס־פּוסטקייט.

*) זע אויבן קאַפּ. 6.

אפשלום

די אוניווערסאַלע שפּיל־טראַגעדיע
און שפּיל־דערלייזונג

ניט נאָר דער פאָרשער, נאָר יעדער מענטש קאָן בײַ אַלזײַטיקער באַטראַכטונג דערזען, אַז אַרבעט און שפּיל זענען אַנטאַגאָניסטישע כחות, וואָס האַלטן דאָס לעבן אין שטענדיקן אומרו. אַנטאַגאָניסטיש ווי זיי זענען, רעגולירן זיך אַרבעט און שפּיל קעגנזײַטיק, אונטערברעכן ריטמיש איינער דעם צווייטן און לאָזן ניט איינער דעם אַנדערן קומען צו אַ שטענדיקער הערשונג. דאָס לעבן ווערט פּסדר צעריסן און פאַרבונדן דורך דעם אַרבעט־שפּיל־געראַנגל. ס'הויבט זיך שוין אָן אין די קינדער־יאָרן. די שול־אַרבעט לאָזט ניט דאָס קינד צו לאַנג שפּילן, און דער שפּיל־דראַנג לאָזט ניט דאָס זעלביקע קינד לאַנג אײַנזיצן אויף דער שול־באַנק בשעת די לימודים. גייט אַרויס דער לערער אַ ווײַלע פון קלאַס, הויבט זיך שוין אָן אַ שפּיל־גערודער, און אין רעכטן מיטן שפּיל אויף דער פּויזע רײַסט זיך אַרײַן דער שול־גלאָק און שנײַדט אָפּ דעם שפּיל־גערודער ווי מיט אַ מעסער. ס'איז אַ שטענדיקער אַנטאַגאָניזם צווישן אָרגאַניזירטער שפּיל־אַרבעט און פרײַען שפּיל־דראַנג. וואָס עלטער מען ווערט, אַלץ מער ווערט מען באַלעסטיקט דורך אַרבעט און זאָרגן, אַלץ ווייניקער האָט מען צײַט און געלעגנהייט פאַר שפּילן. די אַרבעט־נויט אונטערדריקט אַלץ מער דעם שפּיל־דראַנג, וואָס קומט בלויז אין רו־צײַט צו אַ מעגלעכן אויסדרוק אָדער דרינגט דורך די אַרבעט מיט שפּיל־עלעמענטן. דער דערוואַקסענער קוקט אָפּט מיט בענקשאַפט אויף די מער זאָרגלאָזע שפּיל־מעגלעכקייט

פון די קינדער־יאָרן. און טאַקע ווי נאָר דער מענטש קומט אין אַ פּריווילעגירטער לאַגע און קאָן נאָר אַראָפּוואַרפן פון זיך דעם יאָך פון אַרבעט — לאָזט ער זיך פאַרכאַפּן פון שפּיל־פאַרווײַלונג. און אויב דער מענטש איז דאָסמאָל ניט באַוואָפנט מיט פּראָדוקטיווע שפּיל־מעגלעכקייטן, קאָן ער אַרײַנפאַלן אין צוואַנג־שפּיל פון אַל־קאָהאָל, אַזאַרט־שפּילן א. דגל. דאָס איז דער פּעדאַגאָגישער און פּסיכאָלאָגישער אַרבעט־שפּיל־קאָנפליקט *).

ס׳גייט אָבער פיל ווייטער.

די אַרבעט איז „ערנסט״, ראַציאָנעל און פאַרלאַנגט אָרגאַני־זירונג, ד. ה. אַנשטאָט אילוזיע און צופאַל ווערט דאָ פאַרלאַנגט צו־פּאַסונג צו אָדער פון די רעאַלע באַדינגונגען, אַ באַרעכנטער, פּאָ־רויסגעזעענער אָדער פאָרויסזעענדיקער אַרבעטס־פּלאַן. דער שפּיל אָבער איז פרײַ, עמאָציאָנעל. אָנשטאָט צופּאַסונג קומט דאָ די פרײַע רעאַליזירונג פון געפילן, וואָס ווערן גראָד געריצט דורך דאָס אומ־פאָרויסגעזעענע, אומגעריכטע. ווען דער מענטש, למשל, נעמט זײַן לעבן „ערנסט״, שאַפט זיך אַ וויכטיקן לעבנס־פּראָגראַם לויט באַ־שטימטע פּרינציפּן און צילן — קאָן אָבער דער אויפגעוועקטע־שפּיל־דראַנג פּלוצים אומוואַרפן זײַן גאַנצן לעבנס־בנין. אָט איז די העלדין פון טאָלסטאָיס „אַננאַ קאַרענינאַ״, אַ מוטער פון אַ קינד, וואָס שטייט אויף דער שפּיץ פון איר הויכער לעבנס־קאַריערע. דערזעט זי אָבער פּלוצים דעם אָפיציר וורָאָנסקי, ס׳וועקט זיך בײַ איר אויף אַן אומגעריכטע לײַדנשאַפט, אַ פאַרכאַפּנדיקע ליבעס־אַוואַנטורע, וואָס ברענגט זי אין אַ דראַמאַטישן קאָנפליקט און

---

*) ווי די פּעדאַגאָגין זוכט דורך פּראָדוקטיווע קינדער־שפּילן צו פאַרבינדן שול מיט שפּיל, אַזוי וויל די סאָציאַלע פּעדאַגאָגיק (ד. ה. די ווירקונגען פון פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס, פון קונסט, מאָראַל און רעליגיע א. דגל.) העלפן דעם מענטשן צו באַלאַנסירן אַזוי זײַן אַרבעט־שפּיל־באַלאַנס, אַז אַרבעט און שפּיל זאָלן צוימען און באַפרוכטן איינער דעם צווייטן. דאָ זעען מיר שוין די באַדײַטונג פון פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע שפּילן, וואָס וועט ערשט שפּע־טער באַלויכטן ווערן.

צעשטערט איר טראַגיש דאָס לעבן. און אָט איז דער „ערנסטער" סוחר, וואָס איז, דוכט זיך, להוט נאָך פּרנסה, נאָך רעאַלע גיטער, — פאַרוואָס קאָן ער דאָך ניט בײַשטיין אַנטקעגן אַ פאַרכאַפּנדיקער שפּעקולאַציע, לאָזט זיך ווי אַ ווילדער פּאַרדריען פֿונעם אַזאַרט־שפּיל אויף דער בערזע און ליגט דערנאָכדעם ווי אַ צעבראָכענער אויף די רואינען פֿון זײַן באַנקראָט. ער איז מער אַוואַנטוריסט ווי סוחר. ער האָט אָבער אָנגעהויבן פֿון „ערנסטע" מסחר־אַרבעט און איז גאַרניט ווילנדיק פּאַרלאָכט געוואָרן פֿון פּאַרפֿירעריש מסחר־שפּיל. און ווען דערזועלביקער מענטש אין לײַדן און חרטה נעמט זיך ווידער פֿאַרן „ערנסטן" מסחר, האָבן דאָך באַקאַנטע סוחרים אַ לאַנגע צײַט אַנגסט אים צו קרעדיטירן, וואָרום ווער ווייסט, צי וועט ער זיך „ווידער" ניט אַ גליטש טון אין דער פּאַרפֿירערישער שפּיל־שפּעקולאַציע אָט דער סוחר האָט אַן איבער־גרויסן שפּיל־דראַנג. וואָס איז אָבער ניט אַזוי פֿרעמד אויך פֿאַר אַנדערע סוחרים. ווי נאָר ס'טוט זיך, למשל, אַ וואַקל די עקאָנאָמישע וועלט־קאָניונקטור פּאַרפּלייצט די שפּיל־שפּעקולאַציע די סאַמע סאָלידע סוחרים. אין דער טיפעניש פֿון דער מסחר־אַרבעט לויערט עס, הייסט דאָס, אַ פּאַרפֿירערישע שפּיל־שפּעקולאַציע, וואָס רייסט זיך דורך בײַ דער ערשטער מעגלעכקייט. ווי אין די טיפענישן פֿון „ערנסטן" לעבן לויערט אַ פּאַרפֿירערישע שפּיל־אַוואַנטורע. *ס'איז דאָ די אינטים־דראַמאַטישע ווירקונג פֿונעם פּסיכאָלאָגישן אַרבעט־שפּיל־קאָנפֿליקט.*

דאָס געזאָגטע לאָזט אונז נאָך טיפֿער פֿאַרשטיין די אויבן דער־קלערטע *) צוויי פּרינציפּן. ערשטנס, דער פּרינציפּ פֿון אַרבעט־שפּיל־דורכדרינגונג, ד. ה. אַז יעדע אַרבעט האָט אירע שפּיל־עלע־מענטן, און יעדער שפּיל האָט זײַנע אַרבעטס־עלעמענטן. צווייטנס, די ריטמישע זעלבסט־רעגולירונג צווישן אַרבעט און שפּיל. שפּילט מען אַ געוויסע צײַט, באַקומט מען פֿרישן חשק צו אַרבעט. אַרבעט מען אַ לענגערע צײַט, לעכצט מען נאָך שפּיל. שאַרפֿער אויסגע־דריקט: בשעת דער אַרבעט וואַקסט דער שפּיל־דראַנג, און בשעת

*) 4 טייל, קאַפּ. 3.

דעם שפּיל רייַסט די אַרבעטס־לוסט. וואָס לענגער עס דויערט, למשל, אַ מלחמה, אַלץ מער ווערן מענטשן מיד פון דער בלוטיקער אַוואַנטורע און לעכצן נאָך דעם רויִקן אַרבעטס־לעבן פון פרידנס־צייַטן. אָבער נאָך לאַנגע יאָרן פון פרידן הערט מען ווידער דעם באַקאַנטן קלאַנג פון נייַער באַוואָפנונג. אין די סאַמע טיפענישן פון „ערגסטן" פרידן לויערט די קריגס־אַוואַנטורע מיט אַלערלייַ נעצן פון איר שפּיל־דיאַלעקטיק. „ווילסטו פרידן", איז דער קלאַסישער אויסדרוק פון אַזאַ דיאַלעקטיק, „גרייט זיך צו מלחמה". דער פרידן גרייט זיך צו קריג, און דער קריג גרייט די פרידן־זוכנדיקע דערשעפונג. ס'איז דער אייביק־טראַגישער געראַנגל צווישן דעם פרידלעכן אַרבעטס־גייסט און דער שפּיל־פאַרפירערישער קריגס־אַוואַנטורע, וואָס גרייטן און שטערן איינער דעם צווייטן. *מ'קאָן עס באַצייכענען אַלס דעם פּאָליטישן אַרבעט־שפּיל־קאָנפליקט.*

דער געראַנגל צווישן אַרבעט און שפּיל ווערט נאָך טראַגישער, ווען זיי טרעטן אויף ווי אַנטאַגאָניסטישע טענדענצן ביים אויפבוי פון דער סאָציאַלער אָרדנונג. דאָס ערנסטע אַרבעטס־באַוווּסטזיין, וואָס וויל ראַציאָנאַליזירן דעם עקזיסטענץ־קאַמף אָדער די עקאָנאָמישע טעטיקייט פון דער געזעלשאַפט, פאַרלאַנגט אַלץ גרעסערע אָרגאַניזירונג. ביי העכער אַנטוויקלונג קומט עס ממילא צו די אידייען פון סאָציאַלער גלייַכקייט און גערעכטיקייט, וואָס ווערט ניט נאָר אַ זאַך פון מאָראַל, נאָר אַ לעבנס־פאָדערונג פון צוועקמעסיקער אָרגאַניזאַציע. ווען מיליאָנען מענטשן הונגערן, בשעת ווייניקע דעגענערירן אין לוקסוס — ווערט די ווירטשאַפט פּראָגרעסיוו דעזאָרגאַניזירט. דעמאָראַליזאַציע אין קאָמפּליצירטער ווירטשאַפט הייסט דעזאָרגאַניזאַציע. אַנשטאָט דער אַנאַרכישער, אומבאַרעכנטער, קאָנקורירנדער פּריוואַט־איניציאַטיוו ווערט פאַרלאַנגט אַ פולקומע סאָציאַלע אָרגאַניזירונג, וואָס איז דער אַפּאָגיי און לאָגישער אויספיר פון אַרבעטס־אַנטוויקלונג. דער שפּיל אָבער איז פרייַ, איראַציאָנעל, לייַדנשאַפטלעך־עקספּלאָזיוו, ווערט גראָד גערייצט דורך די אייַנשטעלעניש פון קאַמף און קאָנקורענץ. שוין אין פריִעסטע קינדער־יאָרן, ווען קינדער שפּילן אין באַהעלטעניש, האָבן ביידע, זוכער און

פארשטעקטער, דאס זיסע הארץ־קלאפעניש פון אומפארויסבא־
שטימטער זוכעניש אדער באהעלטעניש. אפילו ביים שפיל־געלויף
האט מען דאס רייצנדיקע קיצל־געפיל פון אומבארעכנטקייט, פון
זיך־א־לאז־טון אין דער ווייטער וועלט אריין. אט די פארשיכורנדי־
קע שפיל־איינשטעלעניש איז עם די טרייב־קראפט פון מסחר־קאנ־
קורענץ, ביים קאמף פון אידייען און פעלקער. אלע מיטגלידער פון
דער געזעלשאפט יאגן זיך אנאנדער אין דעם געוועט־קאמף פאר
בעסערע לעבנס־פאזיציעס. דער שטענדיק זיך דרייענדיקער סאציא־
לער ראד, דער גלגל החוזר, פארלאקט און פארדרייט אלעמען אין
דעם שפיל־ווירבער פון ארויף און אראפ. ווייל אלע די שפילער, די
קאמף־באטייליקטע, שטרעבן צום אומפארויסגעזעענעם זיג, צום
שפיל־געווין—ווערט ממילא אנערקענט דאס „רעכט" פונם זיגער,
פונם גליקס־געווינער, פונם געשיקטן שפילער. „וויי דעם באזיגטן!"
איז די לאגיק פון דער איראציאנעלער שפיל־איינשטעלעניש. „וויי דעם
פארכאפער!" איז די לאגיק פון דער ראציאנעלער ארבייטס־ארגא־
ניזירונג. קורץ פארמולירט: די ארבעט איז ארגאניזירנדיק־פארויס־
זעעריש, דער שפיל איז איינשטעלריש וואקכאנאליש, יענע איז
ראציאנעל־קאלעקטיוויסטיש, דער איז עמאציאנעל־אינדיווידואלי־
סטיש. באגעגענען מיר זיך דא ווידער מיט דער טראגישער דיאלעק־
טיק פון ארבעט־שפיל־דורכדרינגונג.

די בײדע טענדענצן פון ארבעט און שפיל ווירקן אנטאגאני־
סטיש אין עקאנאמישן לעבן, טרייבן און שטערן איינע די צווייטע,
די קאפיטאליסטישע קאנקורענץ־ווירטשאפט פון פריוואטער איני־
ציאטיוו מיט דעם שפילערישן „וויי דעם באזיגטן" ברענגט די דע־
מאראליזאציע פון נויט און לוקסוס. דורך ליידנספולע קריזיסן
ווערט אין דער געזעלשאפט אלץ רייפער די קאלעקטיוויסטישע רא־
ציאנעלע ארבעט־ארגאניזירונג מיט איר ערנסטן „וויי דעם פארכא־
פער". אבער הינטער דעם ארבעטס־באוווסטזיין לויערט, לאכט און
פארלאקט די שפילערישע פריוואט־איניציאטיוו, **דאס איז
דער סאציאל־עקאנאמישער ארבעט־שפיל
קאנפליקט.**

דער קאנפליקט לאזט זיך פארפאלגן אויך אין פילאזאפיע און

נאַטור־וויסנשאַפט, אין דעם מענטשנס וועלט־אויפֿפאַסונג. פֿון איין
זייט ווייזט די נאַטור אַ מין ראַציאָנעלע אָרגאַניזירנדיקע אַרבעט־
טענדענץ. די נאַטור־געזעצן שליסן אויס דעם צופֿאַל און אַנטפּלעקן
דאָס פּלאַנמעסיקע, דאָס פֿאָרויסבאַשטימטע. דער ענערגעטישער
פּרינציפּ פֿאַרמעסט זיך אַזש דאָס לעבן גופֿא צו באַטראַכטן ווי
ענערגעטישע, געזעצמעסיק־באַשטימטע און באַרעכנבאַרע פֿיזיקאָ־
כעמיקאַלישע פּראָצעסן. אונטער דעם איינפֿלוס פֿון אָט דער אָרגאַ־
ניזירנדיקער „אַרבעטס"־טענדענץ אין דער נאַטור איז אַנטשטאַנען
די מעכאַניסטישע אָדער ראַציאָנאַליסטישע וועלט־אָנשויונג. פֿון
דער אַנדער זייט אָבער לאָזט די נאַטור גלייכצייטיק דערקענען אַ
מין פֿרייע שפּיל־טענדענץ. נישט נאָר די אומדערקלערלעכע „לעצ־
טע" יסודות פֿון זיין, נאָר דער עצם פֿאַקט פֿון דעם אַלץ פֿאַר־
באַפֿנדיקן עקזיסטענץ־קאַמף מיט דעם שפּילערישן „ווי דעם באַ־
זיגטן", די פּאַראַדאָקסיזמען, דאָס אומפֿאָרויסגעזעענע פֿון לעבן און
שאַפֿן — דאָס אַלץ ווייזט אויף אַ מין פֿריי איינשטעלערישע שפּיל־
טענדענץ אין דער נאַטור. אונטער דעם איינפֿלוס פֿון אָט דער נאַ־
טור־טענדענץ איז אַנטשטאַנען די וויטאַליסטישע וועלט־אָנשויונג
אין אירע פֿאַרשיידענע וואַריאַציעס (דער בערגסאָנישער „עלאַן ווי־
טאַל"). גראָד אין דער מאָדערנער פֿיזיק ווערן דערשיטערט די „אײַ־
זערנע" נאַטור־געזעצן און מ'הויבט־אָן אַלץ מער אויפֿדעקן אין דער
נאַטור אַ מין פֿרייע אומבאַרעכנבאַרע שפּיל־טענדענץ. טרעפֿן מיר
דאָ ווידער דיזעלביקע דיאַלעקטיק: די מעכאַניסטישע און וויטאַ־
ליסטישע טעאָריעס, ווי אַרבעט און שפּיל־טענדענצן, אַנטאַגאָניזירן
די פֿאָרשונג און לאָזן נים איינע די צווייטע קומען צו פֿולשטענדי־
קער הערשונג. דער קאַמף צווישן אָט דיביידע טעאָריעס אין דער
וויסנשאַפֿט איז אַלע מאָל געבליבן אומאַנטשיידנדיק — אָט פּרע־
וואַלירט די איינע, אָט די אַנדערע. ס'איז דער נאַטור־
וויסנשאַפֿטלעכער אַרבעט־שפּיל־קאָנפֿליקט.

דאָס געזאָגטע שטייט אין צוזאַמענהאַנג מיט דער היסטאָרי־
שער ריטמיק פֿון אַלגעמיין־גייסטיקע שטרעמונגען. אין ראָמאַנטישע
עפּאָכן זענען מענטשן מער גענייגט פֿאַר דאָס אירראַציאָנעלע, געהיי־
מע און ווונדערלעכע. די קוועלע און דער הויך־פּונקט פֿון לעבן זע־

נען אָפּנבּאַרונג, אינספּיראַציע און באַגייסטערונג. ס'איז אַ מין עקסטאַטישע שפּיל־איינשטעלעניש אויף דאָס וואונדערלעכע. הערשט אַ געווייסע צייט די ראָמאַנטיק, הויבּט מען אָן בּענקען נאָך רעאַלער קולטור־אַרבּעט. ס'קומט די שטורמישע השכלה־צייט, דאָס ניכטערע אַרבּעט־באַוווסטזיין, וואָס וויל ראַציאָנעל אָרגאַניזירן דאָס לעבּן, אַנטוויקלען פּאָזיטיווע וויסנשאַפטן, ספּעציעל טעכניק און נאַטורוויסנשאַפט. אָבּער גראָד אויף דעם הויך־פּונקט פון צעבּליטער ראַציאָנעלער קולטור הויבּט מען אָן בּענקען נאָך דעם אינסטינקטיוון, נאַטורהאַפטן, איראַציאָנעלן (דאָס רוסאָ־טאָלסטאָישע „צוריק צו דער נאַטור'', בּייראָניזם, ניטשעאַניזם, רעוואָלוציע־באַוועגונג). ס'ווערט אַלץ רייפער די בּענקשאַפט נאָך דער לאָקנדיקער שפּיל־איינשטעלעניש פון דער פאָרויס מאַרשירנדיקער רעוואָלוציע אָדער דער הינטערווייִלעכץ גייענדיקער ראָמאַנטיק*) ס'איז דער קולטור־גייסטיקער אַרבּעט־שפּיל־קאָנפליקט.

אָט די אַלע אַרבּעט־שפּיל־קאָנפליקטן — דער פּעדאַגאָגישער, פּסיכאָלאָגישער, פּאָליטישער, עקאָנאָמישער, וויסנשאַפטלעכער, קולטור־גייסטיקער — זענען היסטאָריש ענג מיטאַנאַנדער פאַרבּונדן און שאַפן צוזאַמען די אוניווערסאַלע שפּיל־טראַגעדיע, וווּ ערנסט און אַנטאַגאָנטורע צערייסן זיך קעגנזייטיק.

אין אַלע צייטן פלעגט מען זוכן די אויסלייזונג פון דער שפּיל־טראַגעדיע דורך דעם שפּיל גופא, ד. ה. דורך אויסוואַל פון שעפערישע שפּילן, וואָס זייער אַנטאַגאָניסטישער אויפרייס איז פּראָדוקטיוו און בּריינגט נייע מעגלעכקייטן פאַר דער אָרגאַניזירנדיקער אַר־

*) די באַקאַנטע אַנשויונג פון אנוסט קאָנט וועגן די דריי שטופן פון קולטור־אַנטוויקלונג (טעאָלאָגישע, מעטאַפיזישע און פּאָזיטיווע) שטימט ניט מיט דער רעאַלער אַרבּעט־שפּיל־דורכדרינגונג פון יעדער קולטור־אַנטוויקלונג. ס'איז זייער סימבּאָליש, וואָס קאָנט אַליין, דער גרינדער פון דער פּאָזיטיווער פילאָזאָפיע, איז צום סוף לעבּן פאַרכאַפּט געוואָרן פון אַ ראָמאַנטישער ליבּע און איז געוואָרן דער גרינדער פון אַ ...רעליגיע (די רעליגיע פון דער מענטשהייט).

בעט. מיר האָבן שוין אויבן *) דערקלערט, אַז ס'זענען פאַראַן צוויי אורשפּרינגלעך פאַרשיידענע פאָרמען פון שפּיל־דראַנג: דער שע־פערישער, אין דער הויך (ד. ה. צו העכערע אַנטוויקלונגס־פאָרמען) פירנדער און דער דעסטרוקטיווער אין דער נידער ציענדער שפּיל־דראַנג. דער ערשטער ברענגט פרייהייט און דערהויבט דעם שעפע־רישן ווילן (פריי־שפּיל **)), דער צווייטער פירט צו צוואַנג־שפּיל, וואָס פאַראַליזירט דעם ווילן. דער שעפערישער שפּיל, אויף וויפיל ער איז שעפעריש, דריקט ער אויס דאָס אָריגינעלע, אייגנציקאַרטי־קע, די סאַמע אינערלעכסטע וועזנהייט פון דער פערזענלעכקייט, און ווערט דערפאַר איבערגעלעבט ווי אַן „אינטימער" שפּיל. דער דעסטרוקטיווער שפּיל, דאַגעגן, דריקט אויס די פּרימיטיווע בוחות פון דער פערזענלעכקייט, וואָס קומען ווי אַ בלינדער צוואַנג און ווערן איבערגעלעבט ווי איך־פרעמדע אָדער איך־פיינדלעכע. די ביידע שפּיל־פאָרמען זענען דערפאַר אויס ווי קעגנזעצלעכע פּאָ־ליוסן: איינע איז שעפעריש, פריי, אינטים; די אַנדערע איז צע־שטערעריש, צוואַנגהאַפט און איך־פרעמד. די פּסיכאָלאָגיע פון שע־פערישן שפּיל איז דערפאַר די פּסיכאָלאָגיע פון אינטימישקייט (אינטימע שפּיל־וויסנשאַפט).

דאָ זענען וויכטיק צוויי פּרינציפּן. ערשטנס, דער פּרינציפּ פון דינאַמישער פאַרבינדונג צווישן אינטימען און פּרימיטיוון שפּיל: ווען דער מענטש קאָן ניט אויסלעבן זיין אינדיווידועלן שפּיל־דראַנג אינטים־פּראָדוקטיוו, קומט עס דינאַמיש צו אַ פּרימיטיווער אויסלעבונג ***); צווייטנס איז עס דער פּרינציפּ פון ווילנס־פריי־הייט. דער פּרימיטיווער שפּיל איז אַ צוואַנג־שפּיל, וואָס ציט דעם מענטשן פון זיך אליין, אָן און קעגן זיין ווילן. האָט מען פיל מאָל געברויכט מאָרפיע, ציט עס דערנאָכדעם צו מאָרפיע ווי אַ בלינ־דער צוואַנג. ס'איז דער באַרג־אַראָפּ, וווּ מ'קייקלט זיך פון זיך אליין. וואָס מער אָבער דער שפּיל איז שעפעריש, אַלץ מער איז ער

---

*) פירטער טייל, קאַפּ. 5.

**) דאָרט.

***) זע פירטן טייל, קאַפּ. 2 און קאַפּ. 5.

אַ פרייער־שפּיל, וואָס קומט לויט און דורך דעם פרייען ווילן. יעדער מאָמענט פון שאַפונג איז אַ פרייער ווילנס־אַקט, אַ געוואָלטע אָנשטריינגונג, אָן איבערווינדונג פון אָפּגעלאָזנקייט. ס׳איז דער באַרג־אַרויף, ווו יעדער אויפשטייג ווערט געמאַכט דורך ווילנס־אימפּולסן. וואָס גרעסער די שאַפונג, אַלץ גרעסער זענען די אָנשטריינגונגען, די „שאַפונגס־ליידן". דער זשעני האָט דערפאַר אַיבער־נאָרמאַלע אַרבעט־פעיקייט, ווייל גרויסע שאַפונג מיינט גרויסע ווילנס־שפּאַנונג. לאָזט אָפּ די שפּאַנונג, פאַלט דער דראַנג אינעם פּרימיטיוון נידער (דינאַמישער פּרינציפּ). וואָס העכער די שאַפונג, אַלץ נידעריקער קאָן זיין דער אַראָפּפאַל.

אָט אַזוי באַטראַכטן מיר אין היסטאָרישע אויסנאַם־ציַיטן, אַז דער סאָציאַלער אָדער רעליגיעזער אויפשוואונג, וואָס איז אין אָנהויב אַזוי שעפעריש, קאָן דערנאָכדעם דורך דאָגמאַטיזירונג (ד. ה. דורך בינדונג פון דער שטענדיקער ווילנס־שפּאַנונג) ווערן אַלץ מער פּרימיטיוו־צעשטערעריש. ראָסזעלביקע אויך אינעם אינדיווידועלן לעבן: די אינטימע ליבע, וואָס דערהויבט צוערשט דעם מענטשן צו העלדיש־פּאַטעטישן אויפשוואונג, קאָן זיך שפּעטער אַראָפּגליטשן אין דעם פּרימיטיוון נידער פון בלינדן אייפערזוכט אָדער פּערווערזער לוסט.

די אינטימע שפּיל־וויסנשאַפט, ווי יעדע וויסנשאַפט, האָט די אויפגאַבע צו דערקענען און באַהערשן די נאַטור פון אינטים שעפערישן לעבן, כדי דער מענטש זאָל קאָנען געפינען אָדער ניט פאַרלירן דעם וועג פון אינטימען אויפשטייג. דאָ קומט צו הילף דער פּרינציפּ פון אַרבעט־שפּיל־דורכדרינגונג. וואָס ז׳ער שאַפונגס־שפּיל געווינט, דאַרף די ריטמיש נאָכגייענדיקע אַרבעט אָרגאַניזירן, כדי צו באַפעסטיקן דאָס דערגרייכטע און דערלייכטערן דעם נייעם אויפשטייג. ס׳איז ווי מיט די באַרג־קלעטערער, וואָס ביי יעדן נייעם אויפשטייג באַפעסטיקן זיי אין באָדן שטיץ־זיילן, כדי צו שיצן זיך פאַר אַן אַראָפּגליטש און דערלייכטערן דעם נייעם אויפשטייג. די פּסיכאָלאָגיע פון שעפערישע שפּילן מוז, הייסט דאָס, אויך אַרומנעמען די באַגלייטנדיקע און דורכדרינגענדיקע אַרבעטס־עלעמענטן. מיט דער הילף פון אַזאַ וויסנשאַפט קאָן זיך אַנטוויקלען די קולטור

פון אינטימישקייט, ווו די אוניווערסאַלע שפּילטראַגעדיע וועט
אַלץ מער שעפעריש דערלייזט ווערן.

די קאסמישע אינטימע ליבע

(די גרונט־פראגע פון נשמה־לעבן)

יעדער מענטש פארוואנדלט זיך יעדן טאג אין פארשיידענע וועזנס, אויף וויפיל ער איז **וועזנטלעך** - פארשיידן בשעת דעם שלאף און אויף דער וואך, בשעת דער ארבעט און בשעת דעם שפיל. דער אונטערשייד איז דא נישט בלויז א גראדועלער, טייל־ווייזער און קינסטלעכער, נישט בלויז א צופעליק־עפיזאדישער, נאר אן ארגאנישער נאטירלעכער, וועזנטלעכער, ריטמיש־שטענדיקער. ווער־זשע איז „אייגנטלעך" דער מענטש — דער אין שלאף חלומענדיקער און אין רו־צייט שפילנדיקער אדער דער „עדנסטער" מענטש אויף דער וואך אין דער ניכטערער ארבעט־צייט? **דאס איז די גרונט־פראגע וועגן דעם מענטשנס נאטור.**

דער ארבעט־שפיל־קאנפליקט, וואס מיר האבן אויבן באשריבן זיינע טראגישע אספעקטן, איז דער קאנפליקט צווישן פארשיידענע וועזנס אינם מענטשן גופא. אויף אלע געביטן פון לעבן, האבן מיר אויבן געזען, שטויסט מען זיך אן אויף דער גרונט־פראגע וועגן מענטשנס נאטור, וואס נאר איר ריכטיקע אויפקלערונג דער־מעגלעכט די הערלייזונג, ד. ה. די דערציערישע הארמאניזירונג פון דעם אייביקן קאנפליקט צווישן די אנטאגאניסטישע וועזנס אינם מענטשן. וועלכע זענען דען געוויינלעך אונזערע פארשטעלונגען וועגן מענטשן? ס'ווייזט זיך ארויס, אז יעדער איינער האט בשעת דער ניכטערער ארבעט א גאנץ אנדער פארשטעלונג וועגן מענטשן, ווי בשעת דעם פרייען שפיל. ווען מיר גייען איבער פון ארבעט צום שפיל, בייטן מיר (ווי מיר וועלן גלייך זען) נישט נאר אונזער וועזן, נאר אויך אונזער וועלט־אנשויונג, אונזער געפיל פון וועלט און מענטש. ס'קומט אויס, אז יעדער מענטש האט צוויי וועלט-

אַנשװיונגען (אָדער מענטש־אַנשװיונגען), די פון אַרבעט און די פון שפיל*), װאָס בײַטן זיך אָפּ ריטמיש און אַנטאַגאַניזירן זיך קעגנזײַטיק. כדי צו קאָנען אױסגלײַכן דעם אָפּט־טראַגישן קאָנפליקט צװישן דעם אַרבעט־װעזן און שפיל־װעזן אינם מענטשן, מוזן מיר קודם כל באַהערשן און אױסגלײַכן די פאַרשײדענע אַנשװיונגען װעגן מענטשן, װאָס אַט די בײדע װעזנס רופן ריטמיש אין אונז אַרױס. לאָמיר זיך אָקאָרשט װענדן צו נענויער באַאָבאַכטונג.

די אָרגאַניזירנדיקע, שטענדיק צװעקמעסיקע, אַרבעט, זעט אין די אַרומיקע דערשײנונגען די באַשטימטע אָדער באַשטימבאַרע אײגנשאַפטן, װאָס לאָזן זיך קלאַסיפיצירן און אָרגאַניזירן לױט דעם אַרבעט־צװעק. דער פרײַער שפּיל איז מער גענײגט פאַר די אומבאַשטימטע אָדער אומבאַשטימבאַרע פולקײט פון די דערשײנונגען, פאַר דאָס אומבאַקאַנטע און איבעראַשנדיקע. װאָס רײצט פאַנטאַזיע און געפיל. די ראַציאָנעלע אַרבעט, װאָס דינט דער צופאַסונג, פיקסירט אומעטום די פאַר דער אָנפאַסונג װיכטיקע אײגנשאַפטן. דער עמאָציאָנעלער שפּיל איז מער גענײגט צו זען אומעטום די אומאױסשעפּלעכע און אומגעטײלטע לעבנס־גאַנצקײט אין דער ליכט פון אומגעבונדענע געפילן. אינם קינדערשפּיל, למשל, קאָן אַ קלײן שטעקעלע פאָרשטעלן אַ גאַנצן בױם, בײַ דערװאַקסענע קאָן די הילצערנע פיגור אױף דעם שאַך־ברעט פאָרשטעלן אַ קעניג. דער שפּיל, הײסט דאָס, כאַפּט אױף די בױמ־ענלעכע אָנדײַטונג פון דעם גראַדן שטעקעלע אָדער דעם קעניגלעכן אָנבליק פון דער געטאָקטער הילצערנער פיגור, װאָס הױבט זיך „הערשעריש" איבער די אַנדערע פיגורן אױף דעם שאַך־ברעט. קורץ פאָרמולירט, אין דער אומגעטײלטער גאַנצקײט פון

*) בײַ אַלע װײַטערע פאַרגלײַכנדיקע באַשרײַבונגען פון אַרבעט און שפּיל מוז מען געדענקען דעם אױבן־דערמאַנטן פּרינציפּ פון אַרבעט־שפּיל־דורכדרינגונג, לױט װעלכן יעדע אַרבעט האָט אירע שפּיל־עלעמענטן, װי יעדער שפּיל האָט זײַנע אַרבעט־עלעמענטן.

דערשיינונגען אַנטפּלעקט דער שפּיל אומאויסשעפּלעכע אַנדייטונ־גען און מעגלעכקייטן.*)

דער פאַרשיידענער צוגאַנג פון אַרבעט און שפּיל ווייזט זיך אַרויס באַזונדער שאַרף אין דער אויפפאַסונג פון מענטשן. אינם פּראַקטישן אַרבעט־לעבן באַטראַכטן מיר מענטשן לויט איינציקע אַרויסגעטיילטע אייגנשאַפטן. ווער איז דער מענטש? פרעגן מיר ווען אַן אומבאַקאַנטן. ער איז אַ קליינשטעטלדיקער דאָקטאָר, אַ ליבעראַל. אונז דוכט זיך, אַז מיר „וויסן" שוין דעם מענטשן. מיר קענען צוגעבן מער אָדער ווייניקער אייגנשאַפטן — דער צו־גאַנג בלייבט דער זעלביקער, וואָס זעט בלויז איינציקע זייטן פון דער גאַנצער קאָמפּליצירטער מענטש־דערשיינונג. ס'גייט נאָך ווײ־טער. אינם פּראַקטישן אַרבעטס־לעבן קוואַליפיצירן מיר מענטשן אין פאַרשיידענע גרופּעס לויט די אַרויסגעטיילטע וויכטיקע אייגנ־שאַפטן — אַרבעטער, אינזשינערן, וויילער, רעאַקציאָנערן, פריי־דענקער א. דגל. ווען ס'גייען אַוועק פון פאַבריק הונדערט אַרבע־טער, צען אינזשינערן — נעמט מען אַנדערע אויף זייער אָרט. מעגן אָט די אַנדערע זיין ווי פאַרשיידן, אַבי נאָר זיי פּאַסן פאַר זייער זאַך. דאָס פּראַקטישע אַרבעט־באַוווסטזיין זעט הויפּטזעכלעך נישט די אינדיווידועלע, נאָר די גרופּישע אייגנשאַפטן, דערביי קאָן יעדער איינער פון דער גרופּע פאַרבייטן דעם צווייטן, ד. ה. אַלע זענען זיי טרעגער פון די אַרויסגעטיילטע גלייכע אייגנשאַפטן. נאָכמער, מיר טיילן אויס געוויסע אייגנשאַפטן, וואָס געפינען זיך ביי די מייסטע מענטשן און שטעלן זיי אַרויס ווי אַ „נאָרם". אַזוי אַרום זענען אין פּראַקטישן לעבן דאָס רוב מענטשן גלייך נאָרמאַל. ד. ה. זיי ווערן באַטראַכט ווי טרעגער פון גלייכע באַ־

*) דער ראַציאָנעלער אַרבעט־פּרינציפּ באַהערשט דאָס פּראַקטישע לעבן און געפינט דעם אַלגעמיין־גילטיקן אָדער שפּעציפישן אויסדרוק אין דער אָביעקטיווער וויסנשאַפט. דער פרייער שפּיל באַהערשט דאָס ליבעס־לעבן פון דער רו־צייט און געפינט דעם אוניווערסאַלן שפּעציפישן אויסדרוק אין קונסט און רעליגיע. מיר וועלן ווייטער אונטן נאָך קאָנקרעטער באַשרייבן דעם אַנטוויקלונגס־גאַנג פון אַרבעט צו וויסנשאַפט און פון שפּיל צו קונסט און רעליגיע.

שטימטע אייגנשאַפטן — איינער גלייך צום אַנדערן, קיינער איז נישט אַנזעעוודיק, קיינער איז נישט אומפאַרבייטלעך. „אַ מענטש ווי אַלע'', אַ „סתם־מענטש'', אַ דורכשניטס־מענטש, ווערט פאַר־שלונגען אין דער מענטשן־מאַסע, ווי אַ זאַמד־קערנדל אויף דעם זאַמדיקן ברעג פון ים. פאַר דעם פּראַקטישן קוק זענען זייער זעלטן אָריגינעלע אָדער אויסגעצייכנטע מענטשן, ד. ה. אַזוינע, וואָס ציר־בענען זיך אויס דורך נייע אָדער גרעסערע אייגנשאַפטן (טאַלענט, מעכטיקער ווילן א. דגל.), ווי די, וואָס ביים רוב נאָרמאַלע מענטשן.*)

*) די באַשרייבנדיקע אַרבעטסטענדענץ, וואָס באַהערשט דאָס פּראַקטישע אַרבעט־לעבן, געפינט איר שעפערישן, אַלגעמיין־גילטיקן, אויסדרוק אין דער וויסנשאַפט. ווי אין פּראַקטישן אַרבעט־לעבן, אַזוי ווירקט אָביעקטיוו מעטאָדיש אויך דער וויסנשאַפט־אַרבעט דאָס ראַציאָנעלע נאָרמאַל־באַוווּסט־זיין, די פּראַקטישע פאַנטאַזיע, וואָס קאָנצענטרירט די אויפמערקזאַמקייט אויף די באַשטימבאַרע, פאַר דער פאָרשונג (אָדער פאַר דעם אַרבעט־צוועק בכלל) וויכטיקע אייגנשאַפטן. דער פיזיקער, דער כעמיקער, דער באָטאַני־קער, דער פּראַקטישער אַגראָנאָם, דער תבואה־הענדלער — יעדער פון זיי וועט באַטראַכטן, למשל, איינע און דיזעלביקע תבואה בלויז פון אַ באַ־שטימטער זייט. נאָכמער, ווי דער פּראַקטישער טוער, אַזוי מאַכט עס דער וויסנשאַפטלעכער פאָרשער, נאָר אויף אַן אָביעקטיוו־מעטאָדישן אופן, די גרעסטע אָנשטרענגונגען, כדי צו אויזאָלירן די איינצלנע אינטערעסירנדיקע זייטן פון דער דערשיינונג. דאָס גרעסטע ווערקצייג פון דער וויסנשאַפט איז דער עקספּערימענט, וואָס וויל מעטאָדיש אָפּזונדערן איינצלנע זייטן פון דער דערשיינונג. דאָס וועזן פון דער וויסנשאַפט איז דאָך צו דעפינירן און קלאַסיפיצירן דערשיינונגען לויט זייערע באַשטימבאַרע אייגנשאַפטן, אַרויסצוגעפינען באַשטימטע נאַטור־געזעצן. אַזוי וויל אויך די פּסיכאָ־לאָגיע, ווי אַ וויסנשאַפט פון פּסיכישן לעבן, דעפינירן און קלאַסיפיצירן מענטשן לויט איינצלנע אַרויסגעשטעלטע אייגנשאַפטן. די פּסיכאָלאָגיע זעט נישט דאָס איינציקאַרטיקע פון דער פּערזענלעכקייט, נאָר אירע גרו־פּישע פעיִקייטן (אויפמערקזאַמקייט, תפיסה, זכרון א. דגל.), וואָס ווערן קלאַסיפיצירט און נאָרמירט. פאַר דער פּסיכאָלאָגיע, ווי פאַר דעם פּראַק־טישן קוק, זענען אַלע נאָרמאַלע מענטשן גלייכע טרעגער פון די אַרויסגע־שטעלטע אייגנשאַפטן, קיינער איז בכלל דער נאָרם נישט אומפאַרבייטלעך. אַפילו די אויפאַלנדיקע אינדיווידועלע דיפערענצן ווערן קלאַסיפיצירט און נאָרמירט (ווי, למשל, די טיילונג אויף אָפּטישע, אַקוסטישע און מאָטאָ־

גאַנץ אַנדערש איז עס ביים שפּיל, וואָס איז אומבאַגרענעצט דורך צופּאַסונג און איז מער גענייגט צו זען די אומבאַשטימטע, די פּילזייטיקע לעבנס־גאַנצקייט פונם מענטשן אינם ליכט פון אומ-געבונדענע געפילן. שוין אין קינדער־שפּיל קאָנען קינדער שפּילן איינע פאַר די אַנדערע די סאַמע פאַרשיידענע ראָלן, אָט איז דאָס קינד אַ פייער־לעשער, אַ רויבער, אַ פּאָליציאַנט א. דגל. און אָט איז עס אין טאַטע־מאַמע שפּיל אַ שטרענגער פאָטער. קורץ פאָרמו-לירט, אינם שפּיל קאָן דאָס קינד אין זיך און דורך זיך אַנטפּלעקן אומצייליקע פאַרשיי-דענע געשטאַלטן.

דאָסזעלביקע קומט פאָר נאָך אויף אַ מער סובטעלן אופן אינם שפּיל פון דערוואַקסענע. אָט זעצן זיך, למשל, דערוואַקסענע אַרום אַ שאַך־ברעט און פאַרפירן אַ פאַרכאַפּנדיקן שפּיל־קאַמף. מ'שלאָגט איינער ביים אַנדערן סאָלדאַטן, אָפּיצירן, מ'דראָט דעם קעניג —

רישע טיפן). זינט ווען איז די פּסיכאָלאָגיע אַן עקספּערימענטאַלע, ד. ה. זי ווערט באַהערשט דורך דער טענדענץ פון עקספּערימענט, בכלל צו פאַרטיפן די אומגעטיילטע לעבנס־גאַנצקייט פון דער פּערזענלעכקייט דורך אַרויסגעטיילטע איינצלנע אייגנשאַפטן. ווי די עקספּערימענטאַלע פיזיק בנוגע דער פיזישער וועלט, אַזוי האָט די עקספּערימענטאַלע פּסיכאָ-לאָגיע בנוגע דער פּערזענלעכקייט געקענט פאָרשן מיט דערפאָלג בלויז יענע איינצלנע עלעמענטן, וואָס לאָזן זיך אויסטיילן און קלאַסיפיצירן. די דאָזיקע פּסיכאָלאָגיע בלייבט אָבער הינטערשטעליק אויף אַזאַ גוהאַלדיקן געביט פון פּסיכישן לעבן, ווי געפילן און ליידנשאַפטן, וואָס זענען לויט זייער נאַטור פּערזענלעך און איינציקאַרטיק און לאָזן זיך נישט קלאַסיפיצירן. שוין טיטשענער האָט אין זיין לערנבוך אָנגעוויזן אויף די צוויי אומ-באַזיגבאַרע שוועריקייטן פאַר דער פּסיכאָלאָגיע פון געפילן. ערשטנס, האָט יעדעס געפיל אַלערליי שאַטירונגען און ניואַנסן, וואָס לאָזן נישט באַ-שטימען דאָס געפיל. אָט די אומקלאָרקייט איז, לויט טיטשענער, גראַד כאַ-ראַקטעריסטיש פאַר געפילן. צווייטנס, איז עס די אומבאַשרייבלעכקייט. ווערטער בכלל זענען די שפּראַך פון פאָרשטעלונגען, אָבער נישט פון גע-פילן. דערציילט מען, למשל, וועגן אַן איבערגעלעבטן געפיל פון צאָרן, רופט מען הערמיט אַרויס בלויז אַ פאָרשטעלונג וועגן צאָרן. אַפילו די פּינקטלעכסטע באַשרייבונג פון געפילן איז לויט טיטשענער בלויז אַ „מיטטיילונג פון צווייטער האַנט", ווייל זי זעצט איבער דאָס געפיל

די שפּאַנונג וואַקסט. נאָך אינם אַנטשיידנדיקן מאָמענט ווייסט מען נישט, ווער וועמען וועט באַזיגן. אָדער מיר שפּילן, למשל, אין גאָלף, טעניס, קאָרטן אָדער וועלכן ס'איז אַנדערן שפּיל. מיט געשיקטע מאַנעווערן פּאַרפּאָלגן מיר איינער דעם צווייטן — יעדער איינער קאָן געווינען אָדער פאַרשפּילן. וואָס די שפּילער זאָלן נישט זיין אין לעבן, אָבער בשעת דעם שפּיל זענען זיי ביידע, איינער פאַר דעם אַנדערן, ווי אומבאַגרענעצטע הערשער, וואָס שטעלן זייער אַמביציע אויפן קאָן און האָבן גלייכע שאַנסן אויף געווינען און פאַרלוסט. ווי די פיגור אויפן שאַך-ברעט פאַרוואַנדלט זיך דורך דער שפּיל־פאַנטאַזיע אין אַ קעניג, אַזוי „ווערן" די שפּילער סוווערענע העלדן פונם דראַמאַטישן שפּיל-קאַמף, אומגעבונדן דורך דעם צוואַנג פון אָנפּאַסונג.

מאַכן מיר אַ שריט ווייטער און באַטראַכטן גענויער דעם באַ־

גופא אויף דער פאַרשטעלונג וועגן אַט דעם געפיל. קורץ און שאַרף פאָרמולירט: די עקספּערימענטאַלע פּסיכאָלאָגיע איז אַ פּסיכאָלאָגיע אָן געפיל (זע מיין בוך „די פּסיכאָלאָגיע פון אינטימען קינדער־לעבן" קאַפּ. 1—2). ס'איז אַן אַבסטראַקטע פּסיכאָלאָגיע, אויף וויפיל זי האָט צו טאָן נישט מיט דעם באַטיילעכן געפיל־וועזן, נאָר מיט די קינסטלער־אַבסטראַהירטע פעיקייטן פון דער פּערזענלעכקייט. דערפאַר האָט די דאָזיקע פּסיכאָלאָגיע געקאָנט אַרויסברענגען אַ פּסיכאָ־טעכניק, וואָס שטרעבט צו באַשטימען די אַרויסגעטיילטע באַשטימטע פעיקייטן, אָבער די זעלביקע פּסיכאָלאָגיע האָט ווייניק מעגלעכקייט צו באַנעמען די קאָמפּליצירטע און טונקעלע געפילס־דערשיינונגען, וואָס בילדן דאָך דעם לעבנס־נערוו פון דער פּערזענלעכקייט. נאָכמער, די דאָזיקע פּסיכאָלאָגיע קאָן נישט אַרומנעמען דאָס ספּעציפיש מענטשלעכע, נעמלעך דאָס אינטים־שעפּערישע, וואָס באַשטייט גראָד אין דער פילזייטיקער לעבנס־גאַנצקייט פון דער פּערזענלעכקייט, אין דער אוניקאַליקער „איך"־יחידות. אַנשטאָט דער אַבסטראַקטער עקספּערימענטעל־פּסיכאָלאָגיע, מוז דאָ קומען אַ רעאַלע מענטש־וויסנשאַפט, וואָס נעמט אַרום דעם גאַנצן מענטשן און זיין קאָנקרעטער לעבנס־גאַנצקייט און וואָס באַנוצט צוליב דעם, ווי מיר וועלן אונטן זען, די דערפאַרונג נישט נאָר פון דער ראַציאָנאַלער אַרבעט, נאָר אויך פון דעם עמאָציאָנעלן פילזייטיקן שפּיל־לעבן.

קאַנטן געזעלשאַפט־שפּיל פון „גאַסט־באַזוך". מיר גייען, למשל,
צו אונזער פריינט צוגאַסט. יענער דערלאַנגט אונז טיי און פאַר־
ביסן, נישט ווייל מיר האָבן עס נישט אין דער היים און נויטיקן
זיך אין דעם, נאָר ווייל מיר זענען „געסט" און מ'איז אונז
„מכבד". ווער מיר זאָלן נישט זיין אין לעבן, זענען מיר אָבער
געסט, איז דער האַר פון הויז אונז מכבד ווי סוווערענע הער־
שאַפטן. פאַרפירט זיך ביים גאַסט־טיש אַ פרייער שמועס נישט
אויס נויט, נאָר אויס פאַרגעניגן, פריי, קיינער קאָן דעם שמועס
נישט פאָרויס באַשטימען. יעדער איינער וויל זאָגן דאָס בעסטע,
און ווי ביים שפּיל ווייסט מען נישט, פריער, ווי די אונטערהאַל־
טונג וועט זיך ענדיקן. דאָס נאַטירלעכע פאַרגעניגן ווערט אָבער
צעשטערט, ווען דער באַלעבאָס אָדער דער גאַסט פילט, אַז מ'איג־
טערעסירט זיך נישט מיט אים „זעלבסט", אַז מ'לאַנגווײלט זיך
מיט אים, און מ'חברט זיך מיט אים בלויז צוליב יוצא־וועגן, צו־
ליב אַ זייטיקער פניה, כדי אים אויסצונוצן. מ'קאָן עס אַזוי אויס־
דריקן: אין שפּיל אינטערעסירן אונז נישט
די אַרויסגעטײלטע נוץ־איינגשאַפט, נאָר
דער מענטש „זעלבסט", די גאַנצע אומגע־
טיילטע פּערזענלעכקייט, וואָס מ'קאָן נישט
באַרעכענען, באַשטעלן און פאַרבייטן,
וואָס איז ביי יעדן מענטשן איינציקאַרטיק.

די באַדייטונג פונם איינציקאַרטיקן וועט אונז נאָך קלאָרער
ווערן דורך ווייטערע באַאָבאַכטונגען. אין דער אַרבעט־צייט קניפּן
מיר אָן געשעפטלעכע, זאַכלעכע באַציונגען מיט באַליביקע
מענטשן, וואָס אָנשטאָט איינע קאָנען קומען אַנדערע, אַבי נאָר זיי
האָבן די צוועקבאַשטימטע איינגשאַפטן. קונדן, אינזשינערן, אַרבע־
טער — ווער זיי זאָלן נישט זיין, אַבי זיי פּאַסן פאַר זייער זאַך.
אין דער רו־צייט שפּילן מיר אָדער פאַרברענגען מיט מענטשן.
וואָס זענען אונז נישט לאַנגווײליק, מיט וועמען מיר פילן זיך גוט,
ד. ה. אַזוינע, וואָס זיי „זעלבסט", זייער גאַנצע מענטש־דערשיי־
נונג, איז צוגעגגלעך פאַר אונזערע געפילן און זענען (ווייניקסטנס

בשעת דעם שפּיל) נאָענטע חברים אָדער פרייַנט.*) דערפאַר קאָנען מיר נישט בייטן פרייַנט, ווי מיר בייטן קונדן. באַקענען מיר זיך מיט אַ נייעם מענטשן. מוז עס נעמען צייט, ביז מיר ווערן נאָענט מיט אים „זעלבסט", ביז מיר באַקומען פאַר אים פרייַנטלעכע געפילן און פאַרברענגען גערן מיט אים אונזער רו־צייט. וואָס שעפערישער דער שפּיל, וואָס אינטימער דאָס געפיל, אַלץ מער דערפילן מיר דעם מענטשן „זעלבסט", זיין איינציקאַרטיקע און אומפאַרבייטלעכע פערזענלעכקייט. אַנדערש און קירצער אויסגעדריקט: וואָס אינטימער אונזערע באַציִונגען צום מענטשן, אַלץ מער איז פאַר אונז דער מענטש איינציקאַרטיק און אומפאַרבייטלעך.

מיר קאָנען האָבן זייער פיל, זיך שטענדיק בייטנדיקע, קונדן, אָבער מיר האָבן בלויז אַ קליינעם קרייז פון שטענדיקע פרייַנט, נאָך ווייניקער זענען די אינטימע פרייַנט. נישט יעדער האָט אַן אמתן אינטימען פרייַנט, און ווער ס'האָט אַזאַ איינעם, דער פילט, אַז מ'קאָן קיין אַנדערן אַזעלכן פרייַנט אויף זיין אָרט נישט געפינען. די איינציקאַרטיקייט אָדער די אומפאַרבייטלעכקייט דריקט אויס דעם גראַד פון דער אינטימישקייט. צום אונטערשייד פון דער ראַציאָנעל ניוועלירנדיקער אַרבעט־טענדענץ, זעט די עמאָציאָנעלע שפּיל־טענדענץ די אומפאַרבייטלעכע „איך"־גאַנצקייט פון דער פערזענלעכקייט. מיט אַלע אירע אומאויסשעפּלעכע מעגלעכקייטן. אין דעם אַרבעט־באַוווסטזיין פאַרנעמט יעדער מענטש לויט זיינע אייגנשאַפטן אַ גאַנץ באַשטימטן פּלאַץ אין דער וועלט, אין דעם שפּיל־באַוווסטזיין איז אָבער דער מענטש זעלבסט אַ גאַנצע וועלט

*) ביי דעם ביישפּיל זעען מיר דעם אויבן דערמאָנטן פּרינציפּ פון אַרבעט־שפּיל־דורכדרינגונג. אַ לאַנגיאָריקער געשעפטס־קונה קאָן דורך שטענדיק־טרייע געשעפטלעכע באַציִונגען אַרויסרופן מיט דער צייט אינטימע פרייַנטשאַפט. פון דער אַנדער זייט קאָנען פרייַנט זיין אויך „נוצלעך" און אונטערשטיצן פרייַנטלעך אונזערע געשעפטן. אָבער דאָס וועזן פון אַ געשעפטס־קונה באַשטייט דאָך נישט אין דער מעגלעכער אינטימער פרייַנטשאַפט (שפּיל־עלעמענט), גלייך ווי דאָס וועזן פון אינטימער פרייַנטשאַפט באַשטייט נישט אין דער מעגלעכקייט פון געשעפטנוצלעכקייט (אַרבעט־עלעמענט).

פאר זיך, א מיקראקאסמאס.

דאס געזאגטע ווייזט זיך ארויס נאך שארפער און קאנקרעטער ביי דער ליבע. ווען איינער באגערט א פרוי בלויז פיזיש, איז די דאזיקע פרוי פאר אים איינע פון פיל פיזיש־אינטערעסירנדיקע פרויען. אים אינטערעסירט אין דער פרוי בלויז די ארויסגעטיילטע תאווה-באפרידיקנדיקע פיזישע אייגנשאפט. אויב נישט די דאזיקע פרוי, קאנען עס זיין פיל אנדערע יונגע פרויען, אבי נאר זיי באזיצן א סעקסועלן רייץ. וואס מער אבער די סעקסועלע נייגונג פארטיפט זיך אינערלעך און ווערט אינטימע ליבע, אלץ מער דערקענט דער מענטש די פרוי „זעלבסט״, איר פערזענלעכע אייגנאנצקייט — די געליבטע ווערט פאר דעם מענטשן איינציקארטיק און אומפארבייטלעך. נאכמער, די קעגנזייטיקע איך-פארבינדונג איז אזוי אינטים, די אומפארבייטלעכקייט איז אזוי מעכטיק, אז די געליבטע קאן ווערן א שיקזאל פאר דעם מענטשן — די פארבינדונג ברענגט עקסטאטישן גליק און די צעשיידונג רופט ארויס טראגישע דערשיטערונג.

אין דער הינזיכט איז אינטערעסאנט פאלגנדיקער פאל. ס'פאסירט אפט, אז א פאטער וויל אפרעדן דעם אומגליקלעך פארליבטן זון. ער באמיט זיך צו דערווייזן דעם זון די נידריקע אייגנשאפטן פון דער געליבטער, וואס האט נישט אפילו די געוויינלעכע מעלות פון א דורכשניט־מיידל. „וואס האסטו אין איר דערזען?״ די דאזיקע רייד האבן מייסטנס קיין שום ווירקונג נישט אויף דעם פארליבטן, אפט פארשטארקן נאך אזוינע רייד די באקעמפטע ליבע (ווי לאגישע באווייזן קענן גלויבן האבן אפט א פארקערטע ווירקונג אויף דעם אינטים־רעליגיעזן מענטשן אדער דעם פארכאפטן רעוואלוציאנער). דא ווייזט זיך שארף דער קאנטראסט צווישן דער ארבעט־און שפיל-אויפפאסונג וועגן דעם מענטשן. דער אינדיפערענטער פאטער ווייזט ארויס א ניכטערע ארבעט־טענדענץ, וואס זעט און שעצט דעם מענטשן לויט ארויסגעטיילטע באשטימטע אייגנשאפטן און וואס ווענדט אן אויף דעם מיידל דעם דרויסנדיקן מאסשטאב פון אט די אויפגעציילטע

אייגנשאַפטן. דער פאַרליבטער זון אָבער ווייזט אַרויס די אומגעבונדענע שפּיל־פאַנטאַזיע פון ליבע, אויף וויפל ער האָט אינטים דערפילט די פרוי „זעלבסט". דעם גאַנצן אומבאַזיגבאַרן צויבער פון דער מיקראָקאָסמישער „איך"־פּערזענלעכקייט. קורץ פאָרמולירט: די אַרבעט־טענדענץ ברענגט אַ ראַציאָנעלע צוועק־פאַרבינדונג צווישן מענטשן, די שפּיל־טענדענץ — אַן עמאָציאָנעלע איך־פאַרבינדונג.

מאַכן מיר איצט אַן אַנטשיידנדיקן שריט ווייטער. ווי די באַציונגען פון מענטש צו מענטש, אַזוי ווייזן אויך די באַציונגען פון מענטש צו וועלט דעם זעלביקן אַרבעט־שפּיל־אונטערשייד. די צוועקמעסיקע אַרבעט מוז ראַציאָנעל באַטראַכטן און באַהאַנדלען מענטש און וועלט, דעם גאַנצן קאָסמאָס, לויט דער פּניה פון עקזיסטענץ־קאַמף אָדער צופּאַסונגס־צוועק, וואָס צעדרויבלט און רעדוצירט די וועלט אויף אַרויסגעטיילטע באַשטימטבאַרע אייגנשאַפטן און „אייזערנע" נאַטור־געזעצן. דער לוסט־ברענגענדיקער שפּיל אָבער איז אומגעבונדן דורך אַנפּאַסונגס־פּניה און פאַרווירקלעכט דעם לעבנס־דראַנג, וואָס דערפילט די אומגעהויער פילזייטיקע גאַנצקייט פון מענטש און וועלט, דעם קאָסמאָס „זעלבסט", די קאָסמישע „איך"־גאַנצקייט. דער שפּיל־אינסטינקט, וואָס מיר טרעפן שוין ביי חיות, עוואָלוציאָנירט ביים מענטשן און פירט ביי העכערער אַנטוויקלונג צו דער אַנטשטייונג פון קינסטלערישקייט און רעליגיעזישקייט, וואָס דריקן אויס, יעדע אויף איר שטייגער, די שעפערישע שפּיל־באַציונג פון מענטש צו וועלט, די אינטימע איך־פאַרבינדונג מיט דעם זיין.

ס'איז די קאָסמישע ליבע, די אורשפּרינגלעכע לעבנס־פרייד, וואָס אַנטפּלעקט זיך אין יעטוועדן שפּיל, וואָס אין דער קונסט איז עס דער עקסטאַטישער וועלט־באַנעם און אין דער רעליגיע איז עס די ליבע צו גאָט, ד. ה. די אינטימע דערקענטעניש פון דער איינציקאַרטיקער, אומפאַרבייטלעכער און אומגעטיילטער „איך"־וועזנהייט פונם קאָסמאָס.

דאָס געזאָגטע לאָזט אונז קלאָר און איינפאַך פאַרשטיין די

באַקאַנטע דערשיינונג פון קולטור־געשיכטע. אַזוי לאַנג ווי דער פּרימיטיווער מענטש האָט פאַרגעטערט אַרויסגעטײלטע מעכטיקע נאַטור־כחות און האָט זיי געדינט צוליב שוץ אָדער באַלוינונג, אַזוי לאַנג ווי דאָס רעליגיעזע געפיל איז געווען זינלעך־פּרימיטיוו און צוועק־נוצלעך — האָט דער מענטש געהאַט פיל געטער, וואָס ער האָט אָפט געקאָנט בייטן. אָבער וואָס מער דאָס רעליגיעזע געפיל האָט זיך פאַרטיפט און איז געוואָרן שעפעריש־אינטים, אַלץ מער האָט דער מענטש דערקענט די איינציק־אַרטיקע און אומפאַרביטלעכע, די אומגעטיילטע און אומפאַרגלייכלעכע גאָט־וועזנהייט. וואָס איז די איין־און־איינציקע „איך"־גאַנצקייט פונם קאָסמאָס.

ווי די גראָב־זינלעכע, פאָליגאַמיש־תאוותדיקע סעקסועלישקייט מוז ערשט זיך פאַרטיפן און פאַראינערלעכן, כדי צו ווערן די אינטימע ליבע פון דער איינציקער אומפאַרבייטלעכער געליבטער, אַזוי מוז אויך די גראָב־פעטישיסטישע, די פּאָליטיאיסטיש־זינלעכע רעליגיעזישקייט זיך פאַרטיפן און פאַראינערלעכן ביז זי ווערט צו אינטים־שעפערישער רעליגיעזישקייט פון דער איין־און-איינציקער אומפאַרבייטלעכער געטלעכקייט.

מיר קאָנען איצט צוטרעטן נענטער צו דער פּסיכאָלאָגיע פון קאָסמישער ליבע. מיר האָבן שוין אין אַן אַנדער אָרט*) באַשריבן די צוויי אורשפּרינגלעך־פאַרשיידענע פאָרמען פון ליבע, די עראָטישע און די מוטערלעכע. די עראָטישע איז פאַרבונדן מיט אייגענער סעקסועלער לוסט, קומט ווי אַן אויפריים־לײדנשאַפט, וואָס קאָן אויפפלאַקערן און אויסלעשן און וואָס „פאַרוואַנדלט" אַ פרעמדע אָדער ווייניקער נאָנטע פּערזאָן אין אַ געליבטער. די מוטערלעכקייט אָבער איז אַן אָרגאַנישע אומפאַרענדערלעכע אורפאַרוואַנדשאַפט מיט דעם קינד, לעבט מיט און פאַר דעם וווקס פון קינד. קורץ אויסגעדריקט: די עראָטישע ליבע איז עגאָצענטריש און עקספּלאָזיוו־פאַרענדערלעך, די מוטערלעכע ליבע איז אַלטראָצענטריש און פרעדעסטינירט־אומפאַרענדערלעך. אַ דריטע, דורכויס

*) זעט אויפן ערשטן טייל, קאַפּ. 6.

איינגאַרטיקע און אורשפּרינגלעכע פאָרם, איז די קאָסמישע ליבע, ד. ה. דער חשק צו לעבן, די נאַטירלעכע עקזיסטענץ־פרייד. די קאָסמישע ליבע איז דאָס וועזן פון שפּיל, וואָס זיין גרונט־דערשיינונג איז דאָך דער פאַרכאַפּנדיקער אימפּעט, מיט וועלכן מענטשן (קינדער און דערוואַקסענע) שפּילן, די אורשפּרינגלעכע לעבנס־פרייד, וואָס מיהאָט דורך און ביי יעדער באַוועגונג אָדער געגנ־שטאַנד פון שפּיל. די אַלע טעאָריעס פון שפּיל בלייבן אומבאַהאָלפן*), אויף וויפיל זיי באַנעמען נישט גענוג אָט די גרונט־דערשיינונג פון שפּיל און זיינע ווייטגייענדיקע ווירקונגען. ווענדן מיר זיך ווייטער צו גרונט־פאַקטן.

צום אונטערשייד פון דער מוטערלעכקייט איז די קאָסמישע ליבע נישט פאַרבונדן בלויז מיט איינציקע פאָרזים־באַשטימטע וועזנס. נישט נאָר קאָן יעדער נאָנטער מענטש ווערן אַ שפּיל־פאַרטנער, נאָר אויך די פיגורן אויפן שאַך־ברעט, דער ביליאַרד־קוגל, אַ געוועט־לויף, די אויף דער זון בליצנדיקע טוי־טראָפּנס, אַ שטיל פליסנדיק וואַסערל — יעדע מינדסטע דערשיינונג קאָן ווערן אַ געגנשטאַנד פון האַנדלונג־שפּיל אָדער פאַנטאַזיע־שפּיל. צום אונטערשייד פון דער עראָטישקייט איז די קאָסמישע ליבע נישט באַזירט אויף איין איינציקן לוסט־געפיל (אָדער לוסט־אינסטינקט), נאָר יעטוועדער פון די אומצייליקע מענטשלעכע געפילן קאָן ביי פרייער באַפרידיקונג אַרויסרופן שפּיל־פרייד. די אַלע פיזישע, סאָציאַלע און עסטעטישע שפּילן בילדן דאָך אומ־צייליקע שפּיל־פאָרמען, וואָס יעדע איינע באַפרידיקט אַן אַנט־שפּרעכנד אַנדער געפיל. די שפּיל־ליידנשאַפט איז קאָסמישע ליבע איןביידע ריכטונגען, אויף וויפיל זי קאָן זיך באַציען אויף יעדן געגנשטאַנד פון דער אויסערלעכער וועלט אַרום דעם מענטשן און קאָן אַרויסגערופן ווערן דורך דער פרייער באַפרידיקונג פון יעדן געפיל אין דעם מענטשן, דורך יעדע פרייע שפּיל־האַנדלונג אָדער יעדע פרייע שפּיל־פאַנטאַזיע. דורך אָט דער נאַטירלעכער קאָס־

*) זע אויבן קאַפּ. 1.

מישקייט האָט בלויז די שפּיל־לײדנשאַפט געקאָנט אַרויסרופן ביים מענטשן יענע עפּאָכעמאַכנדיקע ווענדונג אינם שעפערישן געפילס־לעבן, וואָס האָט עוואָלוציאָניש, פון אינעווייניק, דערהויבן די מענטשלעכע נאַטור צו דער אַנטשטייונג פון קינסטלערישקייט און רעליגיעזישקייט.

ווענדן מיר אָקאָרשט אָן אויף דעם שפּיל דאָס אויבן דער־קלערטע*) געזעץ וועגן די דריי מעגלעכע צושטאַנדן פון יעדן גע־פיל. אינם צושטאַנד פון ניכטערן נאָרמאַל־באַוווסטזיין באַפרידיקן מיר אונזער שפּיל־באַדערפעניש לויט מעגלעכקייטן און פּלאַן, ראַציאָנעל־צוועקמעסיק. דאָס זענען די נאָרמאַלע פּלאַנמעסיקע שפּילן, וואָס שטערן נישט, נאָר, פאַרקערט, שטיצן די ראַציאָנעלע לעבנס־אָרדנונג. די שפּיל־לוסט קאָן אָבער ווערן א „ספּערישע'' לײדנשאַפט**), וואָס „פאַרכאַפּט'' דעם מענטשן און פאַרפּלייצט זיין גאַנצע לעבנס־אָרדנונג. ס'זענען פאַראַן צוויי־ערליי ספערישע צושטאַנדן פון דער שפּיל־לײדנשאַפט: — דער פּרימיטיוו־דעסטרוקטיווער און דער אינטים־שעפערישער. דאָס זענען פון איין זייט די פּרימיטיווע צוואַנג־שפּילן פון אַזאַרט, אַלקאָהאָליזם און לוסט־פאַרברעכן; פון דער אַנדער זייט, די שע־פערישע סאָציאַלע, עסטעטישע און רעליגיעזע פריי־שפּילן***). מיט אַנדערע ווערטער, די שפּיל־לײדנשאַפט, ווי יעדע אַנדערע לײדנ־שאַפט, קאָן ביי געוויסער פאַרטיפונג ווערן שעפעריש־אינטים. אָבער דורך דער נאַטירלעכער קאָסמישקייט פון דער שפּיל־לײדנ־שאַפט באַקומט איר שעפערישער אויפשוווּנג א קאָסמישן כאַ־ראַקטער. די אינטים־געוואָרענע קאָסמישע ליבע פון שפּיל באַקומט דעם עסטעטישן וועלט־באַנעם פון דער קונסט אָדער די רעליגיעזע דערקענטעניש פון דער געטלעך־אומפאַרגלייכלעכער איינציקער איך־גאַנצקייט פונם קאָסמאָס.

---

*) זע אויבן ערשטן טייל, קאַפּ. 6.
**) זע אויבן פערטן טייל, קאַפּ. 4.
***) זע אויבן פערטן טייל, קאַפּ. 5.

מיר קאָנען איצט קלאָר און איינפאַך פאַרשטיין דעם פאָלגנדיקן אינטערעסאַנטן צוזאַמענהאַנג. מיר האָבן שוין אין אַן אַנדער אָרט באַוויזן, אַז דער חלום איז דער שפּיל (פאַנטאַזיע־שפּיל) פון מענטשן אין צייט פון שלאָף. דער מענטש האָט נעמלעך צוויי פאָרמען פון רו — די רו אויף דער וואַך און די רו אין שלאָף, דערביי האָט יעדע רו־פאָרם איר אייגענע שפּיל־צעשטרייונג. וואָס דער שפּיל איז פאַר דער וואַך־רו, דאָס איז דער חלום פאַר דער שלאָף־רו. די שפּיל־פאַנטאַזיע אַנטפּלעקט זיך, הייסט דאָס, ווי אַ וואַך־שפּיל און אַ טרוים־שפּיל. דער וואַך־שפּיל האָט אַן עסטעטישן כאַראַקטער, ווו מ'פילט דעם אונטערשייד צווישן ווירקלעכקייט איבערגעלעבט ווי עכטע ווירקלעכקייט. די שפּעטערישע אַנטוויקלונג פון שפּיל גייט אויף אָט די ביידע ליניעס: דער וואַך־שפּיל אַנטוויקלט זיך צו עסטעטישער קונסט, דער טרוים־שפּיל צו רעליגיעזישקייט, וואָס דערפילט די עכטע ווירקלעכקייט פון דער געטלעכער און שפּיל. דער טרוים־שפּיל אָבער ווייזט אַרויס אַ מאַגישע אייגנשאַפט, דורך וועלכער פאַנטאַזיע־בילדער ווערן בשעת דעם חלום איינציקאַרטיקער „אידיי־וועזנהייט פונם קאָסמאָס.

דער שפּיל קומט פאָר אויך ביי חיות, אָבער דער שפּעטערישער שפּיל, די אינטימע קאָסמישע ליבע, באַגעגענען מיר נאָר ביים מענטשן, וועלכער דערזען רויך קונסט און רעליגיע דעם קאָסמישן חיות פון דער וועלט. אין דעם מינדסטן שטויבל און אין דעם ריזן־באַרג, אין דעם קלענסטן באַשעפעניש און אין דעם גיגאַנטישן העלד, פון דעם קלענסטן ביז צום גרעסטן — אומעטום אַנטפּלעקט זיך פאַר קונסט און רעליגיע די קאָסמיש־דינאַמיזירנדיקע אינטימישקייט. שוין ביי קינדער און פּרימיטיווע מענטשן געפינען מיר אומדיפערענצירטע אָנהייבן פון קונסט און רעליגיע, דעם גלי פון קאָסמישער אינטימער ליבע, וואָס איז אַן אָרגאַנישע אורפאַרוואַנדשאַפט פון מענטשן מיט דעם קאָסמישן חיות פון דער וועלט. אָבער כאָטש די קאָסמישע ליבע איז ווי די מוטערלעכקייט אַן אָרגאַנישע אור־פאַרוואַנדשאַפט, האָט זי דאָך, ווי די עראָטיק, אַן עקספּלאָזיווע שאַפונגס־איניציאַטיוו, יענע קראַפט פון פאַר־

זוואַנדלונג און אומוואַנדלונג, דורך וועלכער נביאים און קינסטלער שאַפֿן פֿון פֿריער אינדיפֿירענטן מאַטעריאַל, פֿון וואָרט, פֿאַרב און שטיין, מאָנומענטאַלע ווערק פֿון אייביק־צינדנדיקער אינטימיש־קייט. ביידע, די מוטערלעכקייט און די עראָטיק, קאָנען שטייגן זייערע טראַגישע ליידן אין דער קאָסמישער ליבע, דורך וועלכער דער אפּגעריסענער און פֿאַרלוירענער מענטש ווערט ווידער באַהעפֿט מיט דעם קאָסמישן חיות פֿון דער וועלט. די קאָסמישע ליבע אין קונסט און רעליגיע איז דער הויך־פּונקט פֿון אינטימישקייט, דער וועג אַהין איז אַ באַרג־אַרויף, וואָס איז עקסטאַטישע אָנשטרענגונג און אומאויפֿהערלעך וואַקסנדיקע שפּאַנונג.

מיר זעען איצט פֿון אַן אַנדער זייט, נעמלעך אויף אַ העכערן שאַפֿונגס־ניוואָ, דעם אויבן דערמאָנטן אַרבעט־שפּיל־קאָנפֿליקט צווישן דער אינטימער עמאָציאָנעלער איך־פֿאַרבינדונג מיט דעם קאָסמאָס אין קונסט און רעליגיע און דער ראַציאָנעלער צוועק־פֿאַרבינדונג אין דער אָביעקטיווער וויסנשאַפֿט און פּראַקטישן אַרבעט־לעבן. ס'קומען פֿאָר זעלטענע האַרמאָנישע אויפֿבליונגס־צייטן, ווען קונסט און רעליגיע באַפֿרוכפּערן די וויסנשאַפֿט און דעם רעאַלן עקזיסטענץ־קאַמף, וואָס וועקן און פֿאַרווירקלעכן פֿון זייער זייט דעם שעפֿערישן אויפֿשוווּנג פֿון קונסט און רעליגיע. אָבער זייער באַלד רייסט זיך דורך, אויף אַ טראַגישן אופֿן, דער אייביקער אַרבעט־שפּיל־קאָנפֿליקט צווישן דעם איראַציאָנאַל־אינטימען און דעם ראַציאָנאַל־אָביעקטיוון וועלט־געפֿיל. די דערלייזונג קאָן קומען דורך דעם פֿאַרשריט פֿונם שעפֿערישן באַוווּסטזיין, וואָס וועט אַלץ מער אַנטדעקן דעם נאָך באַהאַלטענעם און אומזיכערן פֿאַרבינדונגס־וועג צווישן אָט די ביידע וועלט־געפֿילן, וואָס ראַנגלען זיך אינעם מענטשן גופֿא ווי אורשפּרינגלעכע כחות און לאָזן נישט איינער דעם אַנדערן קומען צו שטענדיקער הערשונג. די וויסנשאַפֿט מוז וואַגן צו פֿאָרשן און דערקענען די פּרימיטיווע און שעפֿערישע שפּיל־ליידנשאַפֿטן לויט זייער אייגענער נאַטור. די מעטאָדן פֿון באַאָבאַכטונג און עקספּערימענט, וואָס האָבן ביז אַהער פֿאַרווירקלעכט דעם ראַציאָנעלן אַרבעט־פּרינציפּ,

וואָס האָבן געמוזט דינען ווי דאַמבעס, ווי שיצנדיקע פעלזן, קעגן די פאַרפלייצנדיקע שפּיל־ליידנשאַפטן און וואָס האָבן אָבער נישט געקאָנט בײַשטיין אין אויסנאַם־צײַטן פון אויפשטייגנדיקע שטורעם־ליידנשאַפטן אין סאָציאַלן און אינדיווידועלן לעבן, אַט די דאָזיקע מעטאָדן זעלבסט מוזן פאַרפיינערט ווערן, כדי צו באַנעמען יענע פאַרפלייצנדיקע ליידנשאַפטן און זייער וועלט־געפיל. קורץ געזאָגט, צוזאַמען מיט דער אַרבעט־וויסנשאַפט מוז אַנטשטיין אַ שפּיל־וויסנשאַפט, וואָס וויל דערקענען און האַרמאָניזירן די אייביק דינאַמיטישע, וועלטן אומפאַסנדיקע, שפּיל־סטיכיע. אַזאַ שפּיל־וויסנשאַפט איז עכטע מענטש־וויסנשאַפט, אויף וויפיל זי פאָרשט דאָס שעפערישע וועזן פונם קאָנקרעט־היסטאָרישן, אָדער היסטאָריע־שאַפנדיקן, מענטשן. נישט ערגעץ־וווּ־אַנדערש, ווי אין אונז אַליין הערשט און שטורעמט, אָפן אָדער באַהאַלטן, דער אָקעאַן פון פּרימיטיווע און שעפערישע שפּיל־ליידנשאַפטן — און אין זיינע טיפענישן ליגט דאָס לעצטע געהיימניש פון דערהויבונג און דערלייזונג. אַהין מוז די וויסנשאַפט מאַכן די גרעסטע און די געוואַגטסטע פון אַלע עקספּעדיציעס, נעמלעך די פּסיכישע עקספּעדיציע.*)

דאָס אַלץ אויבן־באַשריבענע מעג דינען ווי אַ ווונק פאַר אַזאַ עקספּעדיציע.

*) זע אויבן פערטן טייל, קאפּ. 6 און 7, אויך מיין בוך „דער וועג צום מענטש" קאפּ. 1, 2 און 7.

ווינסשאפטלעכע פארעפנטלעכונגען

פון

פראפ. פ. שניאורסאן

1. דער וועג צום מענטש (די יסודות פון מענטש־ווינסנשאפט און לערע פון נערוועזיטעט. יידיש — פארלאג קלעצקין, ווילנע; אין דייטש (מיט א פארוואָרט פון פראפ. ליפמאן), פארלאג זינאבורג. בערלין; אין ענגליש (מיט א פארוואָרט פון פראפ. ד. דיואי און פראפ. א. מייער), פארלאג נ. בראון, 123 לעקסינגטאן עוועניו, ניו־יארק.

2. נייע וועגן פון סאָציאל־פסיכאלאגיע (סאציאל־פסיכאלאגישע מענטש־ווינסנשאפט). אין דייטש, פארלאג מארכאלד, האללע, דייטש־לאנד. ווערט איבערגעזעצט אויף יידיש און ענגליש.

3. מענטש־געזעלשאפט (אלגעמיינע ריכט־ליניען). יידיש, פאר־לאג קלעצקין, ווילנע.

4. פסיכאלאגיע פון אינטימען קינדער־לעבן (נייע מעטאדן און פרינציפן צו דער אונטערזוכונג פון געפיל און פאנטאזיע ביים נאר־מאלן און אומנארמאלן קינד), אין פיר טיילן. דייטש, פארלאג שוועטשקע, בערלין, וועסט 30. רוסיש, פארלאג גראני, בערלין.

5. די קאטאסטראפאלע צייטן און די וואקסנדיקע דורות (די ווירקונג פון סאציאלע קאטאסטראפעס אויף דער פסיכיק פון נאר־מאלן און אומנארמאלן קינד). יידיש — „יידישער ליטעראַרישער פארלאג", בערלין; דייטש, פארלאג שוועטשקא, וועסט 30.

6. פסיכאפאטאלאגיע פון מאסן און פעלקער — „עטאס". באנד 1, קארלסרוע, דייטשלאנד.

7. רעפלעקסאלאגיע און פסיכאלאגיע — „ארכיוו פיר די גע־זאמטע פסיכאלאגיע", ליפציג, 1929.

8. נייע וועגן פון סאציאלער דערציונג — דייטש, פארלאג שוועטשקא, בערלין, וועסט 30. פראנצויזיש, פאריז, ליבראַרי „לא סאורס".

9. די יידישע שול און דעפעקטיווע קינדער — העברעיש און יידיש, ווארשע, 1922.

10. רליגיולוגיה — רעליגיאנס־פסיכאלאגיע. „קדימה", קיעוו.

11. עקספערימענטאלע שטודיעס און רעפלעקסאלאגיע, „וועסט־ניק — פסיכאלאגיע", 1919, פעטראגראד.

12. פאַנטאַזיעס און פאַקטן וועגן גייסט־קראַנקע ביי ייִדן (פאַר־גלייכנדיקע פאָרשונג פון יידישע שולן אין פאַרשיידענע לענדער). ענגליש אינם „דזשואיש סאָשיאַל סערוויס קוואַטערלי", ניו־יאָרק, 1932, דייטש אין „אָזע־רונדשוי", בערלין, 1933, יידיש „צוקונפט", ניו־יאָרק, 1932.

13. „צום אָיפבוי פון אַ פסיכישער היגיענע ביי ייִדן. דייטש „יידישע וואלפארטספלעגע", בערלין, 1933.

14. הייל־פעדאַגאָגישע אַמבולאַטאָריע (מעטאָדן צו פאָרשן און היילן אומנאָרמאַלע קינדער). דייטש, „קינדער־הילפע", בערלין, 1926.

15. די סאָציאַלע פסיכאָלאָגיע פון מאַסן־ליגן. דייטש, זאמל־ווערק „דער ליגן", לייפציג, פאַרלאַג באַרט.

16. מענטש־וויסנשאַפט (דריי־חדשימדיקע צייטשריפט פאַר דער פסיכאָלאָגישער פאָרשונג פון נאָרמאַלן און אומנאָרמאַלן נשמה־לעבן). יידיש, ניו־יאָרק, 1930—1931.

JEWISH PUBLIC LIBRARY
LA BIBLIOTHEQUE JUIVE PUBLIQUE
MONTREAL
ייִדישע פאָלקס ביבליאָטעק
הספריה העברית העממית